STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03273

MAYNE FIR YOR IN SOVYET-RUSLAND

Jerzy Edison

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיינע פיר יאָר אין סאָוועט-רוסלאַנד

יצחק עדיסאָן

מיינע פיר יאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד

פּאַריז 1953

I. EDISON
QUATRE ANNEES EN U.R.S.S.

148 rue de [illegible]
Paris XIe [illegible]

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון דער קולטור-אָפּטיילונג
ביים „דזשאָינט"
אין פראַנקרייך

הילע געצייכנט פון בען

Printed in France - Imprimerie Gelbard. 20, Rue Ferdinand-Duval - Paris-4.
Copyright - I. Edison

הקדמה

וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד זענען שוין געשריבן געוואָרן אומצייליקע ביכער. מיר מיינען דאָ נישט די פּראָפּאַגאַנדע־ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער סאָוויעטישער רעגירונג, דורך קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אָדער דורך זייערע אָפענע און פאַרמאַסקירטע מענטשן. מיר מיינען דאָ די ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך לעבעדיקע עדות, וועלכע האָבן אויף זייער אייגענער פּלייצע אַדורכגעמאַכט די דערפאַרונגען פון סאָוויעטישן רוסלאַנד. מיר מיינען דאָ די אומצייליקע באַשרייבונגען נישט פון די תּליונים, נאָר פון זייערע קרבנות. נישט פון די, וואָס האָבן געהאָלפן אויפשטעלן און העלפן פאַרהוילן דעם אמת פון דער דאָזיקער מאָנסטער־דיקטאַטור, נאָר פון די, אויף וועלכע די דאָזיקע אוממענטשלעכע דיקטאַטור האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט.

מייסטנטייל זענען די דאָזיקע ביכער, וואָס דערציילן אונז דעם גאַנצן גרויל פון רוסישן קאָמוניזם, געשריבן דורך פּראָפעסיאָנעלע שרייבער אָדער דורך מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל פאַרנומען דאָרטן הויכע אַמטן און האָבן שפּעטער איבערגעריסן מיט דער דאָזיקער מאַכט און האָבן באַשלאָסן צו דערציילן פאַר דער וועלט „דעם גאַנצן אמת”.

דאָס בוך, וואָס דער לייענער האָט איצט אין דער האַנט, איז נישט געשריבן דורך קיין פּראָפעסיאָנעלן שרייבער און נישט דורך קיין וויסנשאַפטלער. אינם דאָזיקן בוך דערציילט אונז דער מחבר, מיט זיין גאַנצער פּשטות און אָפטמאָל אפילו נאַאיוויטעט, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין די מלחמה־יאָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דאָס בוך פּרעטענדירט נישט אויף קיין ליטעראַטור. עס איז אַ דאָקומענט.

די גאַנצע וועלט געפינט זיך איצט אינם שאָטן פון דעם בלוטיקסטן און אוממענטשלעכסטן רעזשים, וואָס האַלט צווישן אירע פויסטן די לעבנס פון עטלעכע הונדערט מיליאָן פאַרשקלאַפטע מענטשן און וואָס וויל זיך אויך אויסגיסן אויף די איבעריקע טיילן פון דער פרייער וועלט.

דעריבער איז יעדעס וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט, כדי אראָפּצורייסן דעם שלייער פון דאָזיקן טאָטאַליטאַריזם, אַ נוצלעך וואָרט.

און דעריבער איז דאָס דאָזיקע בוך „מיינע פיר יאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד" — אַ נוצליך און נויטיק בוך.

דערמיט וויל איך אויסדרוקן אַ דאַנק דעם הי האַנצין פון זאָנדענבורג (דענע־מאַרק), וועלכער האָט מיר געשאַפן די נויטיקע באַדינגונגען אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע בוך.

דאָס בוך איז געווידמעט די אלע הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות פון דער סטאַליניס־טישער טיראַניע.

קאַפּיטל איינס

דאָס בוך, וואָס איך שרייב דאָ, איז נישט קיין בוך, נאָר אַ דאָקומענט. ס׳איז אַ דאָקומענט אָן שום פּירושים און קאָמענטאַרן. ס׳איז נישט מער ווי אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, אויפֿגעכאַפּט אויף אַ קלישע. אָדער אַ בילד, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אין אַ וואַסער — אָן שום פֿאַרבן און באַפּוצונגען.

עס איז אַ בילד פֿון געשעעניש, וואָס האָבן מיט מיר פּאַסירט זינט עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין 1939 און אַ בילד פֿון די איבערלעבענישן, וואָס איך האָב געהאַט אויף דער סאָוויעטישער ערד.

ס׳קאָן זיין, אַז ווען כ׳וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו שרייבן טאָג־ביי־טאָג, אַזוי ווי די געשעענישן האָבן פּאַסירט, וואָלטן די אַלע באַשריבענע פֿאַקטן געווען נאָך פּשוטער און זיי וואָלטן נאָך מער געווען אָן אויסשטראַלונג פֿון מיין גאַנצן צושטאַנד פֿון נישט־דערפֿאַרונג און אַפֿילו פֿון אַ געוויסער הילפֿלאָזיקייט, אין וועלכער די אַלע געשעענישן האָבן מיך געטראָפֿן. אָבער איך האָב מיך שוין זינט דעמאָלט אָנגעזאַפּט מיט לאַנגע יאָרן פֿון סאָוויעטישער דערפֿאַרונג, און די דאָזיקע דערפֿאַרונג ליגט שוין ווי אַ חותם אויף דעם דאָזיקן בוך.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין 1939, האָב איך געוווינט אין קליינעם פּוילישן שטעטעלע וויעזשבניק אין דער קעלצער גובערניע.

דאָס שטעטעלע געפֿינט זיך אין אַ טאָל. עס איז אַרומגערינגלט מיט קלענערע און מיט גרעסערע בערג, וועלכע ציען זיך אויף שטחים לאַנג און באַהעפֿטן זיך מיט די אַזוי גערופֿענע בערג

פון הייליקן קרייז. די בערג זענען באַדעקט מיט סאָסנע ביימער און זייער מחיהדיקער ריח איז איינס פון די שטענדיקע מיטבאַגלייטערס פון מיינע זכרונות פון די פריסטע קינדער־יאָרן.

איבערן שטעטל וויעזשבניק פליסט אַ קליינער טייך קאַמיענ־נאַ, וועלכער שפיגלט אין זיך אָפּ די שטיקער הימל, וואָס הענגען צווישן די ארומיקע בערג. אָבער דער טייך קאַמיענגאַ איז נישט געווען בלויז סתם אַ טייכל, וואָס איז געפלאָסן אינמיטן פון שטעטל. ס'איז געווען אַ מין „ליניע", וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג ווי אַ גרענעץ צווישן צוויי טיילן פון דער שטאָט. ווייל דאָס שטעטל אונזער וויעזשבניק מיט אירע 36 טויזנט איינוווינער איז טראָץ דער געאָגראַפישער איניקייט, באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע און גאַנץ גענויע אָפּגעטיילטע העלפטן.

איין העלפט איז געווען באַדעקט מיט פאַבריקן און מיט גרובנס און האָט געהייסן סטאַראַכאָוויצע. די דאָזיקע שטאָט־טייל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וויכטיקן קנופּ־פּונקט אין דעם פּוילישן פּלאַן צו אינדוסטריאַליזירן און עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד, עס איז געווען איינער פון די צענדליקער פּונקטן אין דעם אַזוי גערופענעם צענ־טראַלן אינדוסטריעלן געביט (צ. א. פּ.), און היות די רעגירונג האָט דאָס דאָזיקע שטעטל באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקן צענטער פון איר מלוכה־אינדוסטרי, האָט זי ארויסגעגעבן אַ גזרה, אַז קיין יידן טאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט־טייל נישט וווינען. ווי אַזוי אַ רע־גירונג, מיט אַן אָפיציעלער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע קאָן ארויסגעבן אַזאַ גזר־דין קעגן אַ טייל פון איר באַפעלקערונג, וואָס זענען דורך הונדערטער יאָרן געווען פולע בירגער פון לאַנד, דאָס איז איינע פון די סודות פון פּוילישן האַלב־פּאַשיסטישן מלוכה־אַפּאַראַט. אָבער אַזוי איז עס געווען. די רעכטע זייט פון דער שטאָט איז געווען באַוווינט אויסשליסלעך דורך פּאָלאַקן און די לינקע זייט — מייסטנטייל דורך די צוועלף טויזנט וויעזשבניקער יידישע תושבים.

און פּונקט אַזוי ווי די שטאָט האָט זיך אונטערגעשיידט מיט איר באַפעלקערונג, אַזוי איז אויך דאָס גאַנצע אויסזען פון די צוויי באַזונדערע שטאָט־טיילן געווען אַנדערשטיק.

סטאַראַכאָוויצע איז געווען אַן אינדוסטרי־שטאָט מיט צענדליקער פאַבריק־קוימענס, וואָס האָבן געטייטלט אין הימל אַריין און

האָבן באַדעקט די שטאָט מיט אייביקן רויך; וויעזשבניק דאַקעגן איז געווען אַ טיפּיש יידיש שטעטעלע, איינס פון די טיפּישע אָרגאַניזם - צעלן, פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען דער גרויסער יידישער ישוב אין פּוילן.

אינמיטן פונם שטעטל האָט זיך געפונען אַ מאַרק מיט דער געוויינלעכער טומאה, וואָס האָט — בפרט אין די חגא־טעג — אָנגעגעוואָרפן אַ פרעמדקייט און אפילו אַן אימה אויף דער יידישער באַפעלקערונג. בלויז אַ קליינע צאָל הייזער זענען געווען געמויערטע. די אָרימקייט פון דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אריין שוין גלייך ביים באַטראַכטן די האָלצערנע הייזקעס און האַלב־אָפּגעפליקטע חורבות אין וועלכע ס'האָבן געוווינט 90 פּראָצענט פון די יידישע איינוווינער.

די ענלעכקייט פון וויעזשבניק צו אַנדערע שטעטלעך איז געווען אַ פולשטענדיקע און זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אידענטישקייט פון דער סאָציאַלער סטרוקטור.

וויעזשבניקער יידן האָבן זיך, אַזוי ווי אין רוב קליינע פּראָווינץ־שטעטלעך, פּארנומען מיט מלאכות: מיט שניידעריי, שוסטעריי און טישלעריי. זעלטן ווער פון די יידישע קינדער האָט טאַקע געהאַט די פּריווילעגיע צו געניסן פון אַלע זייערע, דורך דער נאַטור־באַשטימטע, קינדער־יאָרן. שוין ביי צוועלף יאָר האָבן וויעזשבניקער קינדער אָנגעהויבן שווער און ביטער צו אַרבעטן. מייסטנטייל האָט מען זיך שוין אין דער דאָזיקער פריער עלטער אָנגעדונגען צו רייכערע באַלעבאַטים אויף דער לער, און אַזאַ מין לער איז פּאַקטיש געווען אַ פאַרשלייערטע פאָרם פון „פאַנשטשיזנע", ווייל די לערע איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין אָפּטוען בלעריי שווערע עבודות (וואָס האָבן לגמרי נישט געהאַט, קיין שייכות מיטן לערנען דאָס פאַך), פאַרן ארבעט־געבער. דערביי איז דאָס דאָזיקע פאַך־לערנען פאַרבונדן געווען מיט אַ האָפענונגסלאָזער און אויסזיכטלאָזער צוקונפט, ווייל די מלוכהשע פאַבריקן זענען פאַרן יידישן יוגנטלעכן געווען טאַבו. ווייל די פּוילישע פאַבריק־דירעקטאָרן האָבן שוין גוט אַכטונג געגעבן, אַז דורכן טויער פון זייערס אַ פאַבריק זאָל נישט איבערטרעטן קיין יידישער אַרבעטער. די דאָזיקע עבודה האָבן די פּוילישע דירעקטאָרן אויסגעפירט נאָך מיט פיל יאָרן פריער, איידער היטלער האָט אין דייטשלאַנד איינגעפירט די נירענבערגער גע־

זעצן. און אין דאָזיקן פּרט איז די פּוילישע רעאַקציע געווען דער אויסרייטער פון היטלעריזם.

און דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער סם האָט אויסגעפילט נישט בלויז די שפּיצן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט.

די רעאַקציע האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז דער אַנטי־יידישער גיפט זאָל זיך אויסשפּרייטן איבער די איבעריקע אברים פון דער פּוילישער געזעלשאַפט.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז וויעזשבניק איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט בערג און מיט סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן מיט זייערע ריחות אָנגעזאַפּט אַלע מיינע קינדער־יאָרן. אָבער דאָס וואָס די נאַ־טור האָט געגעבן מיט אַזאַ שפע, איז פאַר אונז פאַרחתמעט געווען דורך מענטשן ... פאַר אַ יידיש קינד איז דאָס ליגן אויף די זאַמדן פון דער שטאָטישער פּלאַזשע אָדער אַ שפּאַציר אין די אַרומיקע וועלדער געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. די פּוילישע יוגנט איז געווען אַדורכגעפּרעסן מיט יידן־האַס און נישט איינמאָל איז אַ יידיש קינד אַהיימגעקומען מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ פון אַ שקאָצישן שטיין.

די פּוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (די ענדעקעס) האָט אין אין וויעזשבניק געהאַט איינע פון אירע הונדערטער פּעס־טונגען און די אַנטיסעמיטישע אַקציע איז געפירט געוואָרן נישט בלויז קעגן יידן, נאָר אויך קעגן פּאָלאַקן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סימן פון פריינטשאַפט לגבי די „פּוילישע בירגער פון יידישער אָפּשטאַמונג".

אַ פּאָליאַק, וואָס איז באַגאַנגען אַ „פאַרברעכן" און האָט גע־קויפט אין אַ יידיש געשעפט, האָט דערפאַר באַצאָלט דערמיט, וואָס מ'האָט אים אָנגעקלעפּט אַ צעטל אויף די פּלייצעס מיטן אויפ־שריפט: „דער דאָזיקער חזיר קויפט ביי יידן". מ'האָט געדאַרפט זיין באמת איינער פון די חסידי אומות העולם, כדי אין די דאָזיקע באַ־דינגונגען נאָך צו האָבן אַ מגע ומשא מיט יידן.

אַלזאַ נישט בלויז דער טייך קאַמיעננאַ האָט אָפּגעטיילט די יידישער טייל שטאָט פון דער פּוילישער, עס איז אויך געפלאָסן אַ טייך מיט קינסטליך־פאַרפלאַנצטער שנאה, וואָס האָט געשאַפן אַ מחיצה צווישן ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

אָבער דערביי מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז נישט אַלע פּאָליאַקן

האָבן זיך אזוי פּאַסיוו אונטערגעגעבן דער העצע־פּאָליטיק פון די ענדעקעם און פון די אָפיציעלע רעגירונגס־קרייזן. סטאַראַכאָוויצע האָט אויך געהאַט אַ גרויסע צאָל ארבעטער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און וואָס האָבן זיך אקעגנגעשטעלט דעם פינצטערן איינפלוס פון די ראַסן־פּרעדיקער.

אָבער ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל זענען זיי, די ערלעכע עלעמענטן, געווען די פּאַסיווע, בעת די קעמפערישע כוליגאַנעס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם גרויסן און זייער ווייטיקלעכן אַקטיוו פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

אָבער הגם דאָס יידישע וויעזשבניק איז ארומגענומען געווען צווישן די דאָזיקע טאָפּלטע קלעשטשעס פון עקאָנאָמישער אויסזיכטלאָזיקייט און פון אַ שטעכיקן אַנטיסעמיטיזם, איז אָבער דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, טראָץ דעם אלעם, געווען רייך און פרוכטבאַר.

די יידן האָבן ווי אין אַן אינסטינקטיוון רעפלעקס געבונדן זיך אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קערפּערשאַפטן.

יידישע באַלמעלאָכעס האָבן געהאַט זייערע האַנטווערקער־פאַרייגען; שניידער זענען געווען אָרגאַניזירט אין אַ שניידער פאַריין, שוסטער — אין א שוסטער־פאַריין. פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן דאָ, צווישן די וויעזשבניקער יידן, געהאַט אַ רייכן גרונט.

שטאַרק זענען געווען די ציוניסטישע און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, נישט ווייניקער שטאַרק די לינקע פּועלי ציוניסטן, דער „החלוץ”. יידן האָבן זיך געטוליעט צו די האָפענונגען, וואָס זענען געלעגן ווי קערנער אין די שאָלעכצן פון די פּאַרטייען. א סך פון דער יידישער יוגנט האָט געטרוימט וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל און האָט אין די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער אַדורכגעמאַכט הכשרה. אַנדערע זענען געווען טעטיק אין אַנדערע פאָרמען פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער ארבעט, אין ספּאָרטקלובן („מכבי” און „שטערן”) און אויף פיל אַנדערע געביטן.

די געזעלשאַפטלעכע רייפקייט איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער שאַרפער אָרימקייט און נויט. יידישע שטובן זענען ממש איבערגעפלאָסן פון דער דאָזיקער אָרימקייט. אין איין צימער האָבן אָפטמאָל געוווינט צו אַכט און צו צען פערזאָן. קיין וואַסער־ליטונג איז אינעם שטעטל אונזערן בכלל נישט געווען. נאָך וואַסער האָט מען

געדאַרפט גיין צו אַ ברונעם. אויך אין בלאָטיקע און רעגנדיקע טעג איז דאָס געווען אַ מאָזאָליאָדיקע מלאכה, אָבער אין ווינטער־דיק־גליטשיקע וועטערן איז עס געווען פאַרבונדן מיט ממשותדיקע געפאַרן.

דאָס הויז אין וועלכן איך האָב געוווינט מיט מיינע עלטערן, האָט געהאַט דעם גרעסטן הויף אין שטעטל. עס איז באַוווינט געווען דורך 39 יידישע פאַמיליעס און דער איינציקער קריסט איז דאָרט געווען דער סטרוזש.

מיין פאָטער איז געווען אַ האָלץ־סוחר, ער האָט וואָכנלאַנג פאַרברענגט אין די וועלדער און ווען ער פלעגט אַהיימקומען מיט זיין הויך געשטאַלט און בלאָנדן, קנאָכיקן קאָפּ, האָט ער מיט זיך אַריינגעבראַכט אין די שטובן די לופט פון וועלדער, פון בלעטער, און פון ווייטע, אומענדליכע שטחים.

די מוטער מיינע איז געווען דעם טאַטנס קעגנזאַץ — סיי אין געשטאַלט און סיי אין כאַראַקטער. אַ דערצויגענע אין אַ רעליגיעזער פאַמיליע איז זי ימים ולילה געווען פאַרטועט אין אָפּהיטן יידיש־קייט און יעדן שבת פלעגט זי פאַר אַ חברה ווייבער פאָרלייענען די צאנה־וראנה. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אַ פאַרביקער קאַליי־דאָסקאָפּ פון מערקווירדיקע געשטאַלטן. אזוי למשל, האָט אין איי־נער פון די דירות געוווינט אַן אַלטער בעל־עגלה, יאָסל כאַראַפּ, וועלכער פלעגט ווינטער־צייט אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אַריין דאָס פערד און האָט עס געהאַלטן נעבן בעט פונקט אזוי ווי אַ שטוב־מענטש. געווען אינעם הויז אַ ייד, אַ פּראָפעסיאָנעלער עין־הרע־שפּרעכער. דאָס שטעטעלע האָט זיך טאַקע אָנגעזאַפּט מיט מאָדערנע אידעען און אידעאָלאָגיעס, אָבער דער דאָזיקער עין־הרע אָפּשפּרע־כער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף אַרבעטלאָזיקייט.

מען האָט אינעם הויף אונזערן געקאָנט טעאַרעטיש — אָפּלעבן דאָס גאַנצע לעבן און נישט דאַרפן דערפון קיינמאָל אַרויסגיין, ווייל צווישן די לאָקאַטאָרן האָבן זיך געפונען פאַרשידענע געשעפטן, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ צאָן־טעכניקער, אַ דאָקטאָר, און אפילו אַ באַנקע־שטעלער.

און נאָך אַ זאַך האָט זיך געפונען אינם הויף וואָס דאָס האָט שוין די קאָמיוניצע געמאַכט אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער אַרו־

מיקער שטאָט און לחלוטין זעלבסטשטענדיק; און דאָס איז געווען — אַן אייגענער ברונעם.

די לאָקאַטאָרן אונזערע האָבן נישט געדאַרפט שלעפּן קיין וואַסער פון ווייטע פּלומפּן. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַלע אונזערע איינוווינער ארויפגעצויגן אויף אַ שטאַפּל העכער אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע. דער פאַקט, וואָס מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם ברונעם האָט אונז געשטעלט אין איין רייע מיט דער שטאָטישער שלאַכטע און מען האָט אונז שטאַרק מקנא געווען.

די סביבה אין וועלכער איך האָב מיך דערצויגן איז געווען אַ קליינבירגערלעכע. אָבער קליינבירגערלעך איז עס געווען בלויז אין כאַראַקטער, וואָס שייך עקאָנאָמישע קלאַסיפיקאַציע איז שווער אוועקצושטעלן ערגיץ אויף אַ טאַבעלע די סאָציאַלע גרופּע פון אייביקע אָרימעלייט, וועלכע האָט אין דער גרעסטער מערהייט באַוווינט די יידישע שטעטלעך אין פּוילן.

וואָס שייך פּאָליטיק, בין איך נאָך געווען צו יונג, כ'זאָל האָבן אַן אויסקריסטאַליזירטע שטעלונג צו וועלכער ס'זאָל נישט זיין פּאַרטיי. אָבער כ'האָב מיט גרוים פליים און מיט לײדנשאַפט צוגעהערט זיך צו די דערציילונגען פון עלטערע חברים, וועלכע האָבן געהערט צו קאָמוניזירנדיקע אָרגאַניזאַציעס. נישט תופס זייענדיק דעם עצם פון פּאַרטייאישער אידעאָלאָגיע האָב איך אָבער געשלונגען מיט ביידע אויערן די דערציילונגען וועגן דעם גן־עדן, וואָס ציט זיך אויף דער צווייטער זייט פון פּוילנס מזרחדיקער גרעניץ.

אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ביז צו דער גרעניץ־ליניע איז אַלץ פינצטער און אימהדיק און אדורכגעזאַפּט מיט אומרעכט און מיט טרערן און בלוט. אָבער גלייך ווי מען שפּאַנט אריבער די גרעניץ־ליניע, הויבט זיך אָן אַ מדינה, ווו אַלץ איז אַנדערש: די —ערד, די בנינים, דער הימל, די זון, די מענטשן. אלץ איז דאָרט ווייס און גרין און ליכטיק. איבער דער ערד וואַלגערן זיך גאַנצע שטיקער גליק, מען דאַרף זיך אפילו נישט אראָפּבויגן דערצו. עס איז גענוג אַ קוועטשט צו טאָן אַ קנעפּל, ווייל דאָרטן איז פאַראַן אַ הויכע, אַ פאַנטאַסטיש אַנטוויקלטע טעכניק.

נישט בלויז איך, ווי אַ קינד, האָב געהאַט דעם דאָזיקן גלויבן, אַ סך דערוואַקסענע זענען אין דאָזיקן פּרט געווען נישט בעסער

ווי קינדער און האָבן ארומגעטראָגן אין זייערע געדאַנקען די דאָזיקע פאָרשטעלונגען.

דאָס איז אָבער געווען אַ נישט־אָרגאַניזירטער גלויבן, וואָס האָט באַפּאַרבט מיט אַ טיף־גראָבנדיקע סימפּאַטיע יענע מדינה, ווו אַלע זענען גלייך אין קעגנזאַץ צו דער פּוילישער מדינה, ווו איבער די טראָטואַרן איז געשוועמען אַזאַ בייזער ראַסן־האַס. אָרגאַניזירטע קאָמוניסטן איז געווען ווייניק און די מאַכט האָט זיי מוראדיק גערודפט.

אין אָנהויב 1939, ווען צווישן פּוילן און נאַצי־דייטשלאַנד האָט נאָך געדויערט דער האָניק־חודש, האָט די וויעזשבניקער פּאָ־ליציי אַרעסטירט פאַר פּאַרוואָרפן רויטע פענדלעך די צוויי יינגלעך: דעם 15 יאָריקן שניידער־געזעלן הערשל וואַלדמאַן און דעם 16־יאָ־ריקן בעקער מלך דריינודל. מען האָט זיי געממית'ט און געשלאָגן און טראָץ אַלע אינטערווענצן האָט מען זיי אָוועקגעזעצט אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק און זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערע תפי־סה־שטראָפן: וואַלדמאַן האָט באַקומען 6 יאָר און דריינודל 5 יאָר. אין גאַנצן שטעטל איז געווען תשעה־באָב. מען האָט געטראָגן ליכט אין די שולן, געלאָפן אויפן בית־עולם, געריסן קברים. היות די לעבעדיקע קאָנען נישט העלפן, זאָלן זיך כאָטש די טויטע מיען. אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן און מען האָטביידע יינגלעך איבערגעפירט אין תפיסה.

די מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם ערשטן סעפּטעמבער, איז נישט געקומען פּלוצלונג, נאָר האָט זיך אָנגערוקט בהדרגה־ווייז. שוין אין יולי האָט די רעגירונג אַדורכגעפירט אַ נישט־אָפיציעלע מאָביליזאַציע און אין דער לופט איז געשטאַנען דער מוראדיקער אָנזאָג פון קומענדיקן געשפענסט — די דאָזיקע מורא איז אָבער געשטאַנען מייסטנטייל צווישן די יידן, וואָס האָבן געהאַט דעם בי־טערן פאָרטעם פון דעם, וואָס ס'דערוואַרט זיי.

וואָס שייך, די פּאָליאַקן, האָבן פיל פון זיי זיך געטרייסט דער־מיט, וואָס זיי וועלן אונטער דער הערשאַפט פון היטלערן זיך קאָנען פראַנק און פריי אָפּרעכענען מיט דעם ביסל יידן. זיי האָבן די דאָזיקע טרייסט ארויסגעזאָגט אָפן, אָן שום באַהעלטעניש.

מיין מיטעלער ברודער האָט זיך שוין זינט אַ יאָר געפונען אין מיליטער. ער האָט געדינט אין סאַנאָק. מיין עלטערער ברודער

איז געווען אן אויסגעדינטער סאָלדאַט און אַלס רעזערוויסט האָט ער איצט, אין די דאָזיקע אומרואיקע יולי־טעג באַקומען אַ מאָביליזאַציע־קאַרטע, צוצושטעלן זיך קיין פשעמישל, אין צענטן ארטילעריע־פּולק. ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער באַן, וווהין מיר האָבן באַגלייט דעם ברודער, איז אין מיינע עלטערן פאַרגעקומען אן ענדערונג, וואָס האָט זיי פולשטענדיק צובראָכן. איך האָב געקוקט אויף זיי און אין זייערע געזיכטער האָב איך געזען שאָטנס פון דעם, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ מוראדיקער שוואַרצקייט אָנגערוקט איבער אונזער אלעמענס קאָפּ.

דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן זיך די דאָזיקע שאָטנס אָנגעגאָסן מיטן גאַנצן פיזישן גרויל. 6 אַ זייגער אינדערפרי איז געווען דער ערשטער לופט־אַלאַרם. ביים צווייטן אַלאַרם, ניין אַ זייגער, איז אויפן מאַרק־פּלאַץ אונזערן אַראָפּגעפאַלן די ערשטע באָמבע און דער שטורעם־ווינט, וואָס איז דעמאָלט צעוויגט געוואָרן מיטן מאַרש פון די היטלער־חיילות אויף דער פּוילישער ערד, האָט שוין באַלד אין אָנהויב גענומען רייסן קודם כל שטיקער פון דער יידישער באַפעלקערונג. און דער דאָזיקער שטורעם־ווינט האָט זיך שוין זינט דעמאָלט נישט אָפּגעשטעלט, ביז דער גאַנצער פערטהאַלבן מיליאָניקער יידישער ישוב איז נישט אויסגעריסן און פארטיליקט געוואָרן. במעט ביז צו די וואָרצלען.

קאַפּיטל צוויי

גלייך ביים אָנהויב פונם קריג איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס וועט נישט זיין קיין געוויינלעכע מלחמה מיט פּאָזיציע־קאַמפן און מיט אָפענסיוועס און קעגן־אָפענסיוועס.

פונם מאַרש פון די נאַצישע חיילות איז געווען צו זען, אז גיכער וועט עס זיין אן עקספּעדיציע פון די געפּאַנצערטע נאַצישע אָפּטיילונגען קעגן פּוילן. און כאָטש דער פּוילישער מאַרשאַל רידז־שמיגלי האָט מיט אַזוי פיל האָפערדיקייט געהאַלטן אין אָנהויב א רעדע, אַז „מיר וועלן נישט אָוועקגעבן קיין קנאָפּ פון מאַנטל", האָט ער אַליין מיט זיין האַנדלונג באַוויזן, אַז ער מיינט עס נישט מעטאַפאָריש, נאָר בפּעל ממש. אז ער האָט טאַקע נישט בדעה אָוועקצוגעבן קיין קנאָפּ פון זיין אייגענעם מאַנטל, ווייל ער האָט עס מיט זיך מיטגענומען, אַנטלויפנדיק פון אָנגעפּאַלענעם פּוילן און איבערלאָזנדיק דאָס פאָלק מיט דער אַרמיי אויף הפקר.

אין אונזער שטעטל וויעזשבניק זענען באַלד אינם ערשטן טאָג פון קריג פאַרגעקומען זאכן, וואָס האָבן אריינגעוואָרפן דאָס שטעטל אין א צושטאַנד פון בהלה.

גלייך נאָכן אָפיציעלן קאָמוניקאַט וועגן דער נאַצישער אינוואַזיע, האָבן די פּאָליאַקן אויפגעהערט צו לאַכן און צו חוזקן פון די איבערגעשראָקענע יידישע שכנים. די פּאָליציי און שטאָטישע באַאַמטע צוזאַמען מיטן סטאַראָסטע, זענען גלייך אַוועק פון דער שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך אַלע וויכטיקע דאָקומענטן און אַרכיוון. אויך די קריגס־פאַבריקן האָבן זיך געגרייט צו עוואַקואירן די וויכטיקסטע מאַשינען מיט מאַטעריאַלן. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דעמאָלט פאָרשטעלן, אז אַזעלכע עוואַקואַציעס זענען בכלל נישט מעגלעך אין

די באַדינגונגען פון אַ בליץ־קריג — אויף אַזעלכע קליינע שטחים.

אויפן דריטן טאָג האָבן דייטשע עראָפּלאַנען אויפגעהערט אַראָפּצוואַרפן צושטער־ און צינד־באָמבעס, נאָר האָבן אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן דעסאַנטן, מייסטנטייל 16 און 17 יעריקע יינגלעך.

מיט די דאָזיקע דעסאַנטן האָט זיך די באַפעלקערונג אָפּגערעכנט גלייך אופן אָרט. מ'האָט זיי נישט איבערגעענטפערט אין די הענט פון דער מיליטערישער מאַכט, נאָר מקיים פּסק געווען מיט קאַלט געווער. און דאַן האָט זיך באַוויזן אויפן בנין פון מאַגיסטראַט אַ פּלאַקאַט, וועלכער האָט ענדגילטיק גע'חתמ'עט דעם פאַקט, אַז דאָס שטעטל אונזערס האַלט ביים אריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט אריין. די מאַכט האָט גערופן די יוגנט צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו לאָזן זיך אויפן וועג קיין מזרח, ווו די פּוילישע אַרמיי דאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא. דער דאָזיקער רוף איז אָבער נישט געווען פאַרזען מיט קיין ממשותדיקן אָנווייז, ווי אַזוי אָנצוקומען אויפן מזרח, ווייל קיין פּאַסאַזשיר־צוגן האָבן שוין אין די דאָזיקע טעג נישט קורסירט.

די פאַבריקן אין סטאַראַכאָוויצע האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן און מען איז שוין געווען אינפאָרמירט, אַז די דייטשן געפינען זיך אין טשענסטאָכאָוו, 60 קילאָמעטער פון אונזער שטעטל. און צום סוף איז געקומען דאָס לעצטע קאַפּיטל, וואָס האָט דאָס שטעטל אונזערס ענדגילטיק איבערגעליפערט אין די הענט פון די נאַצים.

פאַרטאָג האָט זיך אויפן שאָסיי דערהערט דאָס שטאָלענע גערויש פון טאַנקען און אין צענטער פון שטעטל זענען שטיין געבליבן עטלעכע פון די דאָזיקע נאַצישע געפּאַנצערטע מחבלים. מיר זענען געלעגן אַלע צוזאַמענגעקנוילטע אין דער דירה אונזערע און פּאַסיווע און רעזיגנירטע געוואַרט אויף די נאָענטסטע געשעענישן. פּלוצלונג האָט עמיצער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר אונזערע. און איידער עמיצער פון אונז האָט באַוויזן צו ענטפערן, זענען אריינגעקומען צוויי יינגע, צעשמייכלטע און פריילעכע דייטשן.

זיי האָבן געפרעגט, צי עמיצער פון אונז האָט ביי זיך געווער און האָבן זיך באַגנוגענט מיט אונזער ענטפער, אַז ניין. זיי האָבן נאָך אפילו צוגעגעבן, אַז מיר האָבן נישט קיין סיבה מורא צו האָבן און זענען מיט דער זעלבער פריילעכקייט אַרויס פון שטוב.

דאָס איז געווען אונזער ערשטער צוזאַמענטרעף מיטן שונא,

מיטן פאַרניכטער פון 6 מיליאָן פון אונזער פאָלק. דער צוזאַמענ־טרעף איז געווען כמעט אַן אידילישער און פון דאָזיקן צוזאַמענ־טרעף איז שווער געווען פאָרויסצוזען, אַז מיט זייער איבערטרעטן די פוילישע ערד האָט זיך פאַרן יידישן פאָלק אָנגעהויבן דאָס פינצ־טערסטע בלאַט אין אונזער געשיכטע.

דער גאַנצער מאַרק איז שוין פול געווען מיט אָנגעקומענע נאַצישע חיילות, מיט מיליטער־לייט, וואָס זענען געשטאַנען אויפן מאַרק און האָבן זיך קעגנזייטיק ראַזירט. די דרייסטערע פון אונז זענען געוואָרן מיט זיי היימיש און עס האָבן זיך אפילו אָנגעהויבן צו פאַרקניפּן מסחרים צווישן יידן און דייטשע סאָלדאַטן. איך אַליין האָב מיך צוזאַמען מיט נאָך יידישע יינגלעך אַריינגעזעצט אין זייערס אַ לאַסט־אויטאָמאָביל און די זעלנער האָבן אונז מכבד געווען מיט וויין און מיט שאָקאָלאַד.

איך האָב אפילו געזען דאָן אַן אומגעוויינלעך בילד פון אַ וויינענדיקן דייטשן זעלנער.

ער איז געזעסן ביים יידישן פריזירער יאַנקל ווינדראָוויטש און האָט מיט אַ טרערן־דורכגעזאַפּטער שטימע דערציילט, אַז ער וויינט אויף זיין פרוי און קינדער, וועלכע ער האָט געמוזט איבער־לאָזן אין קאָבלענץ.

אין אַלגעמיין זענען די באַציאונגען צווישן דעם דייטשן מי־ליטער און דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַזעלכע, אַז פיל יידן זענען אויפגעריכט געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן און ניט איינעם האָט אָנגעהויבן צו גיין מאַטעריעל בעסער ווי פריער.

די קאַמפן צווישן פוילישן מיליטער און דער נאַצישער מלחמה־מאַשין זענען דערווייל אָנגעגאַנגען נעבן וואַרשע און לובלין, אָבער גרויסע שטיקער פון דער פוילישער טעריטאָריע זענען שוין געלעגן אונטערן שטיוול פון די נאַצים און דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד פון די פוילישע חיילות איז שוין פאַקטיש געווען אַ צושמעטערטער. און דאָ איז דערווייל באַקאַנט געוואָרן די אויפטרייסלענדיקע ידיעה, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַריבער די פוילישע גרענעץ פון מזרח און אַז מאָלאָטאָוו האָט דערקלערט, אַז די רויטע אַרמיי נעמט אונטער איר שוץ די וויים־רוסישע און אוקראַינישע איינוווינער.

דער פאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע אַרמייען זענען אַריין קיין פוילן האָבן ביי פיל פון אונזע שטעטלדיקע איינוווינער גלייך אַריינ־

געגעבן דעם געראַנק אַריבערצוטראָגן זיך אין די מזרח־געביטן.

ביי מיר אַליין איז עס געווען אַ ווילן נישט בלויז זיך צו ראַטע־ווען פון דער נאַצישער ממשלה, וועלכע האָט נאָך אַגב אין יענעם פעריאָד נישט אַרויסגעוויזן ביי אונז אין שטעטל אירע בלוטיקע ציין, נאָר אין טיפן הינטערבאַוווסטזיין איז אויך געלעגן ביי מיר אַ דראַנג אַריבערצוגיין אויף יענער לעגענדאַרער ערד, אויף דער ערד, וווּ „אַלע זענען גלייך", וווּ עס הערשט אַזאַ גערעכטיקייט און יושר מיט אַ ווילטאָג פאַר אַלע אָן אונטערשיד פון רעליגיע, פון ראַסע, פון נאַציאָנאַליטעט...

איך האָב דעם באַשלוס שנעל אָנגענומען.

פון איין זייט האָט געטריבן דער קאָשמאַר פון די נאַצים און פון דער צווייטער זייט האָט געלאָקט די ליכט פונם לאַנד פון סאָ־ציאַליזם. כ'האָב מיך אויף שנעל צונויפגערעדט מיטן פירער פון „החלוץ", מיט קלמן קאַנער. ער איז געווען אַ 26 יעריקער ענער־גישער בחור. פון מיליטער האָט מען אים אָפּגעוואָרפן צוליב זיין נידריקן וווקס. אין וויעזשבניק האָט ער געוווינט ערשט צוויי יאָר, ער איז דאָ אַהערגעקומען אין 1937 מיט די עלטערן פון כמיעלניק. טראָץ דער קורצער צייט איז ער דאָ שנעל אויסגעוואַקסן צום פירער פון היגן „חלוץ", און ער איז געוואָרן דאָס האַרץ און די נשמה פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, אַן אָנגעשטאָפּ־טער מיט וויסן, וואָס ד'האָט דערוואָרבן מיט גרויס מי און מאָזאָ־ליעס. זיין דערפאָלג אין דער פּאַרטיי האָט ער אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין רעדנערישן טאַלאַנט און זיין שאַרפן אָרגאַניזאַ־טאָרישן חוש.

מיר האָבן זיך שנעל אַדורכגערעדט און אָן שום וואַקלעניש באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט. איך האָב געוואָלט מיטנעמען אויך אַ יונג מיידל, וואָס האָט געוווינט אויפן הויף אונזערן, איינע פון די צוויי טעכטער פון שמשון פרימערמאַן. איר נאָמען איז געווען עווא, זי האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן און שוואַרצע האָר. מיר האָבן צו זיך זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט, מיר האָבן אָבער ביידע געפילט צו זיך אַ סאָרט נישט־גלייכגילטיקייט, וואָס ס'איז דער אָנהויב פון אַ דערוואַכט געפיל פון רייף־ווערנדיקע קינדער. כ'האָב איר אָפּטמאָל נאָכגעקוקט ווי זי פלעגט מיט אַן איידלקייט פון אַ יונגער סאַרנע שפּרייזן איבערן פעלד, וואָס הינטער אונזער הויז. איך

פלעג אָפּטמאָל אומבאַמערקטערהייט, פון הינטער אַ פּלויט אפער, שעהנווייז באַטראַכטן אירע באַוועגונגען. כ'האָב אויך באַמערקט, אז זי האָט מיך באַשאָנקען מיט דער זעלבער נישט־גלייכגילטיקייט און דאָס האָט נאָך מער געוועקט אין מיר אַ וואַרעם געפיל.

איך האָב דעריבער געטראַכט וועגן מיטנעמען איר צוזאַמען אין וועג אַריין, אָבער כ'האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. נישט איך האָב געהאַט די דרייסטקייט איר דאָס צו זאָגן פּערזענ־לעך און נישט כ'האָב געהאַט די קלענסטע זיכערקייט, אַז אירע על־טערן וועלן מסכים זיין אויף אַזאַ זאַך, און אַ געטריבענער פון די ביידע אומזיכערקייטן האָב איך סוף כל סוף נישט געקאָנט אין מיר גובר זיין די נישט־דרייסטקייט און כ'האָב פאַרלאָזן די שטאָט מיטן חבר מיינעם, דעם פירער פון „החלוץ”.

ס'איז געווען באַלד אינדערפרי. דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס האָב איך געזען, ווי ס'האָבן זיך אַריינגעגנבעט די ערשטע שטראַלן ליכט. נישט אויפוועקנדיק קיינעם פון די שטוביקע האָב איך מיך אַרויסגעשאַרט פון דער שטוב, ווו אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אויף מיר קלמן קאַנער. מיר האָבן זיך שווייגנדיק באַגריסט. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורך אַ הינטער־גאַס צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט קיין אָסטראָוויעץ. דאָס האַרץ איז אונז ביידע געווען פאַרקלעמט און מיר האָבן נישט אויסגערעדט צו זיך קיין וואָרט.

כ'האָב מיך צום לעצטן מאָל אומגעקוקט. דאָס שטעטל מיינס איז געלעגן אין אַ צושמאָלצן גאָלד פון אַ זון־אויפגאַנג. די קאָנטורן פון די הייזלעך האָבן זיך אויסגעשיילט פונם ליכטיקן נעפּל ווי פעל־זיקע אינזלען. יעדע ליניע פון די הייזלעך, דער ליכטיק־בלויער פּאַס פונעם טייך, די העלע פּאַסן פון די געסלעך האָבן זיך גענומען אויס־שיילן פונם נעפּל, ווי אויפטויכנדיקע שיפלעך.

כ'האָב געפּרוּווט אַראָפּדריקן דעם וואַקסנדיקן צער מיט דער טרייסט, אַז כ'פאַרלאָז דאָס שטעטל אויף אַ קורצער צייט בלויז, אַז בקרוב וועל איך מיך אומקערן צוריק. אָבער אַזוי ווי דער זון־באַפלעקטער נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון טאָל, אַזוי איז אויך דער דאָזיקער טרייסט נישט געווען מער ווי אַן אילוזיע...

קאַפיטל דריי

מיר זענען געגאַנגען מיט שנעלע טריט.

פון ביידע זייטן האָבן זיך געברוינט און געגילדעט פוילישע האַרבסט־ביימער און דער זאַמד האָט אויך געגלאַנצט מיט גאָלדענע פלעמלעך. וואָס ווייטער מיר האָבן זיך אָפגערוקט פון שטעטל אַלץ מער האָט קאַנער באַקומען לשון. אַ פלוצלונגדיקער ענטוזיאַזם האָט פלוצים גענומען פון אים אַרויסשפאַרן און עס האָט אים אַזש גע־הויבן, ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן דעם לאַנד פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך מיט יעדן טריט. ער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן צו זען דעם ערשטן רויט־אַרמייער.

איך האָב געשוויגן, טויזנטער טרויעריקע געדאַנקען האָבן מיר געפיקט אין מח און אפילו די נאָנטקייט פון גרויסן גן־עדן האָט מיך נישט געפרייט. מיר האָבן אַדורכגעמאַרשירט דורכן שטעטל אָסטראָ־וויעץ און זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט זענען מיר שוין געווען אין אָזשאַראָוו. מיר האָבן זיך געהאַט דערווייטערט 59 קילאָמעטער פונעם שטעטל אונזערן.

אין אָזשאַראָוו האָבן מיר איבערגענעכטיקט ביי אַ קרוב פון אַ ייד, אַ צאָן־טעכניקער, וואָס האָט געוווינט ביי אונז אויפן הויף, אין וויעזשבניק. כ׳בין געווען מיד און פאַרמאַטערט און כ׳האָב קוים געענטפערט אויף די פראַגעס פון די שטוביקע, אָבער טראָץ דער אויסגעשעפט האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן.

אין קאָפ האָבן מיר אַזוי ווי אַ סטאַדע מיט מוראַשקעס געעג־בערט פאַרשידענע געדאַנקען. צום ערשטן מאָל בין איך געשלאָפן אין דער פרעמד, נישט וויסנדיק וואָס ס׳דערוואַרט מיך. ס׳האָט

מיך געגריזשעט דער פאַרדרוס, וואָס כ'האָב נישט גערעדט מיט עוואַס עלטערן און וואָס כ'האָב נישט געפּועלט ביי זיי, זי זאָל מיט מיר מיטגיין, און האָב מיר בשום אופן נישט געקאָנט שענקען, וואָס כ'האָב אַזוי שנעל רעזיגנירט פון פּלאַן.

כ'האָב גענומען טראַכטן וועגן צוריקגיין און וועגן פאַרריכטן דעם פעלער. די שעה'ן אונטערן פרעמדן סופיט האָבן זיך געצויגן ווי קלעפּיקע סמאָלע. ווי דערלעבט מען שוין דעם פרימאָרגן! פאַר־טאָג האָב איך נישט געקאָנט לענגער איינליגן, כ'האָב אויפגעוועקט קאַנער'ן און אים געזאָגט קורץ, אַז אויב ער וויל, זאָל ער גיין ווייטער, איך דאַקעגן גיי צוריק.

קאַנער האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט זיינע קלוגע, דורכ־דרינגליכע אויגן און דאַן האָט ער רואיק געזאָגט, אַז איך רעד ווי אַ קינד. מיר געפינען זיך שוין, האָט ער געזאָגט, נישט ווייט פון דער רוסישער דעמאַרקאַציע־ליניע, און צוריקגיין איצט וואָלט געווען אַן אומזין, בפרט נאָך, אַז מיטן מאָמענט, ווען מיר וועלן אַריבער־גיין די גרענעץ, וועלן מיר זיין אימשטאַנד צו שרייבן רעגולערע בריוו אַ היים, און דער עיקר — און דערין האָבן מיר ביידע גע־גלויבט באמונה שלימה — איז דאָך דער קריג נישט מער ווי אַ פראַגע פון עטלעכע וואָכן און דער גאַנצער אומנאָרמאַלער צושטאַנד וועט זיך בקרוב צוריק סטאַביליזירן.

מיר האָבן פאַרלאָזט אָזשאַראָוו און האָבן ווייטער גענומען שפּרייזן אויף מזרח, נענטער צום גורל אונזערן.

אויפן וועג זענען מיר שוין נישט געווען קיין צוויי, עס האָבן זיך אָן אונז, אויפן שאָסיי, אָנגעשלאָסן נאָך אַנדערע יידישע יונגט־לעכע, וואָס זענען געגאַנגען אויפן מזרח מיט די זעלבע פּלענער. מייסטנטייל זענען עס געווען יידישע בחורים פון שכנותדיקע שטעט־לעך וואָס האָבן פאַרלאָזט די היימען, כדי פונקט אַזוי ווי מיר צו געפינען דאָס גליק אויף דער אַנדערער זייט.

גאַנץ פּוילן איז דעמאָלט געווען די סצענע פון הונדערטער טויזנטער אַזעלכע עולה־רגל'ניקעס, וואָס זענען אַרויסגעטריבן גע־וואָרן פון די היימען זייערע — אָדער אונטער דער פיזישער בייטש פון די נאַציס אָדער געיאָגטע פון אַ דראַנג צו דערגרייכן דאָס נישט־דערגרייכבאַרע.

פאַרן אָנקומען קיין אָפּאַטאָוו, זענען מיר שוין געווען אַ גרופּע

פון עלף מאַן, צווישן זיי זענען געווען עטלעכע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט תפיסה־שטראָפן פון 8 און פון צען יאָר און וואָס זענען באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיטן פאַלן פון דער פוילישער מלוכה.

וואָס שייך זיי — איז דער גאַנג זייערער געווען אַ מער זי־כערער ווי אונזער. אויב מיר האָבן געשפּרייזט מיט אַ געוויסער מורא אין די הערצער — מיט דער געוויינלעכער מורא פאַרן אומ־באַקאַנטן — זענען זיי געגאַנגען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער האַ־פערדיקייט און מיט דער פולשטענדיקסטער איבערצייגונג, אַז זיי גייען צו אַן אַבסאָלוטן גליק. כאָטש אויפן וועג האָבן זיך אָפּט באַ־וויזן דייטשן אויף פערד און אויף מאָטאָציקלען און די גאַנצע לופט איז נאָך געווען אָנגעגליט מיט מלחמה, דאָך האָבן זיי אונטערגע־ברומט סאָוויעטישע לידער און זיי האָבן מאַרשירט, נישט ווי זיי וואָלטן געטריבן געוואָרן פון אַ געפאַר, נאָר פאַרקערט, ווי זיי וואָלטן באַגליקט געוואָרן מיט אַן אומגעריכט גליק.

נאָכמיטאָג האָבן מיר פלוצלונג דערזען פונדערווייטנס דעם גרויען ברייטן פּאַס פון דער ווייסל און פון דער גרינקייט פון די פעל־דער האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן די הייזלעך פון שטעטל ראָכאָוו.

די בריק איז געלעגן אין אויפגעריסענע אין וואַסער — אַזוי ווי אַ גרויסע, טויטע מאַסע פון אַ מאָנסטרואַלער חיה. דאָס האָט דאָס פּוילישע מיליטער אויפגעריסן די בריק נאָכן צוריקציען זיך אויף דער צווייטער זייט.

מיר האָבן געזוכט אַן אָרט, וווּ אַריבערצוגיין אויף דער צוויי־טער זייט, אָבער איבער די אַרויסגעשטאַרצנדיקע בריק־טיילן — איז עס געווען אוממעגלעך.

מיר האָבן סוף כל סוף געפינען אַ פּויער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אונז אַריבערצושיפן אויף אַ לודקע. אין אַ מינוט אַרום זענען מיר שוין געשווימען איבער די ברייטע שטאָלענע וואַ־סערן פון דער ווייסל. אויפן צווייטן זייט ברעג איז געווען דאָס דאָרף יוזעפאָוו.

איינער פון אונזער גרופּע האָט דאָ געהאַט וווינען זיינס אַ מומע, אָבער איין בליק אויפן דאָרף איז גענוג געווען צו זען, אַז ס'איז צוועקלאָז צו זוכן דאָ דעם שפּור פון אַ מענטש.

פון ביידע זייטן שאָסיי זענען געשטאַנען בלויז סמערטשנדיקע

קוימנס, ווי וואנזיניקע געשפענסטער. ערשט אינם שכנותדיקן דערפל מאַקאָוו האָט ער געטראָפן די מומע זיינע, פון וועלכער מיר האָבן זיך דערוווסט, אז די קויל־פארברענטע הייזער אינם פריערדיקן דאָרף זענען נישט געווען קיין רעזולטאַט פון מלחמה־אָפּעראַציעס. דאָס דאָרף יוזעפּאָוו איז באַוווינט געווען דורך דייטשע פאַמיליעס, קאָלאָניסטן, וואָס האָבן דאָ געהאַט רייכע פעלדער און רייך־איינגעאָרדנטע ווירטשאַפטן. בעת דאָס פוילישע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן, פאַרברענענדיק די בריק, האָבן זיי פאַרשלאָסן די דייטשן אין די כאַלופּעס און זיי פאַרברענט צוזאַמען מיטן לעבע־דיקן אינווענטאַר, דערביי זענען אויך געפאַלן עטלעכע יידישע קרבנות, צווישן זיי — דער מאַן מיט אַ קינד פון דער מומע.

אין יענער צייט — דאָס זענען געווען די ערשטע פּאָר וואָכן פון דייטשער אָקופּאַציע — האָבן נאָך אַזעלכע ידיעות וועגן מענטשן־מאָרד געמאַכט אויף אונז אַן אויפטרייסלענדיקן איינדרוק, כאָטש די קרבנות זענען דאָ אויך געווען דייטשן, וואָס האָבן שפּעטער זיך געבאָדן אין אונזער בלוט. שפּעטער זענען מיר געוואָרן אָפּגעטעמפּט און פאַרגליווערט און אַפילו גלייכגילטיק, ווען ידיעות וועגן מאָרדן אומשולדיקע מענטשן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון יעדן פונקט אין דעם נאַצי־פאַרפּעסטעטן פוילן.

אויפן ווייטערדיקן וועג האָבן מיר וואָס אַמאָל אָפטער געזען בלאָנקענדיקע זיך פוילישע זעלנער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פולקן, האָבן אוועקגעוואָרפן דאָס געווער און זענען געגאַנגען צוריק אויף די ערטער פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פּאַטעטיש בילד — מיט זייערע אַראָפּגעריסענע פּאַגאָנעס און שמוציקן הולך זענען זיי געווען אַ סימבאָל פון אַן אונטערגעגאַנגענער מלוכה.

עטלעכע פון אונזער גרופּע האָבן, זעענדיק די דאָזיקע טרויע־ריקע רעשטלעך פון אַן אַרמיי, דרייסטער און העכער גענומען זינ־גען דעם אינטערנאַציאָנאַל. איבערהויפּט שטראַלן פּאַר פרייד די, וואָס האָבן אין פוילן אָפּגעשמאַכט לאַנגע יאָרן אין די תפיסות. איינס זענען זיי זיכער: וואָס־וואָס, אָבער קיין תפיסות זענען אין רוסלאַנד נישט פאַראַן. אויב אַפילו עמיצער פאַרזינדיקט זיך קעגן דער מלוכה אָדער קעגן אַ צווייטן בירגער, נעמט מען אים אַריין אין

אזא ספּעציעלע איבערדערציאונגס־שולע און דאָרט מאַכט מען פון אים אַ מענטש.

זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אויפגעוויקלטע צינגער. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ ברודער אין רוסלאַנד, וואו־הין ער איז אוועק נאָך אין 1934. קיין בריוו פון אים האָט ער טאַקע נישט, ווייל די פּוילישע רעגירונג, איז ער זיך משער, האָט נישט דערלאָזט קיין ידיעות פון יענעם גליקלעכן לאַנד; אָבער ער איז זיכער, אַז דער ברודער זיינער איז דאָרטן אַ שני־לסטאַלין. גלייך ווי ער וועט אריבערקומען קיין רוסלאַנד וועט ער אים אויפזוכן און ער וועט אין יענעמס זכות זיכער גלייך ווערן אַ קאָמיסאַר.

אויך די אַנדערע האָבן זיך גענומען פאַרטיילן מיט פּאַסטנס. און דווקא מיט גוטע פּאַסטנדלעך: קאָמיסאַרן, טשינאָווניקעס, די־רעקטאָרן און כמעט מלוכה־פירער. זיי האָבן דאָך אַ סך דערפאַ־רונג הינטער זיך: די פּוילישע תפיסות, און אַ סך קוואַליטעטן: אַ גלויבן אין די קליינע אותיותלעך פון סטאַליניזם.

דאָס נאָענטסטע שטעטל, אָפּאָלע, איז געווען אַן אמתער עולם התוהו. קיין פּאָליציי איז בכלל נישט געווען און דאָס שטעטל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ וואַנדערנדיקן לאַגער פון פּליטים פון אַלע ווינקעלעך פון פּוילן — פון לאָדזש, פון ווארשע, פון ראַדאָם; אויך פּאָליאַקן זענען דאָ געווען, וואָס האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן און האָבן זיך געלאָזט אינם „לאַנד פון סאָציאַליזם".

מיר זענען אריינגעגאַנגען אינם הויז פון אָפּאָלער באַלעבאָס שפּייזמאַן. ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר, וואָס האָט געפירט מסחרים מיט דער גאַנצער אומגעגנט. ער האָט אונז אָפּגעגעבן אַ צימער און האָט אונז געגעבן צו עסן פון שענסטן און פון בעסטן. אין דער שטאָט האָט מען זיך געריכט, אַז די רויטע ארמיי, וועלכע איז שוין געשטאַנען נישט ווייט פון לובלין, וועט דאָ בקרוב אריינ־קומען און וועט איבערנעמען די מאַכט, דעריבער האָט די גרעסטע טייל פון אונזער גרופּע באַשלאָסן צו בלייבן אין אָפּאָלע און ווארטן אויף דער „באַפרייאונג", ווייל נאָך וואָס דאַרפן מיר זיי אַקעגן־גיין, אויב זיי ווילן דאָ אַליין בקרוב קומען.

אין מאַנכע ווינקלגעגן האָט מען אַפילו אָנגעהויבן ארויסהענגען אויף די ווענט בילדער פון די סאָוויעטישע פירער. מען האָט עס געטאָן פראַנק און פריי — קיין פּאָליציי איז נישט געווען און די

קלאנגען, אז די „סאָוויעטן גייען" זענען געווען וואָס אַמאָל מער עקשנותדיקע. די באַפעלקערונג האָט זיך שוין אפילו געגרייט — גלייך די די שטאָט וועט „באַפרייט" ווערן דורך דער רויטער ארמיי, צו באַשטימען פאר שטאָט־קאָמיסאר דעם אַלטן קאָמוניסט, פילאר־סקי, וועלכער איז אָפּגעזעסן אין די פארשידנסטע פּוילישע תפיסות.

מיר האָבן זיך דעריבער אוועקגעזעצט אינם שטעטל און אויס־געקוקט די אויגן אויפן מזרח־שאָסיי, האָפנדיק צו דערזען די ערשטע אָפּטיילונגען פון סאָוויעטישן מיליטער. אָבער אין א צוויי טעג ארום איז געקומען די אנטוישונג. עס איז באַוווּסט געוואָרן, אז די רויטע ארמיי ציט זיך צוריק,אז די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן רוסלאנד און דער נאַצישער „גענעראַל־גובערניע" וועט זיין צען קילאָמעטער לענג־אויס די טייכן בוג — און — סאַן.

עס איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אריין — איבער פּשעוואָרסק, יאַראָסלאַוו און פּזשע־מישל. מיר זענען געווען איצט א געשלאָסענע גרופּע פון 15 מאַן. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט גרויסע אָפּטיילונגען מיט דייטשן מיליטער און מיט זייערע טאַנקען און הארמאַטן, וואָס האָבן גע־צויגן אין דער ריכטונג פון פּזשעמישל.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּזשעמישל, האָט זיך ארויס־געוויזן, אז מיר געפינען זיך אויף דער סאַמער גרענעץ־ליניע. די שטאָט וועלכע איז אדורכגעשניטן דורכן טייך סאַן, איז איינגעטיילט געווען אין צוויי טיילן. די לינקע זייט האָט זיך געפונען אונטער דער אָקופּאַציע פון די דייטשן און די רעכטע — אונטער די סאָוויעטן. דער טייך האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די גרעניץ.

דאָס גאַנצע פּראָבלעם איז איצט באַשטאַנען אין אריבערבאַקומען זיך איבערן דאָזיקן פּאַס מיט וואַסער, וואָס פאר אונז איז עס געווען נישט א געוויינלעכער טייך, נאָר דער סעזאַם־טויער, וואָס פירט גלייך אין גן־עדן אריין...

ביי דער דאָזיקער וואַסער־גרעניץ האָט שוין געוואַרט אַן ערך 600־700 יידן מיט פרויען און קינדער. א טייל האָט שוין געוואַרט צוויי־דריי טעג אונטערן פרייען הימל און די לאַגע זייערע האָט זיך געוואַקלט צווישן האָפענונג און פאַרצווייפלונג. דער גאַנצער ברעג טייך האָט אויסגעזען ווי א צעלייגטער לאַגער מיט א וואַנדערנדיקן שבט, וואָס האָט גענומען מיט זיך אַלע נויטיקע מטלטלים און האָט

זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. אויף וואָס האָט מען געוואַרט? אויף דער דערלויבניש פון דער סאָוויעטישער מאַכט אַריבערצוגיין דאָס וואַסער.

דאָס איז געווען די ערשטע ווייטיקלעכע פראַגע וואָס האָט מיר ווי אַ בין, אַ ייִטאָך געטאָן אין באַוווסטזיין. פאַרוואָס גערויערט עס ביי זיי אַזוי לאַנג אַרויסצוגעבן אַזאַ פּשוטע און מענטשלעכע פאַראָרדנונג? צי דאַרפן זיי דען וואַרטן אויף אַן אינסטרוקציע פון אַ העכערער מאַכט, כדי אַדורכצולאָזן דורכן וואַסער־פּאַס די דאָזיקע מחנה פאַרצווייפלטע, אויסגעהונגערטע און היימלאָזע מענטשן? ווי קומט עס, וואָס די דאָזיקע מאַכט, וואָס איז געבויט אויף צדק און אויף גערעכטיקייט, זאָל האַנדלען אַזוי לאַנגזאַם ביי אַזאַ נאַטירלעכן אַקט פון עלעמענטאַרער מענטשליכקייט? כ'האָב עס נישט געקאָנט תופס זיין, אָבער די חברים מיינע האָבן עס מיר אויסגעטייטשט מיט מלחמה־באַדינגונגען.

און צוליב די דאָזיקע מלחמה־באַדינגונגען איז די פּליטים־מאַסע וואָס אַמאָל מער געוואַקסן. אַ טייל דרייסטערע האָבן גע־פּרוווט אַריבערשפּרייזן די בריק אָדער אַריבערשיפן זיך אויף לודקעס טראָץ דעם, וואָס די פאַראָרדנונג צו עפענען די שערי רחמים איז נאָך נישט אָנגעקומען. האָט מען זיי אָבער פון דער צווייטער זייט צוריקגעטריבן מיט אַ ברוטאַלקייט, וואָס האָט שוין לכל הדעות נישט האַרמאָניזירט מיטן כאַראַקטער פונם אויסגעטרוימטן סאָוויעטן־לאַנד.

די לאַגע פון די אָנגעלאָפענע פּליטים איז ענליך געווען צו דער לאַגע פון די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מצרים און זענען שטיין געבליבן ביים ברעג פון רויטן ים. דאָרט אָבער האָט זיך געפונען אַ משה, וואָס האָט פאַר זיי געשפּאָלטן די וואַסערן, ווער וועט דאָ זיין דער משה?..

דערווייל זענען צוליב די שרעקלעכע באַדינגונגען פון לעבן אויפן פרייען פעלד שוין געווען די ערשטע קרבנות. פיל זענען קראַנק געוואָרן און עטלעכע קינדער זענען געשטאָרבן און מען האָט זיי קובר געווען אויפן אָפענעם פעלד. אויך אונזער לאַגע האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג־צו־טאָג. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן זיך מיטגענומען פון דער היים, איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען און מיר זענען שטיין געבליבן פאַרן געשפּענסט פון הונגער.

מיר האָבן אדורכגעפירט א באראטונג און ס'איז באשלאָסן געוואָרן נישט צו וואַרטן אויף דער אָפיציעלער פאראָרדנונג פון די סאָוויעטן, וואָס האָט כלומרשט געזאָלט פאַר אונז עפענען די סאָוויעטישע טעריטאָריע. מיר האָבן אויסגעקליבן צוויי חברים, זיי זאָלן זיך אריבערשיפן אין דער פינצטערניש אויף דער סאָוועטישער זייט, דאָרטן מעלדן זיך דירעקט צום קאָמאַנדיר פון דער גרעניץ־אָפטיילונג, דערציילן קליפּ און קלאָר, אז מיר זענען א גרופּע געוועזענע קאָמוניסטישע טוער און סימפּאַטיקער און באקומען אזוי ארום אַן אָפיציעלן „פּראָפּוסק" אריינצופאָרן אין אויסגעטרוימטן לאנד אריין. דער גורל איז געפאלן אויף א געוויסן ווּרובעל פון קעלץ, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַן 8 יעריקן אורטייל אין דער תפיסה אין וורָאָנקי און אויף א צווייטן פעלדמאַן, פון אָפּאָטשנע, אויך א „געזעסענער" אין דער תפיסה פון ראַדאָם. זיי האָבןביידע געקאָנט רעדן רוסיש און האָבן זיך — סיי אין הינזיכט פון זייערע תפיסה־קוואַליפיקאציעס און סיי אין הינזיכט פון שפּראַך־קענטשאַפט — אַמבעסטן געטויגט פאַר דער ראָלע פון אונזערע דעלעגאַטן.

זיי זענען אונטערן מאַנטל פון דער נאַכט אריבערגעפאָרן דעם טייך און — פּונקט אזוי ווי די נאַכט־פינצטערניש האָט זיי צוגעדעקט פאַר אונזערע אויגן — אזוי זענען זיי צוגלייך מיט די נאַכט־שאָטנס לחלוטין פארשוואונדן.

במשך פון די נאָענטסטע דריי טעג און דריי נעכט איז נישט געקומען פון זיי קיין שום ידיעה. די לאַגע איז דאָ דערווייל געוואָרן אומדערטרעגלעך. די פּליטים־מחנה איז געוואָרן אָנגעשוואָלן און ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט דאַנטע־סצענעס צווישן די אויסגעמאַטערטע און פארצווייפלטע מענטשן.

וואָס האָט געקאָנט געשען מיט די צוויי שליחים אונזערע? נישט אַנדערש, נאָר זיי זענען דער'הרג'עט געוואָרן דורך די דייטשן וואָס באוואַכן אונזערן ברעג פון סאַן. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן שוין לענגער נישט געקאָנט וואַרטן. מיר האָבן אָנגענומען דעם דעציזדירנדיקן באשלוס — אריבערגיין אליין די גרעניץ, אָן א לעגאַלער „פּראָפּוסק".

מיר זענען אָפּגעגאַנגען א צוויי־דריי קילאָמעטער לענג־אויס דעם טייך און דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן א פויער, וואָס האָט

זיך אונטערגענומען מיטן שיפל זיינעם אריבערצופירן אונז אויף דער צווייטער זייט.

די נאַכט־פינצטערניש האָט גענומען אראָפּנידערן אויף די בייער־שפּיצן און האָט זיך ווי שוואַרצער לאַק צעגאָסן איבערן גאַנצן חלל. דאָס וואַסער פונם טייך האָט אַן אָנגעזאַפּטס מיט דער טעגלעכער ליכט, געשטראַלט מיט אַ בלאַסער שיין אקעגן דעם מיט שאָטנס אָנגעגאָסענעם הימל און צווישן די פּעך־שוואַרצע ברעגעס.

מיר האָבן זיך מיט קלאַפּעדיקע הערצער אריינגעזעצט אינם שיפל. דער פויער האָט אַ ריר געטאָן מיט דער וויאָסלע. עס האָט זיך דערהערט אַ שטילער, טויבער פּליוסק. דאָס שיפל האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון שוואַרצן ברעג און איז ארויס אויפן וואַסער. די שטילקייט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט דער פינצטערניש און שווייגנדיק און מיט אַ כסדר־וואַקסנדיקער אומרואיקייט האָבן מיר זיך געגליטשט איבער דער וואַסערדיקער טאַפליע.

פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ שטומער פינצטערער ברעג מיט טונקעלע ביימען שטאַמען, וואָס האָבן געקוקט אויף אונז מיט זייער אומהיימלעכער שוואַרצקייט. וואָס דערוואַרט אונז דאָרט נאָכן אראָפּגיין פון דער יבשה? ווי אזוי וועלן מקוים ווערן אונזערע האָפענונגען? דאָס שיפל איז צוגעשוואומען צו אַ טרוקעניש און איז שטיין געבליבן. דער פויער האָט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט געהייסן אונז ארויסשטייגן. מיר האָבן, וואַקלדיקע, זיך אויפגעשטעלט און אַריבערגעשפּרייזט דעם הילצערנעם קאַנט פונם שיפל און דערפילט אונטערן פיס דעם ערשטן אָנריר פון יבשה. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס שיפל זיך גענומען צוריקגליטשן צום אַקעגנאיבערדיקן טרוקעניש. מיר האָבן דערפילט, אַז מיר זענען אויף אַן ערד.

אויף דער סאָוויעטישער ערד.

קאַפּיטל פיר

צוגלייך מיטן אַריבערשיפן זיך אויף דער צווייטער זייט טייך, האָט אין מזרח אַרויסגעקאָלערט זיך א ריזעדיקער רויטער זון־קייַלעך און דאָס אָקאַרשט־פינצטערע פעלד איז שטיין געבליבן אין א צופלאַמטער ליכט.

דער „סאָוויעטישער" ברעג פונעם טייך האָט זיך לגמרי נישט אונטערשיידעט פון דעם נאַצישן — די זעלבע גרעזער, די זעלבעביימער און קוסטעס. די מערהייט פון דער גרופּע אונזערע האָט באַשלאָסן נאָכצופאָלגן זייער קאָמוניסטיש געוויסן און נישט באַגנוגענען זיך מיטן גנב'ענען די גרעניץ, נאָר אַוועקגיין אין דער קאָמענדאַטור און מעלדן אָפיציעל וועגן זייער אָנקומען און ביי דער געלעגנהייט „ראַפּאָרטירן" וועגן די צוויי פאַרשווונדענע דעלעגאַטן.

איך און קאָנער האָבן נישט געפילט זיך פאַרפליכטעט פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט אָפּצוגעבן אַ ראַפּאָרט וועגן אונזער קומען. מיר האָבן דעריבער געהאַנדלט „נישט דיסציפּלינירט" און אַנשטאָט אַוועקצומאַרשירן אין דער סאָוויעטישער מיליטערישער קאָמאַנדאַנטור און אָנזאָגן זיי די בשורה, אַז מיר זענען דאָ, האָבן מיר זיך געלאָזט מיט אַ זייטיקן וועג אין שטעטל אַריין.

גלייך ביים איבערטרעטן די שוועל פון דער שטאָט, האָבן מיר באַגעגנט דעם ערשטן אָטריאַד פון דער רויטער אַרמיי.

א סך פון די זעלנער זענען געווען אָנגעטאָן אין וואַטענע הויזן מיט פופייקעס. פיל פון זיי האָבן געטראָגן די ביקסן אויף לייוונטענע גרינע פּאַסקעס. די היטלען און די שינעלן זענען געווען אָפּגעלאָזן און שמוציק. דער ערשטער איינדרוק איז געווען נישט

קיין געהויבענער, אָבער כ'האָב עס מיר גלייך אויסגעטייטשט (מיט דער הילף פון קאַנערן), אַז אין אַ סאָציאַליסטישער פאָלקס־אַרמיי איז נישט וויכטיק דער אויסערלעכער גלאַנץ. פאַרקערט, דווקא מיט דער דאָזיקער געוויינלעכקייט און פשטות דעמאָנסטרירן זיי, אַז זיי זענען קינדער פון פאָלק און גרייט צו דינען די אינטערעסן פון פאָלק... עס איז געווען אַ גאַנץ אויסטערלישע אויסטייטשונג, אָבער ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל.

אין שטאָט איז געווען פריילעך. די מיקראָפאָנען האָבן אַריינגעגאָסן אין די גאַסן גאַנצע שטראָמען מיט רויט־אַרמייאישע לידער און דער עולם האָט מיטגעזונגען און אפילו מיטגעטאַנצט. אומעטום האָבן געפלאַטערט רויטע פענער און ציווילע יונגעלייט האָבן זיך אַרומגעדרייט באַוואָפנטע מיט ביקסן.

עפּיס אינעווייניק האָט פאַרלאַנגט פון מיר, כ'זאָל מיך אונטערגעבן דעם שטראָם פון שמחה, וואָס פליסט איבער דער שטאָט, און אויך באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער האָפערדיקער שטימונג, אָבער כ'בין געווען צופיל אויסגעמאַטערט פיזיש, אַז כ'זאָל קאָנען מיטמאַכן די דאָזיקע פרייד. טיף אין האַרץ האָב איך באַדויערט, וואָס כ'בין נישט מיטגעגאַנגען מיט דער קאָמוניסטן־גרופּע צו דער קאָמענדאַנטור. ווער ווייסט? ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז יעדער פון זיי טראָגט שוין אַ פּאָר שליפעס פון אַ קאָמיסאַר.

די גאַסן זענען געווען אויסגעפלאַקאַטירט מיט פאַרשיידענע פּאָרטרעטן.

מאַרקסן מיט ענגעלסן האָב איך דערקענט. די איבעריקע פּנימער זענען מיר געווען פרעמד, עפּעס קאַלטע, פאַרשלאָסענע פּנימער, וואָס האָבן ביי מיר נישט אָנגעצונדן קיין פונק פון וואַרימקייט. פון באַן־וואָקזאַל זענען אָפּגעפאָרן גרופּן מיט פרייוויליקע אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. די שמחה זייערע איז געווען אומגעהויער גרויס. זיי האָבן פאַרטויבט דעם גאַנצן שטח אַרום וואָקזאַל מיט זייערע פרייד־רופן. אָבער מיר איז געווען גענוג קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. פון גרעניץ־פּאַס, פון יענער זייט פּושעמישל, זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון דער כסדר וואַקסנדיקער צאָל פליטים. מען האָט דערציילט וועגן צענדליקער געשטאָרבענע אויפן גרעניץ־פּאַס.

די פאַרצווייפלטע פליטים האָבן זיך — דערציילט מען —

געפּרוווט אַדורכרייסן מיט געוואַלט אויף דער סאָוויעטישער זייט און זענען ברוטאַל צוריקגעשטויסן געוואָרן. דער יקרות אין דער שטאָט איז געווען אַן אומדערטרעגלעכער. פּאַר אַ גלאָז טיי אָן צוקער האָט מען געצאָלט 4 זלאָטעס. די געשעפטן זענען געשטאַנען אויס־געליידיקטע. סאָוויעטישע אָפיצירן מיט זעלנער זענען ארומגעגאַנ־גען איבער די געוועלבער, מיט גרויסע טשעמאָדאַנעס און האָבן אָפּגעקויפט, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט: מלבושים, שטאָפן, ווייזערס צו זייגער־לעך, פּראַשקעס צו קאָפּ־ווייטיק, וואַטע, זוילן צו שיך, טשוועקעס און שפּילקעס צו גראַמאָפאָנען. אַלץ איז געווען סחורה און אַלץ האָבן זיי אַריינגעשאַרט, אַזוי ווי די היישעריקן, אין די טשעמאָדאַנעס אַריין.

סוף כל סוף האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די טומלדיקע, הונגעריקע שטאָט, און פאָרן קיין לעמבערג, ווו כ׳האָב געהאָפט מיך צו טרעפן מיט מיין ברודער, וועלכער איז דאָרט באַקאַנט געווען אַלס באַרימטער ספּאָרטלער.

דאָס פאָרן פון פּזשעמישל קיין לעמבערג איז נישט געווען קיין געוויינלעכע באַן־רייזע, ס׳האָט אין זיך געהאַט אַלע עלעמענטן פון אַוואַנטורע, צופאַל און לאָטעריע. דער סוף איז געווען, אַז כ׳האָב מיך דערשלאָגן קיין לעמבערג, וואָס עס האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט אַן אמתן מיש־מאַש פון צענדליקער טויזנטער פּליטים פון אַלע עקן פּוילן. בייטאָג האָט זיך די געשוואָלענע מענטשן־מאַסע באַוועגט איבער די אָנגעפּראָפּטע גאַסן און ביינאַכט איז מען געשלאָפן אין שולן, בתי־מדרשים, אויף שטיגן פון הייזער און אויפן וואָקזאַל.

די דאָזיקע זיבן מעת לעת פון פרייהייט האָבן מיר דער־וויילן נישט געגעבן מער ווי שלאָפלאָזיקייט, הונגער, מאַטערניש און אַ פיזישע און גייסטיקע דערשעפּונג.

קאַפּיטל פינף

וואָס טוט מען ווייטער? וועגן דעם איז מיר שוין אָבער נישט אויסגעקומען צו זאָרגן. ווייל דאָ האָט זיך אריינגעמישט אַ פאַקטאָר, אויף וועלכן כ'האָב מיך לחלוטין נישט געריכט און וועלכער האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף מיין גאַנץ ווייטערדיקן לעבן. גייענדיק, דעם דריטן טאָג, איבער איינער פון די לעמבערגער גאַסן, האָבן מיך ארומגערינגלט צוויי רויט־אַרמייער מיט איין ציווילן און האָבן מיך אַ פרעג געטאָן: „דאָקומענטי יעסט"? קיין דאָקומענטן האָב איך נישט געהאַט, נאָר בלויז א צעקנייטשטע מעטריקע.

איינער פון די רויט־אַרמייער, האָט אַריינגעלייגט די מעטריקע אין דער קעשענע אריין און האָט מיך געהייסן גיין, און אַזוי האָט מען מיך אַדורכגעפירט דורך דער לעגיאָנווו גאַס, דאַן דורך דער קאַזשימיעזשאָווסקע גלייך אין דער תפיסה אריין, אין די באַרימטע לעמבערגער „בריגידקעס".

אויפן פאַרטער אין צימער נומער איינס, האָט מען מיר באַפוילן אויסצוטאָן די שיך און בעת מעשה האָט אַ צווייטער באַאַמטער געפרעגט ווען און ווו כ'בין געבוירן געוואָרן און צי כ'האָב געהערט אַמאָל צו עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע. כ'האָב דערויף געענטפערט, אז כ'האָב געהערט צו אַ ספּאָרט־קלוב „מכבי". און דער דאָזיקער ענטפער האָט אים וואַרשיינלעך צופרידנגעשטעלט, ווייל ר'איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ צווייט צימער. אין אַ מינוט אַרום איז אָבער ארויסגעקומען פון דאָרט אן אנדערער פאַרשוין און האָט מיך געפרעגט, וואָס דאָס באַדייט אזוינס „מכבי"? כ'האָב אים אויפגעקלערט די פונקציעס און צילן פון דאָזיקן ספּאָרט־קלוב

און כ׳האָב אים גלייכצייטיק דערציילט וועגן דעם גאַנצן וועג מייַ־נעם פון וויעזשבניק און וועגן דער גרופּע מיט חברים, מיט וועלכע כ׳בין צוזאַמען אַריבער די גרעניץ.

ער האָט זיך דאָס אַלץ גענוי פאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל און ער איז ווידער אַרויס, איבערלאָזנדיק מיך אַליין אינם צימער מיט צוויי פאַרקראַטעוועטע פענסטער. ס׳זענען אָבער נישט אַדורך קיין פינף מינוט און ער איז ווידעראַמאָל צוריקגעקומען און האָט געזאָגט צו מיר : דאָס, וואָס די חברים דיינע האָבן דיך פאַרזי־כערט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען נישט פאַראַן קיין תפיסות איז טאַקע אמת. אָבער דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן וועגן געוויינ־לעכע מענטשן, אָבער נישט וועגן ענגלישע שפּיאָנען. דו אָבער, איז ער גלייך אַריבערגעגאַנגען אין אַ ברוטאַלן און דראָענדיקן טאָן, ביזט אַן ענגלישער אַגענט און דו וועסט ביי אונז פאַרפוילט ווערן אין די תפיסות.

כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. וויצלט ער זיך, אפשר ? אויב אַזוי, איז עס אַן אויסטערלישער חוש פאַר הומאָר.

ער האָט אָבער נישט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוויצלט. פאַרקערט, ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ קלאַפּע, און אָנגעהויבן מיט מיר צו שאָקלען.

— זאָג בעסער דעם אמת וועגן דיין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פאַר דער ענגלישער רעגירונג, וועלן מיר דיך באַפרייען, טאָמער נישט, וועט זיין אַ קלאָג צו דיינע יאָרן.

כ׳האָב אים דערויף געענטפערט, אַז כ׳האָב נאָך איבערהויפּט נישט געזען קיין איין ענגלענדער פאַר די אויגן. אַז כ׳בין דאָ אַהערגעקומען, כדי צו געפונען אַ היים אינם יושרדיקן לאַנד פון די סאָוויעטן. טאָמער אָבער האָב איך נישט געפונען קיין חן ביי אים אין די אויגן, טאָ זאָל ער מיך צוריקשיקן, פון וואַנען איך בין געקומען.

דערויף האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל מילדער, אַז איך וועל דאָ איבערנעכטיקן אין דער תפיסה און כ׳זאָל מיך איבערקלערן און מסכים זיין צו זאָגן דעם אמת. ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ תפיסה־וועכטער, מיט אַ פּאַק שליסלען, און יענער האָט מיך קודם כל נאָכאַמאָל באַזוכט, און צוגענומען דאָס געלט.

דעם זייגער מיט די שנוראַוואַדלעס און דאַן האָט ער מיך דורך א לאַנגער ריי מיט קאָרידאָרן צוגעפירט צו אַ טיר, און האָט מיך אַריינגעשטויסן אינעווייניק.

דאָס צימער איז געווען גרויס און אין ערשטן מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעדוכטן, אַז ס'איז ליידיק. אָבער גלייך האָב איך, אַ דערשיטערטער דערזען, ווי די גאַנצע פּאָדלאָגע איז געווען באַליינט מיט ענג־צונויפגעפּרעסטע קערפּערס פון אַרעסטירטע. די קעפּ זענען געווען אָנגעשפּאַרטע אָן דער וואַנט און די פיס צו די פּיס. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. וווּ איז דאָ פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר מיר? איינער פון די נאָענט־ליגנדיקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט מיך אַ פרעג געטאָן, צי כ'האָב אַ פּאַפּיראָס. דערהערנדיק, אַז יאָ, האָט ער גלייך געמאַכט נעבן זיך אַן אָרט און כ'האָב מיך געהאַט ווו אַוועקצולייגן. כ'האָב מיך שטיל אַ פרעג געטאָן: וויפל מענטשן זענען דאָ פאַראַן אין דאָזיקן צי־מער. דערויף האָבן זיך אַלע שכנותדיק ליגנדיקע צעלאַכט און גע־זאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין צימער נאָר אַ צעלע. די ליכט האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. כ'האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. די שלייפן האָבן מיר געהאַקט, דאָס בלוט האָט נערוועז אַרומגע־קרייזט אין די אָדערן; די לופט איז געווען אַ שטיקנדיקע, דער עולם איז צוליב דער היץ געווען בלויז אין אונטערוועש און ס'האָט זיך פון די קערפּערס געטראָגן אַ שטיקנדיקע פּאַרע. ס'האָט מיך געאיבלט און אין קאָפּ האָט זיך מיר געמישט אַזוי ווי אין אַ קרענק.

פאַרטאָג האָט דער עולם זיך אויפגעשטעלט און דורך אַ טונקעלן קאָרידאָר האָט מען זיך אַדורכגעשטופּט אין אַ טואַלעטע אַריין.

כ'האָב מיך באַוועגט ווי אין אַ פינצטערן קאָשמאַר. נאָכן צוריקגעקומען אין דער צעלע, האָט אונז דער „סטאַראָסטע" אויסגעשטעלט אין רייען צו זעקס און ווען ס'איז אַריינגעקומען דער תפיסה־עלטסטער אין דער באַגלייטונג פון צוויי געהילפן און האָט אַ פרעג געטאָן דעם סטאַראָסטע: סקאָלקאָ לודיעי? האָט אים יענער געענטפערט: 69. דער תפיסה־עלטסטער האָט איבער־געציילט דעם עולם, דאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן: דאָ סווידאַניאַ, און דער גאַנצער עולם האָט אים צוריקגעענטפערט: דאָ סווידאַניאַ, גראַזשדאַנין נאַטשעלניק.

די גאַנצע סצענע האָט אויסגעזען אויסטערליש פריינטלעך און אידיליש.

אויף פרישטיק האָבן מיר באַקומען אַ שוואַרץ וואַסער, וואָס האָט געטראָגן דעם זייער פּרעטענציאָנעלן נאָמען פון קאַווע און 550 גראַם ברויט, וואָס איז געווען לייטיק און פייכט און מ׳האָט געקאָנט דערפון קנעטן מענטשעלעך, אָבער אַראָפּשלינגען האָב איך עס בשום אופן נישט געקענט און כ׳האָב עס צעטיילט צווישן עולם.

אַלע אַרעסטאַנטן זענען געווען באַוואַקסן מיט בערד, בלויז די קעפּ זענען געווען אָפּראַזירט. דער עולם האָט מיך גענומען אויספרעגן, פאַרוואָס מ׳האָט מיך איינגעזעצט און איך האָב זיי דערויף געענטפערט, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ מיספאַרשטענדניש, אַז אַרעסטירט האָט מען מיך ווי אַן ענגלישן שפּיאָן, מען האָט מיר אָבער צוגעזאָגט צו באַפרייען גלייך נאָכדעם, ווי כ׳וועלן זאָגן דעם אמת.

דער עולם האָט עפּעס געשמייכלט אונטער דער נאָז. צי האָבן זיי געשמייכלט דערפון, וואָס מ׳האָט מיך חושד געווען אין ענג־לישן שפּיאָנאַזש, צי דערפון, וואָס כ׳גלייב די צוזאָגעכצן פון נ. ק. וו. ד.?

אין דער צעלע זענען געווען 42 יידן. די איבעריקע זענען באַ־שטאַנען פון אוקראַינער און פּאָלאַקן. אויף דער פראַגע מיינער, ווי לאַנג זיי זיצן שוין, האָט מען מיר געענטפערט: אַז אַ גרויסער טייל זיצט שוין דריי וואָכן. דאָס האָט מיר אָבער אויסגעזען אומ־מעגלעך. סטייטש? די רויטע אַרמיי געפינט זיך דאָ ערשט נישט מער ווי אַ צען טעג! אָבער די פראַגע איז מיר גלייך פאַרענט־פערט געוואָרן.

זיי זענען ס׳רוב געווען פּליטים, וואָס זענען דאָ אָנגעקומען קיין לעמבערג גלייך ווי ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג און נישט האָבנדיק וווּ צו נעכטיקן, האָבן זיי זיך אַריינגעצויגן אין דער תפיסה צוזאַמען מיט די פאַמיליעס זייערע און דאָ האָבן זיי גענעכטיקט במשך פון עטלעכע טעג. אַ געוויסן פּרימאָרגן אָבער, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען, האָבן זיי נישט געקאָנט עפענען די טירן. פונדרויסן זענען געהאָנגען שלעסער. ס׳האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די זעלבע נאַכט האָבן אַריינמאַרשירט די סאָוויעטן און

האָבן קודם כל פאַרשלאָסן די אלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די צעלן. די פּראָטעסטן מיט די געשרייען פון די צופעליקע אַרע־סטאַנטן האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ טויבע וואַנט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די סאָוויעטישע וועכטער אָפּגעטיילט די פרויען מיט די קינדער און האָבן זיי ערגיץ אוועק־געפירט. וווהין? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָך מיט עט־לעכע טעג פריער האָט מען געהערט דאָס קינדערישע געוויין פון די שכנותדיקע צעלעס. די אַרעסטאַנטן האָבן נישט געגלויבט, אַז מ׳האָט די ווייבער זייערע מיט די קינדער אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט כאָטש איינער פון זיי באַקומען פון אויסנווייניק אַ פּעקל. די געשיכטע מיט די צופעליק אַרעסטירטע איז געווען אַ טראַגי־קאָמישע, אָבער מיר האָט געדונצלט די הויט בעת כ׳האָב געקוקט אויף די עטלעכע צענדליק צופעליקע קרבנות פון דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט.

צו מיטאָג צייט האָט מען מיר דערלאַנגט אַ לעפל מיט אַן אַלומיניום שיסל אָנגעפילט מיט אַ געזאַלצענע פליסיקייט מיט גרויפּן און מיט נישט־געשיילטע קאַרטאָפל. דער געשטאַנק פון דער דאָזיקן זופּ איז געווען נישט בעסער ווי פון דער פּאַראַשע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון דער צעלע. אָבער די איבלדיקע ריחות מיט דער פינצטערניש און גרויקייט און פאַרצווייפלונג פון די מענטשלעכע געזיכטער זענען ביסלעכווייז געוואָרן אַ שטענדיקע דעקאָראַציע, צו וועלכע איך האָב מיך שנעלער צוגעוווינט ווי כ׳האָב מיך געריכט.

יעדן אינדערפרי האָט דער עלטסטער פון דער צעלע באַ־שטימט צוויי פון די אַרעסטאַנטן אויסצוקערן די פּאָדלאָגע און אַרויסצוטראָגן די פּאַראַשע. דער סטאַראָסטע אליין איז געווען אַ ווילער מענטש, אַן אוקראַינער, פון באַרוף איז ער געווען אַן אינזשיניער־טעכנאָלאָג. ער האָט מיט דער פרוי זיינער און מיט אַ פּאָר חדשימדיק קינד פאַרנומען אַ פיר־צימערדיקע דירה אין לעמ־בערג און ווען די רוסן זענען אַריין האָבן זיי רעקווירירט די וווינונג און אים האָט מען אוועקגעפירט אויף די „בריגידקעס”. ער דער־ציילט די געשיכטע מיט אַ גלייכגילטיקייט פון אַ מענטש, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַ האָפענונגסלאָזער רעזיגנאַציע.

איך קאָן דאָס אַלץ נישט באַגרייפן און באַרואיק אים, אַז דאָס

אַלץ איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקער אַרעסט און מ׳וועט אים בקרוב אַרויסלאָזן. עס איז דאָס זעלבע מיספּאַרשטייעניש, וואָס מיט מיר. אַט וועט ער זען, אַז באַלד וועט מען מיך אַרויסרופן צום אויספאָרשונג־ריכטער און יענער וועט דערזען די לעכערלעכ־קייט פון דער באַשולדיקונג, אַז כ׳בין אַן ענגלישער שפּיאָן און מ׳וועט מיך פריילאָזן. אָבער די האָפעררדיקייט מיינע איז אַ ביסל בלאַסער געוואָרן, ווען ס׳זענען אַדורך די ערשטע פּאָר מעת־לעת און מען האָט מיך, טראָץ דעם צוזאָג, נישט גערופן.

כ׳האָב געבעטן דעם סטאַראָסטע, ער זאָל וועגן דעם אינטער־ווענירן ביים נאַטשאַלניק בעת דעם מאָרגנדיקן דיזשור. דער נאַ־טשאַלניק האָט דערויף קורץ געזאָגט: ניטשעוואָ, דער קאָמיסאַר האָט אוודאי פיל אַרבעט און ער וועט מיך רופן שפּעטער. דער שפּעטער האָט זיך גענומען ציען אַזוי ווי גומע און אַז סוף כל סוף איז ער געוואָרן אַ בלאַסער און נישט אָנזעעוודיקער פּונקט ערגיץ אין דער אוממענדלעכקייט.

קאַפּיטל זעקס

צוויי וואָכן זענען שוין אַדורך, ווי מ'האָט מיך אַרעסטירט. כ'האָב מיך שוין צוגעוווינט צום לײמענעם ברויט, צו דער שטינ־קענדיקער זופּ צו די אינזעקטן. אַממייסטן האָבן די אַרעסטאַנטן געליטן דערפֿון, וואָס ס'איז נישט געווען וואָס צו רויכערן. מ'האָט פֿאַרקויפֿט די לעצטע שטיקלעך מלבושים דעם וועכטער, ער זאָל ברענגען דערפֿאַר מאַכאָרקע.

א געוויסן פֿרימאָרגן האָט דער וועכטער געעפֿנט די טיר און געזאָגט: סאָביעראַיטיעס ס' וויעשטשאַמי, באַניאַ! דאָס הייסט, מיר זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט די זאַכן און גיין אין באָד אַריין. דאָס איז געווען אַ שטיק דערפֿרישונג אין אונזער בסדרדיקער אַטמאָספֿערע פֿון צעפֿוילטקייט. איך האָב מיך געפֿילט, ווי מען וואָלט מיך אַרויסגענומען פֿון אַ קבר און איבערגעלופֿטערט אויף דער זון. נאָך דער באָד האָט מען אונז אָפּגעשוירן, אָפּראַזירט און אויסגעפּאַרעוועט די וועש.

איצט בין איך שוין פֿולשטענדיק ענליך צו די איבעריקע מיט־אַרעסטאַנטן. איך פֿאַרשעלט די חברים מײַנע פֿאַר די ליגנס, וואָס זיי האָבן מיר אָנדערציילט וועגן דעם גן־עדן אין רוסלאַנד. איך טראַכט אָבער: און אפֿשר האָבן זיי אַליין נישט געוווּסט? אפֿשר זענען זיי אַליין אָפּגענאַרט געוואָרן דורך אַנדערע?

אין דער צעלע איז הייס, דער עולם גייט אַרום אין די וועש, איינער פֿון די אַרעסטאַנטן, אַ ייד פֿון עטלעכע און פֿערציק יאָר, פֿון צוויזמיר, איז אײַנמיטן דער נאַכט געשטאָרבן. ער האָט געהייסן הירשבערג. אינדערפֿרי האָט מען באַמערקט, אַז ער איז טויט, וואַר־שײַנלעך געשטאָרבן אין שלאָף פֿון אַ האַרץ אַטאַק. אַ צווייטער

ייד — ראָזנבלום פון יאַראָסלאַוו — האָט זיך אָוועקגעשטעלט זאָגן קדיש.

די גאַנצע צעלע האָט געוויינט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען דערוואַקסענע מענער אַזוי אומפאַרשעמט וויינען. דער גאַנצער צער, וואָס איז געווען אין אונז אויפגעזאַמלט, די גאַנצע פאַרצווייפּלונג אונזערע האָט געפינען אַן אָפּפלוס אינם אויסברוך פון געוויין. דער טויט פונם אַרעסטאַנט איז געווען בלויז אַ פּרעטעקסט. מיר האָבן, ווייזט אויס, אַלע געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט נישט צו שטיקן אין זיך לענגער די יסורים, און אַרויסצוברעכן מיט אַ געיאָמער.

צוויי וועכטער מיט צוויי אַרעסטאַנטן האָבן אַרויסגעטראָגן דעם מת. איינער פון אונזערע געפאַנגענע, וואָס האָט כמעט שטענדיק געשוויגן, האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן פאַר אַ דאָקטאָר. ער האָט געהייסן אַדאָם ראָלניצקי און איז געווען אַ מאַיאָר אין דער פּוילישער אַרמיי, אין פיפטן פּולק פון דער לייכטער אַרטילעריע. ערב דער קאַפּיטולאַציע האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע קליידער און האָט געלאָזט זיך אין וועג אַריין, כדי אומצוקערן זיך צו דער פאַמיליע זיינער, אַ פרוי מיט פיר קינדער. אָבער ביי דער גרעניץ האָט מען אים פאַרהאַלטן און נאָכן אָפּזיצן 8 טעג אין ראַוואַ רוסקאַ האָט מען אים איבערגעפירט אין די בריגידקעס.

בעת איינעם פון די נאָענטסטע טעג האָט דער וועכטער געעפנט די טיר און האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון דאָזיקן דאָקטאָר און האָט צו אים געזאָגט: „זאַביעראַיסיאַ ז׳ וויעשטשאַמי”. ער האָט זיך אַ האָפערדיקער מיט אונז געזעגנט גלויבנדיק, אַז מען וועט אים איצט אַרויסלאָזן אויף דער פריי.

מיר האָבן אים מקנא געווען, אָבער מיר האָבן אים גלייכצייטיק פאַרגינען פון גאַנצן האַרץ. מיר האָבן אויך געזען דערין אַ סימן, אַז אויך פאַר אונז זענען די אייזערנע טירן נישט געשלאָסן אויף אייביק.

אין דער צעלע אונזערע האָט דערווייל אויפגעהערט צו הערשן דער אידילישער שלום בית. איינער פון די פּאָליאַקן, אַ געוויסער ציגאַנעק, איז געווען אַ כראָנישער פאַרברעכער און ער האָט, זיך אַ געוויסן טאָג געגומען באַרימען, ווי ער האָט בעתן קריג ראַבירט

יידישע געשעפטן. א צווייטער, א לעמבערגער אונטערוועלטניק, קאָוואַלסקי, האָט דערציילט מיט שטאָלץ, ווי ער האָט געהאַקט יידישע שויבן און ווי די ענדעקעס האָבן אים פאַר יעדער שויב באַצאָלט צוויי זלאָטעס.

דאָס רעדן זיינס האָט מיך אונטערגעהויבן. מיין גאַנצער צאָרן, וואָס האָט געגליט אין מיר זינט דעם אַרעסט, האָט זיך געווענדעט קעגן דעם דאָזיקן כוליגאַן. ער איז געווען אפשר 1.80 די הויך, א ברייטפּלייציקער און א ביינִיקער פּאַרשוין, אָבער דאָס געשטאַלט זיינס האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן, כ׳האָב אים א כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע, א דריי געטאָן אים צוויי מאָל אין דער לופטן און אַזאַ שליידער געטאָן אין דער וואַנט, אַז פון מויל און פון דער נאָז האָט זיך אים געלאָזט א שטראָם מיט בלוט. דער סטאַראָסטע האָט גענומען קלאַפּן אין דער טיר און אין א ווײַלע אַרום האָט מען דעם צעבלוטיקטן קאָוואַלסקין אוועקגענומען ערגיץ אויף א טראָג־בעטל. א נ. ק. וו. ד.־אַגענט האָט מיך אויסגעפרעגט, פאַרוואָס כ׳האָב עס געטאָן און כ׳האָב אים דערציילט אַלץ בפרטיות און דער סטאַראָסטע האָט עס באַשטעטיקט.

ווידער האָבן גענומען פליסן אויסזיכטלאָזע נעכט און טעג. די גרויע קלעפּיקייט פון דער צעלע איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און האָט זיך גענומען פאַרציען אַרום האַלדז מיינעם ווי א פּעטליע. כ׳בין געלעגן אין די נעכט אָקעגן איבער דער אָנגעצונדענער, שטעכיקער לאָמפּ און כ׳האָב געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט, ממש מיט די פינגער אָנצורירן, וואָס איז אָבער אין דער אמתן געווען אַזוי אומענדלעך ווייט.

וואָס קומט איצט פאַר אינם שטעטל מיינעם, וויעזשבניק? כ׳האָב פלוצלונג דערפילט די שאַרפע ריחות פון די סאָסנע־ביימער, כ׳האָב דערהערט דעם ווייכן געפּליסטער פונם טייך, פאַר די אויגן זענען מיר שטיין געבליבן די געזיכטער פון אַלע מיינע נאָענטסטע. ווער האָט אוועקגעשטעלט די דאָזיקע וואַנט צווישן מיר און זיי? וואָס פאַראַ פינצטערע האַנט האָט אָנגעמאַכט דעם דאָזיקן מוראדיקן חורבן?

כ׳האָב פלוצלונג דערהערט דעם נאָמען מיינעם. כ׳האָב א צאַפּל געטאָן. ווער רופט עס? פאַר די אויגן האָט אויפגעטייכט די ווירקלעכקייט — די צעלע מיט די צוזאַמענגעקנאָדערטע גופים

פון די אַרעסטאַנטן. אין דער טיר איז געשטאַנען דער וועכטער און האָט געזאָגט צו מיר: זאַביעראַיסיאַ ז' וויעשטשאַמי. דאָס האָרץ האָט מיר אַ ציטער געטאָן. דער קאָשמאַר מיינער איז געענדיקט.

מיט איין שפרונג געפין איך מיך אויפן קאָרידאָר. דער וועכטער באַפעלט מיך צו האַלטן די הענט אויף הינטן. אינם טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר פירט מען אַ צווייטן געפאַנגענעם און איך מוז מיך אויסדרייען צו דער וואַנט, כדי נישט צו זען יענעמס געזיכט, בעת מען פירט אים אַדורך.

דער וועכטער פירט מיך דורך לאַנגע טונעלן און דורך טרעפ און ער שטעלט מיך אָפּ פאַר אַן אייזערנער טיר. די טיר עפנט זיך, אינעווייניק איז אַ ביוראָ. מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ טרעט איך איבער די שוועל. איך דערמאָן מיך, ווי מ'האָט מיר דעם ערשטן טאָג, ביים אַרעסטירן, געזאָגט, אַז אויב כ'וועל זאָגן דעם גאַנצן אמת, וועט מען מיך פריי לאָזן. איך גיי אַריין אין צימער מיטן ג א נ צ ן אמת אויף די ליפּן. כ'בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, כ'האָב פאַר די דאָזיקע לייט גאָרנישט צו באַהאַלטן. כ'גיי אַריין גרייט צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. אָבער טיף אין האַרץ זאָגט אַ צווייפל: צי וועלן אויך זיי האַלטן זייער צוזאָג?

קאַפּיטל זיבן

אין צימער הינטער אַ טישל זענען געזעסן צוויי ציוויל־געקליידעטע מענער. איינער פון זיי האָט מיר אָנגעוויזן מיט אַ שפּיץ פינגער אויף אַ שטול און געזאָגט:

— סאַדיסיאַ.

כ׳האָב געפּרוווט אַרויסדרינגען פונם טאָן פון זיין שטימע, וואָס פאַראַ גורל ס׳דערוואַרט מיך. אָבער די שטימע זיינע איז געווען טרוקן און מאַט. ערשט ווען כ׳האָב דערהערט די ערשטע פראַגע איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, אין קעגנזאַץ צו דער סאַמע ערשטער אויספאָרשונג, ווען יענער נ. ק. וו. ד.־אָפיציר האָט נאָך געהאַט געוויסע ספקות, צי כ׳בין טאַקע אַן ענגלישער אַגענט, האָט איינער פון די ציוויליסטן ביים שרייב־טישל אַ פרעג געטאָן מיך פון הינטן אַרום:

— זאָג אונז, וווּ ס׳געפינט זיך די צענטראַלע פון ענגלישן שפּיאָנאַזש ביוראָ?

גישט מער און נישט ווייניקער. בלויז דעם אַדרעס זאָל איך אים זאָגן. כ׳האָב מיט אַ מאָדנע רואיקע שטימע געענטפערט אים, אַז נישט בלויז בין איך נישט קיין אַגענט, נאָר אַז כ׳האָב קיינמאָל אין לעבן נישט געזען קיין ענגלענדער פאַר די אויגן. דערויף האָבן זיך ביי אים די אויגן אָנגעגאָסן מיט אַ גרינער רציחה און ער האָט שפּיציק אַ קוויטש געטאָן:

— ווריאַש! די הינטישער זון!

דאָס איז וויזט אויס געווען אַ באַשטימטער סיגנאַל, ווייל אין זעלבן מאָמענט האָט דער צווייטער זיך אויפגעשטעלט, ער איז מיר פלוצלונג אויפגעוואַקסן הינטערן רוקן, האָט אַ שלעפּ געטאָן

ביים פיסל פונם בענקל אויף וועלכן כ׳בין געזעסן, און כ׳בין אַ פאַל געטאָן אויף דר׳ערד צוזאַמען מיטן אומגעקערטן בענקל. ליגנדיק אויף דר׳ערד האָב איך פּלוצלונג דערשפּירט אַ טעמפּן קלאַפּ איבער די פּלייצעס. דאָס האָט דער תּליון מיינער זיך אוועקגעשטעלט איבער מיר און האָט מיך גענומען באַדעקן מיט אַ גומען קניפּל.

דער פּלוצלונגדיקער ווייטיק האָט מיך פון אָנהויב פולשטענדיק פּאַראַליזירט, באַלד אָבער בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדער רציחה. אַ נעפּל פון צאָרן האָט מיר פאַרדעקט די אויגן און האָט מיר פאַרגאָסן דאָס באַוווסטזיין און נישט אָנגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, וואָס כ׳טו, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די טאַבורעטקע און כ׳האָב אים געטאָן אַזאַ שטאַרקן זבענק איבערן קאָפּ, אַז פונם בענקל איז מיר פאַרבליבן בלויז אין דער האַנט אַ פיסל. כ׳האָב דאַן אַ געשריי געטאָן, אַז ווער ס׳וועט זיך דערוועגן צו מיר צוצוקומען וועט האָבן דעם זעלבן סוף.

אויפן ווייטיקלעכן געשריי פונם צעבלוטיקטן סלעדאָוואַטעל זענען פון אַ זייטיקן צימער אַריינגעלאָפן פיר מאַן. דעם פאַרוווּנדעטן אויספאָרשונגס־ריכטער האָט מען אַרויסגעפירט דורך אַ הינטער־טיר און דאַן זענען זיי געבליבן מיט מיר פּנים אל פּנים און האָבן מיך אַ רגע שווייגנדיק אָנגעקוקט, ווי כ׳בין געשטאַנען און האָב שווער געעטעמט פאַר אויפרעגונג. כ׳האָב דערוואַרט, אַז זיי וועלן זיך גלייך וואַרפן אויף מיר און צערייסן אויף שטיקער, אָבער צו מיין גרויסער שטוינונג האָבן זיי מיך געהייסן צוריק אַוועקזעצן און האָבן מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

זיי האָבן מיר אָנגעהויבן צו שטעלן פון אַלע זייטן פראַגן: ערשטנס זאָל איך זיי זאָגן, פאַרוואָס כ׳האָב פאַר די מיטאַרעסטאַנטן אין דער צעלע אויסגערעדט אויף די רוסן? און צווייטנס, זאָל איך זיי זאָגן, ווער ס׳איז געווען דער ענגלישער אַגענט מיט וועלכן כ׳שטיי אין קאָנטאַקט? און דריטנס זאָל איך זיי דערקלערן, וואָס ס׳באַדייט אַזוינס מכבי?

כ׳האָב זיי געענטפערט, אַז אויף די רוסן האָב איך פאַר קיינעם נישט אויסגערעדט, אַז מיט קיין שום ענגלישן אַגענט שטיי איך נישט אין קאָנטאַקט און אַז מכבי איז דער נאָמען פון אַ יידישן

ספּאָרט־קלוב, אויפֿן אָנדענק פֿון דער גבורה פֿון די יידישע מכבעער, וועלכע האָבן געקעמפּט קעגן די רוימער.

די ענטפּערס מיינע האָבן זיי אריינגעוואָרפֿן אין א ווילדן גרימצאָרן. זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף מיר ווי די היישעריקן. מ'האָט מיר אָנגעטאָן קייטלעך אויף די הענט און איינער האָט מיר צוגעשטעלט צום קאָפּ א רעוואָלווער, זאָגנדיק, אז אויב כ'וועל נישט זאָגן דעם גאַנצן אמת, וועט מען מיך דערשיסן ווי א הונט. זיי האָבן מיר געגעבן א האַלבע שעה זיך איבערצוליייגן. דריי פֿון זיי זענען אַרויס און בלויז איינער איז געבליבן מיט מיר כדי מיך צו היטן.

מיר האָבן זיך א ווײַלע שטום אָנגעקוקט — און און דער נ. ק. וו. ד.־אַגענט. און פּלוצלונג האָב איך באַמערקט אין די אויגן זיינע א היימיש פֿלעמל, וואָס האָט מיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם בליק מיינעם און האָט נערוועז א צוק געטאָן מיט א מוסקול פֿון געזיכט. ער האָט סוף כל סוף אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר, אזוי ווי כ'האָב מיך געריכט, אין א ריינעם יידיש. ער זאָגט מיר, אז ר'איז א ייד פֿון כאַרקאָוו. די פּאָר ווערטער זיינע האָבן ביי מיר אַרויסגערופֿן א קרענקונג און א פאַרדרוס.

איך פֿרעג אים, פֿאַרוואָס ער האָט דערלאָזט, אז מען זאָל מיך אזוי מערדערלעך שלאָגן. ער ענטפֿערט דערויף גאָרנישט. ער האַלט דעם בליק געווענדעט אָן א זייט און עצה'ט מיך, כ'זאָל זאָגן דעם גאַנצן אמת. איך ענטפֿער אים, אז אַלץ, וואָס כ'האָב געזאָגט איז געווען אמת, אז כ'האָב גאָרנישט באַהאַלטן, אז כ'האָב נישט, וואָס צו באַהאַלטן. כ'בעט אים דערביי, אז ער זאָל מיר לויזער מאַכן די קייטלעך אויף די הענט, ווייל זיי שניידן מיר איין די הענט. ער מאַכט זיך אָבער נישט הערן, ער האָט טאַקע די מאָדנע פֿעאיקייט נישט צו קוקן מיר אין די אויגן און נישט צו דערלאָזן צו זיך ווערטער, וועלכע ער וויל נישט הערן.

פֿון דער צווייטער זייט טיר דערהערט זיך א שאָרך און אין א מינוט אַרום קומען ווידעראַמאָל אַריין די איבעריקע דריי פֿאַרשוינען. זיי שמועסן זיך א ווײַלע אַדורך מיטן שומר מיינעם, מיטן כאַרקאָווער ייד און רעדן עפּעס געדיכט, פֿון וועלכן כ'פֿאַרשטיי נישט קיין וואָרט. ווייזט אויס, אז זיי האָבן עפּעס אָנגענומען א באַשלוס, ווייל זיי דרייען זיך אַלע אויס צו מיר. איינער פֿון זיי

ביינגט מיר אַרונטער דעם קאָפּ און די איבעריקע נעמען מיך ממיתן מיט אייזערנע פּרענטן. איך פיל, אז כ׳וועל שוואַך, אז כ׳פארליר די כוחות, איך קען מיך נישט ווערן, ווייל כ׳האָב געשמידטע הענט. סוף כל סוף נעמען מיר ארומקרייזן שווארצע פליטערלעך פאר די אויגן און איך פאַל אין חלשות. עמיצער גיסט אויף מיר וואסער און איך כאַפּ מיך אויף.

דאָס צימער איז געווען ליידיק. איבער מיר איז געשטאַנען בלויז דער ייד, וועלכער האָט מיך עפּעס געפרעגט. איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט, דער קאָפּ איז מיר ארומגעשווומען ווי א פרעמדער קערפּער. ער האָט מיר אראָפּגענומען די קייטעלעך און האָט אריינגערופן דעם וועכטער, וועלכער האָט מיך גענומען צוריק־פירן אין דער צעלע. דאָס גיין איז מיר אָבער אָנגעקומען שווער. כ׳האָב מיך געוויגט אויף די שיכורע פיס. דער וועכטער האָט מיך אונטערגעהאַלטן, ער האָט גאָרנישט גערעדט. וואָס טראַכט ער וועגן דער פונקציע, וועלכע ער פירט אוים? ער איז שוין מסתמא צוגעוווינט צו דער דאָזיקער פּראָפעסיע זיינער און זיין האַרץ רע־אַגירט שוין מסתמא אינגאַנצן נישט, ווען ער דאַרף ארויספירן די צעבלוטיקטע און צעביילטע קרבנות פון דאָזיקן טאָרטורן־צימער.

ער פירט מיך א האַלב־פארחלשטן און ער בלייבט שטיין פאַר אַן אייזערנער טיר. ער שטופּט מיך אַריין אינעווייניק. די צעלע איז אַן אַנדערע, נישט יענע, אין וועלכער כ׳בין געזעסן פריער. צווישן דעם עולם אַרעסטאַנטן דערקען איך גלייך א באַקאַנט פּנים. ס׳איז דער דאָקטאָר אַדאָם ראַלניצקי, וועלכער איז מיט מיר געווען אין דער פריער־דיקער צעלע און וועלכן מען האָט געהאַט ארויסגערופן „ס׳ וויעשטשאַמי״. ער האָט דעמאָלט געמיינט, אז מען גייט אים באַפרייען, אָבער מ׳האָט אים ווייזט אוים בלויז אויסגעהערט אין דעם זעלבן טאָרטורן־צימערל און איצט זיצט ער ווידעראַמאָל א געפאַנגענער — דאָ. ער האָט צו מיר א שמייכל געטאָן און האָט מיר דעליקאַט אָנגענומען ביים אָרעם.

דאָס פּנים מיינס איז געווען געשוואָלן און איבער׳ן גאַנצן קערפּער זענען געווען שווארצע פּרענגעס פון די קלעפּ. ראַלניצקי האָט ארויסגענומען זיינס א העמד און האָט מיר קודם כל אָפּגע־ווישט דאָס בלוט. ערשט איצט האָב איך דערפילט א בייסנדיקן

וויטיק אין אַלע אבֿרים, אַממייסטן האָט מיר ווי געטאָן צווישן די פּיס.

ראָלניצקי האָט זיך משער געווען, אַז מ'האָט מיר מסתמא געטאָן דאָרט אַ שטאַרקן קאָפּע. בעת ער האָט מיך באַטראַכט, האָב איך מיר פּלוצלונג אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די תּליונים האָבן מיך אָפּגעהאַלטן אינם אויספֿאָרשונגס־צימער גאַנצע 12 שעה. אין יעדע פֿון די צוועלף שעה איז געווען אויסגעפּילט מיט קלעפּ — מיט טרוקענע פֿויסטן קלעפּ, מיט טעמפּע קלעפּ מיט דעם גומענעם קניפּל, מיט ווייטיקלעכע קלעפּ פֿון דעם אײַזערנעם פּרענט.

די איצטיקע צעלע איז געווען אַ קלענערע ווי די פֿריערדיקע. אײַנגעוווייניק האָבן זיך געפֿונען בלויז 46 מענטשן. אָבער דער רעזשים איז דאָ געווען אַ פּיל שטרענגערער ווי פֿריער. יעדע פּאָר מינוט האָט דער וועכטער געעפֿנט די „ביזשוטערקע" און האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק. מיר זענען אַזוי אַרום אומאויפֿהערלעך געווען אונטערן אויג פֿון דער תּפֿיסה־מאַכט.

ראָלניצקי האָט זיך נעבן מיר אוועקגעזעצט און האָט מיך אַ ווײַלע שווײַגנדיק אָנגעקוקט. דאַן האָט ער מיך געפֿרעגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, צי מ'האָט וועמען פֿון אונזערע אַרעסטאַנטן פֿון דער פֿריערדיקער צעלע „באַפֿרייט". איך האָב אים געזאָגט, אַז מ'האָט אַרויסגערופֿן בלויז דעם אַרעסטאַנט שישקאָ. ראָלניצקי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. יאָ, דאָס ווייסט ער. שישקאָ איז דאָ טאַקע געווען איין טאָג און דאַן האָט מען אים ווידער אַרויסגערופֿן וווהין — ווייסט ער נישט.

כ'האָב געפֿרעגט דעם דאָקטאָר, צי מ'האָט אים אויך אַזוי געשלאָגן ווי מיך, האָט ער געזאָגט, אַז אינגאַנצן אויף „טרוקן" איז ער נישט אַרויס פֿון דאָרט, אָבער מען האָט אים נישט אַזוי צעממית'ט ווי מיך. ביי דער אויספֿאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נ. ק. וו. ד. האָט גענוי געוווסט פֿון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט אין דער צעלע. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן האָט ער שטיל ווי פֿאַרשעמט, צוגעגעבן: זיי האָבן דאָס אַלץ געוווסט פֿון שישקאָ. שישקאָ איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר.

ערשט איצט, ווען די ערשטע ווייטיקן האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרבלאַסן, האָב איך געהאַט געדולד זיך אַרומצוקוקן איבער דער צעלע. ווער זענען זיי, מיינע איצטיקע מיטאַרעסטאַנטן? דער עלט־

סטער אין צעלע איז געווען דער 74־יעריקער גענעראַל זארוסקי. ער איז געווען אינגאַנצן גרוי, אָבער טראָץ זיין עלטער איז ער געווען זייער קרעפטיק און רירעוודיק. אינם געשטאַלט זיינעם איז געלעגן אַ רואיקע מאַיעסטעטישקייט און ער האָט ארויסגערופן צו זיך דרך ארץ מצד אַלע אַנדערע אחים לצרה. דער איבעריקער עולם האָט אים פאַרטראַטן אין אַלע אַרבעטן, וואָס ס׳איז אויסגעקומען צו טאָן אין דער צעלע. ווען ס׳איז למשל געקומען זיין ריי ארויס־צוטראָגן די פּאַראַשע, האָבן זיך שטענדיק געפונען אנדערע, וואָס האָבן עס פאַר אים געטאָן. דער גענעראַל זארוסקי איז געווען אין די דאָזיקע פינצטערע באַדינגונגען פון אַ סאָוויעטישער תפיסה־צעלע — ווי אַ רואיק און אָפּגעזונדערט אינזל. עס האָט געווייעט פון אים מיט אַ סטאָיציזם און מיט אַן אַריסטאָקראַטישקייט, אויף וועלכן ס׳איז נישט געפאַלן קיין שפּרענקעלע פון דעם תפיסה־לעבן, וואָס לייגט גלייך אַ חותם אויף יעדנס געזיכט.

אַ חוץ דעם גענעראַל זארוסקי האָבן זיך אין דער צעלע גע־פונען נאָך עטלעכע אַנדערע אָפיצירן, דער שעף פון דער קראַ־קעווער באַן־ליניע און צוויי יידישע ראַבינער — דער ראַבינער גראַאויער פון גאַליציע, פון אַ קליין שטעטעלע הינטער לעמבערג און דער ראַבינער פעלדמאַן. אויך זיי זענען געווען ארומגערינגלט מיט אַ דרך ארץ מצד די איבעריקע אַרעסטאַנטן און זיי זענען באַדינט געוואָרן דורך אַ זשוואַוון בחור, אַ געוויסן גראָסמאַן.

אַ צווייטער אַרעסטאַנט גראַפּטמאַן, אַ שטיוול־פּוצער אין ווין, איז באַשולדיקט געוואָרן דורך דער נ. ק. וו . ד., אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַדורכפירן מענטשן קיין ווילנע. שטיוול־פּוצעריי איז נישט געווען ביי אים בלויז קיין פּרנסה־פאַך, ער האָט אויך אויך ליב געהאַט דעם אויסטערלישן קאָנטאַקט, וואָס ער האָט גע־האַט מיט זיינע קליענטן בעת דער קורצער אָפּעראַציע פון אָפּפּוצן יענעמס שיך. דעם אינטערעסאַנטסטן קליענט זיינעם האָט ער גע־האַט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין די טעג, ווען די פּוילישע מלוכה האָט געהאַלטן אין צאַנקען. עפּעס אַ הויכער, עלעגאַנט געקליידעטער מאַן האָט ארויפגעשטעלט אַ פוס אויף זיין קעסטעלע און בעת גראַפּטמאַן איז אים פלינק ארומגעטאַנצט מיט דער באַרשט איבערן קאַמאַש, האָט אים יענער פלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— דו ווייסט כאָטש, וועמען דו פּוצסט איצט די שיך?

גראַפּטמאַן האָט צו אים אַרויסגעקוקט אַ פאַרווונדערטער, האָט אָבער אים נישט דערקענט. אַ ווײַלע האָט יענער געשוויגן, ווען גראַפּטמאַן האָט אָבער פאַרענדיקט דאָס פּוצן, האָט יענער אים דערלאַנגט אַ 5־ער דאָלאַר און געזאָגט:

— דו האָסט איצט אָפּגעפּוצט די שיך ביים פּוילישן אויסערן־מיניסטער בעק.

דאָס איז געווען זיין באַליבט מעשה'לע, מיט וועלכן ר'האָט זיך געגרויסט און וואָס איז אוודאי פאַרבליבן זיין בעסטע דערינערונג פון די דאָזיקע משונהדיקע מלחמה־טעג.

אין דער צעלע איז אויך געווען אַ באַקאַנטער יידישער טרעגער פון לעמבערג, מאַקס בולבעניק. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געווען אַ פּשוטער משא־טרעגער, דאַן אָבער האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ לאַסט־אויטאָ. און ווען דאָס געשעפט איז אַוועק, האָט ער זיך געקויפט נאָך פיר אַזעלכע אויטאָס. ווער ווייסט צו וואָס פאַרא קאַריערע ער וואָלט דערגאַנגגען, ווען נישט דאָס, וואָס די מלחמה האָט פּלוצלונג איבערגעשניטן זיין גאָלדענעם באַרג־אַרויף. ביים אויסברוך פונם קריג האָט די מיליטערישע מאַכט רעקווירירט ביי אים פיר וואָגנס און מיטן פינפטן האָט ער פאַר אַ נישקשהדיקן אָפּצאָל אַריבערגעפירט אַ פּוילישע פאַמיליע קיין רומעניע. דאָרט איז ער געוויער געוואָרן, אַז די רוסישע אַרמיי איז אַריבער די אַלטע סאָוויעטישע גרעניץ און האָט אָקופּירט לעמבערג. היות ער האָט אין לעמבערג געהאַט איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט דריי קינדער, האָט ער באַשלאָסן זיך אומצוקערן. אביסל האָט אים אויך געלאָקט די פּערספּעקטיוו פון אָנהויבן אַ נייַ לעבן אונטערן „סאָציאַליזם". ביי דער גרעניץ, ביי שניאַטין, האָט מען אים אַרעסטירט און אַהערגעברענגט דאָ אין די בריגידקעס. זיין באַנגער צו זיין נאָענט מיט דער פרוי און די קינדער זיינע איז אַזוי אַרום כמעט אינגאַנצן מקוים געוואָרן. ער געפינט זיך טאַקע נאָענט פון דער פאַמיליע, ווייל דאָס פענסטער פון דער צעלע גייט טאַקע אַרויס אויף דער סלאָנעטשנע גאַס, דאָרטן, וווּ ס'געפינט זיך זיין הויזגעזינד.

עס איז געווען טראַגיש צו זען, ווי דער געוועזענער טרעגער איז געזעסן און האָט שעהנווייז געקוקט אויף דער בלינדער און טעמפּער וואַנט, וואָס האָט אים, ווי דער טייך סמבטיון, אָפּגעטיילט פון זיין פאַמיליע. דער גענעראַל זאַרוסקי האָט אים האַלב איראָניש

און האַלב־ערנסט טיטולירט „מיניסטער", ווייל טראָץ דעם, וואָס ר'איז געווען אַן אַנאַלפאַבעט און האָט נישט געקאָנט נישט שרייבן און נישט לייענען, האָט ער אָבער געהאַט אַ שׂכל מיט לעבנס־חכמה און ס'איז געווען אַ נחת מיט אים צו רעדן.

די צוויי רבנים און נאָך עטלעכע פרומע יידן פון דער צעלע אונזערער האָבן געגעסן בלויז פּאָסטנע ברויט, ווייל דאָס איבעריקע איז געווען טרפה. זיי האָבן אויך צוויי מאָל אין טאָג געדאַוונט. אויסטערליש און אומהיימליך האָט געווירקט דאָס בילד יעדן פרימאָרגן, ווען די יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט אין אַ ווינקל און האָבן געדאַוונט שחרית. זייערע שאָטנס האָבן געטאַנצט איבער די ווענט און האָבן געשאַפן אויסטערלישע בילדער.

אין דער זעלבער צייט, ווען די יידן האָבן מיט האַלב־געשלאָסענע ליפּן געפּליסטערט דאָס שחרית־דאַוונען, האָט דער גענעראַל זאַרוסקי געמאַכט זיין טעגלעכע מאָרגן־גימנאַסטיק, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט אדורכגעלאָזט. זיין אַלט אָבער מאָדנע פריש און יוגנטליך געשטאַלט האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ באַרואיקנדיקן איינדרוק. דער גאַנצער קערפּער זיינער איז געווען ווונדערבאַר טאַטואירט. דער גענעראַל האָט דערציילט, אַז די דאָזיקע טאַטואירונג האָט אים געמאַכט אַ יאַפּאַנישער קינסטלער, וועלכער איז געווען דער איינציקער אין דער וועלט, וועלכער האָט באַזיצט די דאָזיקע תורה אויף אַזאַ מייסטערהאַפטן אופן. נאָך אין דער יוגנט זיינער איז דער גענעראַל פאַרשיקט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג אויף 12 יאָר קיין סיביר. פון דאָרט האָט אים אָפּגעגליקט צו אַנטלויפן קיין יאַפּאַן, ווו ער האָט על פּי צופאַל געטראָפן דעם מערקווירדיקן טאַטואירונג־קינסטלער. ער האָט שוין זינט דעמאָלט געזען פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן פון טאַטואירן, אָבער קיינער קאָן זיך אפילו נישט פאַרגלייכן צום יאַפּאַנער, וועלכער איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער.

אין דער צעלע אונזערער האָט זיך ביסלעכוויַיז אָנגעהויבן איינצושטעלן אַ מנהג פון פירן דיסקוסיעס אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע טעמעס. פון אָנהויב פלעגן עס זיין בלויז צופעליקע און אָפּגעריסענע שמועסן צווישן גענעראַל און די ראַבינער. שפּעטער אָבער זענען די דאָזיקע שמועסן איבערגעגאַנגען אין אמת־

דיקע לעקטאָראַטן מיט פראַגן און מיט דיסקוסיעס, אין וועלכע עס האָט אָנטיילגענומען דער גאַנצער עולם.

אינטערעסאַנט, אַז דער טרעגער בולבעניק, וועלכער איז געווען א פּולשטענדיק רויער מענטש און אַן אַנאַלפאַבעט, האָט אָבער ממש באַוווּנדערט אַלע מיט זיין פּשוטער פאָלקס־חכמה און שטענדיק, ווען ער פלעגט נעמען אַ וואָרט, פלעגן זיך אַלע צו אים צוהערן מיט גרויס אינטערעס און באַווונדערט זיין לאָגיק, וועלכע איז געווען ביי אים אַ נאַטירלעכע, אַזוי ווי א ווילדער פלאַנץ, וואָס וואַקסט אויף א פאַרלאָזט פעלד.

פאַר מיר זענען די דאָזיקע אָפּטמאָל טיפע וויכוחים געווען ממש א דערקוויקונג. איך האָב מיך געפילט ווי אין א הויך־שול און איך האָב ממש געשלונגען די רייד, איבערהויפּט פון די אינטעליגענטן. איך גלויב, אַז אויף אַן אמתדיקן אוניווערסיטעט וואָלט איך נישט געקאָנט אַזוי פיל, וויפל כ׳האָב געקאָנט צווישן די פיר ווענט פון דער דאָזיקער צעלע. די דאָזיקע דעבאַטן האָבן פון אָנהויב בלויז געדינט אוועקצוטרייבן די האָפענונגסלאָזיקייט און די גרוי־קייט פונם תפיסה־לעבן, אָבער ביסלעכווייז האָט צו די דעבאַטן אָנגעהויבן אויפצוואַכן אַן אמתדיקע ליידנשאַפט און די „וויסנשאַפטלעכע שעה׳ן", וואָס האָבן אָנגעהויבן איינגעאָרדנט צו ווערן וואָס אַמאָל רעגולערער, זענען געוואָרן אַ נישט־אָפּרייסבאַרער טייל פון אונזער גרויער רוטין.

אַ געוויסן טאָג, אין מיטן פון אַזא דעבאַטע אויף אַ טעכנישער טעמע, האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳זענען אריינגעקומען צוויי נייע אַרעסטאַנטן. איינעם האָב איך גלייך דערקענט, דאָס איז געווען דער זעלבער פעלדמאַן, וועלכן מיר האָבן געהאַט אַריבערגעשיקט איבער דער גרעניץ, כדי אויסצופּועלן פאַר אונז אַ „פּראָפּוסק" ביים סאָוויעטישן קאָמאַנדיר. דאָס איז געווען דער זעלבער פעלדמאַן, וועלכן מיר האָבן שוין געהאַלטן פאַר אַ דערשאָסענעם דורך די דייטשן, ווייזט אויס, אַז ער איז נישט דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן און אַז ער האָט אויך נישט געמאַכט קיין קאָמי־סאַרישע קאַריערע ביי די סאָוויעטן, כאָטש ער איז געווען אַ לאַנגיעריקער קאָמוניסט. פאַרקערט, דער גורל האָט אים פּונקט אַזוי ווי מיך אריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה פון זיינע „אויסלייזער".

דער צווייטער איז געווען אַ בחור פון אונזער שטעטל וויעזש־

בניק, וועלכעס ער האָט פאַרלאָזט סך הכל מיט 4 טעג צוריק. איך בין צו אים צוגעפאַלן און האָב אים גענומען באַוואַרפן מיט פראַגן וועגן דעם, וואָס ס'הערט זיך אין וויעזשבניק.

עס האָט זיך מיר געדאַכטן, אַז אין די אויגן זיינע ליגט נאָך אַ פאַרגליווערטס דאָס בילד פון אונזער שטעטל, וואָס ער האָט געזען מיט געציילטע מעת־לעתן צוריק. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיינע צוויי ברידער האָבן זיך אומגעקערט גאַנצערהייט פון דער מלחמה. די ערשטע פּאָר האָניק־טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען שנעל אַריבער. די נאַצישע פּויסט האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אויף דער יידישער פּלייצע. מען האָט שוין איינגעפירט די געלע לאַטע און דאָס גיין איבער די גאַסן האָט אָנגעהויבן צו זיין געפערלעך, צוליב דעם, וואָס די דייטשן האָבן דאָרט, אַזוי ווי אומעטום, גענומען „כאַפּן אויף אַרבעט". וואָס שייך מיין פאָטער, האָט ער באַקומען אַ דערלויבניש צו פירן שפּייז־אַרטיקלען און מאַטעריאַל האָט עס מיין פאַמיליע אָנגעהויבן צו גיין גוט און איר איינציקער זאָרג איז געווען דער זאָרג זייערער וועגן זייער מוזיניק, דאָס הייסט וועגן מיר.

דער חבר מיינער האָט מיר אויך איבערגעגעבן נייעס וועגן דעם מיידל, וועלכע כ'האָב געהאַט בדעה מיטצונעמען מיט מיר אויף מיין וואַנדער־וועג. זי האָט חתונה געהאַט מיט מיין ברודערס אַ חבר, מיט שעיה דרעקסלער און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע איז זי אַוועק קיין לוצק. ס'איז מיר אַ ווײַלע טרויעריק געוואָרן אויף דער נשמה פון דער דאָזיקער ידיעה, אָבער באַלד האָב איך מיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז ווען ס'וואָלט מיר דעמאָלט געלונגען איר מיטצונעמען, וואָלט זי איצט אוודאי געלעגן ערגיץ אין אַ סאָוויעטישער תפיסה צוגלייך מיט מיר.

מיין חבר, פישל גאָלדגרוב, איז אַרעסטירט געוואָרן ביים אַריבערגיין די גרעניץ. בעת דער רעוויזיע האָט מען ביי אים געפונען אַ „ביתר"־לעגיטימאַציע, וועלכע ער האָט פאַרגעסן צו פאַרניכטן. די נ. ק. וו. ד.־אַגענטן האָבן אים חושד געווען נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַן ענגלישן שפּיאָנאַזש־נעץ. פאַרוואָס עפּעס פון אַן ענגלישן און נישט פון אַ פראַנצויזישן אָדער טערקישן, איז מיר עד היום נישט באַוווסט. גאָלדגרוב איז געווען אַ גייסטיק נישט באַלאַנסירטער בחור. די

דאָזיקע גייסטיקע נישט־נאָרמאַלקייט איז געווען ביי זיי אַ פאַמיליע־זאַך, זיינס אַ שוועסטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַריינוואַרפן זיך אין אַ ברונעם. זיין גייסטיקער צושטאַנד האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף די נ.ק.ק.וו.דיסטן. זיי האָבן אים געממית׳ט, אַז ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז טאַקע דער אָרגאַניזאַטאָר פון ענגלישן שפּיאָנאַזש.

פון פעלדמאַנען האָב איך מיך אויך דערוווּסט וועגן גורל פון די איבעריקע חברים, וואָס זענען מיט אונז אַריבער די גרעניץ.

זייערע חלומות וועגן מאַכן גרויסע סאָוויעטישע קאַריערעס זענען נישט מקוים געוואָרן. קיין שליפעס האָבן זיי נישט באַקומען. דער קאָמוניסט ווּרובלעווסקי איז געשטאָרבן אין פּושעמישל פון די קלעפּ, וועלכע ער האָט באַקומען אין תפיסה. מען האָט אים באַשולדיקט אין טראָצקיזם. וועגן די איבעריקע האָב איך שוין נישט געהאַט קיין מוט אים צו פרעגן.

כ׳בין געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, ווי לאַנג איז ערשט, ווי דאָס וואָרט „סאָוויעטן פאַרבאַנד" איז געווען פאַר אונז אַלע אַ וואָרט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ לאַדונג פון הערלעכקייט? און איצט האָט עמיצער אָפּגעשיילט דאָס דאָזיקע וואָרט פון אַלע זיינע שאָלן און פון אינעווייניק איז אַרויסגעפאַלן אַזאַ אימהדיק באַשעפעניש. איך האָב פּלוצלונג זיך דערפילט נישט בלויז אומגליקעך און צובראָכן, צוליב דער סיטואַציע אין וועלכער כ׳האָב מיך געפונען. כ׳האָב מיך אויך פּלוצלונג דערפילט נאַקעט און פּוסט און אויף אַ ברוטאַלן אופן באַרויבט פון אַ חלום.

דער גענעראַל האָט דערזען מיין עצבות און ער האָט זיך געבן מיר אָוועקגעזעצט. ער האָט מיר געגעבן אַ העלפט פון זיין ברויט, ער האָט געזאָגט, אַז ער באַדאַרף נישט עסן אַזעלכע „גרויסע" ברויט־פּאָרציעס, דאַקעגן איך, אַ יונגטלעכער, דאַרף מער עסן. יעדן טאָג האָט ער זיך אַזוי געפירט. ער האָט אָוועקגעגעבן צו יינגערע פון זיך אַ העלפט פון זיין שפּייז־פּאָרציע און האָט אַלעמען געטרייסט, אַז בקרוב וועט זיך די לאַגע ענדערן. מען דאַרף בלויז האָבן ווילן און געדולד איבערצוהאַלטן. דער גענעראַל איז מיר אין דאָזיקן מאָמענט געוואָרן זייער נאָענט און כ׳האָב דערפילט צו אים אַ וואַרימקייט ווי צו אַ מיטגליד פון מיין פאַמיליע.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען פאָרויס און ס׳איז געוואָרן

דריי חדשים, זינט כ'בין אַריינגעפֿאַלן אין תפיסה. דורך דער גאַנ־צער צייט זענען מיר בלויז צוויי מאָל געווען אין באָד. מיר הויבן אָן צו ווערן פֿאַרקראַכן מיט אינזעקטן. מען האַלט זיך אין איין קראַצן. די הויט ביי יעדן האָט זיך באַדעקט מיט אויסשלאָגן. פֿאַר־נאַכט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקעלער, האָבן מיר אויפֿ־געהערט צו זען. מען רופֿט דאָס הינער־בלינדקייט. די מענטשן האָבן זיך געמוזט האַלטן ביי די ווענט, בעת מען האָט זיי געפֿירט אין דער טואַלעטע. די דאָזיקע הינער־בלינדקייט איז אונז געקומען דערפֿון, וואָס די שפּייז אונזערע האָט נישט אַנטהאַלטן אין זיך דעם נויטיקסטן סכום וויטאַמינען. קיין מעדיצינישע באַהאַנדלונג האָבן מיר בכלל נישט באַקומען. צו די געשווירן האָט אונז דער וועכטער געגעבן אַ בלוי וואַסער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געשמירט, וואָס פֿאַראַ מעדיקאַמענט דאָס איז געווען האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן עס גענוצט צו אַלץ, אפֿילו צו קאָפּ־ווייטיק.

נעבן דער טיר, האַרט ביי דער פּאַראַשע, האָבן זיך באַזעצט צוויי מערקווירדיקע טיפּן.

זיי האָבן געהייסן סאַבאַרינקאַ און טובאַס,ביידע זענען געווען בעטלער. מיטן אַרומגיין איבער די הייזער האָבן זיי זיך פֿאַרנומען זינט 30 יאָר. זיי האָבן געטראָגן צעפּעס, אַזעלכע פּוטערנע היטלען, וואָס האָבן מסתמא געדענקט די צייטן פֿון מלך סאָביעסקי. אַרע־סטירט האָט מען זיי אין טראַגי־קאָמישע אומשטענדן. אַרומגייענדיק איבער די דערפֿער נאָך זייער געוויינלעכן בעטל־ברויט, זענען זיי נישט ווילנדיק אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער גרעניץ־ליניע. ס'גאַנצע לעבן האָבן זיי געבעטלט אין דער דאָזיקער געגנט און ס'איז נישט געווען דאָרטן קיין גרעניץ, פֿונוואַנען האָבן זיי געקאָנט וויסן, אַז די זעלבע אַלט־באַקאַנטע ערד איז איצט איבערגעשניטן געוואָרן מיט אַ גרעניץ־ליניע? מען האָט זיי פֿאַרשטייט זיך אַרעסטירט און באַשולדיקט האָט מען זיי אין אַ גאָר אָריגינעלן און פֿורכט־באַרן חטא: אַז זיי האָבן אויסגעמאָסטן דעם גרעניץ־שטח, כדי צוצושטעלן אַן אויספֿירלעכן באַריכט דעם ענגלישן שפּיאָנאַזש.

ביידע „גרעניץ־מעסטער" זענען קראַנק געווען אויף דעזינטע־ריע און מען האָט זיי אויך דערלאַנגט דאָס אוניווערסאַלע בלויע וואַסער. קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס זיי דאַרפֿן דערמיט טאָן: אויסצוטרינקען, צי אָנשמירן... מען האָט דערביי אַ סך גע־

וויצלט זיך, אָבער יעדעס שטיקל געלעכטער איז געווען אונטער־געניית מיט אַ שטיק געוויין. ווילאַנג וועט דער צער אונזערער גע־דויערן? פאַרוואָס ליידן מיר? ווען וועט זיך עס ענדיקן?

די דעזינטעריע־חולאת האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן איבער דער תּפיסה ווי אַ וואַלד־פייער. במשך פון אַ קורצער צייט זענען געווען דריי טויט־פאַלן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז די תּפיסה איז נישט בלויז קיין איבערגאַנגס־אָרט, זי קאָן אויך פאַר־בלייבן אונזער קבר.

e

קאַפּיטל אַכט

די תּפֿיסה־טעג הייבן אָן אויסצוזאָגן דעם מאַרך פֿון אונזערע ביינער. מיר ווערן פֿון טאָג צו טאָג שוואַכער און פֿאַרלוירענער. דאָס קליינע לעמפּל, וואָס הענגט אינמיטן פֿון הויכן סופיט דערזעען מיר ווי דורך אַ נעפּל. אַלע חושים הייבן אָן צו אַרבעטן פּאַוואָליער, ווי אין אַ פֿאַרלאַנגזאַמטן פֿילם. מיר הייבן אָן צו ווערן ענליכער צו שאָטנס, ווי צו מענטשן.

דערווייל איז פֿאָרגעקומען אַ זאַך, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט מיט אונזערע געמיטער.

אַ געוויסן טאָג, ווען מיר זענען געקומען אין דער טואַלעטע, האָבן מיר דערזען אויף דער וואַנט, אַ בחפּזונדיקע אויסגעקריצטע אויפֿשריפֿט מיט אַ פֿינגער־נאָגל, אַז היינט וועלן די אַרעסטאַנטן נישט נעמען קיין מיטאָג, אַז די אַרעסטירטע דערקלערן מיטן דאָזיקן הונגער־שטרייק אַ פּראָטעסט קעגן דער תּפֿיסה־מאַכט. צוריקקומענדיק אין קאַמער, האָבן דער גענעראַל און ביידע ראַבינערס זיך אַרויסגעזאָגט, אַז אונזער צעלע דאַרף דעם הונגער־שטרייק נישט מיטמאַכן. זיי האָבן עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די צעלע אונזערע ווערט במילא געהאַלטן אויפֿן אויג און ווערט שטרענג באַוואַכט ווי אַ נעסט מיט פּאָליטישע פֿאַרברעכער. אונזער אָנשליסן זיך אין שטרייק וואָלט באַדייט, אַז מיר זענען זיך מודה צו אונזער קעגנערשאַפֿט צום סאָוויעטישן רעזשים און דערין גייט דאָך טאַקע די תּליונים אונזערע, צו האָבן שוואַרץ אויף ווייס אַ באַווייז פֿון אונזערע חטאים.

די שטימונג איז אָבער געווען אָן עלעקטריזירטע. די אַטמאָספֿערע אין דער קאַמער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ נערוועזיטעט, וואָס איז געפֿלאָסן פֿון יעדנס געזיכט, פֿון אַלעמענס אויגן.

פונקט צוועלף אזייגער האָבן מיר — ווי געוויינלעך — דער־הערט ווי מען האָט אַרויסגעשטעלט די קעסלען פאַר די צעלעס. נאָרמאַל פלעגט דער דאָזיקער קלאַנג פון אָוועקשטעלן די קעסלען באַגלייט ווערן מיט אַ געוויש פון אונטערשטעלן די שיסלען צו באַקומען דעם צוגעגרייטן חלק. מען פלעגט אויך הערן דעם מעטאַ־לענעם געקלאַפּ פון די לעפל. איצט אָבער הערשט אַ טויטע שטיל־קייט. באַלד דערהערט מען, ווי מען רוקט צוריק אַוועק די נישט־אָנגערירטע קעסלען.

אין אונזער צעלע זיצט ביי דער טיר הערשל לעדערמאַן, אַ פריזירער פון קעלץ. יעדן מיטאָג־צייט זעצט ער זיך דער ערשטער אַוועק ביי דער טיר, ווייל ער איז אַן אייביק־הונגעריקער און ער איילט זיך דער ערשטער צו באַקומען דעם טעלער מיט זופּ, כדי זיך נאָכאַמאָל אַריינצושטעלן אין דער ריי און באַקומען אַ „רעפּעטע". דאָס אויער זיינס איז אויסרעגולירט אַזוי ווי אַ שוויי־צאַריש זייגערל. ער ווייסט מיט דער גרעסטער גענויקייט, ווען עס דערנענטערט זיך די מינוט פון דערלאַנגען דאָס עסן און ער פאַר־נעמט זיין אויסוואַרטנדיקע פּאָזיציע ביי דער טיר. ער איז איצט דאַנקבאַר דעם גענעראַל, וואָס ער האָט אונז גע'עצה'ט זיך נישט אָנצושליסן אינם הונגער־שטרייק. ער ריכט זיך, אַז ער וועט דאָס מאָל באַקומען אַ טאָפּלטע און אפשר גאָר אַ דרייפאַכע פּאָרציע. און מען מוז מודה זיין, אַז הערשל, מיט זיין אויסרעגולירטן אויער, האָט זיך נישט טועה געווען.

באַלד האָט זיך די טיר אונזערע געעפנט און מען האָט אַריינ־געררוקט דאָס קעסל מיט געקעכטס.

הערשל האָט מיט איין זיין אַראָפּגעשלונגען אפשר פינף שיס־לען איינע נאָך דער אַנדערער. ס'איז מיר ביזן היינטיקן טאָג אומ־פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי מען קאָן מיט אַזאַ געשווינדקייט שלינגען אַ הייסע זופּ. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אין דער תפיסה געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. ערגיץ פונם ווייטן חלל האָט זיך דער־הערט אַ שניידנדיק געשריי: „מיר ווילן ברויט! ראַטעוועט, ברי־דער! מענטשן גייען אויס".

דאָס געשריי איז גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך הונ־דערטער שטימען און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאַראַלן געוואַלד, וואָס האָט געטרייסלט מיט די תפיסה־מויערן. מיר זענען

געבליבן אויפגעציטערט פון די אויסטערלישע קולות, וואָס האָבן אויסגעפילט די געווינלעך טויט־שווייגנדיקע ווענט. דער גענעראל זארוסקי האָט זיך ארויפגעשטעלט מיט איין פוס אויף מיין אָנגעלענטער פלייצע און מיטן צווייטן פוס אויף אן אַנדערער פון פּאַרוטשניק קאמאסא און האָט זיך באַמיט מיט די אויגן אדורכצושטעכן די גערדיכטע אייזערנע „שאַטקע", וואָס האָט פאַרדעקט דאָס פענסטער אונזערס ווי אַ מצבה אויף אַ קבר. דורך אַ קליינער, מיקראסקאָפּישער עפענונג האָט ער געזען, ווי מיליטער־לייט האָבן צעטריבן אַן עולם, וואָס האָט זיך געהאַט געזאַמלט אויף דער קאַזשימיעזשאַווסקע גאַס און האָט באַלאַגערט די תפיסה. עס האָט אויסגעזען, ווי דער אויפגעשטורעמטער עולם וועט זיך אין אַ מינוט אַרום וואַרפן און וועט אויפרייסן די תפיסה־טויערן און וועט צעשטערן די טעמפּע, טויטע ווענט. אָבער געשען איז עפּעס אַנדערש.

אין די קאָרידאָרן האָט זיך צעהילכט דאָס אָפּקלאַפּן פון שטיוול. נ.ק.וו.ד.־אַגענטן און וועכטערס זענען אין אַ ווילדן געיעג אַרומגעלאָפן איבער די קאָרידאָרן און האָבן פון יעדער צעלע אַרויסגעשלעפּט צו עטלעכע מענטשן. אויך אין אונזער צעלע זענען זיי אַריינגעפאַלן מיט בלוט־אָנגעלאָפענע אויגן און באַוואָפנטע מיט מאַשין־ביקסן און האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם דאָקטאָר ראָלניצקי, דעם פּאָרוטשניק קאָמאַסאַ, פישל גאָלדגרוב און דעם יונגן גראָסמאַן, דעם, וואָס האָט באַדינט די צוויי ראַבינער.

מיר זענען געבליבן אין דער צעלע ווי פאַרגליווערט. אַ פּלוצלונגדיקע שטילקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף דער תפיסה־געביידע. אַ שטילקייט, וואָס האָט געביסן ווי שטעכעדיקע נאָדלען. פּלוצלונג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך עטלעכע סעריעס שאָסן פון מאַשין־ביקסן. דערנאָך ווערט ווידער שטיל. אָבער די שטילקייט איז שוין אַן אָנגעשוואָלענע מיט די זאַלפּן פון די ביקסן.

דער גענעראל קוקט אויף אונז מיט זיינע קלוגע, גוטמוטיקע אויגן און זאָגט צו אונז ווייך, אַז מיר זאָלן זיך נישט אונטערגעבן דעם געפיל פון פאַרצווייפלונג. פון יעדער סיטואַציע איז פאַראַן אַן אויסוועג, אָבער דער דאָזיקער אויסוועג איז נאָר פאַר די, וואָס ווען זיך נישט אָפּזאָגן פון דער האָפענונג.

אין אַ ווינקל איז געזעסן פעלדמאַן און האָט פּלוצלונג גענומען זינגען. מיר האָבן געמיינט, אַז די געשעענישן האָבן אים אַראָפּ־

געפירט פון זינען. ער איז אבער געזעסן אומבאַוועגלעך און האָט געזונגען אן אוקראַאינישע תפיסה־ליד, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בעת ער איז אָפּגעזעסן אין אַ פּוילישער טורמע אַ פינף־יאָריקן אורטייל.

ער האָט געענדיקט דאָס ליד און האָט אונז אַ ווײַלע שווײַגנדיק אָנגעקוקט. דאַן האָט ער געזאָגט:

— אין איין פּרט האָט די רעוואָלוציע געהאַלטן וואָרט, זי האָט אונז צוגעזאָגט באַפרייאונג און האָט אונז טאַקע באַפרייט. זי האָט אונז באַפרייט פון מענטשלעכקייט. כ׳בין געווען א קאָמוניסט, כ׳האָב אָבער געגלויבט אין אַ פאַלש בילד. איצט האָבן זיי מיך אויסגעהיילט פון אן אילוזיע. זיי האָבן מיר צוגענומען דאָס פאַלשע בילד און האָבן מיר אונטערגערוקט דאָס אמתדיקע. ס׳איז אַ ווייטיקלעכע אָפּעראַציע, אָבער אן אָפּעראַציע, וואָס האָט סוף כל סוף געמוזט געמאַכט ווערן. עס איז טראַגיקאָמיש, וואָס כ׳בין געזעסן אין א פוילישער תפיסה פאַר זינדיקן מיט א ליבע צו אַ רעזשים, וואָס האָט מיך איצט נאָכאַמאָל פאַרשלאָסן פאַרן זעלבן חטא: פאַר גלויבן אין יושר. אלע חברים, מיט וועלכע כ׳בין אַדורכגעגאַנגען די גרעניץ, זענען אַריבערגעקומען אויף דער זייט גרעניץ, כדי צו געפינען דאָ די פאַרווירקלעכונג פון זייערע חלומות, און וואָס האָבן זיי דאָ געפונען? אַ פרייהייט, וואָס איז נישט בעסער ווי א תפיסה, וואָס איז נישט בעסער ווי דער טויט. וואָס איז געבליבן פון אונזערע טרוימען? וואָס איז געבליבן פון אונזערע חלומות? אפילו נישט קיין אַש, בלויז אן אנטוישונג, בלויז אַ ברענענדיקע חרפּה, וואָס וועט אונז אויפעסן ווי א ראַק.

די נאָענטסטע צוויי טעג זענען אריבער אזוי ווי אין א שטוב פון אבלים. די געשטאַלטן פון די פיר מיטאַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט פון אונז אַרויסגעשלעפּט און דערשאָסן, האָבן אַרומגעשוועבט צווישן אונז ווי שאָטנס. אפילו ווען כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן איז מיר כסדר געשטאַנען פאַרן דמיון דער גוטמוטיקער דאָקראַלניצקי, וועלכער האָט געהאָפט, אז שוין בקרוב וועט מען אים אַרויסרופן צו דער ענדגילטיקער באַפרייאונג. מיין חבר פישל גאָלדגרוב, דער גייסטיק קראַנקער בחור, וועלכער האָט רעכט נישט געקענט אונטערשיידן צווישן ווייס און שוואַרץ, וועלכער האָט אָבער

מיט א רירנדיקער און אומבאהאָלפענער צוגעבונדנקייט געגלויבט אין די סאָוויעטן, און דער שטילער און איידעלער בחור גראָסמאַן, וועלכער האָט מיט אַזאַ התמדה און יראת הכבוד באַדינט די צוויי ראַבינער. כ'האָב זיי געזען, ווי זיי שטייען פּנים אל פּנים מיט דעם עקזעקוציע־פּלוטאָן, ווי די רוסישע סאָלדאַטן לעבערן אדורך זייערע קערפּערס מיט קוילן. וואָס פאַרא באַשעפעניש איז זי, די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס דאַרף האָבן אַזעלכע טייכן מיט אומשולדיק בלוט?

אויפן דריטן טאָג האָט זיך די טיר פון דער צעלע אונזערע פּלוצלונג געעפנט און מען האָט ארויסגערופן דעם גענעראַל זאַרוסקי, אַזוי ווי שטענדיק האָט מען ביים נאָמען זיינעם צוגעגעבן דעם סקאַר־באָוון „ס'וויעשטשאַמי".

דער גענעראַל האָט אויפגעהויבן זיין בינטל מיט זאכן און איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דער טיר. ביי דער שוועל האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט אַרומגענומען אונז מיט אַ קלוגן בליק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָזיקער בליק האָט אין זיך געטראָגן און מיר זענען אים געווען דאַנקבאַר פאַר דער האָפענונג, וועלכע ער האָט איינגעפלאַנצט אין אונז, וועלכע ער אליין האָט אָבער נישט געהאַט.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער, הייבט מען אָן ארויסצורופן — איינצלווייז — די איבעריקע אַרעסטאַנטן. ווען ס'איז געקומען מיין ריי און כ'האָב מיך געפונען אויפן קאָרידאָר, האָב איך דערזען הונדערטער אַרעסטאַנטן פון די שכנותדיקע צעלעס. יעדער האָט געטראָגן מיט זיך זיין ביסל געפּעק.

די מענטשן זענען געווען שוואַרץ, פאַרחושכט, די פּנימער זענען געווען אויסגעלאָשן, געל, נישט ראַזירט. מען האָט אונז אַלע אַראָפּגעפירט אויף א גרויסן הויף. ס'איז שוין געווען אָנהויב יאַנואר, דער ברוק איז געווען באַדעקט מיט אַ שפּיזלדיקן שניי.

מיר זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען אויף דער קעלט עטלעכע שעה, ביז ס'האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן און דער שניי האָט אָנ־גענומען אַ פאַרב פון אַש. מען האָט אונז דאָן אויסגעשטעלט צו פופציק מאַן אין א קאָלאָנע און מען האָט יעדן פון אונז צוגע־טיילט א שוואַרצן לאַבן ברויט מיט אַ געזאַלצענעם הערינג. דער קאַלטער יאַנואר־אָוונט האָט זיך גענומען אָנגיסן מיט א קלע־פּיקע שוואַרצקייט און דעמאָלט האָט מען אונז גענומען ארויפ־

לאָדענען אויף לאַסט־אויטאָס צו פופציק אויף אַ מאַשין, אַזוי ווי מיר זענען געשטאַנען אין די רייען. נאָכדעם ווי מיר זענען איינגעשטיגן האָט מען צוגעדעקט דעם דאַך מיט אַ גרינעם ברעזענטענעם צודעק און אויףביידע זייטן שטיגלעך האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַכט נ. ק. וו. ד.־אַגענטן מיט מאַשין־ביקסן. פון הינטן איז נאָכגעפאָרן אַ שוואַרצע לימוזינע מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

אונזער גרופּע האָט מען אַריינגעפּאַקט אין אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, און האָט אויסגעזען ווי אַ קאַסטן. אינעווייניק איז געווען מוראַדיק ענג און די פּאָר מינוט, וואָס מיר זענען געפאָרן צו דער באַן־סטאַציע, האָט אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. מיר האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט, ווען די לאַסט־אויטאָס האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט און מען האָט אונז צוריק אַרויסגעטריבן אינדרויסן.

מיר האָבן זיך געפינען אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע און ווידער אַמאָל אין געשלאָסענע רייען האָט מען אונז גענומען פירן צו די דערנעבן־שטייענדיקע טאָוואַרנע וואַגאָנען. ביי יעדן וואַגאָן איז געשטאַנען אַן נ. ק. וו. ד. זעלנער מיט אַ ביקס גרייט צום שיסן און אַלס געהילף האָט ער נאָך צוגעהאַט אַ גרויסן שפּירהונט מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. דער צוג איז געווען אַ לאַנגער. מען האָט קוים געזען דעם סוף, וואָס האָט זיך געשוואַרצט ערגעץ הינטערן האָריזאָנט.

האַרט נעבן די וואַגאָנען האָט מען אונז געהייסן אַוועקזעצן זיך אויף דער ערד און האַלטן די הענט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ. עמיצער פון מיינע שכנים, וואָס האָט אַ ווײַלע אַראָפּגעלאָזט אַ האַנט, כדי זיך אַ רייב צו טאָן דאָס געזיכט מיט אַ ביסל שניי, האָט באַקומען מיט אַ ביקסענע קאָלבע איבערן קאָפּ און איבער די פּלייצעס. עס איז געווען אַ פראָסט, פון דער ערד האָט געצויגן אַ ווייטיקלעכע קעלט, מען האָט זיך אָבער נישט געקאָנט געבן דעם מינדעסטן באַוועג, ווייל איבער דער גאַנצער לענג פון דער ראַמפּע זענען געווען אַדורכגעצויגן עלעקטרישע דראָטן, אויף יעדע פּאָר שריט איז געווען אויפגעהאָנגען אַ לייכטנדיקער רעפלעקטאָר און עס איז געווען ליכטיק ווי אינמיטן טאָג.

מיר זענען אַזוי געזעסן אַן ערך אַ האַלבע שעה, ביז זיי האָבן

פֿאַרענדיקט דאָס צוברענגען נייע אַרעסטאַנטן. ענדליך האָט מען אונז גענומען אַ ר י י נ ש ט ו פּ ן אין די וואַגאָנען אַריין. עס איז געוואָרן אַ מוראַדיק געשטופּעריי. פֿון אַלע זייטן האָט מען בלויז געהערט געשרייען פֿון די צעצונדענע רוסישע געזיכטער: סקאָ־רעי, סקאָרעי, שנעלער! שנעלער! און דאָס געשריי זייערס איז געווען באַגלייט מיט אַ געבילעריי פֿון די הינט און מיט אַ טעמפּן קלאַפּן פֿון די קאָלבעס.

אינעווייניק אין וואַגאָן איז געווען שטאָק פֿינצטער, בלויז ערטערווייז איז געווען אַ בלאַסער פֿלעק פֿון אַ רעפֿלעקטאָר־אָפּ־שיין, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פֿונדרויסן. פֿון ביידע זייטן וואַגאָן זענען געמאַכט געווען נאַרעס פֿון ברעטער. מיר איז אויס־געקומען צו פֿאַרנעמען אַ מיטלסטע נאַרע. אָבער די צאָל „געלע־נערס" האָט נישט געקלעקט פֿאַר דער גרויסער צאָל אַרעסטאַנטן און די איבעריקע האָבן זיך געמוזט אַנידערלייגן אויף דער ערד, אונטער די נאַרעס.

נאָכדעם, ווי מיר זענען אַלע אַריין אין די וואַגאָנען, האָט אונז אַן נ. ק. וו. ד. אָפֿיציר איבערגעציילט. די צאָל האָט גע־שטימט. עמיצער האָט פֿאַרמאַכט די טיר, און מיר האָבן דער־הערט פֿונדרויסן דאָס געסקריפּעריי פֿון אייזערנע ריגלען. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר זיך אַלע אַ טרייסל געטאָן. דער וואַגאָן האָט גערירט. פֿון אונטער דער פּאָדלאָגע האָט אָנגעהויבן צו דערגיין אַ געקלימפּער פֿון דרייענדיקע רעדער. דאָס געדריי האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס אַמאָל שנעלער. דאָס לעצטע פּיצל ליכט, וואָס איז פֿריער אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַרעס, האָט שנעל אויסגערונען. דאָס געבילעריי פֿון די הינט און די געשרייען פֿון די סאָלדאַטן זענען זיך צעגאַנגען אַזוי ווי שניי. מיר זענען גע־בליבן אַליין אין די וואַגאָנען, אָפּגעשלאָסענע פֿון דער אויסער־לעכער וועלט מיט ווענט און מיט אייזערנע ריגלען, באַוואַכטע דורך מאַשין־ביקסן פֿון נ. ק. וו. ד. אַגענטן, און איינגעהילטע אין אַ טיף שווייגן, אין וועלכן מיר האָבן בלויז געהערט דעם טעמפּן געקלאַפּ פֿון די רעדער איבער די שינעס און דאָס שטילע קלאַפּן פֿון אונזערע אייגענע הערצער.

קאַפּיטל ניין

ערשט אין אַ גוטער ווײַלע אַרום זענען מיר געקומען צו זיך און מיר האָבן זיך ערשט גענומען אַרומקוקן איבער אונזער פּאַרנדיקער וואַגאָן־תפיסה. אין איינער פון די ווענט איז געווען אַ קליין פענסטערל, אַריבערגעצויגן מיט אַ געדיכטן געוועב פון קראַטעס. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז מ׳האָט זיך קוים געקענט באַוועגן, אָבער די ענגשאַפט מיט דער שטיקעניש האָבן אונז נישט געשטערט, פּאַרקערט, דורך שפּאַרעס צווישן די וואַגאָן־ברעטער האָבן זיך אַרײַנגעריסן קאַלט־פראָסטיקע ווינטן און מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, כדי צו געפינען אַ ביסל וואַרימקייט. דער צוג איז געלאָפן מיט אַ בליציקער שנעלקייט. יעדע צוויי שעה האָט ער זיך געשטעלט, מען האָט אויפגעריגלט די טירן און אין וואַגאָן זענען אַרײַנגעקומען צוויי זעלנער, אָנגעטוענע אין וואַטענע הויזן און אײַנגעטוליעטע אין ווײַסע, קורצע פּוטערלעך. אונטן, אויף דער ערד, זענען געשטאַנען אַנדערע סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן גרייטע צום שיסן און מיט בלוט־הינט.

די צוויי אַרײַנגעקומענע זעלנער האָבן באַפוילן דעם גאַנצן עולם זיך צוזאַמענצוקוועטשן אויף איין זייט פון וואַגאָן און האַלטנדיק לאַמטערנדלעך אין דער האַנט, האָבן זיי אונז נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געציילט. זיי זענען דערבײַ געקראָכן איבער אונזערע נאַרעס מיט זייערע פּאַרשנייטע און פּאַרבלאָטיקטע שטיוול און די „געלעגערס" אונזערע זענען געוואָרן אויסגעשמירט מיט בלאָטע. זיי האָבן זאָרגפעלטיק באַטאַפּט די ווענט מיטן סופיט, צי מען האָט נישט געפּרוווט אויסברעכן ערגיץ קיין ברעט, זיי האָבן דערבײַ כסדר איבערגעחזרט די וואָרענונג, אַז טאָמער וועט

עמיצער פון אונז וואגן צו באַשעדיקן אַ וואַנט צי דעם דאַך, וועט ער דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט. די דאָזיקע פּראָצעדור האָט זיך איבערגעחזרט יעדע צוויי שעה. נאָך יעדער רעוויזיע לייגן מיר זיך ווי ס'איז נישט איין אויף אונזערע קאָיקעס און מיר ווערן גלייך אַנטשלאָפן מיט אַ טיפן און נערוועאישן שלאָף.

די ערשטע נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווען אַ פּאַסמע מיט די בלאַסע, מילכיקע ליכט האָט אָנגעהויבן זיך אַריינצוגנבענען אין וואַגאָן אַריין, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און כ'האָב דערפילט, ווי אַנשטאַט אברים, האָב איך בפירוש צעבראָכענע ביינער. יעדער ביין באַזונדער האָט מיך געשטאָכן מיט אַ שפּיציקן ווייטיק, אין האַלדז איז מיר געווען טרוקן און די שלייפן האָבן געקלאַפּט ווי אין היץ. פונעם געזאַלצענעם הערינג האָט מיר געברענט אין האַלדז אַ העליש פייער. דאָס בלאַסע ליכט האָט זיך גענומען אָנגיסן מיט אַ וואַקסנדיקער העלקייט און דער וואַגאָן האָט פּלוצלונג גענומען אַרויסגעבן זיינע ביינאַכטיקע סודות: די שוואַרץ־שמוציקע ווענט, די פינצטערע נאַרעס, די גרינע פּנימער פון די מענטשן.

אין אַ ווינקל ביי דער טיר האָט זיך אין דער פּאָדלאָגע געפונען אַ קליינע עפענונג, אַרומגעקלאַפּט מיט אַ ברעט — דאָס זענען געווען די „סאַניטאַרע איינריכטונגען" פון אונזער וואַגאָן. נאָכן ערשטן טאָג פאָרן איז די עפענונג פאַרפרוירן געוואָרן און די לופט אין וואַגאָן איז געווען נישט אויסצוהאַלטן.

די, וועמען ס'איז געלונגען צו וואַרפן אַ בליק דורכן געדיכט־פאַרקראַטעטן פענסטערל האָבן זיך געשפּאַרט, צי מען איז שוין אַדורכגעפאָרן דורך דער אַלטער רוסישער גרעניץ. מען האָט אויך געפּרוווט טרעפן, צי מיר וועלן באַקומען פּאַיאָקן, שפּייז־צוטיילונג פאַר יעדן באַזונדער. דער דורשט האָט אונז געברענט און מיר האָבן אַרויסגעשריגן צום וועכטער נאָך וואַסער, אָבער יענער האָט צוריקגעשריגן: סקאָראָ פּאָלוציטיע, אַז מיר וועלן בקרוב באַקומען: אָבער מיר האָבן שוין געוווסט די באַדייטונג פון זייער „סקאָראָ".

אונזערע השערות וועגן די פּאַיאָקן זענען ערשט מקוים געוואָרן נאָך צוויי מעת לעת פאָרן אָן אַ קריש ברויט. נאָכן איבערציילן אונז (צום צענדליקסטן מאָל) האָט מען אונז אַריינגעגעבן

10 ברויט און 100 געטרוקנטע, געזאַלצענע פיש, אַזוי גערופענע — קאַפּטשאַלקעס. איך האָב בלויז גענומען דאָס ברויט. עס איז מיר נאָך געלעגן דער טעם פון די פריערדיקע געזאַלצענע הערינג: און כ׳האָב זיך אָפּגעזאָגט פון די טרוקענע פישלעך. מיר האָבן געבעטן ביי די קאָנוואָיענטן אונזערע כאָטש אַ לעק וואַסער, אָבער זיי האָבן אונז אויף זייער זאַפּטיקן רוסישן לשון געגעבן אָנ־צוגעהערן, אַז אויב מיר וועלן זיך נישט פאַרהאַלטן רואיק, וועלן זיי אונז דערשיסן ווי די ווערים.

אַ געוויסע נאַכט האָב איך פּלוצלונג דערהערט, ווי אויף איינער פון די אויבערשטע נאַרעס האָט מען געקראַצט די וואַנט, אַזוי ווי מיט קעציש נעגל. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט קומט פאָר. אויך אַנדערע האָבן פאַרנומען דאָס קראַצן, קיי־נער האָט אָבער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

איך האָב מיך אויפגעזעצט אויף דער נאַרע און כ׳האָב דער־זען, ווי איינער פון די אַרעסטאַנטן, דער אוקראַאינער וואַנאַט, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורך אַן אויסגעבויערט לאָך אין דער וואַנט, האַרט נעבן סופיט, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אונטערגעהויבן און זיך אַרויסגעגליטשט אויפן דאַך, גלייך איז נאָכגעקראָכן דער צווייטער, לוקאַווסקי. ער האָט נישט באַוויזן מער ווי אַרויסצושטעקן אַ האַלבן קערפּער, ווי ס׳האָט זיך פּלוצ־לונג דערהערט דער אָפּקלאַנג פון אַ געשיסעריי, און ער איז גע־בליבן שטעקן אין דער אויסגעשניטענער עפענונג. דער צוג האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געקאָלערט פאָרויס און איז שטיין געבליבן.

מען האָט שנעל אויפגעריגלט די טירן און אויף דער שוועל זענען שטיין געבליבן זעלנער מיט אָנגעשטעלטע מאַשין־ביקסן. מען האָט אונז מיט מעטאַלענע קאָלבעס אַרויסגעטריבן אויפן הויך־אָנגעשאָטענעם שניי און גענומען יעדן פון אונז מערדער־לעך שלאָגן. מען האָט אונז דאַן צעממיתטע, צעטיילט אויף גרופּן צו צען און אַרײַנגעטריבן אין אַנדערע וואַגאָנען, וואָס זענען שוין געווען אָנגעפּראָפּט מיט פריערדיקע אַרעסטאַנטן און ס׳איז אפילו נישט געווען קיין פּלאַץ, וו זיך אוועקצוזעצן. מיר האָבן געטראַכט פון דעם נישט־געלונגענעם פּלאַן פון די אַרעסטאַנטן צו אַנטלויפן.

מיינס אַ מיט־אַרעסטאַנט, פון דעם פריערדיקן וואַגאָן, קאָז־לאָווסקי פון וואַרשע, מיינט, אַז דער אוקראַאינער וואַנאַט איז זי־

כער אַנטלאָפן, אַנישט וואָלטן מיר געזען דעם קערפּער זיינעם. מיר שטייען די גאַנצע צייט אויף די פּיס, דער פריערדיקער וואַגאָן איז געווען אַ לוקסוס־צימער אַקעגן דעם איצטיקן. פון שטיין ווערן אונז די פּיס געליימט און פאַרגליווערט. דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער בלאָזט אַריין אַ חלף־שניידיקער ווינט. די העלדזער בייסן אונז פון דורשט. דאָס מויל איז ווי אַ ברייעדיקע ווונד. שוין דעם זעקסטן מעת לעת, ווי מיר האָבן נישט באַנעצט די ליפּן מיט קיין טראָפּן פליסיקייט, און ווי אויף להכעיס טיילט מען ווידער ברויט מיט געטרוקנטע פיש. אַ טייל אַרעסטאַנטן שטייען מיט אַרויסגעזעצטע צעגליטע אויגן און מיט צעפּלאַצטע ליפּן און די בליקן זייערע בלאָנדזשען אַרום ווי ביי וואַנזיניקע. עטלעכע מענטשן פאַלן אַריין אין אַ דעליריום, זיי הויבן אָן צו שרייען. די היסטעריע דריקט זיי ווי מיט קראַמפּן ביים האַלדז און זיי קאָנען נישט באַהערשן דעם ווילדן, הינטישן געוואָי, וואָס שפּאַרט פון זייערע ברענענדיקע העלדזער. דער צוג לויפט וואָס אַמאָל שנעלער און אַזוי טראָגט ער אונז, די וואַגאָנען מיט די האַלב־טויטע, האַלב־וואַנזיניקע מענטשן און דער שטח פאַרשלינגט אונזער פאַרצווייפלונג און זאַפּט איין די שרעקלעכע קולות פון די אין היסטעריע — געפאַנגענע קרבנות.

קאַפּיטל צען

די רייזע האָט זיך סוף כל סוף געענדיקט. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און די זעלנער, וואָס האָבן באַוואַכט די וואַגאָנען האָבן אונז מיט געשרייען און מיט אויסגעשטרעקטע קאָלבעס גענומען ארויסטרייבן פון די וואַגאָנען.

די פּלוצלונג פּאַנאַנדערגערוקטע וואַגאָן־טירן, און דאָס באַוווסטזיין, אַז מיר זענען שוין לענגער נישט איינגעשלאָסן אין די ד׳ אַמות פון דער פאָרנדיקער תפיסה האָט אונז אַלע אין ערשטן מאָמענט ארומגענומען מיט א געפיל פון אַנטשפּאַנונג. אָבער גלייך האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז קיינער פון אונז האָט נישט תופס געווען אין וואָס פאַראַ מצב מיר געפינען זיך. די פיס זענען געווען ווי פון בליי, מיט גרויס שווערקייט האָבן מיר זיך באַוועגט. מאַנכע האָבן לחלוטין נישט געקאָנט זיך רירן און מען האָט זיי געמוזט אַרויסטראָגן פון די וואַגאָנען. דריי פון דער גרויסער מחנה אַרעסטירטע האָבן נאָך פארן אָנקומען אויפן אָרט, אָפּגעמאַכט זייערע חשבונות מיט דער וועלט און מען האָט זייערע טויטע קערפּערס, אַזוי ווי אומבאַוועגלעכע זעק, ארויפגעוואָרפן אויף אַ באַרג מיט שניי.

אין דער באַטויבטער און באַרוישטער מענטשן־מאַסע איז פּלוצלונג אַריינגעפאלן אַ שפּיציקער באַפעל: אַוועקזעצן זיך אויף דער ערד אין דער געוויינלעכער אַרעסטאַנטן פּאָזע: מיט די הענט פארוואָרפענע איבער די קעפּ. ווידעראַמאָל האָט מען אונז גענומען ציילן. איינס, צוויי, דריי.... ביי יעדן קלענסטן טעות האָט מען אָנגעהויבן דאָס ציילן פונדאָסניי. עס איז זיי געגאַנגען שטאַרק אין לעבן, אַז דער חשבון זאָל שטימען. אין חשבון האָט מען

שוין אויך אריינגענומען די געשטאָרבענע, ווייל נישט אין אונזער מעמד איז דאָך געגאַנגען, נאָר אויסשליסלעך אין דער צאָל. צוזאַ־מען זענען מיר געווען 3400 מאַן.

דאָן איז געקומען א פרישער באַפעל: אויפשטעלן זיך און מאַרשירן. פון ביידע זייטן זענען מיר געווען באַשטעלט מיט וועגנס באַוואָפנטע סאָלדאַטן און מיט בלוט־הינט. אין א זאַפּטיקער רו־סישער שפּראַך, וואָס האָט געטריפט מיט זידלערייען און מיט קללות, האָט מען אונז געוואָרנט אז פאַר יעדער פאַרדעכטיקער באַוועגונג, וועט מען דערשאָסן ווערן. און קוקנדיק אויף די גע־זיכטער פון די וועכטער אונזערע האָט מען געזען, אז די וואָרנונג איז נישט געווען קיין פוסטע. ביים פאַרלאָזן די זייטיקע באַן־ליניע, האָט עמיצער פון אונז אויפגעכאַפּט דעם אויפשריפט פון דער באַן־סטאַציע: ס ט א ר אָ ב י ע ל ס ק אָ.

פון דער ווייטנס האָבן זיך געשאָטנט קאָנטורן פון א שטעטל. אין הימל האָבן זיך געצויגן צענדליקער טורעמס פון פּראַוואָסלאַוו־נע צערקוועס. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט נישט געווען מער ווי א געזאַמל פון געבעט־הייזער. די צלמים האָבן זיך שאַרף אָפּגעשניטן אויפן הינטערגרונט פון ווינטערדיקן הימל און, עס האָט אויסגעזען, ווי אויפן הימל וואָלטן פאַרזייט געווען קברים מיט סטערטשענדיקע מצבות.

אונטער די פיס איז געלעגן א ווייסער, האַרטער און סקריפּנ־דיקער שניי. דער פראָסט האָט געקנאַקט און האָט געקנייפּט שטי־קער פון די אָפּגעדעקטע געזיכטער. די לופט האָט געשניטן ווי מיט מעסערס. מיר האָבן זיך געשלעפּט, צוגעטוליעטע איינער צום אַנדערן און אונטערגעטריבענע מיט כסדרדיקע באַפעלן, מיר זאָלן גיין שנעלער. טראָץ דער קעלט איז דער פריערדיקער מאַטערנדיקער דורשט נישט געשטילט געוואָרן. די לופט איז געווען א טרוקענע און אן אויסגעדרענגטע פון יעדן טראָפּן פייכקייט און האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די טרוקנקייט אין די צעברענטע העלדזער. די, וואָס האָבן נישט געקאָנט שפּרייזן מיט דער פאַרלאַנגטער שנעל־קייט זענען ביסלעכווייז אָפּגעשטאַנען און האָבן זיך געפונען אין די לעצטע רייען. דאָרטן האָט מען זיי שוין „דערמוטיקט" מיט שטורכאַנצעס און מיט ביקסן־קאָלבעס, זיי זאָלן גיין ווייטער.

אונזער מחנה דערנענטערט זיך צו א גרופּע מיט הילצערנע

פויערישע הייזלעך. פונדערווייטנס מאַכן זיי דעם איינדרוק פון נישט באַוווינטע באַראַקן, ווייל פון קיין איינער פון די כאַלופּעס זעט מען נישט, אז פונם קוימען זאָל זיך שלענגלען אַ רויך. צווישן די הייזלעך דערזעען מיר אָבער עלטערע רוסן און פרויען, אַרומגע־הילטע אין אויסטערלישע טראַנטעם מיט ארומגעוויקלטע קעפּ אין שאַלן און אין שמאַטעס. אויך פון הינטער די געפּרווירענע פענ־סטער זעט מען קינדערישע פלאַקסענע קעפּלעך איינגעפּאַטלטע אין פאַרשיידענע בעבעכעס. די גרעסטע טייל פון די דאָזיקע איינוווי־נער לאָזט אראָפּ די קעפּ און מאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן אונז נישט געזען. אַנדערע בויגן נישט אַוועק די קעפּ, זיי שטייען אָבער אומבאַוועגלעך און גלייכגילטיק, אזוי ווי זיי וואָלטן אונז לחלוטין נישט באַמערקט. אַ סברה, אז דאָס בילד פון דער געטרי־בענער אַרעסטאַנטן מחנה איז פאַר זיי קיין נייעס נישט. די וועכ־טער רעכנען זיך ווייניק מיט דער אָנוועזנהייט פון „פובליקום". זייערע געשרייען און קללות זענען נאָך „פּליישיקער" ווי פריער. במשך פון די ווייטערדיקע צוויי שעה, בעת מיר ווערן כסדר גע־טריבן פאָרויס, באַרייכערט זיך אונזער רוסיש ווערטערבוך מיט ווייטערדיקע יאָדערדיקע רוסישע אויסדרוקן. נישט אַלע קללות פאַרשטייען מיר גענוי, אָבער מיר שטויסן זיך אָן...

ביים סוף פון וועג וואַקסט פלוצים אוים אַ גרויסע צערקווע, אַן אַרומגעפּאַרקאַנטע מיט אַ האָלצערנעם צוים. דאָ בלייבן מיר שטייען. דער פּאַרקאַן איז יעדע 20 מעטער פאַרזען מיט טורעמ־לעך, אין וועלכע עס געפינען זיך סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן. עס איז אַן אויסטערליש בילד — דער פרידלעכער קאָפּ פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, אַן אַרומגענומענער מיט אַ קרוין פון מאַשין־ביקסן־נעסטן. עס זעט אוים ווי דער קאָפּ פון יוזל, אַן אַרומגעשטאָכענער מיט דער דערנער־קרוין.

עמיצער האָט אויפגעפּראַלט דאָס סקריפּנדיקע טויער פון דער פאַרצוימונג און מען האָט די מחנה אונזערע אַריינגעפּידעט אין דער קירכע. עס גיט אויף אונז אַ ווייַ מיטן ריח פון טיפלות, פון וואַקסענע ליכט און פון אַלטע איקאָנעס. אינעווייניק אינם גרויסן זאַל צעטיילט מען אונז אויף קליינע גרופּן און מען צע־שיקט אונז איבער פאַרשיידענע צעלעס, מיט וועלכע די צערקווע איז אַרומגעקלעפּט ווי מיט בינען־קעמערלעך.

ווידעראמאָל אַ תפיסה־צעלע. מיר האָבן אינעווייניק געטראָפן איינוווינער פון טאַרנאָפּאָל, פון סטאַניסלאַוואָוו און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן דורך דער „רויטער אַרמיי". די באַפרייטע זענען דאָ געלעגן אויף די פּריטשעס און האָבן אַרויסגעקוקט דורך פאַרקראַטעטע פענסטער־לעך... מיר האָט מען אויסגעטיילט אַן אָרט אויפן זעקסטן „שטאָק". דאָס הייסט אויף דער סאַמע העכסטער נאַרע. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט מען גענומען טיילן מיטאָג. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי און האָבן געוואַרט, אַז דער טיילער, וואָס איז געשטאַנען נעבן אַ קעסל אויף דער שוועל זאָל אונז אָנגיסן דאָס מאכל אין אונזערע בלעכענע מענאַזשקעס. דאָס מיטאָג איז באַשטאַנען פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק נישט זייער וואָ־סערדיקע זופּקע, געטרוקנטע פיש מיט אַביסל אַרומשווימנדיק גרינ־וואַרג. נאָך דער דאָזיקער „דאַניע" האָט מען געטיילט נאָך אַ פּאָר־ציע, וועלכע מען האָט גערופן „וטאָראָיע" און איז באַשטאַנען פון אַ צוויי גאָרשט געקאָכטע קאַשע.

ביסלעכווייז הויבן מיר זיך אָן אַרומצוקוקן איבער דער נייער צעלע און הויבן אָן זיך אויסצופרעגן ביי די עלטערע איינוווינער, ווו מיר געפינען זיך. די דאָזיקע אויסטערלישע קירכע־תפיסה ווערט אָנגערופן „דער פינפטער בלאָק". דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין גע־וויינלעכע תפיסה, נאָר אַ קאַראַנטין, אַ דורכגאַנג־אָרט. געוויינלעך האַלט מען דאָ אַן אַרעסטאַנט פון 5 ביז 8 טעג און דערנאָך שיקט מען אים ערגעץ אַנדערש. אין דער צעלע האָבן זיך געפונען 90 יידן און 180 פּאָליאַקן. די ווענט זענען געווען אָפּגעריסענע, באַ־פלעקטע מיט סימנים פון אינזעקטן. דער שטויב, וואָס איז געלעגן אויפן סופיט און אויף די פאַראַפּעטן פון די פענסטער איז שוין אוודאי נישט אַוועקגערוימט געוואָרן פון די צאַרישע צייטן.

דער „סטאַראָסטע" פון דער צעלע איז געווען אַ ייד, אַן אַדוואָקאַט פון ראָוונע מיטן נאָמען שטראַסבערג. אַ דיקער, אַ מיטל־וווקסיקער, מיט אַ פּאָר קלוגע, אַדורכדרינגלעכע אויגן און מיט דינע, שטענדיק אַביסל אויסגעקרימטע ליפּן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט באַצויגן זיך ערנסט צו די אַרומיקע. אָבער דאָס איז געווען בלויז דער אויסערלעכער איינדרוק. אינדערעמתן איז ער געווען אַ האַרציקער מענטש און

זיין באַנעמונג צו די מיט־אַרעסטאַנטן איז געווען אַן אומגעהויער איידעלע. ער האָט זיך צו יעדן באַצויגן מיט אַ רעספּעקט, וואָס האָט יעדן איינעם אָנגעפילט מיט אַ געפיל פון זעלבסט־חשיבות, וואָס ס׳איז אזוי לייכט צו פאַרלירן אין די באַדינגונגען פון אַ תפיסה. דערביי האָט ער געהאַט אַ וואונדערבאַרן חיתוך הדיבור. ער האָט געקאָנט שעהנווייז רעדן און עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו אים זיך צוצוהערן. אין קעגנזאַץ צו דער גרעסטער טייל אַנדערע אַרעסטאַנטן האָט ער שוין געהאַט אויף זיך אַן אורטייל: 8 יאָר פאַרשיקונג. אין סטאַראָביעלסקאָ האָט ער זיך שוין געפונען זעקס וואָכן. מען וואָלט אים שוין פון לאַנג אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ, אָבער דאָ האָט מען אים אין צווישן־צייט באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אַ בונט קעגן דער לאַגער־מאַכט אין סטאַראָביעלסקאָ. ער האָט איצט מורא, אז פאַרן דאָזיקן חטא זאָל מען אים נישט שיסן. טראָץ דעם, וואָס ער באַמיט זיך צו באַהערשן און ער האַלט זיך ווי אין אייזערנע קלאַמערן, ברעכט ער זיך אָפּטמאָל איין און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד. ער שפּאַנט דאַן אַרום איבער דער צעלע, ברעכט זיך די הענט און קאָן נישט באַהערשן די ספּאַזמאַטישע געכאַרכלען. ווי קומט עס, מען זאָל אויף אים וואַרפן אַזאַ באַשולדיקונג? ער איז דאָ געווען דער אויפזעער איבער אַ גרופּע פּוילישע אָפיצירן, וועלכע מען האָט דאָ אַהערגעבראַכט אַלס קריגס־געפאַנגענע. זיי האָבן געאַרבעט ביים אויפשטעלן באַראַקן. אַליין האָט ער גענאָסן פון דער פּריווילעגיע, וואָס ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך פריי צו באַוועגן איבערן לאַגער. דערביי האָט ער אויך געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט פאַרשיידענע אַרעסטאַנטן. אַ געוויסן טאָג האָט איינער פון די וועכטער געהערט, ווי ער האָט גערעדט מיט עמיצן אויף העברעאיש. מען האָט אים גלייך אַריינגעשלעפּט אין דער קאַנצעלאַריע: אין וואָס פאַרא שפּראַך האָסטו מיט יענעם גערעדט? האָט ער געזאָגט: אין דער סטאַראָזאַקאָננער שפּראַך. די לאַגער־מאַכט האָט גלייך אַרויסגעצויגן די איינציקע מעגלעכע מסקנא, אז ער פירט איבערן לאַגער אַ קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט און אַז נישט אַנדערש, נאָר ער גרייט דאָ צו אַן אויפשטאַנד. געהיימע שפּראַך, קאָנספּיראַציע, בונט — דער געוויינלעכער גערדאַנקען־גאַנג פון אַן נ. ק. וו. ד. מח. געפינט ער זיך דאָ דעריבער אונטער דעם דראָענדיקן שאָטן פון אַ

שוידערלעכער באשולדיקונג, פאר וועלכן די רוסן קאנען לייכט אוועקשטעלן פאר אן עקזעקוציע פלוטאן. ער וואלט שוין געוואלט מען זאל אים אוועקשלעפן אויף די אכט יאר פארשיקונג, כאטש זיין איינציקער חטא קעגן דער סאוויעטישער מאכט באשטייט דערין, וואס ער איז אמאל, אין קאפיטאליסטישן פוילן, געווען א ציוניסט. ער האט איבערגעלאזט אין ראוונע א יונגע פרוי מיט א פיצל קינד און דאס איז אוודאי די סיבה דערפון, וואס פון טאג צו טאג ווערט דאס געזיכט זיינס געלער און וואס אין די גוטמוטיקע אויגן לייגן זיך שווערע שאטנס פון פארצווייפלונג.

מיט עטלעכע טעג שפעטער האט מען מיך אריבערגעפירט אין א צווייטן בלאק, אין אכטן. דער איצטיקער בלאק איז נאך גרעסער ווי דער פריערדיקער, עס געפונען זיך דא א זעקס טויזנט מאן. אויך דער איצטיקער בלאק געפינט זיך אין א צערקווע. די דאזיקע פעסטונגען פון דער אמאליקער טשארנאיא סאטניא האבן געפונען א געהעריקע פארווענדונג פון דער ראטן־מאכט... אינם בלאק געפינט זיך די סמעטענע פון דער פוילישער געזעלשאפט: כראביעס, גוטבאזיצערס, הויכע אפיצירן און פראפעסיאנעלע אינטעליגענץ. אויך די יידישע ארעסטאנטן באשטייען מייסטנטייל פון אדוואקאטן, לערער, דאקטוירים, אינזשיניערן און ראבינער. אן אמתער אפקלייב פון פוילנס גייסטיקער עליטע. די באשפייזונג באשטייט יעדן אינדערפרי פון 600 גראם שווארץ ברויט מיט א טעפל שווארץ וואסער, וואס טרעט דא ארוים אונטערן פסיידאנים פון קאווע. דאס מיטאג איז געניי דאס זעלבע וואס אין פריערדיקן בלאק און אין אוונט באקומט מען נאך א רעפעטע פון דער זעלבער זופ נאר אין א שטארק וואסערדיקער אויפלאגע. ארויסגיין פון דער צעלע מעג מען בלויז איין מאל אין טאג. ווען דער וועכטער פירט אונז פארטיע־ווייז אין קלאזעט אריין. ווייטער זענען מיר פארשלאסן אין די באזונדערע בלאק־צעלעס, ווייל סטאראביעלסקא איז א פארהער־לאגער און נישט קיין ארבעט־לאגער.

יעדע פאר טעג קומט פאר אין דער צעלע א ספעקטאקל, וואס האט אלע עלעמענטן פון א פינצטערער גראטעסקע. אין דער צעלע קומען אריין דריי נ. ק. וו. ד.'יסטן און באפעלן אונז קודם כל צו זיין שטיל, כאטש דער באפעל זייערער איז אן איבעריקער.

בלויז דאָס באַווייזן זייערס רופֿט אַרויס ביי אונז אַ טויטע פֿאַרגליווערונג. ווען מיר וואָלטן געקאָנט וואָלטן מיר אפֿילו אָפּגעשטעלט דאָס קלאַפּן פֿון די הערצער. זיי הויבן אָן אויסצורופֿן פֿאַמיליענעמען און נעבן יעדן נאָמען שטעלן זיי אַוועק ציפֿערן. 8 יאָר, זעקס יאָר, 12 יאָר. וואָס באַדייטן די דאָזיקע צאָלן? אורטיילן. פֿאַרשיקונגס־אורטיילן. אין אַנדערע לענדער שפּילט מען זיך מיט געריכטן, מיט פֿאַרהאַנדלונגען, מיט ריכטער, מיט אַדוואָקאַטן און מיט עדות, דאָ, אין סטאַראָביעלסקאָ איז די גערעכטיקייט אַן אַנדערע. די גאַנצע צערעמאָניע מיט געריכטן איז אַן איבעריק שאָלעכץ, דער עיקר איז דאָך דער קערן — די צאָל יאָרן אין אַ פֿאַרשיקונגס־לאַגער. דאָס לייענען די אורטיילן ווירקט פֿאַרשידן אויף די געמיטער פֿון די אַרעסטאַנטן. די גרעסטע טייל נעמט עס אויף מיט אַ קאַלטער רואיקייט. פֿאַראַן אָבער אַזעלכע, וואָס פֿאַלן ממש אַריין אין משוגעת, היסטעריזירן און פֿירן זיך אויף ווי זיי וואָלטן פּלוצים אַראָפּ פֿון זינען.

א געוויסן טאָג האָט איינער פֿון די וועכטער געפֿרעגט, ווער פֿון אונז עס איז אַ שלאָסער. אינסטינקטיוו האָב איך מיך אַרויסגערוקט און געמאָלדן, אַז מיין פֿאַך איז שלאָסעריי. אַ חוץ מיר האָבן זיך נאָך געמאָלדן אַנדערע פֿיר מאַן. דער וועכטער האָט אונז באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז פֿיס, דאַן האָט ער אונז געזאָגט, אַז אונזער אויפֿגאַבע איז צו מאַכן ריגלען צו די טירן. ער האָט אונז דאַן אַריינגעפֿירט אין וואַרשטאַט, ווו מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעטראָפֿן מיט רוסישע אַרעסטאַנטן. היות קיין באַגריף אין שלאָסעריי האָב איך נישט געהאַט, האָב איך קודם כּל אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס כ'האָב גענומען אויסקערן דאָס צימער. די רוסן האָבן אונז גערופֿן „פּאָלסקיע פּאַני". זיי האָבן מיר געגעבן אַ פֿייל און געהייסן פֿיילן אַ שטיק אייזן. מיר האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערעדט און זיי האָבן דערציילט, אַז זיי זיצן דאָ פֿאַר קאָנטררעוואָלוציע און אַז כּמעט אַלע האָבן זיי באַקומען 10 יאָר. זיי זאָגן אָבער נישט „צען יאָר", נאָר „טשערוואָניעץ". דער וואַרשטאַט איז נישט באַוואַכט און נישט פֿאַרשלאָסן. מען קאָן פֿונדאַנען אַרומגיין איבערן גאַנצן לאַגער.

מיטאָג צייט האָב איך באַמערקט ווי צוויי פֿון די געפֿאַנגענע האָבן מיט גרויס מאַטערניש געשלעפּט דעם קעסל מיט דער זופּ.

ס׳האַרץ האָט מיר געשניטן, ווען כ׳האָב דערזען, ווי זיי קורטשן זיך אונטער דער אומגעהויערער מאַסע און כ׳האָב זיי גענומען צוהעלפן. דאָס האָט גראָד באַמערקט דער שעף פון די באַראַקן און דער ענין איז אים ווייזט אויס געפעלן געוואָרן, ער האָט מיך צוגערופן און געזאָגט, אז די קיך נויטיקט זיך טאַקע אין אַ יינגערן געהילף און אַז פון איצט אָן וועל איך אַרבעטן אין דער קיך. מיטן דאָזיקן מאָמענט איז אין מיין לאַגער־לעבן אַריינגעטרעטן אַ ראַדי־קאַלע ענדערונג. געפונענדיק זיך צוזאַמען מיט די קיך־אַרבעטער אין אַ באַזונדערן, נישט אָפּגעשלאָסענעם בלאָק, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט מיך פראַנק און פריי צו באַוועגן זיך איבערן גאַנצן שטח.

דער לאַגער איז געווען גרויס ווי אַ גאַנצע שטאָט. איבעראַל האָט מען געזען נייע באַראַקן, נאָר וואָס אויסגעפּאַרטיקטע דורך די פּוילישע אָפיצירן. איך האָב מיט פיל פון זיי גערעדט. זיי האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע געגנטן. כ׳האָב ביי יעדן פון זיי נאָכ־געפרעגט אויף גענעראַל זארוסקי און אויף לייטענאַנט קאַמאַסאַ. קיינער האָט מיר אָבער נישט געקאָנט געבן וועגן זיי קיין ידיעות. פון לאַגער זענען טאָג־טעגלעך אָפּגעגאַנגען טראַנספּאָרטן מיט גע־פאַנגענע און עס איז דעריבער מעגלעך געווען, אַז אויך זיי זענען שוין פון לאַנג אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן ערגיץ אַנדערש. כ׳האָב אויך געזוכט די צוויי ראַבינער און מאַקס בולבעניקן. אָבער אויך פון זיי האָב איך נישט געפונען קיין שפּור. די אָפיצירן האָבן נישט געהאַט אויף זיך קיין אורטייל. זיי האָבן אפילו נישט גע־ווּסט, אין וואָס פאַרא כאַראַקטער זיי געפונען זיך דאָ. צי זענען זיי קריגס־געפאַנגענע, אינטערנירטע, פּאָליטישע פאַרברעכער, צי סתם אַרעסטאַנטן. קיינער האָט זיי וועגן דעם נישט געפּרוּווט אויפקלערן.

עס איז געווען ענדע מערץ 1940. אלס קיך־אַרבעטער האָב איך באַדינט דריי בלאָקן: דעם 2טן, דעם 8טן און דעם 21טן. צווישן די בלאָק־איינוווינער בין איך פּאָפּולער. מען רופט מיך „פּאַצאַן”. די אַרעסטאַנטן געטרויען מיר זייערע טויש־מסחרים מיט די וועכטער און זענענדיק, אַז איך באַשווינדל זיי נישט, באַ־שענקען זיי מיך מיט פאַרשיידענע מתנות — הויפּטזעכלעך מיט מלבושים, ווייל געקומען אין לאַגער אריין בין איך בערום ובחוסר.

איך עס צו דער זעט און איך קום בקרוב צוריק צו די כחות. די איינגווווינער פון די בלאָקן האָבן זיך כסדר געטוישט. יעדן דריטן טאָג זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן טראַנספּאָרטן צו דריי און צו פיר טויזנט מאַן און זייערע ערטער זענען פאַרנומען געוואָרן דורך פריש־אָנגעקומענע.

עס איז שוין אָנהויב אַפּריל, אָבער דער פרילינג קומט דאָ אָן מיט גרויס מאַטערניש. די ערד איז נאָך צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן שניי און עס איז היבשלעך קאַלט. די פּוילישע אָפּיצירן האָבן געהאַט אָנגעהויבן צו בויען אַ נייעם באַראַק, אָבער נאָך איידער ער איז פאַרענדיקט געוואָרן, זענען זיי ערגיץ ווו פאַר־שוונדן. קיינער פון אונז האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וווהין די טראַנספּאָרטן זענען געשיקט געוואָרן. די רוסן האָבן געזאָגט, אַז דאָס שיקט מען די געפאַנגענע קיין סיביר אויף אַרבעט, אָבער אויך זייערע רייד זענען נישט מער ווי השערות. אין בלאָק נו־מער 21 האָב איך אין אַ געוויסן טאָג געטראָפן קאַנערן. קלמן האָט געוויינט פאַר מיר ווי אַ קליין קינד. ער האָט באַקומען אַכט יאָר פאַרשיקונג. ביי מיר אין 8טן בלאָק האָט געהערשט אַ צערו־דערונג. מען האָט אַרויסגעפירט פון דאָרט מער ווי אַ העלפט פון די „איינגווווינער" און איך האָב מיך דעריבער געריכט, אַז יעדע שעה קאָן מען אויך מיך אַוועקשיקן. איך האָב מיך בלויז געטרייסט דערמיט, וואָס כ'האָב נאָך נישט קיין אורטייל.

אין 21טן בלאָק האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די צוויי יידישע אָפּיצירן מאַקס מאַכענבוים און מאַיאָר סליווינסקי. זיי האָבן מיך אַ געוויסן טאָג געבעטן, איך זאָל מיך באַמיען צו שאַפן פאַר זיי אַ צייטונג און האָבן מיר דערפאַר צוגעזאָגט צוויי פּאָר זאָקן. עס איז מיר געגאַנגען אין לעבן צו דערפילן זייער ביטע און כ'האָב מיך געפּרעגט דירעקט ביים שעף, צי ער וואָלט מיר נישט געוואָלט געבן קיין צייטונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז עט־לעכע אַרעסטאַנטן דאַרפן האָבן דאָס פּאַפּיר צו רויכערן און אַז ער וועט דערפאַר באַקומען צוויי פּאָר וואַרימע זאָקן. די זאָקן האָבן אים ווייזט אויס געפעלט און ער האָט מיר געגעבן די צייטונג, וועלכע איך האָב מיטאָג־צייט צוזאַמען מיטן עסן דערלאַנגט דעם מאַיאָר סליווינסקי.

מיט דריי שעה שפּעטער האָט מען מיך אַריינגערופן אין ביוראָ

און מ׳האָט ביי מיך געפֿרעגט ביי וועמען כ׳האָב גענומען די צייטונג. היות כ׳האָב מיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פֿון אַ תשובה, האָט מען מיך גלייך פֿונם ביוראָ אַוועקגעפֿירט אין קאַרצער, וואָס האָט דאָ אין לאַגער לשון געהייסן „קאַציאַבאַ״. אינעווייניק איז געווען פֿינצטער חושך, דער דיל איז געווען אַ צעמענטענער און ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַץ אַפֿילו צו זיצן, שווין אָפּגערעדט פֿון ליגן. 24 שעה בין איך אַזוי אָפּגעלעגן אין דאָזיקן קאַרצער, אָבער, אַז דאָס האָט נישט געדויערט מער ווי 24 שעה, האָב איך מיך דערוווסט ערשט אינדרויסן, ווייל אינעווייניק האָט זיך מיר אויסגעדאַכטן, אַז איך זיץ דאָרט לאַנגע פֿינצטערע מעת לעתן.

פֿונם קאַרצער האָט מען מיך שוין נישט צוריקגעפֿירט אין בלאָק אַריין, נאָר גלייך צום טראַנספּאָרט. ביי דער ראַמפּע איז שוין געשטאַנען אַ גרופּע מיט געפֿאַנגענע, שטרענג באַוואַכט פֿון אַלע זייטן מיט באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן און פֿאַרן אַריינגיין אין די וואַגאָנען אַריין האָט יעדער פֿון אונז געקריגן צוויי ברויט מיט פֿיר געזאַלצענע הערינג. קיין איינער פֿון אונזער גרופּע האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין אורטייל. אַן עלטערער פּוילישער אָפֿיציר, קאַפּיטאַן בזשאָזאָווסקי, האָט אַרויסגעזאָגט אַ סברה, אַז קריגסגעפֿאַנגענע ווערן וואַרשיינלעך נישט פֿאַראורטיילט און אַז מיר וועלן בקרוב באַפֿרייט ווערן. די דאָזיקע השערה הינקט אָבער אַ ביסל הינטער, ווייל אָט בין איך למשל לגמרי נישט קיין מיליטערמאַן און אַזעלכע ווי איך זענען נאָך פֿאַראַן אַנדערע. איינער פֿון זיי איז אַ ייִדישער לערער פֿון סטאַניסלאַוואָוו, דער נאָמען זיינער איז צוקער. ער האָט געלאָזט אינדערהיים אַ פֿרוי מיט צוויי קינדער און ער שטויסט זיך אַפֿילו נישט אָן, פֿאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט.

אַרום דער ראַמפּע צעציינדן זיך ריזעדיקע לאָמפּן פֿון רעפֿלעקטאָרן. עס דערהערט זיך אַן אייזערנער געקלאַמפּער פֿון ריגלען. מען הויבט אָן פֿאַנאַנדערצורוקן די טירן פֿון די וואַגאָנען. אינעווייניק איז ליכטיק ווי אינמיטן טאָג. ווידעראַמאָל קלעטער איך אַריין אין אַזאַ האַלצערנעם קאַסטן. דאָס האַרץ קורטשעט זיך מיר פֿאַר ווייטיק. אַ ווילדער צאָרן רייסט מיר די נערוון. נאָך וואָס האָב איך עס באַדאַרפֿט? צו וואָס האָב איך געשאַפֿן די צייטונג פֿאַר די צוויי אָפֿיצירן, אַז זיי זאָלן מיר שפּעטער פֿאַרמסרן? דאָרט

האָב איך כאָטש געהאַט געגוג צו עסן, וואָס וואַרט מיך איצט? עס דערהערט זיך ווידער אַ קריץ פון די פאַרזשאַווערטע שלעסער. דער דאָזיקער קלאַנג איז מיר שוין באַקאַנט פון פריער און ער שניידט זיך מיר איין מיט אַ שאַרפן געקריץ אין געמיט. עס הערן זיך נאָך די לעצטע וואָיעדיקע באַפעלן פון די וועכטער אונזערע, דאָס געבילעריי פון הינט און עפּעס דערלאַנגט אונז אַ פּלוצלינג־דיקן שלעפּ. אונטער דעם פּאָדלאָגע פון וואַגאָן הויבט זיך אָן דאָס שווערער געכאָרכל פון די רעדער. אין אַ מינוט אַרום פאַרשווונ־דעט דאָס לעצטע געפלעמל פון די אַריינלייכטנדיקע רעפלעקטאָרן. עס נידערט אַראָפּ אַ געדיכטע פינצטערניש. די וואַגאָנען נעמען זיך וואָס אַמאָל האַסטיקער און וואָס אַמאָל רואיקער גליטשן אַי־בער די שינעס.

צוויי מעת לעת זענען מיר אַזוי, פאַרשלאָסענע, אָפּגעפּאָרן און מען האָט קיין איין מאָל נישט געעפנט די טיר. אויפן דריטן טאָג האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און מען האָט אונז גענומען אַרויסטרייבן פון די וואַגאָנען.

נאָך איידער מען האָט אונז, ווי דער שטייגער איז, באַפוילן אוועקצוזעצן זיך אויף דער ערד מיט די הענט אויף די קעפּ, און נאָך איידער מען האָט אונז אָנגעהויבן צו ציילן, האָב איך באַ־מערקט פונדערווייטנס אַ קליינע באַן־סטאַציע מיט אַ פּעטן אויפשריפט: גניעזדאָוואַ.

פונדאַנען האָט מען אונז, אין תּפיסה־אויטאָס, געפירט אַן ערך דריטהאַלבן שעה, ביז די אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט אונז אַרויסגעטריבן אין דער געדיכטעניש פון די קאַטינער וועלדער.

דער דאָזיקער קאַטינער לאַגער האָט געטראָגן דעם נומען עס 9.

קאַפּיטל עלף

די פּראַצעדור פון ציילן איז דאָס מאָל צוגעגאַנגען שטרענ־
גער ווי געוויינלעך. צום ערשט האָבן אונז געציילט די קאָנוואָיענטן,
וואָס האָבן אונז מיטבאַגלייט מיט דער באַן און דאַן האָבן זיי
אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון אַן אַנדערער אָפּטיילונג מיט
סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונז אָפּגעוואַרט ביי דער באַן־סטאַציע
און יענע האָבן אונז ווידעראַמאָל מיט דער גרעסטער פּינקטלעכ־
קייט גענומען ציילן. דער פרימאָרגן איז געווען אַ פראָסטיקער,
אָבער ס׳איז שוין געווען טיף אין אַפּריל און ערטערווייז האָבן
שוין שטיקער נאַקעטע ערד גענומען אַדורכשוואַרצן דורך דעם
צעגאַנגענעם שניי.

די נייע בעלי בתים, די סאָלדאַטן וואָס האָבן אונז איבער־
גענומען פון דער פריערדיקער וואַך, האָבן באַפוילן אונז אויפ־
צושטיין און האָבן גענומען אונז טרייבן לענג אויס אַ שמאָלן וועג
וואָס האָט זיך געצויגן אינמיטן פון אַ געדיכטן וואַלד. פון בײדע
זייטן וואַלד האָט זיך געגאָסן אַ מחיהדיקער שטראָם מיט פרילינג־
דיקע ריחות. פון צווישן די צווייגן, אויף וועלכע עס איז נאָך ער־
טערווייז געלעגן אַ דינער שיכט מיט שניי האָבן זיך שוין דער־
טראָגן צוויטשערייען פון געפייגל. קיין בליעכץ איז נאָך נישט גע־
ווען, אָבער די גאַנצע לופט האָט געפלאַטערט מיט אַן אָנזאָג פון
אַ פרילינגס־אויסברוך, וואָס וועט אין געציילטע טעג אַרום פאַר־
וואַנדלען דעם נאַקעטן וואַלד אין אַ שפּראָצנדיקן היכל. די זעל־
נער אין באַגלייטונג פון וועלף־הינט האָבן אונז געטריבן מיט
גרוים אײפער און טאָמער האָט עמיצער פון אונז זיך אַ גליטש גע־
געבן איבער שנייאיקן וועג, האָבן זיי אים אונטערגעיאָגט מיט

אַ שטױס פֿון קאָלבע און מיט כּסדרדיקע דערמוטיקונג: סקאָרעי, סקאָרעי.

דער לערער צוקער האָט שױן לאַנג נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם מערדערלעכן מאַרש און איז אַװעקגעפֿאַלן אױף דער ערד. ער האָט גלײַך באַקומען אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַ פֿריקלאַד און דאָס גאַנצע פּנים איז אים באַגאָסן געװאָרן מיט בלוט. דער קאַפּיטאַן בזשאָזאָװסקי האָט אים אױפֿגעהױבן און מיר האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און געהאָלפֿן אים פּלאָנטערן מיט די מאַכטלאָזע פֿיס. ער האָט אונדז געבעטן, מען זאָל אים לאָזן גלײַכער ליגן אױפֿן שנײ, װײַל סײַ װי סײַ פֿילט ער, אַז ער װעט שױן קײן לעבעדיקער נישט דערגײן. דער קאַפּיטאַן בעט בײַם קאָנװאָיִענט, ער זאָל אים דערלױבן צו נעמען אַ ביסל שנײ און אים אײַנרײַבן די שלײפֿן, יענער קוקט אים אָבער אָן מיט אַ טעמפּן בליק און ענטפֿערט אַפֿילו נישט. דער סוף איז, אַז נאָך עטלעכע הונדערט מעטער טראָגן אים, פֿאַרלירן די מענטשן די כּחות און מען לײגט אים אַװעק אױפֿן שאָסײ. הײות עס איז נישט דערלױבט אַרױסצוטרעטן פֿון די רײען, טרעטן די אָנקומענדיקע שורות איבער צוקערס אײַנגעקולעטן קערפּער. דער לעצטער פֿון די דורכגײער האָט געפּרוּװט פֿון אים אַראָפּציִען די שיך, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס און, אױסדרײענדיק די קעפּ האָבן מיר דערזען, װי דער קערפּער זײַנער איז געלעגן אױף צוקערן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר אַזױ געטריבן געװאָרן אין אַן אומאױפֿהערלעכן און אױסשעפּנדיקן מאַרש. נישט אַלע האָבן דעם דאָזיקן געטרײַב געקענט אױסהאַלטן און פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיך טאַקע לענג אױס דעם װעג אונטערן געהערט טרוקענע אָפּקלאַנגען פֿון אײנצלנע שאָסן.

דער הימל האָט זיך שנעל גענומען אָנגיסן מיט אַן אומהײמלעכער טונקלקײט און אײדער מיר האָבן זיך אומגעקוקט האָט אַראָפּגענידערט אַ חושכדיקע נאַכט. ערגיץ פֿונדערװײַטנס האָבן מיר פּלוצלונג דערזען, װי עס האָבן זיך גענומען אַרױסשײלן לײַכטנדיקע פֿינטלעך. די פֿינטלעך האָבן אָנגעהױבן גרעסער צו װערן און אײדער מיר האָבן זיך אומגעקוקט זענען מיר שטײן געבליבן פֿאַר אַ טױער, װאָס איז געװען אַדורכגעפֿלאָכטן מיט שטעכל־דראָט. אונטער אַ געװאָיִעניש פֿון הינט און אַן אומאױפֿהערלעך געשעלטערײ פֿון די קאָנװאָיִענטן האָט מען אונדז אַרײַנ־

געטריבן אין א פוסטן באַראַק, פון וועלכן עס האָט אונז אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַ געשטאַנק פון פוילעניש.

צוויי טעג זענען מיר אָפּגעלעגן אינם באַראַק און געפּרוווט פון זיך אָפּשאָקלען דאָס געדעכעניש פון פאַרגאַנגענעם מאַרש. נאָכדעם ווי די אויגן אונזערע האָבן זיך צוגעוווינט צו חשכות פונם באַראַק האָבן מיר באַמערקט אויף די ווענט אויסגעקריצטע נעמען: באַציאַן, קאָזלאָווסקי, מאַיעווסקי, ביקאָווסקי, רעיטאַן און פיל אַנדערע. אויף אַנדערע ערטער זענען אויסגעקריצט רוסישע נעמען מיטן צושריפט: 1937: באָראָזאָוו, וואָלקאָוו, שטשער־ביאַקאָוו, וואָיקאָוו. וואָס פאַרא דראַמען ליגן באַהאַלטן אונטער יעדן נאָמען? אונזער אייגן אומגליק האָט אונז נישט געלאָזט צו לאַנג זיך פאַרנעמען דערמיט. דאָס פוילעניש פון די באַראַק־ברעטער האָט אונז גענומען אַריינדרינגען אין די ביינער און אין די געמיטער. מען האָט אונז געגעבן דריי מאָל אין טאָג צו עסן — געגנוי די זעלבע עסנס ווי אין די פריערדיקע באַראַקן; מיר זע־נען געלעגן רעזיגנירטע אויף די נאַרעס און געעגבערט האָט אונז בלויז די איינציקע פראַגע: און וואָס ווייטער?

אויפן דריטן טאָג האָב איך מיך געמאָלדן צום דיזשורנע און האָב אים דערקלערט, אַז איך וויל רעדן מיטן שעף פונם לאַ־גער. דער דיזשורנע האָט פון אָנהויב געפּרוווט ביי מיר געוויער ווערן דעם צוועק פון מיין בקשה, אָבער כ'האָב אים דערויף גע־זאָגט, אַז דער ענין איז אַן אומגעהויער וויכטיקער און אַז כ'מוז וועגן דעם רעדן מיטן שעף פּערזענליך. ער האָט מיך סוף כל סוף אָנגעמאָלדן אין דער קאַנצעלאַריע און אין אַ שעה אַרום האָט מען מיך אַריינגערופן צום שעף.

הינטערן טיש איז געזעסן אַ קליינגעוויקסיקער, פעט אָנגעגאָ־סענער פאַרשוין מיט אַ פּאָר שמאַלציקע אויגעלעך. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ שמאָלן, כיטרן בליק און דאָס ערשטע וואָרט זיינס איז געווען, אַז איך טראָג אַ פיינעם מאַנטל. דער פּאַלטן, וועלכן כ'האָב געטראָגן, איז טאַקע געווען אַן אויסגעצ־ייכנטער, כ'האָב אים געהאַט באַקומען אין פריערדיקן לאַגער, אין סטאַראָביעלסקאָ, פון דעם פּוילישן גראַף לובאָמירסקים אַ פּלי־מעניק, אַלס באַלוינונג דערפאַר, וואָס כ'פּלעג אים פון צייט צו צייט אונטערדרוקן אַן עקסטרע שטיק ברויט אָדער אַ צולאָג פּאַרציע

זופּ. הערנדיק, אַז דער מאַנטל געפעלט אים, האָב איך אים אויסגעטאָן, און דערלאַנגט דעם לאַגער־שעף. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך אים צוגאָסן איבערן זיינע שמאַלציקע בעקלעך און ער האָט מיר דערפאַר געוואָלט מכבד זיין מיט מאַכאָרקע און מיט שפייז־פּראָדוקטן. כ׳האָב אים אָבער אָפּגעדאַנקט און געזאָגט, ער זאָל מיר דערלויבן צו אַרבעטן אין דער קיך, אַזוי ווי כ׳האָב געאַרבעט אין סטאַראָביעלסקא. ער האָט אויף מיר דערלאַנגט אַ ממזרישן בליק, געזאָגט: „מאָלאָדיעץ״ און גלייך פון דער קאַנצעלאַריע האָט ער מיך אריינגעפירט אין דער קיך אַריין. אַזוי אַרום בין איך פארבליבן אין דער קיך־באַדינונג, וואָס האָט געציילט 80 פּערזאָן. צוזאַמען מיט מיר האָבן אין דער קיך געאַרבעט דריי פּאָליאַקן אין זייערע אָפיצירישע מלבושים און די איבעריקע זענען געווען ציוויל־געקליידעטע רוסן, נישט קיין געפאַנגענע, נאָר אַגענטן פון דער נ. ק. וו. ד. צוויי פון די אָפיצירן זענען געווען מאַיאָרן און איינער פון זיי איז געווען אַ לויטענאַנט. די ארבעט אונזערע איז באַשטאַנען דערין, וואָס פאַרטאָג האָבן מיר צעהאַקט האָלץ און מיטאָג צייט האָבן מיר צעטראָגן די קעסלען מיט עסן איבער די באַראַקן. צוזאַמען האָבן מיר באַדינט פיר באַראַקן. אין אַלגעמיין האָט די צאָל באַראַקן באַטראָפן ניינצן, מייסטנטייל פריש געבויטע. דער לאַגער איז געווען ארומגענומען אַ חוץ מיט דעם געוויינלעכן גאַרטל פון שטעכל־דראָט אויך מיט אַ נאַטירלעכן אָפּצוים פון געדיכטע וועלדער. די שטעכל־דראָטן זענען געווען ארומגעגאַרטלט אין דריי באַזונדערע רייפן, דערביי האָט דער שטח פון איין שטעכיקן רייף צום אַנדערן באַטראָפן א דריי פיר מעטער. יעדע פּאָר טריט האָט זיך ווי דער שטייגער איז געפונען אן אזוי גערופענער „באָטשאַן״, א וועכטער־טורעם מיט אַ באַוואָפנטן סאָלדאַט און א חוץ דעם אַלעם האָבן נאָך צווישן די באַזונדערע דראָט־אָפּצוימונגען כסדר ארומגעשפּאַנט זעלנער מיט ביקסן. ווייזט אויס, אז מיר זענען באַטראַכט געוואָרן פאר באזונדער וויכטיקע געפאַנגענע אויב מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן אַזאַ זאָרגפעלטיקע באַהאַנדלונג. אויף די דראָטן זענען יעדע פּאָר מעטער געווען צעהאָנגען עלעקטרישע רעפלעקטאָרן און אין מיטן דער נאַכט איז דער לאַגער געווען באַלויכטן ווי צוועלף אַ זייגער בייטאָג.

אין יעדן פון די באַראַקן האָבן זיך געפונען פון 400 ביז פינף הונדערט מאַן. אין איינעם פון די באַראַקן, אין נומער דריי, האָב איך באַגעגנט די צוויי ראַבינער, מיט וועלכע כ'בין געזעסן צוזאַמען אין דער לעמבערגער תפיסה. כ'האָב זיי געפרעגט וועגן גענעראַל זאַרוסקי, אָבער דער גורל זיינער איז זיי געווען אומבאַקאַנט. זיי האָבן בלויז געפונען אַמאָל אַן אויפשריפט אויף דער וואַנט פון קלאָזעט, אַז דאָס ווייב זיינס האָט באַקומען 12 יאָר פאַרשיקונג. אין זעלבן בלאָק האָב איך אויך געטראָפן קאָוואַלסקין, דעם זעלבן גוי, וועלכן כ'האָב אַמאָל צעשלאָגן אין דער צעלע צוליב זיין אַנטיסעמיטישער אויפפירונג. ער האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט און האָט געבעטן, מיר זאָלן פון איצט אָן זיין גוטע פריינט, ווייל עס דערוואַרט דאָך אונז איצט דער זעלבער גורל. אינם באַראַק, וווּ עס זענען געזעסן די ראַבינער, האָבן זיך געפונען מייסטנטייל יידן, הויפטזעכלעך אינטעליגענץ און כלי־קודש, דערונטער צוויי גבאים, איינער פון קאָסאָוו, און דער אַנדערער פון קאָלאָמייע.

מיט די דריי אָפיצירן האָב איך מיך וואָס אַמאָל נעענטער איינגעלעבט. מיר האָבן צעטיילט די אַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז יעדן טאָג זאָל אַן אַנדערער פון אונז זיין פריי. אַ געווים טאָג האָט איינער פון די צוויי מאַיאָרן זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער איז אַ ייד. דער נאָמען זיינער איז בינענשטאָק. די דאָזיקע ווידוי איז געווען אַ באַווייז פון אונזער נאָענטן צוזאַמענלעבן, ווייל פאַר די איבעריקע איז ער אָנגעגאַנגען אַלס פּאָליאַק. ער האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אָפיצירן פון דער געוועזענער פּוילישער אַרמיי געבויט באַראַקן אין סטאַראָביעלסקאַ. זיי האָבן געאַרבעט ממש מיט די פינגער, אָן שום מכשירים. נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איידער אונזער פּאַרטיע איז דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן, זענען נאָך דאָ געווען אַ צוויי־דריי טויזנט אָפיצירן, אָבער מען האָט זיי אַ געווים טאָג אַלע ערגיץ אַוועקגעפירט. וואַרשיינליך אויסצוהאַקן די אַרומיקע וועלדער. אַזוי איז געווען זיין השערה, ווייל פונדערווייטנס האָבן זיך טאַקע אַהער דערטראָגן טעמפּע אָפּקלאַנגען ווי פון העק. דער צווייטער מאַיאָר וו... האָט מיר דערציילט בפרטיות, ווי אַזוי די רוסן האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס געווער און דאַן דריי טעג נאָכאַנאַנד געטריבן זיי איבער סטאָלפּצע און

מינסק, נישט געבנדיק זיי קיין קריש עסן און קיין טראָפּן וואסער. אונזערע געשפּרעכן זענען געווען קורצע און פּאַרזיכטיקע, ווייל מיר זענען שטענדיק כמעט געווען ארומגערינגלט דורך רוסן, וועלכע האָבן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן געשלונגען יעדעס ארויסגעזאָגטע וואָרט. דער מאַיאָר גלויבט, אז סוף כל סוף וועט מען אלע אָפּיצירן באַפרייען, ווייל עס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, אז אַ נעאוט־ראַל־לאַנד, ווי ס'איז סאָוויעט־רוסלאַנד, זאָל פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע מיליטער־לייט פון אַ פרעמדער אַרמיי.

א געוויסן טאָג, ווען כ'בין ארומגעגאַנגען איבער די באַראַקן צו פאַרטיילן דאָס עסן, האָב איך שוין דאָרט מער נישט געטראָפן די צוויי ראַבינער. דאָס מענטשן־מאַטעריאַל אינם לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ פליסיקן צושטאַנד. יעדן טאָג פלעגט מען אוועקפירן גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט אַרעסטאַנטן און אויף זייער אָרט פלעגט מען ברענגען צו טרייבן אַנדערע. פון יעדן באַראַק פלעגט מען אוועקפירן טעגליך אַן ערך צוויי הונדערט מאַן. וווהין האָט מען זיי געפירט? מיר אַלע האָבן געגלויבט, אז מען פירט זיי אַוועק ערגיץ אין אַרבעט־לאַגערן. אָבער די דאָזיקע פראַגע האָט נישט איינעם פון אונז פאַרשאַפן שלאָפלאָזע נעכט.

דער לאַגער־הויף איז געווען אַן אומגעהויער גרויסער. פון די אָפּגעהאַקטע ביימער־שטאַמען, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען יעדע פאָר שריט, איז געווען צו זען, אז דער לאַגער איז געשטעלט געוואָרן אויפן אָרט פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד. צוליב די ארויסשטאַרצנדיקע פּיעניקעס איז לייכט געווען אומצופאַלן און אפילו צו צעברעכן אַ פוס. איבערהויפּט האָט מען געדאַרפט באַזונדער אַכטונג געבן, בעת מען האָט געשלעפּט די שווערע קעסלען מיטן געקעכץ.

צווישן די פריש־אָנגעטריבענע אַרעסטאַנטן האָבן זיך איצט אָנגעהויבן צו באַווייזן הונדערטער איינוווינער פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע. מיר האָבן אַזוי אַרום געהאַט אַן אָנטאַפּבאַרן באַווייז, אַז די רויטע אַרמיי האָט „באַפרייט" די דאָזיקע צוויי געגנטן.

אויפן אָרט פון קאַלטן פרילינג האָבן זיך אוועקגעשטעלט הייסע זומער־טעג. די וואַרימקייט, די זון און די זאַפטיקע ריחות פון די אַרומיקע וועלדער האָבן אונז אַריינגעבלאָזן אַ שטיק האָפענונג, אַז די באַפרייאונג אונזערע איז נאָנט. אָבער די זומער־טעג פליסן

שנעל פאַרביי און עס דערנענטערט זיך דער ערשטער אָנזאָג פון א קילן הערבסט.

א געוויסן טאָג האָט דער שעף פון דער קיך אונזערער פלוצלונג געזאָגט צום מאיאָר בינענשטאָק, אז די שטיוול זיינע געפעלן אים און ער האָט אים איינגעלאַדן צו קומען צו זיך אין קיך אריין אין אָוונט, כדי אָדורכצופירן א שטיקל טראַנזאַקציע. אין אָוונט איז דער יידישער מאַיאָר טאַקע אוועק, ווי ס'איז געווען באַשטימט, אין דער קיך אריין. אין אונזער באַראַק איז געווען גאַנץ געמיט־ליך. די רוסן זענען געלעגן אויף די נאַרעס און האָבן געזונגען פאַר־חלומטע רוסישע לידער. איך מיטן מאַיאָר וו.. און מיטן לייטענאַנט סאָקול האָבן דערוויילן געשפּילט אין שאַך.

די שעה'ן האָבן זיך גערוקט, די רוסן זענען שוין איינגעשלאָפן אויף זייערע געלעגערס, מיר אָבער האָבן געוואַרט אויפן צוריק־קער פון מאַיאָר בינענשטאָק. ענדליך איז ער צוריקגעקומען. ער האָט געטראָגן א פולן זאַק מיט ברויט, אָבער אנשטאָט זיינע גלאַנ־צנדיקע שטיבלעטקעס, האָט ער געטראָגן א פּאָר קאָמבינעזן מיט א פּאָר שווארצע שיך. ער האָט אָוועקגערופן אין א זייט דעם מאַיאָר וו... און אונז האָט ער אָנגעזאָגט נישט אויסצוטאָן זיך, נאָר אוועק־צולייגן זיך רואיק אויף די נאַרעס. פון זייער שטילן שושקען זיך האָב איך ארויסגעפילט א מאָדנע שפּאַנונג. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט מיט אַן אויסטערליש פּאָרגעפיל, וואָס האָט מיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. זיי זענען סוף כל סוף צו אונז צוריקגעקומען. פון זייערע שווייגנדיקע געזיכטער, האָב איך אַראָפּגעלייענט, אז זיי האָבן אָנגענומען א נישט געוויינלעכע דעציזיע. זיי האָבן צעטיילט די ברויטן אויף גלייכע חלקים און דאַן האָט אונז דער מאַיאָר בי־נענשטאָק מער מיט די אויגן ווי מיט די ליפּן אָנגעוויזן אויפן ארויס־גאַנג. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אז זיי האָבן אָנגענומען א באַ־שלוס צו אַנטלויפן. פאַרוואָס? די סיבה האָט געמוזט זיין אַן ערנסטע און א דרינגנדיקע. מיר האָבן זיך באַוועגט ווי אין א פאַנטאָמינע.

אויפן לאַגער־הויף האָט דער מאַיאָר בינענשטאָק זיך אוועקגע־לייגט אויף דער ערד און שאַרנדיק זיך אויפן בויך האָט ער זיך גע־נומען באַוועגן אין דער ריכטונג פונם הויפּט־טויער. מיר האָבן אים נאָכגעטאָן דאָס זעלבע. אויסמיידנדיק מיט שוועריקייטן די ארויס־

שטאַרצנדיקע פּניאָקעס און מאַטערנדיק זיך מיט די שטעכעדיקע ברייטלעך, האָבן מיר זיך צוגעשאַרט צום ערשטן דראָט אויף אַן אָרט, ווו דאָס רעפלעקטאָרן־ליכט איז געווען פאַרטונקלט דורכן שאָטן פונם הויפּט־טויער. דער מאַיאָר האָט אויפגעשניטן דעם ערשטן שטעך־דראָט־צוים און האָט זיך שטיל ווי א שלאַנג גענומען שאַרן צו דער צווייטער פאַרצוימונג. פאַר אונז איז דער וועג גע־שטאַנען אָן אָפענער. מיר האָבן בלויז געדאַרפט אָנווענדן די גרעס־טע מאָס פאָרזיכטיקייט, אַז אונזערע באַוועגונגען זאָלן נישט אַרויס־רופן דעם מינדעסטן שאָרך. מיט הערצער, וואָס האָבן זיך אַרויסגע־ריסן פון די ברוסטן און מיט א קאַלטן שווייס וואָס האָט אונז באַדעקט ווי מיט דער געפרוירענער אָנריר פון סאַמע טויט האָבן מיר ענדליך זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער דראָט־פאַרצוימונג.

קאַפּיטל צוועלף

מיר זענען געווען פריי!

צווישן אונז און דעם לאַגער זענען געשטאַנען דריי פּאַרקאַנעס מיט שטעכעדיקן דראָט. צענדליקער „באַציאַנעס" מיט אָנגעשטעלטע מאַשין־ביקסן און הונדערטער וועכטער, וואָס זענען מיט אָנגעלאָדן געווער געשטאַנען ארומגעשטעלט ארום דעם שטח מיט די געפאַנגענע. מיר זענען געווען פריי. הינטער אונז האָט זיך געפונען דער גאַנצער גיהנום פון סאָוויעטישן פּלאַץ פון „גערעכטיקייט" און פאַר אונז? פאַר אונז איז געשטאַנען א וואלד. א געדיכטער, א פינצטערער, א שווייגנדיקער. וואָס באַהאַלט ער פאַר אונז אין די אינגעווייידן פון זיין פינצטערניש? וואָס פאַרא סיורפּריזן ליגן פאַר אונז באַהאַלטן אין זיין אומבאַוועגלעכער און געדיכטער טיפעניש?

מיר האָבן גענומען שפּאַנען איבער א ווייכן איבערבעט פון גרעזלעך און פון מאָך. אין א מינוט ארום זענען פארשוווּנדן געוואָרן די לעצטע פייערן פון די לאַגער־ליכטער. פון אלע פיר זייטן האָט אונז ארומגענומען א קלעפּיקע און א וואַרימע שוואַרצקייט. ערשט דעמאָלט האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערפילט, ווי ס'האָט אונז א שלאָג געטאָן אין די געזיכטער דער ערשטער זיסער און מאַמישער אָנריר פון פרייהייט. מיר האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט, כדי נישט צו פארלירן זיך, און מיר האָבן זיך מיט אַלע כחות געלאָזט לויפן וואָס שנעלער און וואָס ווייטער פונם אָפּגעצוימטן אָרט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: ק א ט י ן.

אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך ערשט, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דורך די געדיכטע ביימער־קרוינען האָבן זיך אָנגעהויבן

אַדורכצורייסן די ערשטע בלאַסע ליכטער פון דער אויפגייענדיקער זון. ערשט איצט האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיר זענען אָפּגעלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָבן מיר באַשלאָסן ווייטער נישט צו גיין. דאָס בלאַסע ליכט פון אויפטייכנדיקן טאָג איז באַלד פאַרטונקלט געוואָרן דורך געדיכטע וואַסער־וואָלקנס און אין אַ רגע אַרום האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער רעגן, וואָס האָט אונז אַדורכגענעצט און האָט אַ תל געמאַכט פון דער מאַכאָרקע אונזערער און פון די ברויטן.

ערשט איצט, שטייענדיק צוגעטולעטע צו די ביימער־שטאַמען און ציטערנדיק, פּיטש־נאַסע פון אַן אַדורכדרינגלעכע קעלט, האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערוווסט זיך פונם מאַיאָר בינענשטאָק, וואָס אַזוינס עס האָט אים אָנגערעגט אונטערצונעמען דעם געוואַגטן פּרווו צו אַנטלויפן.

דעם שטוים דערצו האָט אים געגעבן דער שעף פון דער קיך, ליבידיענקאָ, וועלכער האָט אים אַריינגערופן צו זיך, כדי אָפּצוקויפן ביי אים די שטיוול. נאָכדעם ווי ביידע האָבן אויסגעטרונקען אַן איבעריקע פּאָר גלעזער מיט בראָנפן, האָט זיך דעם שעפ׳ס צונג אויפגעבונדן און ער האָט אויף אַ נישט צווייִדייטיקן אופן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די אַלע טראַנספּאָרטן מיט אַרעסטאַנטן, וואָס ווערן אַוועקגעפירט פונם קאַטינער לאַגער, ווערן דערשאָסן אין אַ דערנעבנדיקן וואַלד. די קלאַנגען, אַז געוויסע טראַנספּאָרטן ווערן אַוועקגעפירט אין אַרבעט־לאַגערן זענען פאַלשע. פון דאָזיקן קאַטינער וואַלד איז נאָך קיינער פון די אַרעסטאַנטן נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסבאַקומען ביים שכורן רוס די דאָזיקע גוטע בשורה, האָט ער ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז נאָך היינטיקע נאַכט מוז ער אַנטלויפן. ער האָט פאַרהאַנדלט די פּאָר שטיוול פאַר אַכט ברויט, אַביסל מאַכאָרקע מיט אַ פלעשל שנאַפּס. מיר דערוואַרעמען זיך טאַקע מיט עטלעכע שלינג שנאַפּס און מיר האָבן אַזוי איבערגעוואַרט דעם טאָג, שיצנדיק זיך פאַרן רעגן אונטער די פאַרפלאָנטערטע קרוינען פון די ביימער.

פאַרנאַכט האָבן מיר ווידעראַמאָל געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

דער מאַיאָר בינענשטאָק איז געווען אונזער וועג־ווייזער, ער האָט כסדר געשטודירט דעם הימל און האָט לויט פאַרשידענע סימנים אויסגעפונען די ריכטונג. נאָכן אָפּגיין אַ שיינע פּאָר שעה האָבן

מיר פלוצלונג באמערקט אויפן הימלישן אויבערפלאך א שוואכן אפשיין פון ליכט. מיר זענען שטיין געבליבן טויט־דערשראָקענע. נישט אנדערש, נאָר מיר האָבן אזוי געוואנדערט אין א קרייז און מיר זענען איצט צוריקגעקומען צום קאטינער לאגער. אונזער מאַיאָר, דער „שטערנזעער" האָט אָבער געזאָגט מיט א זיכערקייט, אז אזא זאך איז נישט מעגליך, ווייל מיר האלטן זיך כסדר אין דער זעלבער ריכטונג. דאקעגן איז ווארשיינלעך, אז דאָ געפינט זיך אַן אנדערער לאגער, ווייל דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז אין רוסלאנד נישט קיין זעלטנקייט. מיר האָבן דעריבער מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט אויסגעמיטן דעם אָנגעטראָפענעם לאגער און האָבן זיך פון אים בשלום דערווייטערט.

ווידעראמאָל האָבן מיר אזוי געשפּרייזט א גאַנצע נאַכט, ביז א פרישער פארטאָג האָט גענומען שניידן זיך מיט א העלער בלאסקייט איבערן הימל. לויט דער אויסרעכנונג פונם מאַיאָר זענען מיר שוין אָפּגעגאנגען אן 80 קילאָמעטער, אָבער מיר באשליסן אײנשטימיק, אז ארויסגיין פונם וואלד טאָרן מיר נישט, ווייל דאָס וואָלט פאר אונז באדייט א זיכערן דורכפאַל.

פון צייט צו צייט באמערקן מיר אויף די ביימער אויסגעקריצטע צלמים. ערטערווייז טרעפן מיר אָן אויף פריש פאַרשיטע בערגלעך מיט ערד. וואָס פאַרא שוידערלעכע געהיימניסן באהאלטן זיך אונטער די ערדישע בערגלעך? מיר זענען טויט־מיד פון כסדרדיקן גיין. פארחלשטע פון הונגער דערגרייזשן מיר די רעשטלעך פון אויסגעווייקטן ברויט. רויכערן קאָנען מיר נישט, ווייל די מאַכאָרקע איז נאָך פיטש נאַס. ענדליך קומען מיר צו צו א פרשת הדרכים. דער מאַיאָר בינענשטאָק זאָגט דאָן מיט טרערן אין די אויגן, אז מיר מוזן זיך איצט צעשיידן, ווייל גיין ווייטער זאלבע־פיר וואָלט געווען געפערליך.

סאָקאָלן פאלט אוים צו גיין מיט בינענשטאָקן און מיר מיטן מאַיאָר וו... נאָך אזוי פיל מאָנאטן צוזאמען זיין און דער עיקר נאָך די לעצטע צוויי מעת לעת, זענען מיר זיך געוואָרן נאָנט ווי לייבלעכע ברידער. אָבער דאָס צושיידן זיך איז אומפאַרמיידלעך. א האַרטער דריק מיט דער האַנט און מיר צוגיין זיך. זיי — אויף רעכטס און מיר אויף לינקס.

קאפיטל דרייצן

איצט זענען מיר שוין צוויי. מיר שפאנען שווייגנדיקע איבער די וואלדיקע סטעזשקעס און אומוועגן. אויפן וועג באגעגנען מיר פונדערוווייטנס ווייטערדיקע לאגערן. לאגערן, לאגערן, לאגערן, שטעכיקע דראטן, וועכטער־טורעמס, אויסגעצילטע מאשין־ביקסן, עס דאכט זיך ווי דאס גאנצע לאנד וואלט באשלאגן געווען מיטן דאזיקן צרעת פון דראטן און פארצוימונגען.

פיר טעג זענען שוין פארביי זינט מיר האבן זיך צעשיידט. צוזאמען געפונען מיר זיך שוין אין וועג זעקס מעת לעת. דאס ברויט האט זיך אונז געענדיקט נאך נעכטן. מיר לעבן דערפון, וואס מיר עסן שווארצע יאגדעס, וואס וואקסן דא בשפע אינם וואלד און פון דער זשיוויצע פון די ביימער. אויפן וועג באגעגנען מיר וואס אמאל אפטער פריש אנגעשיטע זאמדיקע בערגלעך. מיר שלעפן קוים מיט די פיס. די כחות הויבן זיך אן אויסצולעשן. א מידע אונמעכטיקייט הויבט אן צו פענטן די גלידער. מיר פאלן אוועק אויף איינעם פון די דאזיקע זאמדיקע בערגלעך און ווערן אנטשלאפן.

פלוצלונג האט אונז אויפגעוועקט א מוראדיקער געדודער. מיר האבן זיך בײדע א ווײלע אנגעקוקט מיט דערשראקן־אויפגעריסענע אויגן און דאן, נאך א קליינעם ישוב הדעת, האט דער מאיאר אנגעהויבן זיך פארזיכטיק צו באוועגן אין דער ריכטונג פונם גערויש. איך בין אים שווייגנדיק נאכגעגאנגען. אויף א געוויס ארט זענען די ביימער שיטערער געווארן און פאר די אויגן אונזערע האט זיך אנטפלעקט אן אומגעווייגליך בילד..

עטלעכע לאסט־אויטאס האבן זיך אפגעשטעלט נעבן אן ארט, עס זענען געווען אויסגעגראבן זיג־זאגיקע אקאפעס. פון די לאסט־

אויטאָס האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּצולאָדעווען מענטשן וואָס זענען געווען געדיכט ארומגערינגלט מיט באַוואָפנטע זעלנער און מיט ווילד־וואָיעדיקע הינט. די הינט האָבן געבילט, ווי זיי וואָלטן שוין חדשים נישט געגעסן. די אויטאָס זענען שנעל אָפּגעפאָרן און עס זענען כסדר אָנגעקומען פרישע, פון וועלכע מען האָט מיט ווילדע געשרייען, באַגלייט מיט א פּאַרטויבדיק געבילעריי, אַראָפּגעטריבן פרישע פּאַרטיעס מיט מענטשן. נאָך א רגע און דער לעצטער לאַסט־אויטאָ האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט.

מיר זענען געשטאַנען צוגעשמידטע צו די ערטער. עפּעס א גע־הײמניספולער כח האָט אונז נישט געלאָזט באַוועגן זיך, כאָטש יעדע רגע האָבן מיר געקאָנט אַנטדעקט ווערן דורך די ווילד־ארומלויפנ־דיקע הינט, דורך די רעפלעקטאָרן אָדער דורך איינעם פון די זעלנער.

די מענטשן, וואָס זענען אויסגעלאָדעוועט געוואָרן פון די אוי־טאָס, זענען דאַן אריינגעטריבן געוואָרן אין די ראָוון. די גרי־בער זענען געווען פלאַכע, זיי האָבן קוים פאַרדעקט די אונטער־שטע טייל קערפּערס, דאַקעגן האָבן מיר דייטליך געזען, ווי זיי זענען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסטע אין די ראָוועס, אַקסל ביי אַקסל, און ווי די זעלנער האָבן זיך פלוצלונג ארומגעשטעלט מיט אויסגעצילטע מאַשין־ביקסן.

דאָס הינטישע געוואיען האָלט אין איין פאַרשארפן זיך, אָבער צווישן דעם געבילעריי און די קולות פון די זעלנער דערהערן מיר פלוצלונג דאָס שאַרפע געקלאַפּעריי פון שיסן. עטלעכע מאַשין־ביקסן רייסן זיך אריין אינם אַלגעמיינעם געטומל מיט א דינעם ציק־צאַק ווי פון א נײ־מאַשין. די געשרייען פון די זעלנער און פון די קרבנות זייערע הויבן אָן צו ווערן בלאַסער. אַן אומבאַוועגלעכע שטילקייט נידערט אַראָפּ אויף אָרט, ווו מיט א מינוט פריער האָט געהערשט אַזאַ געמיש פון קולות. אפילו דאָס בילן פון די בלוט־הינט גייט איבער אין א שטיל, אימהדיק געהוילעריי. עטלעכע זעל־נער הויבן אָן מיט רידלעס צו פאַרשיטן די גריבער. איך האָב שוין מער נישט קיין ספק, אז זיי זענען מיר באַקאַנט. דאָס זענען די שומרים פון אונזער קאַטינער לאַגער!

מיר שטייען אומבאַוועגלעכע, ווי צוגעמויערטע צו די ערטער. די זעלנער פאַרענדיקן דאָס צוגלייכן די ערד מיט זאַמד. זיי הויבן זיך אָן צו דערווייטערן אין דער ריכטונג פון די פאַרשווונדענע

אויטאָס. איך ריר אָן דעם מאַיאָר און זאָג אים שטיל, מיר זאָלן אָוועקגיין פון דאָזיקן אָרט. ער ענטפערט נישט. ער שטייט ווי פאַרגליווערט און ענטפערט נישט. ער שטייט אַ צוגעוואַקסענער צום בוים און ער מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט מיך אינגאַנצן נישט געהערט. איך הויב אָן צו וויינען. אַ שטילער, נישט געצוימטער ספּאַזם טרייסלט מיט מיין גאַנצן קערפּער. איך וויל מיך באַהערשן, אָבער איך קאָן נישט. מיינע שלוכצן האָבן אים דערמונטערט. ער האָט אַ שווידער געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פון עפּעס אָפּטרייסלען. און דאַן האָט ער גענומען גיין. ער איז געגאַנגען פאָרויס, מיט אַ שטאַרן בליק און נישט ארויסרעדנדיק קיין וואָרט. עטלעכע שעה זענען מיר אזוי געגאַנגען אין אַ טיפן שווייגן, ביידע האָבן מיר זיך באַוועגן מעכאַניש, ווי אויטאָמאַטן.

דער מאַיאָר איז געגאַנגען פאָרויס און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז ער בלאָנקעט זיך אָן אַ שום ציל. ער מורמלט צו זיך עפּעס ווי אַ וואַנזיניקער. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט אים מער נישט אָנגעגאַנגען דאָס גיין אין אַ באַשטימטע ריכטונג. עס האָט מיך אָנגעהויבן וואָס אַמאָל שווערער צו זיין דאָס גיין. די פיס זענען מיר געוואָרן אָנגעשוואָלן. פונם כסדרדיקן קלעטערן איבער די צווייגן און שישקעס זענען מיר אראָפּגעפאַלן די זוילן פון די שיך. יעדער טריט האָט מיך געברענט מיט מיט אָנגעגליטע מעסערס.

ווידער זענען אדורך צוויי טעג. דער וואלד שטייט שוין כמעט אַ נאַקעטער. די ביימער ווארפן אראָפּ פון זיך די לעצטע בלעטער. איך קוק אויף די סטאַרטשענדיקע צווייגן און טראַכט מיר: ווער ווייסט, מיט וואָס פאַרא בלעטער זיי וועלן זיך צודעקן דעם קומענדיקן פרילינג? נישט אַמאָל מיט רויטע פון דעם איינגעזאַפּטן בלוט?.. דאָס ווייטערדיקע גיין אונזערס הויבט אָן צו ווערן צוועקלאָז. דער מאַיאָר זאָגט טאַקע, אז מיר מוזן ארויס פון וואלד. איך שטים שווייגנדיק צו. ארום מיטאָג צייט הויבן די שטאַמען אָן צו ווערן שיטערער און מיר קומען ענדלעך צו צום ראַנד פונם וואלד.

צום ערשטן מאָל נאָך אזוי פיל טעג דערזען מיר פאר זיך אַזאַ ריזעדיקן שטח מיט הימל. פונדערווייטנס, אזוי ווי אין נעפּל, טויכן אויף עטלעכע פּויערישע כאַטעס. מיר באַשליסן דאָ צוצוואַרטן ביז אָוונט.

צום ערשטן מאָל האָט מיר דער מאַיאָר געגומען דערציילן וועגן דער קאַריערע פונם יידישן מאַיאָר בינענשטאָק. אין דער פּוילישער אַרמיי זענען מיליטערישע קאַריערעס פאַר יידן געווען נישט צוטריט־לעך. בינענשטאָק איז געווען אַ געענדיקטער אינזשיניער־בעמיע. ער האָט זיך אין א געוויסן טאָג פאַרליבט אין אַ קריסטליך מיידל און אונטערגעבנדיק זיך דעם דרוק פון אירע עלטערן האָט ער אָנגע־נומען דאָס קאַטוילישע גלויבן. דאָס האָט פאַר אים גלייך געעפנט די טויערן פאַר מיליטערישע אוואַנסן. מאַיאָר וו... דערמאָנט זיך אין זיין אייגענער פאַמיליע. זיין קול נעמט צאַנקען. ער טרייסלט זיך אָבער אָפּ פון עפּעס, פּונקט אזוי ווי דעמאָלט, נאָך דעם בילד פון דער מאַסן־עקזעקוציע. זיין געזיכט ווערט אַרומגעהילט מיט פאַרנאַכ־טיקע שאָטנס. מיר דערמאָנען זיך, אז עס איז שוין געגוג פינצטער און מיר הויבן אָן צו גיין. ענדליך טרעפן מיר אָן אויף א וועג.

דער וועג איז פול מיט גריבער און מיט אָנגעוואָרפענע שטיינער און פאַר מיינע צעקאַלעטשעטע און געשוואָלענע פיס איז דאָס איצטיקע גיין נאָך פיינלעכער ווי אין וואַלד. מיר באַוועגן זיך שטיל אין דער ריכטונג פון דער ערשטער כאַטקע. דער מאַיאָר איז גע־גאַנגען פאָרויס און צוקומענדיק צום פענסטערל האָט ער זיך א ווײַלע איינגעהערט און דאַן האָט ער אַ לייכטן קלאַפּ געגעבן אין דער שויב. פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ פּויערישע שטימע: ווער איז דאָרט? דער מאַיאָר האָט געענטפערט אויף רוסיש, אז מיר זענען אייגענע. אין א ווײַלע אַרום האָט זיך די טיר געעפנט מיט א סקריפּ און אַן עלטערער פּויער האָט אונז אַריינגערופן אינעווייניק.

אינמיטן פון אַן אַלטן און האַלב צעפוילטן טיש האָט געקאָפּ־טשעט אַ קליין נאַפט־לעמפּל און אין דער שוואַכער שיין האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַן אַלטן, געראונצלטן פּויער און אויף אַ דער־נעבנדיק בעט, אָנגעהויפט מיט בלעריי שמאַטעס איז געזעסן אַ פאַרטרוקנטע פּויערטע פון אַן אומבאַשטימטן עלטער.

די פּויערטע האָט אונז באַגעגנט מיט שנאהדיקע בליקן און האָט געזאָגט צום מאַן אירן מיט א שפּיצעדיק קול, ער זאָל אונז הייסן גיין. דעם מאַיאָר געלונגט אָבער צו געווינען איר צוטרוי. ער פאַרזיכערט איר, אַז מיר זענען נישט קיין פאַרברעכער. ער פאַר־לאַנגט בלויז, זיי זאָלן אונז געבן אַ שטיקל ברויט און זיי זאָלן

אונז דערלויבן איבערצונעכטיקן. די פויערטע איז אראָפּגעקראָכן פונם געלעגער אירן און האָט פארהאָנגען דאָס פענסטער מיט אַ שווארצער שמאַטע. דער פויער האָט אונז מכבד געווען מיט עטלעכע אָנגעוואַרימטע קאַרטאָפל, ווייל קיין ברויט האָבן זיי אַליין נישט געהאַט. פון די קאַרגע פּאָר ווערטער וואָס מיר האָבן אויסגעטוישט און פון דער נישט דערזאָגטקייט אונזערע האָט אָבער דער פויער שנעל תופס געווען, ווער מיר זענען. ער האָט געזאָגט, אַז מיר זענען שלעכט געגאַנגען, ווייל מיר זענען סך הכל צוואַנציק קילאָמעטער פונם קאַטינער לאַגער.

ער האָט גערעדט קאַרג, מיט איינצלנע זילבן, אָבער פון די פּאָר קאַרגע ווערטער זיינע איז געווען קלאָר, אַז ער ווייסט גענוי, וואָס פאַראַ ספּעקטאַקלען עס שפּילן זיך אָפּ אין די קאַטינער וועלדער. שוין פון 37טן יאָר אָן זענען די דאָרטיקע וועלדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזעדיק בית עולם פאַר צענדליקער טויזנטער פארשניטענע לעבנס. די פויערים, וואָס האָבן געוווינט אויף די ראַנדן פונם וואַלד זענען מייסטנטייל געווען גלויביקע, פלעגן זיי ארייננשלייכן אינם וואַלד און האָבן אויסגעבערענט צלמים אויף די ביימער. עס זאָל זיין אַ געדעכעניש פאַר די געשטאָרבענע. די נ. ק. וו. ד. האָט געהאַט אַ כסדרדיקע ארבעט מיטן אונטערזעגן די ביימער מיט די צלמים, אָבער די קרייצן פלעגן זיך אויפסניי באַווייזן אויף די שטאַמען.

דער מאיאָר האָט פאָרזיכטיק געפרעגט, צי עס זענען נישט געווען קיין פאַלן, אַז עמיצער זאָל אַנטלויפן פון די דאָזיקע וועלדער ארויס. די פויערטע איז געזעסן אויפן בעט און האָט געסיקעט, ער זאָל נישט האָבן אַזאַ לאַנגע צונג, ווייל היינטיקע צייטן ווייסט מען נישט צו וועמען מען רעדט. דער פויער האָט אונז דערלאַנגט די פּאָר אויפגעוואַרעמטע קאַרטאָפל און האָט געזאָגט אויף זיין פויערישן שטייגער, אַז לויפן זענען שוין געלאָפן א סך, אָבער אַנטלאָפן זענען גאָר ווייניק. ער האָט דערביי דערציילט, אַז ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט מען נישט ווייט פון דאַנען געכאַפּט צוויי אַנטלאָפענע מיליטער־לייט, וועלכע מען האָט דערקענט לויט זייערע אָפּצייכנס אויף דער וועש. נ. ק. וו. ד. סאָלדאַטן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד און עס האָט זיך געהערט אַ סעריע פון שאָסן. דער מאַיאָר און איך זענען געבליבן זיצן ווי פארשטיינערט.

עס איז פאַר אונז נישט קיין ספק, אַז דאָס זענען געווען דער מאַיאָר בינענשטאָק מיט סאָקאָלן.

מיר האָבן שווייגנדיק אויפגעגעסן די קאַרטאָפל און האָבן נאָכגעטרונקען אַ שעפּ מיט קוועלעדיק פריש וואַסער. דער פויער האָט אונז נאָך מכבד געווען מיט אַ גאַרשט מאַכאָרקע, וואָס מיר האָבן אויסגערויכערט אין אַ פאַרוויקלט שטיק צייטונג. מיר האָבן זיך דאַן אַרויפגעלייגט אויף אַ וואַרימען פּיעקעליק און זענען צום ערשטן מאָל אין וואָכן טיף איינגעשלאָפן. די פּאָר קאַרטאָפל מיטן פראָסטן וואַסער און דער עיקר די וואַרעמקייט פונם פּיע־קעליק האָבן אונז אַריינגעגעבן נייע כחות.

פיר פאַרטאָג זענען מיר אויפגעשטאַנען. דער פויער האָט עפּעס אויסגעגראַבלט אַ פּאָר אַלטע צעריסענע זאַכן, פאַר וועלכע דער מאַיאָר האָט אים אָוועקגעגעבן זיין מיליטערישע וועש. ער האָט זיך דאַן אָפּגעראַזירט מיט אַן אַלט אויסגעשאַרפּט מעסער. איך בין געווען פּטור פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע, ווייל איך האָב מיך נאָך נישט ראַזירט. מיר האָבן אָפּגעדאַנקט דעם פויערשן פּאָרל און האָבן זיך געזעגנט. דער פויער האָט אונז אַרויסגעפירט אויפן וועג. ער האָט אונז אָנגעוויזן ווי אַזוי צו פאַרנעמען זיך, דורך פעלדער און אומוועגן און האָט אונז געזאָגט, אַז מיט דרייסיק קילאָמעטער ווייַ־טער געפינט זיך אַ קליין וואָקזאַלעכל, פונוואַנען מיר וועלן קאָנען נעמען די באַן קיין סמאָלענסק.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּרייזן. דער מזרח האָט זיך גענומען אָנגיסן מיט אַ קוועלנדיקער רויטקייט. עס האָט גענומען וואָס אַמאָל מער ליכטיקן. דער מאַיאָר האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. ער קוקט אויף מיר אַ ווייל און דאַן זאָגט ער, שאָקלנדיק נערוועז מיטן קאָפּ, אַז מיר מוזן זיך צעשיידן. באַזונדער וועט זיין פיל זיכערער ווי אין צווייען. איך צעוויין מיך און בעט מיך ביי אים, אַז מיר זאָלן ווייטער גיין צוזאַמען. ער דריקט מיר אָבער די האַנט און קושט מיך. ער זאָגט צו מיר: זון מיינער, זאָלסט געדענקען, וואָס מיר האָבן זיך צוגעזאָגט. טאָמער וועט עמיצער פון אונז בלייבן לעבן, איז דער חוב זיינער צוווסן צו געבן די פאַמיליעס וועגן גורל פון די אַנדערע. איך וויל עפּעס זאָגן, אָבער אַ נערוועזישער קראַמף פאַר־ראַליזירט מיר דאָס מויל. איך פאַרקירעווע אַביסל אויף אַ זייט און קוק מיך כסדר אום אין דער ריכטונג פונם מאַיאָר. אויך ער האָלט

אין איין אויסדרייען דעם קאָפּ. ביסלעכווייז אָבער ווערט ער וואָס אַמאָל קלענער און ער ווערט פארשוווּנדן אין פארטאָגיקן נעפּל.

איצט בין איך אליין. איך גיי פאָרויס. די אויגן זענען טרוקן. אָבער אין האַלדז שטיקן מיך נישט־אויסגעוויינטע טרערן. עפּעס אַ נישט־געהאַמעוועטער אימפּעט האָט מיך געיאָגט פאָרויס. אין קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו קנוילן גאַנצע בערגער מיט מחשבות. איין געדאַנק איז געווען פינצטערער ווי דער אַנדערער. איך האָב מיך אָנגעשטרענגט און געיאָגט פון זיך די געדאַנקען ווי זלידנע פליגן. נאָר נישט טראַכטן. נאָר נישט טראַכטן. פונדערווייטנס זענען פּלוצלונג אויסגעוואקסן צוגעטשאַיעטע פויערישע כאַטעס. עס איז שוין געווען צו שפּעט אויסצומיידן דאָס דאָרף. כ׳האָב דעריבער מיט אַ כלומרשטער האָפּעדיקייט גענומען אַקעגן גיין די גרופּעס מיט פויערים און פויערטעס. די אַנגסט האָט מיך אינגאַנצן געמאַכט פארגעסן אָן דעם שאַרפן ווייטיק אין די צעבלוטיקטע פיס. די פויערים האָבן זיך אויף מיר ווייניק אומגעקוקט, כ׳האָב ווייזט אוים אין מיינע צעפליקטע מלבושים אויסגעזען ווי איינער פון זיי און מיין אויסזען האָט נישט ארויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט. אין א ווייַלע ארום איז דאָס דאָרף שוין געווען הינטער מיר.

עס האָט מיך פּלוצלונג באַפאַלן אַ שווארצער געדאַנק, אז איך בלאָנדזשע אוודאי, ווייל לויט די אָנווייזונגען פונם פויער האָב איך שוין פון לאנג געדארפט זיין ביים וואָקזאל. אָבער נאָכן אָפּגיין א פרישע שעה האָב איך פּלוצלונג דערהערט דאָס פייפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו. דער פייף האָט זיך ארייַנגעשניטן אין דער שטילער געסטאָיעטער לופט און האָט פאר מיר געקלונגען ווי דאָס געזאנג פון מלאכים. איך האָב אָנגעהויבן צוגיין אין דער ריכטונג פונם פייף. דער טאָג איז שוין געשטאַנען א ליכטיקער און א רייפער. די נאָנטקייט פון דער באַן־ליניע האָט מיר צוגעגעבן אַ פרישן שטראָם מיט כח.

איך בין האַסטיק און מיט אַ נייער מונטערקייט געגאַנגען פאָרויס. אָבער אומגעריכט זענען פאר מיר אויסגעוואקסן צוויי געשטאַלטן. זיי זענען דערשינען פאר מיר אזוי ווי זיי וואָלטן אויסגעוואקסן פון דער לופט. זיי האָבן געהאַלטן אויסגעצילטע רעוואָלווערן און האָבן מיך געפרעגט מיט שרויפנדיקע בליקן: דאָקומענטי יעסט ?

די פּיס האָבן זיך גענומען אונטער מיר ברעכן. מיט אַ צאַנ־קענדיקער שטימע האָב איך זיי געזאָגט, אז כ׳האָב פאַרלוירן די דאָקו־מענטן. זיי האָבן מיר דערויף אַ שטאַרג געטאָן אין א זייט מיט אַ רעוואָלווער־לופע און א זאָג געטאָן: פאָרויס. כ׳האָב געמוזט פאַר־לייגן די הענט אויפן קאָפּ און אזוי האָב זיי מיך אָפּגעפירט אַ שטיק וועג ביז מיר זענען צוגעקומען צו א געמויערט הייזל. אין דער מיליץ אריין. נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן צוצוזאמענצוקלייבן די געדאנקען, איז אריינגעקומען אַ מונדירטער סאָלדאַט און האָט מיך איבערגעפירט אין אַ גרעסערער געביידע, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות.

פונם מונדיר זיינעם האָב איך גלייך דערקענט, אז איך געפין מיך ווידעראַמאָל אין די הענט פון נ. ק. וו. ד.

קאַפּיטל פערצן

איינער פון די אַגענטן באַפעלט, כ׳זאָל מיך אויסטאָן אינ־גאַנצן נאַקעט. זיי באַטראַכטן מיך גענוי, באַטאַפּן יעדעם פּיצל פון די מלבושים, דאַן דערלויבן זיי מיך צוריק אָנצוטאָן און עס הויבט זיך אָן די אויספאָרשונג. ווי אַזוי הייס איך? פונוואַנען שטאַם איך? און דער עיקר פונוואַנען קום איך דאָ אַהער?

איך בין שוין איצט נישט קיין אָנפאַנגער. די תפיסות מיט די לאַגערן האָבן מיר שוין געגעבן די געהעריקע לעבנס־חכמה. איך ענטפער זיי, אַז כ׳בין אַנטלאָפן פון אַן אַרעסטאַנטן־טראַנספּאָרט הינטער סמאָלענסק און אַז איך האָב אויף מיר אַן אורטייל פון פינף יאָר פאַרשיקונג פאַר האַנדלען מיט זייגערלעך. איך ווייס פון מיינע פריערדיקע דערפאַרונגען, אַז אין מיינע איצטיקע באַדינגונגען איז דאָס פאַר מיר דער בעסטער אויסוועג. מען פרעגט מיך, מיט וואָס דער פּאָטער מיינער האָט זיך פאַרנומען. אויך אויף דעם האָב איך דעם סאַמע בעסטן ענטפער. איך ענטפער, אַז ער איז געווען אַן אַרבעטער. מען פרעגט מיך דאַן, ווען כ׳בין אַנטלאָפן און וווּ כ׳האָב מיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט. יעדע פראַגע איז קונציק אויס־געטראַכט צו אַנטדעקן דעם הינטן ליגנדיקן שקר. אָבער איך האָב אויף אַלעם פאַרטיק אַ געהעריקן ענטפער. איך בין אַנטלאָפן פונם טראַנספּאָרט מיט צוויי וואָכן צוריק און כ׳האָב מיך זינט דאַן אַרומגעדרייט איבער סמאָלענסק. עמיצער פון די נ. ק. וו. ד.־ניקעס דערלאַנגט מיר אַ פּאָר קלעפּ, אָבער נישט קיין צו שטאַרקע. ווייזט אויס, אַז ער דערפילט דאָ בלויז זיינס אַ הענקערישן פליכט, אָבער די נשמה זיינע איז נישט געווען דערביי. זיי זאָגן מיר, אַז אַלץ, וואָס כ׳דערצייל איז ליגן. אַז כ׳בין נישט קיין געוויינלעכער

ספעקולאַנט, נאָר מסתמא בין איך אַ מיליטער־מאַן. דערויף אָבער האָב איך אַן איבערצייגנדיקן אַרגומענט.

איך זאָג, אַז אין פּוילן האָט מען גענומען צום מיליטער צו 21 יאָר און אַז איך בין נאָך צו יונג צו זיין מיליטער־פּליכטיק. דער לעצטער סטראַשונעק זייערער איז, אַז אויב איך בין אַנטלאָפן האָבנדיק אויף זיך אַ פּינפיעריקן אורטייל, וועל איך דאָס מאָל באַקומען מינדעסטנס אַכט. איך מאַך דערויף אַ פאַרצווייפלטע מי־נע, אָבער אין האַרצן בין איך דערפון צופרידן. זאָל זיין וואָס פאַרא ס'זאָל נישט זיין פאַרשיקונג־אורטייל, אבי נישט קיין עקזע־קוציע־פּלוטאָן.

מען האָט מיר אַריינדערלאַנגט אַ שטיק ברויט מיט אַ טעפּל וואַסער און כ'האָב איבערגענעכטיקט די נאַכט אויף אַ באַנק אין דער וואַרטאָווניע. פאַרטאָג האָט מען מיך אין אַן אָפּגעשלאָסענעם תפיסה־קעטשל איבערגעפירט קיין סמאָלענסק און פון דאָרט האָט מען מיך אין אַ פאַרקראַטעטן באַן־וואַגאָן געפירט ווייטער. דער תפיסה־וואַגאָן איז געווען באַוואַכט דורך צוויי סאָלדאַטן. אינעווייניק זענען געווען צוויי פּריטשעס. אויף איינער, אויף דער אונטער־שטער, איז שוין געלעגן אַן אַרעסטאַנט און ער האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות. איך בין מיט צרות אַרויפגעקראָכן אויף דער אויבער־שטער און כ'האָב מיך באַמיט אַרויסצוקוקן דורך דעם פאַרקראַ־טעטן פענסטערל, אָבער מער ווי בלאַסע ליכט־פּאַסן האָבן די גע־דיכטע קראַטן נישט אַדורכגעלאָזט. מיין מיטשכן האָט סוף כל סוף אויפגעהערט צו שעלטן סתם אין דער וועלט אריין און האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַרא „סראָק" איך האָב אויף זיך. איך האָב אים דערציילט, אַז כ'האָב געהאַט אויף זיך אַ פינף־יאָריקן „סראָק" און אַז איצט האָט מען מיך געכאַפּט נאָכן אַנטלויפן.

ער האָט מיט גרויס מבינות גענומען באַטראַכטן מיין „דיעלע" און האָט מיך באַרואיקט, אַז העכסטנס וועל איך באַקומען אַ צולאָג פון זעקס חדשים אָדער אין ערגסטן פאַל אַ יאָר פאַר אויסברעכן די וואַנט פונם וואַגאָן. עס ווענדט זיך, וואָס פאַרא „סאַטאַנאַ" עס וועט מיך משפּטן. איך האָב מיר דערביי געקלערט מיינס: הלוואי גלויבן זיי טאַקע מיין מעשה וועגן אַנטלויפן. ער אַליין, האָט ער מיר געזאָגט, זיצט פאַר „כאַלאַטנאַסט". כ'האָב נישט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן טערמין, אָבער ער האָט מיר דערקלערט ווי אַ גענײ־

טער יוריסט. ער האָט באַקומען דריי יאָר. ער האָט געאַרבעט אין אַ באַקלייד־מאַגאַזין און עס האָט דאָרט אַ געוויסן טאָג געפעלט אַ פּאָר הויזן און אין קאַסע איז געווען צופיל געלט. נישט צו ווייניק נאָר צופיל. און צופיל איז נישט קיין קלענערער חטא ווי צו ווייניק.

דער צוג אונזערער האָט זיך סוף כל סוף אָפּגעשטעלט. די צוויי מיליציאָנערן האָבן אונז ארויסגעפירט פון וואַגאָן און האָבן אונז איבערגעגעבן אין אנדער וואַך, וואָס האָט אונז שוין דאָ באַצייטנס אָפּגעוואַרט. די באַן־סטאַציע, אויף וועלכער מען האָט אונז אַראָפּ־געלאָזט, האָט געהייסן כערסאָן. די געביידע פונם וואָקזאַל איז געווען זייער אן אימפּאָזאַנטע. אָבער קיין סך צייט צו באַטראַכטן דעם בנין איז נישט געווען. מען האָט אונז גלייך אריינגעפּאַקט אין אַ לאַסט־אויטאָ און גענומען ערגיץ אוועקפירן. די איצטיקע רייזע האָט נישט לאַנג געדויערט. אין אַ ווײַלע ארום זענען מיר שטיין געבליבן נעבן אַ גרויסער געביידע. דאָ האָט זיך פאר אונז געעפנט אַ טויער און מיר זענען אריין אינעווייניק. עס האָט פאר אונז אַ טונקל געטאָן אַ גרויסער תפיסה־בנין.

דעם ערשטן וויזיט האָב איך געמוזט אָפּשטאַטן אין דער „באַניע", ווו מען האָט מיר אָפּגעשוירן די האָר. אין דער „באַניע" איז געווען אַ פרישקייט, אָבער די רערן זענען געווען טרוקן, פאַר־זשאַווערט און זענען שוין אוודאי לאַנגע יאָרן נישט געווען טעטיק. כ'האָב מיך ארומגעוואַשן אונטער אַ קראַן מיט בלויז וואַסער, קיין זייף האָט מען נישט געגעבן. דאַן ערשט, נאָכן אָפּשערן און נאָך דער דאָזיקער כלומרשטער באָד, האָט מען מיך אריינגעפירט אין דער צעלע. די צעלע איז געווען אַ קליינע, אַ פארחושכטע מיט אַ צעמענטענעם דיל. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן צוזאַמענגע־פּרעסט דריי און פופציק מענטשן.

באַלד ביים אַריבערטרעטן די שוועל מעלדעט מיר דער „סטאַ־ראָסטע", אַז מאָרגן איז מיין ריי צו האַלטן דיזשור און אַז צו דער אויפגאַבע מיינע געהערט ארויסצוטראָגן צוויי מאָל אין טאָג די „פּאַ־ראַשע" און אויסקערן די פּאָדלאָגע מיט אַ שטיקל שמאַטע. כ'האָב אים געוויזן די אָפּגעריבענע פיס און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר אָפּלייגן דאָס אויספירן די דיזשור־פונקציע אויף עטליכע טעג שפּעטער, אָבער ער האָט נישט געוואָלט דערפון הערן. צווישן די

53 אַרעסטאַנטן זענען 11 פון די „באַפרייטע“ געבליבן, די איבעריקע זענען רוסן. מען הויבט מיך אָן אויסצופרעגן, פאַר וואָס פאַראַ חטאים מען האָט מיך איינגעזעצט, אָבער איך באַמי מיך וואָס ווייניקער צו רעדן. איך געדענק גוט דעם פּאַראַט פון שישקאַ אין לעמבערג.

איינער פון די אַרעסטאַנטן, אַ ייִד, דער נאָמען זיינער איז געווען שערמאַן, מאַכט מיר אַ פּלאַץ נעבן זיך. מיר באַקענען זיך נעענטער. ער איז פון קאָנגרעס פּוילן. ער איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק מיט שיטערע, געלע האָר. ער דערציילט מיר, אַז ער, צוזאַמען מיט די אַנדערע צען פון די „באַפרייטע געגנטן“ האָבן זיך פרייוויליק רעגיסטרירט צו פאָרן קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט. מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז יעדער וועט אַרבעטן ביי זיין פאַך. אין די הונדערטער זענען זיי געווען, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער. 5 טעג און נעכט האָט מען זיי געפירט אין דער באַן. מען האָט זיי געפירט דורך פאַרשיידענע אומוועגן, דער צוג האָט זיך קיינמאָל נישט געשטעלט אויף קיין סטאַציעס, נאָר אינמיטן פעלד. זיי האָבן דעריבער נישט געוווּסט, וווּ זיי געפינען זיך. ברויט האָט מען זיי געגעבן גענוג, אָבער צו קויפן זיך עפּעס פאַרן אייגענעם געלט האָט מען נישט געקאָנט, ווייל עס איז נישט געווען ווו. דער צוג האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אין דאָנבאַס (דאָניעצער באַסיין). די וואַגאָנען זענען דאַן אָפּגעטיילט געוואָרן און זענען אוועק אין פאַרשיידענע ריכטונגען. זייער וואַגאָן איז שטיין געבליבן אויף דער סטאַציע אַנטראַציט.

זיי זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אָרקעסטער און עס האָבן זיי אָפּגעוואַרט ביי דער באַן־סטאַציע אַלע איינוווינער פונעם קוילן־גרעבער שטעטל, וואָס האָט געהייסן אַנטראַציט צענטראַלנאַיאַ באַקוסקאַ. איינער פון די איינוווינער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ באַגריסונגס־רעדע. ביז איצט האָבן מיר געלעבט אין „פּאַנסקע“ פּוילן, אונטער דער בייטש פון פּילסודסקין. איצט אָבער געפונען מיר זיך אין סאָוויעטקי סאָיוז אונטער דער פרייהייט־זון פון סטאַלינען. אויך איינער פון די געקומענע האָט גענומען אַ וואָרט און האָט דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אין פּוילן געשמאַכט אין די תפיסות און ווי מען איז איצט דאַנקבאַר, וואָס די רויטע אַרמיי האָט אונז אויסגעלייזט. אויך מיין תפיסה־שכן, האָט גענומען אַ

וואָרט. ער איז געווען אַ שניידער. אין פּוילן האָט ער בלויז גע־
אַרבעט דריי חדשים אין יאָר און די איבעריקע ניין איז ער גע־
שטאָרבן פאַר הונגער.

פונם וואָקזאַל־פּלאַץ האָט מען זיי אַריינגעפירט אין אַ „סטאָ־
לאָוואַיאַ" און געגעבן גוט אָנצועסן, און דאַן האָט מען זיי אוועקגע־
פירט דורך זומפּן און קיינמאָל נישט־אויסגעטרוקנטע בלאָטעס אין
קוילן־שאַכט 2 און 2 ביס. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעפירט אין
אַ גרויסן זאַל, וווּ עס זענען געשטאַנען, אַזוי ווי אין אַ שפּיטאָל,
צוגעגרייטע, פריש־איבערגעצויגענע בעטלעך. דאָ, זאָגט מען זיי,
אין דער דאָזיקער „אָבשטשעזשיטיע" וועלן זיי שלאָפן. צוויי טעג
וועלן זיי זיך אָפּרוען פון דער רייזע און דאַן זאָלן זיי זיך מעלדן
אין דער קאַנצעלאַריע, וועט מען זיי אויסצאָלן דאָס ערשטע געלט
און אַ דאָקטאָר וועט זיי באַטראַכטן און צוטיילן צו די פּאַסיקע
אַרבעטן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

אין דער קאַנצעלאַריע האָט מען יעדן באַזונדער געגעבן צו
דריי הונדערט רובל און מען האָט גלייכצייטיק אונטערגערוקט
אונטערצושרייבן אַ פּרישן אַרבעט־קאָנטראַקט אויף אַ וויטערדיק
יאָר. די דאָקטאָרשע האָט יעדן באַזונדער באַטראַכט און צוגע־
טיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן אין די גרובנס..

ביינאַכט האָט מען זיי געפירט אין קלוב אַריין, וווּ עס איז
געווען אַ ראַדיאָ־הילכער און טישן מיט צייטונגען און פאַרשיידענע
פאַרווייַלונגען. אין ווינקל האָט געשפּילט אַן אַרבעטער־אָרקעסטער.
מען האָט געוויזן פאַר די געסט אַן אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונג און
שפּעטער האָט דער אָרקעסטער געשפּילט טאַנץ־מוזיק. עס האָבן
אָנגעהויבן אָנצוקומען באַשיידן־אָנגעטוענע, יונגע רוסישע און אוּ־
קראַינישע מיידלעך און מען האָט זיך פאַרווייַלט ביז שפּעט אין
דער נאַכט אַריין. די איינציקע צרה איז געווען דאָס, וואָס אַהיימ־
צוגיין איז געווען אומגעהויער שווער, ווייל מען האָט געדאַרפט
טאָפּטשן אין מוראַדיק טיפע און קלעפּעדיקע בלאָטעס. דערביי איז
צווישן איין בלאָק און דעם אַנדערן נישט געווען קיין באַלויכטונג
און עס האָט געהערשט אַ פינצטערניש ווי אין מצרים. די „ביע־
זשענצעס" האָבן גלייך פאַרגעלייגט די רוסישע מיטשכנים, אַז
עס וואָלט געווען אַ יושר אויסצופלאַסטערן די גאַסן און איינצושטאַ־
לירן באַלייכטונג און די רוסן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע אַ

גוטער געדאַנק און מען דאַרף עס טאַקע שטעלן אויף דער נאָנטער זיצונג.

אַזוי איז אַדורך דער ערשטער טאָג. אַ יום־טובדיקער, אַ האַפּערדיקער. און דער עיקר פול מיט האָפענונגען.

באַלד צומאָרגנס האָט זיי דערוואַרט דער ערשטער סורפּריז. יעדן איינעם האָבן געפעלט זאַכן פון די וואַליזקעס. עס איז געוואָרן אַ געפילדער, מען האָט געמאָלדן וועגן דעם אין דער מיליץ, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. די זאַכן זענען נישט געפונען געוואָרן. אויפן דריטן טאָג האָט מען זיי אַראָפּגעפירט צו דער אַרבעט, אין די שאַכטן אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גיהנום. פרויען האָט מען אַוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט מענער, ביי שלעפן וואַגאָנעטקעס, ביי עלעקטרישע בויערס, ביי די ריבאַר־מאַשינען און רישטאַקעס. מיטאָג־צייט האָט מען זיי שוין געפירט אין אַן אַנדערע סטאָלאָווע אַריין, צוזאַמען מיט די רוסישע אַרבעטער. דאָס עסן איז געווען שלעכט. אַלץ אַרום איז געווען שמוציק. נאָכן אָפּהאָרעווען אַ חודש אין דער שאַכטע האָט מען זיי אויסגעצאָלט בלויז צו זעכציק רובל. דאָס איבעריקע האָט מען אַראָפּגערעכנט פאַרן עסן. דעם אַנדערן חודש האָט מען זיי נאָכן אַראָפּרעכענען פאַר פאַרשידענע צוועקן כמעט גאָרנישט אויסגעצאָלט. די אַרבעט האָט אַלעמען געמאַכט טויט מיד, אָבער נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך געמוזט שלעפן אויף פאַרזאַמלונגען און אויסהערן כסדרדיקע רופן צו פאַרגרעסערן די נאָרמעס. די רוסישע אַרבעטער זענען דערביי באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי היטן אונז נישט גענוג צו. דעם דריטן חודש האָט מען געטיילט צווישן די אַרבעטער אַ פּאַרטיע בור־שלאַקעס, אָבער ביים סוף חודש האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט פאַר די בורשלאַקעס אַראָפּגערעכנט אַזוי פיל, אַז עס איז קיינעם נישט געבליבן מער ווי אויף ברויט מיט טיי.

די לאַגע איז געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכע. די אַרבעט האָט זיך וואָס אַמאָל שווערער געלייגט אויף די ביינער און דאָס נישט געענוגנדיקע עסן האָט נאָך אויסגעזויגן די לעצטע זאַפטן. די מענטשן זענען געוואָרן נערוועז און האָבן געלעבט אין אַ כסדרדיקן צו־שטאַנד פון אויפרעגונג. צו דעם אַלעם האָט נאָך צוגעוווירקט דאָס לעבן אין „אָפּשטשעזשיטיע", די כסדרדיקע פינצטערניש, די בלאָ־טעס. די גרופּע פון די עלף האָט ענדליך באַשלאָסן צו אַנטלויפן.

עס איז זיי מיט מאַטערניש געלונגען אַנצוקומען קיין קיעוו. דאָרט האָט מען זיי אַרעסטירט, געהאַלטן צוויי מאָנאַטן אין תפיסה און צוגעטיילט זעקס־יעריקע אורטיילן. איצט געפינען זיי זיך דאָ, אין בערסאָן, און דערוואַרטן, אַז מען וועט זיי בקרוב אַוועקשיקן אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

מיט צען טעג שפּעטער האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַן אַנדערער צעלע און דאָרט האָב איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג און פרייד געטראָפן דעם גענעראַל זאַרוסקי.

ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך. איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן מיר אומפאַרשעמט גע־שטראָמט פון די אויגן. עס האָט מיך געדריקט ביים האַרץ, ווען כ'האָב אויף אים אַ קוק געטאָן. ער איז געווען שטאַרק פאַרענדערט. ער האָט שוין נישט געמאַכט זיין טעגליכע גימנאַסטיק, ווי ער האָט עס געפלעגט מאַכן אין דער לעמבערגער תפיסה. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט. בלויז דער מח איז אים פאַרבליבן פריש און וואַכזאַם אַזוי ווי פריער. איך האָב אים נישט געוואָלט אָנטאָן קיין צער און האָב אים נישט דערציילט וועגן גורל פון זיין פרוי, וועלכע האָט באַקומען צוועלף יאָר פאַרשיקונג. כ'האָב אים אויך נישט דערציילט וועגן מיינע איבערלעבענישן אינם קאַטינער וואַלד. די באַגעגעניש מיטן גענעראַל האָט מיך פון איין זייט געפרייט, אָבער פון דער אַנדערער האָב איך מיר פלוצלונג אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז מען האָט מיך שוין ווידער צוגעטיילט צו אַ צעלע פון „פּאָליטישע פאַרברעכער".

ער האָט באַמערקט, ווי איך האָב אין מיר געדריקט מיינע איבערלעבונגען, ווי איך שטיק מיך מיט שאָטנס פון די גרויזאַמע, פאַרגאַנגענע טעג. ער האָט מיך אַרומגענומען און געזאָגט: קינד, דערצייל אַלץ. עס וועט דיר לייכטער ווערן. מיר האָבן זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ געמיינזאַמער פּריטשע און איך האָב אים מיט אָפּגעריסענע ווערטער דערציילט אַלץ, וואָס איך בין אדורכגע־גאַנגען. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט קאַלט און עקשנותדיק געשוויגן. ער איז געווען אַ מיליטער־מאַן, אָבער דאָס, וואָס איך האָב אים דערציילט, האָט אים אויפגעטרייסלט און האָט ביי אים אַ שאָקל געטאָן די כסדרדיקע האָפערדיקייט, מיט וועלכע ער פלעגט טרייסטן אַנדערע.

דער גענעראַל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שוואַכער און אויפן אַכטן טאָג האָט ער שוין פולשטענדיק פארלוירן דאָס באַוווּסטזיין. טראָץ דעם, וואָס ער האָט נאָך געלעבט, האָט מען אים אַזוי ווי אַ הונט אַרויפגעוואָרפן אויף נאָסילקעס און אַרויסגעטראָגן פון דער צעלע. דאָס איז געווען דער סוף פון מיין קורצער באַקאַנטשאַפט מיט דעם קלוגן און וואונדערבאַר־גוטן זקן.

די טעג אין דער צעלע האָבן גענומען ווערן צו זיך ענלעך אַזוי ווי קלעפּיקע טראָפּנס סמאָלע. יעדע פּאָר טעג האָט מען אונז אַרויסגעטריבן אין אַ גרויסן זאַל, וווּ מען האָט אונז באַפוילן אויס־צוטאָן נאַקעט און מען האָט אונז גענוי אונטערזוכט. ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין דער צעלע, איז אַלץ דאָרט געווען איבערגע־קערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָס האָבן זיי גערופן „שמאָנט", דאָס הייסט, אַז זיי האָבן אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע.

צווישן די אַרעסטאַנטן איז געווען איינער אינגאַנצן אָן פּים. ווען כ'האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט באַקומען אַן אורטייל פון צען יאָר, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער צונג: „זאַ יאַזיק". אַ צווייטער שוין גאָר וויכטיקער אַרעסטאַנט איז געווען דער הויפּט־פּראָקוראָר, נ אַ ס י ן. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר פאַר קאָרופּציע. דער חטא זיינער איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט באַפרייט אַ ספּעקולאַנט. פּאָליטיק און ספּעקולאַציע זענען צוויי קרובישע פאַרברעכנס. דער אונטערשיד איז בלויז דער, וואָס דער פּאָליטישער באַקומט זיין אורטייל הינטער די אויגן, בעת דער ספּעקולאַנט געניסט פון דער פּריווילעגיע פון אַ געריכט און פון אַ גאַנצער יורידישער פּראָצעדור. דער פּראָקוראָר האָט שטענדיק געהאַט ביי זיך גוטע סיגאַרעטן און ער האָט געשפּילט מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן אין שאַך, וואָס איז אויסגעאַרבעט געווען פון ברויט אָדער אין קאָרטן, פאַבריצירטע פון געוויינלעכע ציטונגען.

קאַפּיטל פופצן

צוויי חדשים זענען פאַרבײַ זינט מען האָט מיך אַריבערגע־פירט אין דער כּערסאָנער תּפיסה. אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק. כ׳האָב געוווּסט, אַז הינטער דער טיר פון דער תּפיסה־קאַנ־צעלאַריע וועט איצט אַנטשיידן ווערן מײַן גורל. כ׳בין אַרײַנגעגאַנ־גען כּלומרשט אַ רואיקער, אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט ווי בײַ אַ גזלן.

דער באַאַמטער פון ביוראָ האָט מיך אפילו נישט געהייסן אַוועקזעצן און האָט מיר פון אַ פּאַפּיר פאָרגעלייענט דעם אורטייל, וואָס מ׳האָט מיר צוגעטיילט פאַר אַנטלויפן פון טראַנספּאָרט. דער „סראָק" איז נישט געווען קיין גרויסער: זעקס יאָר. אינערליך בין איך צופרידן געווען פונם אורטייל. מײַן כּסדרדיקער צושטאַנד פון אומזיכערקייט האָט זיך אַזוי אַרום געענדיקט. איצט הענגט שוין איבער מיר נישט מער דאָס געשפּענסט פון דערשאָסן ווערן. ווײַל אויך אינם קאַטינער לאַגער האָט מען בלויז אַרויסגעפירט צו די גרו־בער די, וואָס האָבן נישט געהאַט איבער זיך קיין אורטיילן.

איצט בין איך שוין אין די אויגן פון דער סאָוויעטישער נאַ־טשאַלסטוואָ אַ לעגאַל־פאַרמשפּטער ספּעקולאַנט, וואָס טראָגט אויף זיך אַ פאַרהעלטניסמעסיק נישט גרויסע שטראָף פאַר האַנדלען מיט זייגערלעך.

דער באַאַמטער האָט מיר אַדורכגעלייענט די פּאָר טרוקענע ווער־טער פונם אורטייל און האָט מיר באַפוילן זיך אומצוקערן צוריק אין דער צעלע. איך האָב אָבער פאַרן אַוועקגיין געהאַט צו אים אַ ביטע. כ׳האָב געבעטן, מען זאָל מיך וואָס שנעלער אַוועקשיקן אין אַן אַר־

בעטס־לאַגער. ער האָט זיך אוודאי געוווּנדערט, וואָס איך בין אַזוי פליסיק צו דער אַרבעט. ער האָט נישט געוווּסט דערפון, אַז פאַר מיר איז קאַטאָרגע־אַרבעט געווען אַן אַנטשפּאַנונג נאָך די קאָשמאַר־בילדער פון די פאַרגאַנגענע טעג. צוריקקומענדיק אין דער תפיסה־צעלע, קאָן איך נישט באַהאַלטן מיין צופרידנקייט. די מיט־אַרעסטאַנטן וווּנדערן זיך. דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך זיי, אַז עמיצער זאָל אַריינפאַלן אין אַזאַ קעלבערנע התפעלות נאָך אַן אורטייל.

ווידער הויבן אָן צו פליסן טעג מיט וואָכן. דער סאָוויעטישער תפיסה־מעכאַניזם איז אַ לאַנגזאַמער. נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן. ענדליך קומט דער טאָג. עס איז דער עלפטער יאַנואַר 1941. דער ווינטער איז אַ פּראָסטיקער. מען פירט אונז אַרויס צו די וואַגאָנען. מיר זענען 44 פּערזאָן, וועלכע זענען איצט באַשטימט געוואָרן אָפּגעפירט צו ווערן אין די לאַגערן. אין תפיסה־וואַגאָן זענען פאַראַן צוויי עמער מיט וואַסער. מען זאָגט אונז אָן נישט צו זיין פאַרשווענדעריש מיטן טרינקען, וויל די רייזע דאַרף געדויערן אַ לענגערע צייט. מיר סטאַרן זיך דעריבער וואָס ווייניקער צו טרינקען, וויל יעדער פון אונז קאָן שוין דאָס גיהנום פון זיין דורשטיק.

דער נאָענטסטער שכן מיינער איז אַ ייד. ער הייסט גרין. ער איז געווען דער אָנפירער פון אַ בערסאָנער שניידער־קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אַמאָל אָפּגעקויפט ביי אַ זעלנער, וואָס איז דאָרט אַהין פאַרוואָגלט געוואָרן פון די „באַפרייטע” געביטן אַ קופּאָן מאַנופאַקטור־שטאָף און האָט עס פאַרקויפט צו זיינס אַ פריינט. די זאַך איז דערטראָגן געוואָרן צו דער נ. ק. וו. ד. און ער איז פאַרמשפט געוואָרן אויף 8 יאָר פאַר ספּעקולאַציע. ווי לאַנג ער איז נאָך געזעסן אין דער בערסאָנער תפיסה איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן ווייב זיינעם און מיט זיינע פינף קינדער. ער האָט אַפילו באַקומען פון זיי כסדר פּעקלעך. איצט וועלן זיי נישט וויסן, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ער וויינט ווי אַ קינד. ער געפינט זיך ערשט אָפּגעטיילט פון דער פאַמיליע זיינער אַ קורצע צייט און ער איז נאָך נישט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אַזוי ווי די איבעריקע „סאָוויעטישע מענטשן”. ער עפנט אויף זיין קליינעם זאַק און ער ווייזט מיר די פּראָדוקטן, וואָס די פאַמיליע זיינע האָט אים געשיקט: ער האָט נאָך דאָרט קאַרטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל. ער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ ביסל מאַכאָרקע און מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל. ער האָט מיר

אויך געגעבן אָנצוטאָן אַ פּופּייקע, ווייל די קעלט, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט דורך די וואַגאָן־שפּאַרעס איז געווען אַ שניידנדיקע.

די באַן האָט זיך געשלעפּט דורך ריזעדיקע מדבריות פון שניי. דאָס אויג האָט זיך נישט געהאַט אויף וואָס אָפּצושטעלן, ווייל אין די ריזעדיקע וויסטענישן איז אפילו נישט געווען קיין סימן פון אַ מענטשליכער כאַטע אָדער אפילו פון אַ ווינטערדיק־נאַקעטן בוים. אַלץ איז געלעגן פאַרשיט אונטער אַ שנייאיקער וויסטעניש.

דעם דרייצנטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טשעלאַבינסק. דאָס איז שוין אוראַל, די גרעניץ־ליניע צווישן אייראָפּע און אַזיע. דער עולם לערנט זיך טרעפן, וווהין מען שיקט אונז. מען רעכנט אויס אַ גאַנצע ליסטע מיט לאַגערן: קאַראַגאַנדאַ, אָמסק, נאָוואָ־סיבירסק, אירקוטסק, קראַסנאָיאַרסק... עס איז מערקווירדיק, ווי די דאָזיקע פּראָסטע רוסן קאָנען אַזוי גוט געאָגראַפיע!

אפילו די פּראָסטע אוקראַינער מוזשיקעס, וואָס זענען האַלב גראַמאָטנע, קענען זיך אַזוי גוט אויף דער רוסישער מאַפּע. די קענטשאַפט באַגרעניצט זיך אָבער הויפּטזעלעך צו די לאַגער־נעמען. אין דאָזיקן פּרט איז יעדער פון זיי אַ „ספּעץ”. פון די אַלע אויסגערעכנטע נעמען זע איך אויך, אַז עס איז נישט פאַראַן דאָ קיין מאַנגל אין ערטער. אַז פלעצער פאַר אונזערטוועגן זענען פאַראַן איבערגענוג. עס איז אַזוי ווי אינם ליד ווערט געזאָגט: שיראָקאַ סטראַנאַ מאַיאַ ראַדנאַיאַ...

גרין ליגט מיט מיר אויף אַ שכנותדיקער פּאָליצע און ער דערציילט מיר וועגן זיינע דערפאַרונגען. איבערהויפּט פון דעם גרויזאַמען הונגער אין די דרייסיקער יאָרן. די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט האָט אים אויסגעלערנט אַ וויכטיקע זאַך: צו לייענען די ידיעות אין די צייטונגען מיט אַ געהעריקן קאָמענטאַר. ער האָט סוף כל סוף געפונען דעם ריכטיקן שליסל, וואָס האָט אים מעגליך געמאַכט אויסצומיידן אַ גאַנצע ריי אומגליקן. שטענדיק ווען די פּרעסע האָט אָנגעהויבן צו שילדערן פאַרשיידענע אומגליקן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט ער געוווסט, אַז עס גרייט זיך עפּעס אַ פּינצטערע גזירה.

פאַרן ליקווידירן דעם נעפּ האָט די סאָוויעטישע פּרעסע זיך בריט גענומען צו צושרייבן וועגן אַ גרויסע הונגער־שטערבלעכקייט אין די קאַפּיטאַליסטישע מדינות. דאָס האָט גרינען גלייך אַרויפגע־

פירט אויפן געדאַנק, אַז אין רוסלאַנד גופא גרייט זיך אַ פּעריאָד פון הונגער און ער האָט פיבערדיק אָנגעהויבן צו מאַכן שפּייז־זאַפּאַסן. די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט האָט אים טאַקע צוזאַמען מיט דער פאַמיליע זיינער אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. ווייל ווען דער שוידערלעכער הונגער איז אָנגעקומען האָט ער געקאָנט זיך בעסער אַן עצה געבן ווי אַנדערע. זיינע דערציילונגען וועגן יענעם פּעריאָד זענען ממש אומבאַשרייבלעכע. עלטערן פלעגן אויפעסן זייערע קינדער. אַלערליי שטוב־חיות, אפילו הינט, קעץ און שטשורעס זענען לחלוטין פארשוווּנדן געוואָרן, ווייל זיי זענען ביז צום סאמע לעצטן אויפגעגעסן געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג. מענטשן זענען אין די הונדערטער טויזנטער געפאַלן אין די גאַסן, געשוואָלענע פאַר הונגער. פאַר שפּייז־פּראָדוקטן פלעגט מען צאָלן בפועל ממש מיט גאָלד־שטיקלעך. אין געוויסע געגנטן האָבן פון הונגער־צעווילדעוועטע מענטשן געגעסן מתים פון די קברים ארויס.

גרין האָט מיר אויך דערציילט וועגן אַ צווייטן חורבן, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעגאָסן הויפּטזעכליך אויף דער יידישער באַפעלקערונג, דער חורבן פון גאָלד־זוכן, וועלכן מען האָט גערופן: „זשאָלטוכאַ". רעגירונג־אַגענטן האָבן זיך ווי קראָען אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַפעלקערונג מיטן פאַרלאַנג ארויסצוגעבן זיי דאָס כלומרשטע באַהאַלטענע גאָלד. די מעטאָדן פון ארויספּרעסן גאָלד זענען געווען אַזעלכע ברוטאַלע, אַז מענטשן האָבן פאַר די לעצטע פּאָר מלבושים געקויפט אומלעגאַל גאָלדענע חפצים, כדי זיי צושטעלן דער רעגירונג ווי זייער אייגנטום. אָבער דער אַפּעטיט פון דער מאַכט איז געווען אַ נישט־געשטילטער. מען האָט געשלעפּט איבער די תפיסות, געשלאָגן מכות רצח און לסוף פאַרשיקט הינטער די הרי חושך טויזנטער, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך אויסקויפן מיט אַ שטיק גאָלד.

דער צוג אונזערער לויפט דערווייל איבער ברייטע סיבירער שטחים. מיר זענען שוין אַדורכגעפאָרן פּיעטראָפּאַוולאַווסק, קראַסנאָיאַרסק. דורך די פאַרקראַטעטע פענסטערלעך קוקט אריין דאָס אומפאַרענדערטע בילד פון די סיבירער טאַיגעס. דער גאַנצער שטח, ביז צום ווייטסטן האָריזאָנט איז פאַרשאָטן מיט שניי. ערטערווייז טונקלען זיך שווארצע פלעקן פון געדיכטע וועלדער. די נאַקעטע שטאַמען מיט די פּאַטעטיש־אויסגעצויגענע צווייגן שניידן

זיך אָפּ ווי פאַרגליווערטע גייסטער פונם ים מיט שניי. די זון האָט אַראָפּגעשיינט פון וואָלקן־ריינעם הימל, אָבער אויך די זון האָט אויסגעזען, ווי א קויל פון אייז, וואָס האָט אַראָפּגעטריפט מיט פאַרפרוירענע צאַפּנס.

אין אירקוטסק האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און יעדער פון אונז האָט באַקומען אַ טעלער מיט הייסע זופּ. מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון די וואַגאָנען און גלייך האָט אונז אַ שלאָג געטאָן איבער די פּנימער אַ בלאַנק מעסער פון פראָסט. דער אָטעם איז אונז ממש פאַרפרוירן געוואָרן אין די לונגען. ארום האָט דער שניי, אינם זון־אָפּשיין, זיך געמיניעט מיט קאָלירן פון א רעגן־בויגן.

גלייך פונם וואָקזאַל האָט מען אונז אַוועקגעפירט אין אַ „באַניע” און די מלבושים זענען גענומען געוואָרן אויף דעזינפעקציע. די באָד איז געווען איינגעאָרדנט לויט די לעצטע כללים פון טעכניק. דאָס וואַסער איז געווען מחיהדיק הייס. איך האָב מיך געפילט ווי פריש געבוירן נאָך די פאַרפוילטע תפיסה־צעלעס און נאָך דעם איבלדיקן תפיסה־וואַגאָן. מען האָט יעדן פון אונז אפילו צוגעגעבן אַ שטיקל זייף.

נאָכן אויסבאָדן זיך האָט מען אונז צוריקגעטריבן אין די וואַגאָנעס אַריין.

די באַן נעמט פאָרן לענג אויס דעם אָזיערע באַיקאַל. אַנדערטהאַלבן טעג זענען מיר געפאָרן מיט די ברעגעס פון דער אָזיערע, אַדורכשניידנדיק אָן אַ שיער פינצטערע טונעלן. די ערשטע סטאַציע נאָך דער אָזיערע האָט געטראָגן אַ טאָפּלטן אויפשריפט אויף רוסיש און אויף יידיש: ביראַ. מיר זענען אַלזאָ אַריינגעפאָרן אויף דער טעריטאָריע פון דער אַזוי שטאַרק רעקלאַמירטער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. וויפל האָפענונגען האָבן הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער אין אַלע וועלט־ווינקלען געלייגט אויף דער דאָזיקער סאָוויעטישער גאולה?

איך זיץ אַ שווייגנדיקער ביים פענסטער און קוק אַרום אויף דעם שניי־ווייסן חלל. דער זעלבער אומענדלעכער שניי־מדבר. די זעלבע פאַרפרוירענע וועלדער. אינערגיץ זעט מען דאָ נישט קיין סימן פון לעבן. צומאָרגנס פאָרן מיר ווידעראַמאָל אַדורך אַ באַן־סטאַציע מיט אַ יידישער אויפשריפט. דאָס מאָל איז עס טאַקע די הויפּט־סטאַציע פון דער נישט־דערגאַנגענער יידישער רעפּובליק:

ביראָ־בידזשאַן. דער וואָקזאַל געפינט זיך אויף אַ באַרג און מיר זעען דאָרט אייניקע געשטאַלטן איינגעפּאַטלטע אין גאַנצע בערג מיט שמאַטעס. די באַן שלענגלט זיך ווייטער דורך קאַלט־פּוסטע שטחים און מיר פאָרן פאַרביי די לעצטע סטאַציע פון ביראָ־ביר־דזשאַנער געגנט: ביראַקאַן.

אין וואַגאָן הויבט זיך ווידער אָן אַ שפּאַרעניש, ווהין מען פירט אונז. די רוסישע מוזשיקעס ווייזן ווידער אַרויס געאָ־גראַפישע בקיאות: עס פאַלן נעמען — כאַבאַראָווסקי קראַי, קאָמ־סאָמאָלסק, יאַקוטן־לאַגערן. איינער פון זיי גיט צו, אַז אַנשטאָט אַריינצופאַלן אין די דאָזיקע פאַרשיקונגס־ערטער איז שוין גלייכער זיך אָנצוטאָן אַ טויט. די באַן אונזערע פאָרט אָבער אַדורך כאַבאַ־ראָווסק און קאָמסאָמאָלסק און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער האָט נישט געטראָפן. איצט זענען שוין אַלע במעט איינשטימיק, אַז מען פירט אונז אויפן אינדזל סאַכאַלין אָדער אויף קאַמטשאַטקע. סיידן עס זאָל געשען אַ נס און דעמאָלט וועט מען אונז איבערלאָזן אין די לאַגערן פון וולאַדיוואָסטאָק. די שטימונג צווישן עולם ווערט וואָס אַמאָל מער געבראָכן. מען זיצט טרויעריקע ביי די פענסטער און מען קוקט אויף די שטיקער לויפנדיקע שטחים, וואָס פאַר־שלעפּן אונז וואָס אַמאָל ווייטער פון די פריערדיקע היימען און וואָס אַמאָל נענטער צו די סאַמע גיהנומדיקסטע קאַטאָרגעס.

נאָך 33 טעג פאָרן קומען מיר אָן קיין בוכטאַ נאַכאָדקאַ, אָדער ווי מען רופט דאָס אַנדערש: נאַגאַיעוואַ.

דאָס דאָזיקע אָרט געפינט זיך 130 קילאָמעטער פון וולאַדי־וואָסטאָק. מיר שטייגן אויס פון צוג און געפינען זיך צופוסנס פון אַ באַרג. פון דער רעכטער זייט ציט זיך די וואַנט פון אַ באַרג און פון דער לינקער ליגט די וואַסערדיקע טאַפלע פונם ים. די לופט איז דאָ מילדער ווי פריער, אָבער דער פראָסט איז אויך גענוג שאַרף און יעדער פון אונז האָט אָפּגעפרוירענע אויערן און פינגער.

די קאָנוואָיענטן נעמען אונז אונטערטרייבן און האַלב־לויפנדיקע נעמען מיר זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פונם לאַגער. איך צי אויף מיר אַרויף די פּופּייקע און פאַרדעק מיר דאָס געזיכט, וואָס ווערט אומבּרחמנותדיק געקניפּט דורכן פראָסט. און אַזוי לויפנ־דיק דערגרייכן מיר ענדליך צו די ערשטע פאַרצוימונגען פון שטע־כיקן דראָט. הינטער דער פאַרצוימונג שטייען לאַגער־באַראַקן, וועל־

כער איז אָבער נישט קיין איינגנטלעכער לאַגער, נאָר אַן אַזוי גערופענע זאָנע. דאָס איז נישט מער ווי אַ דורכגאַנג־פונקט, פון וועלכן מען שיקט ערשט אָפּ אין ריכטיקן לאַגער אריין.

די באַראַקן זענען גרויס און זענען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. עס געפינען זיך דאָ 82 טויזנט מאַן. באַלד ביים אריבערגיין די שוועל פונם באַראַק באַגעגן איך ווײַנשטאָקן, דעם עלעקטראָמאָנטער פון סטאַראָביעלקסאָ.

ער געפינט זיך שוין דאָ העכער אַ חודש אין דער דאָזיקער זאָנע און וואַרט אויף אַ ווייטערדיקער פאַרשיקונג. דאָס בלייבן דאָ איז אַן אומגליק. עס איז נישטאָ דער טאָג, מען זאָל נישט געפונען קיין געפרוירענע צום טויט, אָדער געשטאָרבענע פון דערשעפונג. מען האַלט דאָ איין ברענגען פרישע געפאַנגענע פון אַרבע פינות רוסלאַנד. מען קען זיך דאָ פריי באַוועגן פון איין באַראַק צום אַנדערן, אָבער אַרום איז דער שטח פאַרקאָוועט מיט עטלעכע רייען שטעך־דראָטן און מיט צענדליקער באַוואָפנטע וועכטער.

אַ געוויסן טאָג באַמערק איך צווישן די געפאַנגענע אַן אויסטערלישע אויפרעגונג. מען שושקעט זיך אויפן אויער, אַז עמיצער האָט זיך געהאָנגען אין קלאָזעט און אַז דער קערפּער זיינער איז נאָך ביז איצט נישט אַראָפּגענומען געוואָרן. איך האָב עפּעס געהאַט אַ פאָרגעפיל און בין שנעל אריינגעלאָפן אין קלאָזעט אריין. פון אַ טשוואָק אַראָפּ, פון סופּיט, האָט זיך געהוידעט דער פאַרשטייפטער קערפּער פון גרינען. עס איז אים געווען קוים צו דערקענען. דאָס פּנים איז געווען גרוי, כמעט שוואַרץ און דער גאַנצער גוף איז געווען אויסטערליש ביינערדיק און לאַנג. ער האָט געהאָנגען אין די בלויזע גאַטקעס. לאַגער־גנבים (אורקעס) האָבן פון אים אַראָפּגעצויגן די איבעריקע מלבושים און האָבן אים איבערגעלאָזט בלויז אין די אונטערוועש. כ׳האָב געפילט ווי ס׳איז מיר אַדורך אַ פראָסט ביז צו די האָר־וואָרצלען און כ׳האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון דעם טויטן כערסאָנער ייִדישן שניידער. אויף וועמענס קאָפּ וועט פאַלן דאָס בלוט פון דאָזיקן קרבן?

די קעלט אינם לאַגער האָט נאָך מער געמאָרדעוועט ווי דער הונגער. וויפל איינער צום צווייטן האָט זיך נישט געטוליעט, איז נישט מעגליך געווען איינצושלאָפן. אויפן צענטן טאָג האָט זיך מיין קאַראַנטין געענדיקט. מען שיקט מיך ווייטער מיטן טראַנספּאָרט.

קאַפּיטל זעכצן

מען פירט אונז ארויס פון די באַראַקן און אָפגייענדיק אַ צוויי מעטער זעען מיר אינמיטן פון די ים־וואַסערן צוויי שיפן און נעג־טער ביי די ברעגעס — עטלעכע קלענערע באַרקעס.

מען הויבט אונז אָן ארויסצורופן ביי די נעמען. די דאָזיקע פּראָצעדור געדויערט אַ היבשע ווײַלע, ווייל די צאָל ארעסטאַנטן באַטרעפט אַ שיינע פּאָר טויזנט. אַלע זענען מיר כמעט פון די סאָ־וויעטיש־אָקופּירטע געגנטן פון פּוילן. גרופּנווייז לאָזט מען אונז אַרויף אויף די באַרקעס. ארויפקומענדיק אויף די שיפלעך, הייסט מען אונז דורך שמאָלע טירלעך אראָפּלאָזן זיך אויף לייטערס אויפן דנאָ. נאָכדעם ווי דער שטח פונם פינצטערן קעלער ווערט אויס־געפילט מיט געפאַנגענע, דערהערט זיך דאָס געבאַרכל פון אַ מאָ־טאָר און מיר הויבן אָן צו פאָרן איבערן וואַסער. ענדליך דערפאָרן מיר צו די צוויי גרעסערע שיפן. די ערשטע הייסט „דזשורמאַ" און די צווייטע „סאָוויעטסקאַיאַ לאַטוויאַ". דאָס אריבערפירן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון די באַרקעס אויף די שיפן האָט ווידער געדויערט אַ היבשע ווײַלע. ענדליך האָט מען אונז איינקוואַרטירט אויף דער נידעריקסטער טייל פון דער שיף „דזשורמאַ", וווהין מען האָט אונז אראָפּגעטריבן דורך פינצטערע און שמאָלע לייַ־טערלעך. די ענגשאַפט איז דאָ געווען אָן אומדערטרעגלעכע. דער גאַנצער שטח איז געווען באַקלאַפּט מיט האָלצערנע קויקעס און די מינדעסטע באַוועגונג האָט געקאָנט געמאַכט ווערן נאָך אַ שווע־רער אָנשטרענגונג. די לאַגע איז דאָ נאָך ערגער געווען ווי אין אַ תפיסה.

מיר זענען געווען איינגעטיילט אין גרופּעס צו 50 מאַן. איבער

יעדער גרופּע איז געשטאַנען אָן עלטסטער מיט זיינע צוויי געהילפן. צו זיי האָט געהערט די פונקציע פון פאַנאַנדערטיילן דאָס ברויט מיטן מיטאָג. די גרעסטע צרות האָבן מיר געהאַט מיטן גיין אין קלאָזעט אריין, ווייל ארויסגיין האָבן מיר געמוזט גרופּנווייז און דאָס כסדרדיקע שלעפּן זיך איבער די לייטערס איז געווען אַ גע־פערליך מאַטערניש.

צומאָרגנס האָבן די עלטסטע אונז שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיין רואיק און אַז קיינער פון אונז זאָל נישט וואגן ארויפ־צוגיין אויף דער אויבערפלאַך אין קלאָזעט אריין. מיר האָבן פאַר־שטאַנען די סיבה פון דער צוגעשפּיצטער פאָרזיכטיקייט. מיר זענען וואַרשיינליך אַדורכגעפאָרן די סאַבאַלינער אינדזלען.

דאָס פאָרן מיט דער שיף איז געווען אַ קייט פון אומבאַשרייב־לעכע צרות און יסורים. דער ים האָט מוראדיק געוואָרפן. עס האָט זיך אָפּטמאָל אויסגעדאַכט, אַז די שיף האָט זיך איבערגעקערט און אַז מיר ליגן נישט אויף דער פאָדלאָגע נאָר אויפן סופיט. די אַרע־סטאַנטן האָבן מוראדיק געליטן פון דער ים־קראַנקהייט. אַ חוץ דער ים־קראַנקהייט האָט געבושעוועט די דעזינטעריע. דעזינטעריע מיט ים־קראַנקהייט אין באַדינגונגען, וווּ עס זענען נישט געווען די מינדעסטע סאַניטאַרע איינריכטונגען — דאָס דאָזיקע אימהדיקע בילד איז אפילו זיך שווער פאָרצושטעלן. באַלד דעם ערשטן טאָג האָבן מיר געהאַט אַ טויט־פאַל, אָבער שפּעטער האָט זיך די צאָל טויטע גענומען מערן.

קיין גרויסע צערעמאָניע האָט מען מיט די געשטאָרבענע נישט געמאַכט. מען האָט זיי פּשוט אריינגעוואָרפן אין ים אריין. מיר זענען געלעגן אויף אונזערע פּוילנדיקע קויקעס און האָבן מיט וואַנ־זוניקע אויגן געקוקט ווי די סאָלדאַטן האָבן זיי אָנגענומען ביי די פיס און האָבן זיי ארויסגעוואָרפן אין ים אריין. מיר האָבן נישט געוווּסט: צי זאָלן מיר זיי באַדויערן, צי אפשר גאָר מקנא זיין? מיר האָבן זיך געפּייניקט מיטן ביסל לעבן, וואָס האָט געטליעט אין אונזערע צעווייטיקטע גופים און האָבן פאַרלוירן דעם מינדסטן אינ־טערעס, פאַר דעם, וואָס איז פאַר אונזערע אויגן פאָרגעקומען

דעם פופצטן טאָג, ווען די שיף אונזערע איז געשוווּמען איבערן אָכאָצקער ים, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. די שיף האָט זיך געלייגט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַזוי ווי זי וואָלט

געווען אַ שפּילכל אין די הענט פון אַ קינד. מיר האָבן זיך געקאָלערט פון איין עק פּאָדלאָגע אויף דער אַנדערער. די פון די אויבערשטע קויקעס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די אונטערשטע און האָבן מיט זייערע גופים צוגעדישעט די אונטן-ליגנדיקע. קיינער פון אונז האָט נישט געגלויבט, אַז די שיף וועט ארויסקומען אַ גאַנצע פון דעם צעווילדעוועטן שטורעם און יעדער פון אונז האָט געוואַרט אויפֿן מאָמענט, ווען דאָס וואַסער וועט זיך אַריינגיסן דורך די פענסטער און טירן און וועט אונז פאַרגיסן און אויסלייזן פון די יסורים.

קאַפּיטל זיבעצן

26 טעג האָט געדויערט די ים־רייזע אויף דער שיף „דזשורמאַ". מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ פּרימיטיוון פּאָרט פונם אינדזל קאַלימאַ. מען האָט אונז באַפוילן אַרויפצושלעפּן זיך איבער די שמאָלע לייטערלעך און אויסצושטייגן אויף דער יבשה. אינדרויסן האָט געהערשט אַ מורא'דיקע קעלט. דער ווינט האָט געבלאָזן מיט אַ געוואָיערײַ ווי אַ סטאַדע מיט הונגעריקע וועלף. דער הימל איז געווען אַ פאַרכמורעטער און עס איז געפאַלן אַ קאַלטער און נאַסער שניי. נאָכדעם ווי דער לעצטער פון די אַרעסטאַנטן איז אויסגעלאַדעוועט געוואָרן האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון ציילן. אַריינגעשטיגן אויף דער שיף זענען מיר 8800 און איצט איז די צאָל אונזערע פאַרקלענערט געוואָרן ביז 7052. די הייפישן פון די קאַלטע רוסישע וואַסערן האָבן געהאַט אַ נישט־געוויינלעכע סעודה.

די שיף־מאַנשאַפט האָט אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון אונזערע נייע באַלעבאַטים, פון דער אָנפירערשאַפט פון קאַלימאַ.

מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע און גענומען פירן איבער משופּעדיקע בערג און טאָלן. דאָס אינדזל זעט אויס פּוסט און אומבאַוווינט, די פעלדזן זענען געווען אויסטערלישע און האָבן אויף אונז אָנגעוואָרפן אן אימה. נאָכן אָפּגיין אַ 10 קילאָמעטער האָבן מיר דערזען דעם ערשטן סימן פון ציוויליזאַציע. אַן אָפּצוים פון שטעכיקע דראָטן... און אַ צווייטער אָפּצייכן : לאַגערן. הייסט עס, אַז דאָס אינדזל איז יאָ באַוווינט — אַז עס איז נישט ווילד...

מען האָט אונז ווי דער שטייגער איז קודם כל אַריינגעפירט אין „באַניע" אַריין, וווּ מען האָט אונז צוגעטיילט שטיקלעך זייף.

די מלבושים האָבן מיר איבערגעלאָזט ביים אריינגאַנג כלומרשט אויף דעזינפעקציע, אָבער ווען מיר זענען ארויסגעגאַנגען דורך אַן אַנדערער טיר, האָבן אויף אונז געוואַרט אַנדערע מלבושים: לייוונטענע העמדער, בלויע קאָמבינעזן מיט שיך. אַלע זאַכן זענען געווען נייע.

נאָכן אָנטאָן די לאַגער־קליידער האָט מען יעדער גרופּע פון צען געגעבן אַ געמיינזאַמע שיסל מיט געדיכטער קאַשע, אָן לעפל. מיר האָבן געגעסן מיט די הענט. דאַן האָט נאָך יעדער באַזונדער געקריגן אַ קילאָ ברויט און מען האָט אונז ארויפגעלאָדעוועט אויף לאַסט־אויטאָס. ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער לאַגער איז נישט געווען מער ווי אַן איבערגאַנגס־סטאַציע, וווּ מען האָט אונז פאַרוואַנדלט אויסערלעך אין פאָלנע קאַטאָרזשניקעס. די אויטאָס נעמען זיך שלעפּן איבער פעלזיקע בערג און איבערן גאַנצן וועג זעען מיר אָפּגעצוימטע לאַגערן, געפאַנגענע־באַטאַליאָנען, וואָס בויען באַראַקן, פּלאַסטערן שאָסייען און האַקן אויס וועלדער. רעדן מיט זיי האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל סיי מיר און סיי זיי זענען געווען שטאַרק באַוואַכט. נאָכן אָפּפאָרן אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך ענדליך די מאַשינען אונזערע אָפּגעשטעלט נעבן אַ פּוסטן באַראַק און מען האָט אונז ווידעראַמאָל אויסגעלאָדעוועט.

גלייך נאָכן אַראָפּגיין האָט יעדער פון אונז באַקומען אַ טעלער מיט הייסע זופּ. פונדערווייטנס זענען געשטאַנען אַנדערע באַראַקן, באַוווינט מיט פריער־פאַרשלעפּטע אַרעסטאַנטן, אָבער צוקומען צו זיי איז אונז נישט געווען דערלויבט. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אויף דער פּאָדלאָגע און צומאָרגנס פאַרטאָג האָט מען אונז ווידער געהייסן ארויפשטייגן אויף די לאַסט־אויטאָס. פיר טעג זענען מיר אַזוי אַדורכגעפאָרן דעם פעלדזיקן שטח פונם אינדזל. דעם איינציקן לעבעדיקן צייכן, וואָס מיר האָבן געזען אויפן וועג, זענען געווען אומצייליקע לאַגערן. אויפן פערטן טאָג זענען מיר אריינגעפאָרן אויפן 996טן קילאָמעטער. דאָ ווערן די לאַגערן שוין נישט אָנגערופן נישט לאַגערן און נישט זאָנעס, נאָר זיי ווערן באַצייכנט מיט קילאָמעטערס. אונזערער, 996סטער געפינט זיך שוין נישט ווייט פונם בערינג ים, וואָס טיילט אָפּ דעם אַזיאַטישן קאָנטינענט פון צפון־אַמעריקאַנישן.

אינם לאַגער „ווינען" שוין דריי טויזנט געפאַנגענע, אָבער

די בוי־פּראָדוקציע בליט. מען האַלט אין איין צובויען פרישע באַראַקן פאַר אַרעסטאַנטן אויף וועלכע מען ריכט זיך אין דער נאָענטסטער צוקונפט. מיר באַגעגענען דאָ פיל רוסישע, פוילישע און יידישע דאָקטוירים. אויך געפינען זיך דאָ עטלעכע הונדערט מאַן פון די דריי נייע סאָוועטישע רעפּובליקן: ליטע, עסטלאַנד און לעטלאַנד. עס פעלן אויך נישט קיין געפאַנגענע פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע. פאַראַן שוין דאָ אפילו אַ קולטור־איינריכטונג. אַ קינאָ און מען בויט אויך אַ באַראַק אויף אַ שפּיטאָל. ווייזט אויס, אז די ארבעט פון די דאָזיקע געפאַנגענע ווערט באַטראַכט פאַר אַ ספּעציעל וויכטיקע, אויב מען זאָרגט אפילו פאַר אזעלכע זאכן ווי דער געזונט־צושטאַנד פון די אַרעסטאַנטן.

צו מיטאָג ברענגט מען דאָ צוויי פאַרשיידענע קעסלען, פאַראַן אַ ספּעציעלער קעסל פאַר סטאַכאַנאָווצעס און פאַר אַזעלכע, וואָס פילן אויס די נאָרמע און פאַראַן אַ קעסל פאַר די, וואָס פילן נישט אויס די פאָרגעשריבענע אַרבעט־נאָרמען. די גרעסטע טייל לאַגערניקעס אַרבעט אין די שכנותדיקע וועלדער, אַנדערע ארבעטן אין די גאָלד־גרובן, אין די אזוי גערופענע „זאָלאָטיע פּריסקי”. מיך האָט מען גלייך צוגעטיילט צו אַ באַטאַליאָן, וואָס האָט געבויט אַן עלעקטראָ־סטאַציע. די דאָזיקע עלעקטרישע סטאַציע איז געבויט געוואָרן ביים טייך קאַלים, וואָס פאַלט אריין אין בערינג־ים.

באַלד צומאָרגנס אינדערפרי, ווען עס האָט נאָך געהערשט אַ געדיכטע פינצטערניש, האָט מען אונז אויפגעוועקט און מ'האָט געהייסן זיך אויסשטעלן אויפן אַפּעל. דאַן האָט מען אונז צו גרופּעס פון 50 מאַן אריינגעפירט אין דער קיך אַריין, און מען האָט אונז געטיילט זופּ און צו 600 גראַם ברויט. גלייך נאָכן אָפּעסן האָט מען זיך געמוזט אויסשטעלן ביים טויער. יעדער פון אונז האָט געטראָגן אויפן גאַרטל אַ ספּעציעלן פאַס מיט אַ נאָכהענגענדיקן אייזערנעם רינג, דורך דעם רינג האָט דער בריגאַדע־פירער אַדורכציוגן אַ שטריק און אזוי אַרום זענען מיר געווען אָנגעבונדן איינער צום אַנדערן, אזוי ווי די גאַלערניקעס אויף די אַלטע רוימישע שקלאַפּן־שיפן. די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט איז געוואָרן אָנגעווענדעט, כדי מיר זאָלן נישט פארלוירן ווערן אויפן וועג.

די קאָנוואָיענטן, וואָס האָבן אונז אַרומגערינגלט האָבן געטראָגן קליינע לאַמטערנס, כדי אדורכצושניידן די קויל־שווארצע

פינצטערניש. אַרום איז געלעגן אַ געדיכטער און קלעפּיקער נעפּל. ממש צו שניידן מיט מעסערס. די קאַלטע נעפּל־טראָפּנס האָבן זיך אריינגעגעסן אין די אויגן און האָבן זיך מיט אַ ביטערן טעם גע־לייגט אויף די ליפּן. אויפן הימל הויבן זיך אָן צו באַווייזן די ער־שטע סימנים פון אַן אויפגייענדיקן טאָג, אָבער דאָס בלאַסע ליכט איז נישט געווען בכוח אדורכצושטעכן דעם נעפּל. איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט איז דער בלאַסער אָפּשיין אויפן הימל ווידעראַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן און עס האָט אונז אַרומגערינגלט אַ סמאָ־לעדיקע נאַכט. דער טאָג האָט דאָ, אויף דעם דאָזיקן ווייט־אַרויס־געריקטן צפון, זייער קורץ געדויערט און מען האָט אים קוים באַמערקט.

דאָס וואַסער פונם טייך קאַלים איז געווען פאַרפרוירן און מען האָט געמוזט אויפברעכן דאָס אייז, כדי אדורכצופירן די בוי־אַרבעטן. יעדער פון אונז האָט באַקומען אַ קילאָף מיט אַן אייזער־נער שטאַנגע אויפצוברעכן דאָס אייז. אָבער באַלד ביים ערשטן טריט איבער דער גליטשעדיקער אויבערפלאַך האָט דאָס אייז זיך אונטער מיר איינגעבראָכן און כ'האָב מיך קוים מיט צרות אַרויסגע־ראַטעוועט אויף דער יבשה אַרויס. דער קילאָף מיט דער שטאַנגע האָב איך אָבער פאַרלוירן אין די וואַסערן פונם טייך. עס האָט מיך באַהערשט אַן אמתדיק פּאַניק. אַזאַ זאַך קאָן קלאַסיפיצירט ווערן ווי סאַבאָטאַזש! מער פעלט מיר נישט. כ'האָב געמאָלדן דעם בריגאַדע־אָנפירער וועגן דעם פאַרפאַל, כ'האָב איב דערביי דערציילט דעם גאַנצן אמת, אז ווען כ'וואָלט געפּרווּוט אַרויסראַ־טעווען דעם קילאָף, וואָלט איך זיכער דערטרונקען געוואָרן צוזאַ־מען מיט די מכשירים. דער בריגאַדע־עלטסטער האָט אָבער דעם גאַנצן פאַרפאַל נישט גענומען אַזוי טראַגיש.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן אויפן אָרט, ביי דער אַרבעט. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען במשך פון גאַנצן טאָג באַלויכטן מיט ריזעדיקע רעפלעקטאָרן. נאָכן ענדיקן די אַרבעט האָט יעדער פון אונז געמוזט מיט זיך מיטברענגען האָלץ פון וואַלד. מיר האָבן דע־ריבער, צו עטלעכע מאַן, געשלעפּט מיט זיך גאַנצעביימער.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין לאַגער איז שוין געווען אינמיטן נאַכט. און דעמאָלט ערשט האָבן מיר ווידעראַמאָל געמוזט אדורכגיין די מאַטערנישן מיטן ציילן, וואָס האָט געדויערט אַ

גאַנצע שעה און דאַן האָבן מיר נאָך געמוזט לויפן אין קיך אריין נאָכן אָונט-ברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ בלויזער זופּ.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין באַראַק, איז אינעווייניק געווען ליכטיק און וואַרעם. אויף דער וואַנט איז געווען אויפגע־שריבן מיין נאָמען מיט דער צושריפט, אַז איך האָב געמאַכט 208 פּראָצענט פון דער נאָרמע און אַז אַלע אַנדערע דאַרפן זיך באַמיען נאָכצוטאָן מיין ביישפּיל.

איך לאַך מיט יאַשטשערקעס. אין וואָס דאַרף דער דאָזיקער ביישפּיל באַשטיין ? אין דערטרונקען ווערן אינם אייז-קאַלטן וואַסער ? אין אויסשפּייען די נשמה ביים צעהאַקן דאָס פעלדזן-האַרטע אייז ? אַלס שכר פאַר איבערשטייגן די נאָרמע מיט מער ווי הונדערט פּראָ־צענט ווערט דער נאָמען מיינער אַרויפגעטראָגן אויף דער ליסטע פון די סטאַכאַנאָווצעס. פּראַקטיש דריקט ער זיך אויס בלויז אין איין פּריווילעגיע : אין דער פּריווילעגיע פון עסן פונם ערשטן קעסל. איך באַקום נאָך אַ פּאָרציע זופּ מיט קאַשע און אַ צוגאָב-פּאָרציע פון 100 גראַם ברויט. עס דערמאָנט מיך אין אַ סצענע, וואָס כ'האָב געזען אַמאָל אין אַ צירק. אַ דרעסירער האָט באַוויזן פאַרשיידענע קונצן מיט אויסמושטרירטע הינטלעך. די הינטלעך זענען גע־שפּרינגען איבער טישן, האָבן זיך געהושטעוועט אויף ברעטער, האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון אַן אָרקעסטער אויף די הינטערשטע פיס. יעדעס מאָל, ווען אַ הינטל האָט אַדורכגעפירט אַ געלונגענעם טריק, האָט אים דער דרעסירער באַלוינט מיט אַ שטיק פלייש, וואָס ר'האָט געהאַט באַהאַלטן אין דער אויבערשטער קעשענע. די הינט, וואָס האָבן באַוויזן די גרעסטע צאָל וווּנדער, האָבן אַריינגעכאַפּט די גרעסטע צאָל פלייש-פּאָרציעס. אָבער ביי רער ענדע פון דער פאָרשטעלונג זענען זיי געליגן אויסגעשעפּטע, מיט אַרויסגעהאָנ־גענע צינגער און האָבן קוים געדעכעט. יעדעס מאָל ווען כ'האָב באַקומען די צוגאָב-פּאָרציע פון פּריווילעגירטן קעסל, האָב איך מיך דערפילט ווי איינס פון יענע צירק-הינטלעך, וואָס האָבן אוודאי גאָר פרי אויסגעצויגן די קאָפּיטעס.

אַמערגסטן זענען געווען די טעג, ווען עס האָט גערעגנט מיט אַן אייז-קאַלטן רעגן און מיר זענען גאַנצע טעג געשטאַנען אין אַ וואַלקן פון וואַסער. מיר זענען דאַן אָן אויפהער אַרומגעגאַנגען אין פּיטש-נאַסע מלבושים, ווייל די קורצע נעכט האָבן נישט באַ־

וויזן אויסצוטרוקענען די קליידער אונזערע, אפילו, ווען מיר האָבן באַקומען דאָס דערלויבניש אוועקצוהענגען זיי ביים פייער.

די נעכט אונזערע זענען געווען אומגעהויער קורצע, זיי האָבן נישט געדויערט מער ווי דריי פיר שעה. דער גאַנצער איבעריקער טאָג פאַרנעמט אונז דער לאַנגער וועג אהין און צוריק, דאָס כסדר־דיקע קאָנטראָלירן, צי עמיצער פון אונז איז נישט אַנטלאָפן און די טעמפּע, אוממענטשלעכע ארבעט ביים אייז־האַקן און ביים אויפשטעלן די עלעקטראָסטאַציע. פון כסדרדיקער נישט דערשלאָפנקייט גייען מיר אַלע ארום אין אַ צושטאַנד פון דעליריום. מיר זענען ארומגערינגלט מיט אן אומאויפהערלעכער פינצטערניש. דער טאָג. אויף דער דאָזיקער געאָגראפישער ברייט געדויערט נישט מער ווי א ברוכטייל פון אַ נאָרמאַלן ווינטער־טאָג. דער בלאַסער אָפּשיין פון דער קאַלטער זון דערגייט קוים דורך די גערדיכטע וואסערבעפלען. די אויגן אונזערע זענען שוין אָפּגעוווינט פון נאָרמאַלער טאָג־ליכט. מיר זענען אלע פארוואנדלט געוואָרן אין נאַכט־חיות, אין פלעדערמייז, וואָס לעבן אויסשליסלעך אין דער פינצטערניש.

נישט ווייט פון מיר ליגן אויף זייערע קויקעס די צוויי ברידער טראַוב. ביידע זענען פון ווארשע, וו זיי זענען געווען די אייגנטימער פון אַ פילם־געזעלשאפט „בראַציאַ טראַוב”. איינער פון זיי איז אַמאָל אַהיימגעקומען מיט אָפּגעפרוירענע פינגער און האָט געבעטן דעם קאָנוואיענט, ער זאָל אים דערלויבן צו מאַכן אביסל פייער. דער קאָנוואיענט האָט אים געגעבן די דערלויבניש און אין א מינוט אַרום איז טראַוב צוריקגעקומען פון דרויסן מיט א פּאָר צווייגן און האָט געמאַכט א פייער אינמיטן פון דער פּאָדלאָגע. דער קאָנוואָיענט האָט אים דאַן געהייסן אַרומלויפן אַרום פייער, כדי זיך שנעלער צו דערווארימען. טראַוב האָט אַזוי געטאָן. אין דאָזיקן מאָמענט איז געפאַלן אַ פלוצלונגדיקער און אומגעריכטער שאָס. מיר האָבן דערזען אין די הענט פונם קאָנוואָיענט אַ רויכעדיקע ביקס. טראובס קערפּער איז געלעגן מיט אויסגעשפּרייטע הענט לעבן אָנגעצונדענעם פייער. דער גאַנצער באַראַק איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט זיך אָנצורופן. אפילו דעם דערשאָסענעמס ברודער איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטער אויף דער נאַרע און האָט נישט באַגריפן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אַ גאַנצע נאַכט נאָכן דאָזיקן געשעעניש האָב איך נישט געקענט צוטאָן קיין

אויג. עס האָט מיך געגריזשעט דער געדאַנק: פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? וואָס האָט אים געשטויסן צום דאָזיקן אומזיניקן פאַר־ברעכן? די קאָנוואָיענטן זענען באַשטאַנען פון קרימינעלע פאַר־ברעכערס, וואָס זענען אָפּגעקומען לאַנגע קאַטאָרגע־אורטיילן און שפּעטער האָבן זיי זיך אָנגעדונגען אין די לאַגערן אלס „וואָלנע נאַיעמנע". ווער ווייסט, וואָס פאַרא פינצטערע נשמה עס האָט געדרעמלט אין דאָזיקן אייביק שווייגנדיקן און מרה שחורהדיקן פויער, וואָס האָט אָן שום פאַרוואָס אויפגעהויבן די האַנט אויף אַ מענטש. און ווער ווייס, וואָס פאַרא גורל עס דערוואַרט אונז דאָ אַלע, אויב אַזעלכע הימל־שרייענדיקע מערדערייען גייען דאָ אָן אומבאַשטראָפט.

נאָך דער דאָזיקער אויסטערלישער פּאַסירונג האָבן מיר זיך אַלע פלוצלונג דערפילט אימה׳דיק הפקר. וואָס פאַרא ווערט האָט דאָס לעבן אונזערס, אויב עס איז אָפּהענגיק פון אַ ווילדן קאַ־פּריז פון אַ קאָנוואָיענט?

אָבער קיין סך צייט און געמיט אריינצוטראַכטן זיך דערין האָבן מיר נישט געהאַט. די ווינטער־טעג האָבן זיך געצויגן ווי אַ גומענע מאַסע. דער אָנגעקומענער פרילינג האָט אונז נישט גע־בראַכט קיין שום פאַרלייכטערונג. די טעג זענען ווייטער געווען קור־צע. די לופט איז געווען אַביסל וואַרימער, דערפאַר איז די צאָל רעגנס געוואָרן גרעסער מיט יעדן טאָג. דאָס וואַסער האָט אונז כסדר פאַר־פלייצט די אויגן, איז אריינגערינען אין די מיילער, האָט שטראָמענ־ווייז גערונען איבערן האַלדז, הינטער די מלבושים. יעדער פון אונז איז געווען ווי אַ וואַסערדיקער וואָלקן, וואָס קאָן זיך קיינמאָל נישט אויספאַרעווען.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער זומער. דאָס אָרט פון די רעגנס האָבן איצט פאַרנומען אומדערטרעגלעכע היצן. אָבער די גרעסטע פּלאָג זענען געווען די כמאַרעס מיט מאָסקיטאָס. פון די דאָזיקע אינזעקטן איז ממש נישט געווען קיין שום אָפּרו. מיר האָבן באַקו־מען פון דער לאַגער־מאַכט ספּעציעלע שאַטקעס קעגן די דאָזיקע קליינע טיירולאָנים. אָבער די קאָמאַרעס האָבן באַוויזן אריינצודרינ־גען דורך דער קלענסטער שפּאַרע און אָנמאַכן אונז די ווייטיק־לעכסטע וווּנדן מיט זייערע שטעכערס. ארום יעדן פון אונז האָט זיך באַוויגן אַ גאַנצער פליענדיקער וואָלקן מיט די דאָזיקע מחבלים און

טאָמער האָט נאָך עמיצער פון אונז אויף א ווײַלע אונטערגעהויבן די שאַטקע, כדי זיך אָפּצווישן דעם שווייס, וואָס האָט פאַרגאָסן די אויגן, האָט זיך באַלד ארײַנבאַקומען א גאַנצע טשאַטע מיט די מאַסקיטאָס און דאָס פּנים איז גלייך געשוואָלן געוואָרן פון די פאַרגיפטעטע ביסן.

אונטערן אָנריר פון דער קאָכעדיקער זון האָט זיך די ערד באַדעקט מיט אַ צאַרטער גרינקייט אויף דער מיט פלאַנצן באַדעקטער ערד האָבן זיך באַוויזן ריזעדיקע שוואַרצע יאַגדעס און כלערליי שוואָמען. אין די זומער־חדשים איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין וואַלד. כ׳האָב נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען אַזאַ ווונדערבאַר שיינעם וואַלד מיט אַזעלכע קייזערליך־צעוואַקסענע ביימער און אַזאַ געדיכט־רייכן אונטערשלאַק פון אַ סאַמעטענעם מעך. די אַרבעט אונזערע איז באַשטאַנען אין ארונטערשניידן ביימער און אין פאַרברענען דאָס האָלץ. טויזנטער קוביק מעטער מיט דעם פיינסטן געהילץ זענען טאָג־טעגליך פאַרברענט געוואָרן אין די ריזעדיקע פייערן. מיר האָבן געקוקט מיט באַדויערן, ווי דאָס פייער שלינגט איין אַזעלכע קאָלאָסאַלע סכומים מיט געהילץ. ווי אַזעלכע רייכטימער ווערן אַזוי אומזיסט און אומנישט פאַרניכטעט. נאָכן אראָפּשניידן די ביימער פאָרן נאָך ספּעציעלע מאַשינען, וועלכע רייסן ארויס די איבערגעבליבענע פּניאָקעס. יעדער פּניאָק ווערט אָנגעכאַפּט מיט צוויי אייזערנע שנירן און ווערט ארויסגעצויגן דורך דער מאַשין. די דאָזיקע אַרבעט ווערט געטאָן אויף א גרויסן שטח. אויפן אָרט, וו עס איז נאָך מיט א קורצער צייט צוריק געשטאַנען אַ געדיכטער וואַלד, געפינט זיך איצט אַ פלאַכער און אויסגעגלייכטער פּלאַץ.

אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך אָפּגעטיילט צוזאַמען מיט א גרופּע פון 18 מאַן און מען האָט אונז אַרײַנגעזעצט אין אן אָפּענעם לאַסט־אויטאָ, וווהין פירט מען אונז? מיר זענען אַזוי אָפּגעפאָרן אַ שיינע פּאָר שעה ביז מיר זענען צוגעקומען צום 15טן קילאָמעטער. דער 15טער קילאָמעטער איז נישט ווייט פון דער הויפּט־שטאָט פונם אינדזל, מאַגאַדאַן. מיר באַגעגענען דאָרט אַ גרויסע צאָל יידן און פּאָליאַקן און באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש דערוויסן מיר זיך וועגן קריג. אז דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד און אז די דייטשע חיילות געפינען זיך שוין טיף אויף דער רוסישער ערד.

די שטימונג צווישן די געפאנגענע איז אן אָנגעצויגענע. יעדער גלויבט, אז די דאָזיקע ידיעה איז נוגע אים פערזענליך. ווי אזוי — דאָס ווייסט קיינער נישט. אָבער מען פילט אינסטינקטיוו, אז די דאָזיקע נייעס מוז גורם זיין עפעס א גרויסע ענדערונג. און אויב אַן ענדערונג — מוז עס זיין צום בעסערן. ווייל אויסזיכטלאָזער ווי די לאגע איז איצט, קאָן שוין דאָ פאַר קיינעם נישט פערזענליך נישט זיין. מען בויט פאַרשידענע ספּעקולאַציעס. מען טרוימט, מען חלומט. מען ווערט האָפּערדיקער, כדי אין אַ מינוט אַרום צוריק אריינצופאַלן אין א פרישן שטראָם פון פארצווייפלונג.

איך ליג ביינאַכט אויף דער נייער קויקע און די געדאַנקען טראָגן מיך. צי באַדייט די דאָזיקע ידיעה אַ דערלייזונג פון מיין לאַגע? אין קאָפּ קנוילן זיך טשאטעס מיט געדאַנקען. איך מאַך אַ שטיקל חשבון הנפש. וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין פאַר־לויף פון די פאַרגאַנגענע פאָר חדשים? צום ערשט תפיסה, דערנאָך קלעפּ, דערנאָך אַ לאַגער, הונגער שמוץ, דאַן דאָס אַנטלויפן, דאָס גרויזאַמע בילד אין קאטינער וואַלד. דאַן ווידעראַמאָל תפיסה, ווי־דער קלעפּ, ווידער שמוץ און הונגער און יסורים און דערנאָך פאַר־שיקונג. מיטן עטאַפּן, מיט לאַגערן, מיט שטעכעדיקע דראָטן, מיט אוממענטשלעכע שקלאַפן־אַרבעט... פאַרוואָס? איך שטעל מיר די דאָזיקע פראַגע און פרוו מיך פון איר אָפּטרייסלען. אָבער די פראַגע קומט כסדר צוריק און זי ווערגט מיך ביים האַלדז, פאַרוואָס? וואָס אַזוינס האָב איך געזינדיקט? מיט וואָס האָב איך אזוינס חוטא געווען? קעגן וועמען בין איך באַגאַנגען אן עוולה? איך — און די טויזנטער אַנדערע. איך זע מיך ארומגערינגלט מיט אויסגע־דאַרטע שקעלעטן פון מיינע מיטאַרעסטאַנטן, מיט ביינערדיקע שקע־לעטן פון תפיסהניקעס, פון לאַגערניקעס. איך פיל ווי דאָס שטע־כעדיקע דראָט וואַקסט מיר אריין אין האַלדז אַריין, אין מח אַריין. עס איז א קאָשמאַר, אָבער כ'קען מיך דערפון נישט אָפּטרייסלען. לאַגערן, לאַגערן, באַראַקן, קראַטן, מאַשין־ביקסן, קאָנוואָיען. אָבער ערגיץ, אין דאָזיקן ווילדן געפלאָנטער פון שטעך־דראָטן, לייכט עפעס א פייערל. אַ כזית מיט האָפענונג. איך פרוו מיך דערמאָנען, וואָס דאָס איז אזוינס, אָבער איך קאָן נישט. ענדליך דערמאָן איך מיך די פאַטעטישע האָפערדיקייט פון די געפאַנגענע און זייער ידיעה וועגן דער נייער מלחמה. וועגן דער מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט

דייטשלאַנד. און אפשר דאָך? אפשר איז די דאָזיקע נייעם טאָקע אונז אַלעמען פּערזענליך נוגע? דער דאָזיקער געדאַנק דערלאָזט שוין נישט, אז די אויגן זאָלן זיך צוריק שליסן. און אזוי ליגנדיק האַלב אין שלאָף און האַלב אין אַ קאָשמאַר־וואכקייט בין איך אי־בערגעליגן די ערשטע נאַכט אין מיין נייעם לאַגער.

קאַפּיטל אַכצן

דאָס מאָל אַרבעט איך ביים גראָבן און אויסגלייכן די ערד. אין די טויזנטער שטייען מיר דאָ מיט די גראָב־מאַשינען און בויען אַ ריזעדיקן פלי־פּלאַץ. רוסלאַנד געפינט זיך איצט אין אַ קאַמף פון לעבן און טויט מיט נאַצי־דייטשלאַנד, אָבער דער דאָזי־קער פלי־פּלאַץ ווערט נישט געבויט קעגן די נאַציס, נאָר קעגן צפון־אַמעריקע. מיר געפינען זיך דאָ סך־הכל זעכציק קילאָמעטער פון אַלאַסקע.

די באַדינגונגען פון אַרבעט זענען דאָ גרוילאמע. די שטערב־לעכקייט איז גרויס. מענטשן פאַלן פון די היצן, פון די מאָסקיטאָס, פון אויסגעשעפּטקייט, פון הונגער, פון כלערליי קראַנקהייטן. אויב אפילו עס איז פאַראַן אַ שטיקל גרונט אין אַלעמענס האָפענונג, הערן מיר אָבער אויף צו גלויבן, אַז עמיצער פון אונז וועט דער־לעבן די ישועה. די צאָל טויט־פאַלן פאַרגרעסערט זיך און מיר קוקן מיט שרעק, וועמענס ריי עס רוקט זיך אָן איצט? צי וועלן מיר דערלעבן צו ווערן אַמאָל אויסגעלייזט?

אָבער דער טאָג דערנענטערט זיך מיט ריזעדיקע שפּאַנען. אַ געווויסן פרימאָרגן רופט מען אונז אויס ביי די נעמען. נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָט מען געשמועסט צווישן די פאַרשיקטע, אַז צווישן רוסלאַנד און פּוילן איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך און אַז עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּוי־לישע בירגער. מיר ווייסן נישט יאָ גלייבן צי נישט גלייבן. קיינער וואגט נישט אָנצוהענגען זיינע האָפענונגען אויף די דאָזיקע קלאַנגען, כדי נישט צו ליידן קיין ביטערע אַנטוישונג. קיינער קאָן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון לוקסוס צו זוינן די דאָזיקע האָפענונג.

נאָכן אַרויסרופן די נעמען האָט מען אונז אַרויפגעזעצט אויף גרוזאָוויקעס און אַוועקגעפירט קיין מאַגאַדאַן.

עס האָט זיך גלייך באַוויזן דער ערשטער סימן פון פרייהייט. מיר זענען געפאָרן אָן שום באַוואַכונג. אין דער פאָרשטאָט פון מאַגאַדאַן איז געווען אַן איבערזידלונג פונקט, וווּ מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן און וווּהין עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אַלע זייטן פּוילישע פאַרשיקטע. אין די באַראַקן אַריין זענען אַ געוויסן טאָג אַריינגעקומען נ. ק. וו. ד.־אַגענטן און האָבן אונז אַלעמען פאָטאָגראַפירט. דאַן האָבן זיי אויסגערופן דעם נאָמען כאַראַק. זיי האָבן אים אַרויסגעפירט און פאַר אַלעמען אין די אויגן דערשאָסן. איינער פון די נ. ק. וו. ד.־אַגענטן האָט דאַן געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע, אַז דער דערשאָסענער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַן אָנפירער פון אַן אוקראַאינישער אונטערערדישער באַנדע און אַז ער האָט זיך געוואָלט מיט אונז מיטכאַפּן אַלס כלומרשטער פּאָלאַק. ער האָט אויך איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אָפּמאַך צווישן דער סאָוויעטישער רעגירונג און שיקאָרסקין. ער זאָגט, אַז מיר זענען פריי. און אַז עס איז איצט דער פליכט אונזערער צו קעמפן קעגן די נאַציס. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז יעדער פון אונז וואָס האָט חשק דאָ צו בלייבן, קאָן דאָ פאַרבלייבן אַלס פרייער בירגער און ער וועט דאָ פאַרדינען אַ סך געלט. גלייך דערנאָך האָט מען אונז צעטיילט באַפרייאונג־צעטלען מיט פאָטאָגראַפיעס. אויף רוסיש הייסן די דאָזיקע צעטלען: אודאָסטאָווערעניע.

דער אונטערשריפט אויף די באַפרייאונג־צעטלען איז געווען פון סאַמעראָדנעם שעף פון די דאַלנע־וואָסטאָטשנע לאַגערן פון נ. ק. וו. ד. סעראָבקין.

הייסט עס, אַז די קלאַנגען זענען געווען ריכטיקע. אַז מיר זענען באמת פרייע מענטשן. די נ. ק. וו.־דעניקעס האָבן אונז טאַקע אָנגעזאָגט נישט צו פאַרלאָזן די באַראַקן, אָבער דאָס געפיל פון פלוצלונגדיקער פרייהייט לאָזט אונז נישט איינרוען אויף אַן אָרט.

מיר גייען גרופּנווייז אין דער שכנותדיקער שטאָט אַריין. די שטאָט איז אַ גרויסע און אַ שיינע. און אפשר זעט זי אונז בלויז אויס אַזוי שיין, ווייל אין די אויערן קלינגען אונז נאָך אַלץ די ווערטער פון נ. ק. וו. ד. און אין די קעשענעס וואַרעמען אונז די באַפרייאונג־צעטלען? די וווין־בלאָקן זענען מאָדערנע און רחבות־

דיקע, מענטשן דרייען זיך ארום מיט קעשענעס אויסגעשטאָפּטע פון געלט. עס איז טאַקע אמת, וואָס די נ. ק. וו. ד.־אַגענטן האָבן געזאָגט, אז דאָ, אויפן אינדזל קאַלימא קאָן מען אַ סך פאַרדינען. די פראַגע איז בלויז: וואָס קאָן מען פארן דאָזיקן געלט באַקומען? בלויז די שפּייז־געשעפטן זענען אָנגעפּראָפּט מיט פארשידענע עסנס. אָבער אלע אַנדערע געשעפטן שטייען מיט פּוסטע פּאָליצעס און עס איז שווער צו באַקומען אפילו א שטיקל פּאָדעם. פון דער דאָזיקער שפּע פון עסן טריפט אויך אַראָפּ אַ כזית פאר אונז, פאַר די נאָר וואָס באַפרייטע קאַטאָרזשניקעס. מיר באַקומען טאַקע א פיל בעסערע באַשפּייזונג ווי פריער. מער ברויט, א רייכערע זופּ. די פּלוצלינגדיקע ענדערונג ווארפט אונז אַריין אין אַ צושטאַנד פון קינדערישער פרייד, אָבער נישט ווייניקער הויבן אונז אָן צו טאָטשען פארשידענע שאָטן־געדאַנקען וועגן דער צוקונפט. די סאָוויעטישע גערעכטיקייט איז פאַבריצירט פון א זייער דינעם פאָרצעלאַן. היינט איז עס גאַנץ און מאָרגן קאָן עס זיך לייכט צוברעכן. די בעסטע זאַך וואָלט געווען וואָס שנעלער אוועקצופאָרן פון קאַלימא. אונזערע פריערדיקע לאַגערן געפונען זיך דאָ צו נאָענט, אז דער שאָטן זייערער זאָל נישט הויערן איבער אונזערע קעפּ.

דעם ערשטן טאָג פון דער באפרייאונג האָבן מיר אויף אַן אומדערווארטעטן אופן געפייערט מיט שאַמפּאַניער. איך האָב מיך גוט צוזאמענגעלעבט מיט א סערזשאַנט פון דער פּוילישער ארמיי. ער האָט געהייסן שולץ און איז געווען זייער אַ ווילער און האַרציקער חברה־מאַן. ארומשפּאַצירנדיק איבערן שיינעם סקווער פון דער שטאָט האָבן מיר באַגעגנט אן עלטערן מאַן און מיר האָבן זיך מיט אים צעשמועסט. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַזוינע צוויי יונגע מענטשן ווי מיר דרייען זיך ארום פּוסט און פּאַס און ארבעטן נישט. האָבן מיר אים דערציילט וועגן דעם אומגלויבליכן, אז ערשט נעכטן זענען מיר געווען לאַגערניקעס און היינט זענען מיר באפרייט געוואָרן מיט אַן אָפיציעלן פּיעטשאַט פון דער נ. ק. וו. ד. ער האָט געדרייט אין פארוואונדערונג מיטן קאָפּ. וועגן אַזאַ מין אויסטערלישן פאַל, האָט ער נאָך זינט ער לעבט נישט געהערט. ער האָט אונז דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע. די רוסן זענען אָפענע און אויפריכטיקע מענטשן און ביי יעדן ליגט די לעבנס־געשיכטע כמעט אויפן ארבל. ער איז געווען א וועכטער אין צאַרישן הויף. די רעוואָ־

לוציע האָט אים נישט בלויז צוגענומען די פרנסה, זי האָט אים אויך גלייכצייטיק פארזען מיט א פופצן־יעריקן פארשיקונג־אורטייל. ער איז שוין די שטראָף זיינע פון לאנג אָפּגעקומען און איצט איז ער פארבליבן דאָ, אויף זיין פריערדיק פּארשיקונג־אָרט אלס „וואָלנאָ־נאָיעמני״. ער אַרבעט דאָ אַלס שוסטער. געלט האָט ער לרוב און ער פירט זיך אויף ווי אין פסוק שטייט: ער עסט און טרינקט און לאָזט זיך וויל גיין. ער האָט אונז טאַקע פארבעטן אין א קאַנטין און האָט אונז געשטעלט א פלאַש שאַמפּאַניער. שאַמפּאַניער נאָך די נעכטיק שווער אויסגעפּראַצעוועטע און פּאָסטנע לאַגער־זופּקעס — ווער האָט געקאָנט חלומען, אז דער גורל אונזערער וועט אין פארלויף פון געציילטע שעה׳ן אָננעמען אזא ווענדונג? ער האָט אויך יעדן פון אונז געגעבן צו פינף הונדערט רובל. מיר האָבן די דאָזיקע מתנה נישט געוואָלט אָננעמען. אָבער ער האָט אונז געזאָגט, אז ביי אים שפּילט די דאָזיקע סומע נישט קיין ראָלע און אונז קאָן דאָס געלט אמאָל שטאַרק צונוץ קומען.

ביים געזעגענען זיך האָט ער ארומגעפירט מיט א פינ־גער איבער די שיינע און זויבערדיקע געביידעס פון דער הויפּט־שטאָט. קוקט אייך צו צו די דאָזיקע בנינים, צו די גאַסן. וואָס זעט איר דאָ? בלויז בנינים מיט געפלאַסטערטן ברוק? אָבער אונטער יעדן שטיין און הינטער יעדן ציגל ליגט מענטשליכער מאַרך און טויזנטער, טויזנטער מענטשלעכע לעבנס. די ציגל זענען נישט גע־קנעטן מיט קיין ליים, נאָר מיט בלוט, די גאַסן זענען אויסברוקירט מיט מענטשלעכע שאַרבנס. אומעטום, וווּ מיר טרעטן, זענען באַ־גראָבן מענטשלעכע ביינער. ער רעדט מיט אונז פריי און אָפן. ער האָט צו אונז צוטרוי. אָבער ער וואָרנט אונז גלייכצייטיק, אז מען זאָל זיך לגבי פרעמדע אויסהיטן מיט א וואָרט. ווייל א חוץ אר־בעט־לאַגערן איז נאָך דאָ, אויף קאָלימאַ, פאַראַן א תפיסה. און דער־פאר דאַרף מען זיך מער היטן ווי פאַרן טויט.

עטלעכע טעג האָט אזוי געדויערט דער דאָזיקער בין השמשות צווישן די פארגאַנגענע לאַגער־טעג און פרייהייט. ענדליך האָט מען אונז ווידעראַמאָל צוגעפירט צום ברעג ים און ארויפגעזעצט אויף א שיף. די איצטיקע רייזע איז געווען אָבער אינגאַנצן אַן אנדערע ווי די פריערדיקע.

קאַפּיטל נײַנצן

די שיף איז טאַקע געװען די זעלבע — „דזשורמאַ". איצט אָבער איז זי געװען ריין, די נאַרעס זענען געװען זױבער און יעדער פון אונז האָט באַקומען אַ נײַעם בושלאַק. אַנשטאָט די פריערדיקע קנאַפּע נײַן טויזנט, זענען מיר איצט נישט מער װי 900 מאַן. אין פאַרגלייך מיט דער חושב'דיקער רייזע, װאָס האָט געקאָסט אַזױ פיל מענטשלעכע לעבנס, איז דאָס געװען אַ רייזע אין רחבות. אפילו ברויט האָט מען קיינעם נישט צוגעטיילט און מען האָט געקאָנט עסן צו דער זעט. און דער עיקר — מיר האָבן נישט געמוזט ליגן כסדר אױפן פינצטערן דנאָ, נאָר האָבן זיך געקאָנט פראַנק און פרײַ באַװעגן איבערן דעק. פריער איז דער ים געװען בלויז דער קװאַל פון אומבאַשרייבלעכע יסורים, איצט אָבער קוקן מיר אויף אים אײַנגאַנצן מיט אַנדערע אויגן. מיר זעען די שײנקייט פון דעם אומענדליכן װאַסער־שטח. דער ים האָט אַן אײדעלן קאָליר פון אַנילין. די פאַרביקע כװאַליעס רונצלען זיך און טראָגן אויף די קעפּ װײַס־פּערלדיקע קרוינען פון שוים. פון די טיפענישן באַװײַזן זיך פון צײַט צו צײַט קערפּערס פון אויסטערלישע ים־פיש. נאָענט איבער די װאַסער טראָגן זיך, װי שמעטערלינגען, קאָלירטע ים־פייגל.

אונזערע באַװעגונגען װערן נישט כסדר נאָכשפּיאָנירט דורך קיין קאָנװאָיענטן. מיר רעדן מיט די שיף־אַרבעטער. זיי זענען צו אונז זייער פרײַנטלעך און דערציילן אונז גערן װעגן זיך און װילן אויך אויסהערן פּרטים װעגן אונזער לעבן אינם „פּאַנסקען" פּוילן. דאָ זענען שוין די צונגער אונזערע אביסל מער געבונדענע. מיר זענען איצט טאַקע פרײַע מענטשן, אָבער „פרײַהייט" איז דאָ אַ זייער גליטשיקע זאַך.

די ים־רייזע האָט נישט געדויערט איצט מער ווי 19 טעג, ווייל אנשטאט קיין נאכאדקא, האָט די שיף אונז אוועקגעפירט קיין וולאַדיוואָסטאָק. אינם פּאָרט האָבן אונז אָפּגעוואַרט 2 נ. ק. וו. ד.־אַגענטן און האָבן אונז אויסגעשטעלט אין זעלנערישע קאָלאָנעס. ווייזט אויס, אז פון דער נ. ק. וו. ד. אפּוטרופּסות וועלן מיר שוין דאָ קיינמאָל נישט פּטור ווערן און די דאָזיקע אפּוטרופּסות איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. פון איין זייט גיט עס אונז די העכסטע גאַראַנטיע פון פרייהייט, ווייל קיין העכערע אויטאָריטעט ווי די נ. ק. וו. ד. איז דאָך נישטאָ. אָבער פון דער צווייטער זייט דערמאָנט עס אונז, אז מיר זענען נאָך בסדר אין זייערע הענט.

מען האָט אונז אדורכגעפירט דורך דער שטאָט. וולאַדיוואָסטאָק איז די איינציקע רוסישע פּאָרט־שטאָט אויפן פּאַציפישן ים, אָבער די שטאָט מאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. אויסער עטלעכע גרויסע מלוכהשע בנינים מיט אַ פּאָר הייזער־בלאָקן פאר טשינאָווניקעס, זענען די איבעריקע הייזער אַלטע און אָפּגעריסענע, דער טראָטואַר פון די גאַסן איז כמעט אומעטום פון האָלץ. דערביי איז דאָס דאָזיקע האָלץ נאָך אוודאי געלייגט געוואָרן אין די צארישע צייטן, ווייל אויף טריט און שריט איז דער טראָטואַר פאַרפוילט און צעלעכערט. מען זעט דאָ אַ סך גרויסע געשעפטן, אָבער די פּאָליצעס זענען ליידיקע און אין די שוי־פענסטער שטייען מאָדעלער פון סחורות, געמאַכט פון טאָוול. אָבער טראָץ דעם אַלעם איז וולאַדיוואָסטאָק אַ שיינע שטאָט. נאָר די דאָזיקע שיינקייט האָט זי צו פאַרדאַנקען נישט דער „נאַטשאַלסטווע", נאָר דער נאַטור, ווייל די שטאָט געפינט זיך אויף אַ קייט פון אַ ריי בערג און די שיפּע, מילדאַרויפדראַפּנדיקע זיך גאַסן שפּיגלען זיך אין דער אומענדליך גרויסער וואַסער טאַפּלע פון ים.

מאַרשירנדיק אין זעלנערישע רייען האָט מען אונז אריינגעפירט אין אַ פּראָוויזאָרישן איבערגאַנגס־לאַגער און מען האָט אונז צוגעזאָגט, אז צומאָרגנס וועט מען אונז אָפּשיקן קיין מאָסקווע מיטן טראַנסיבירישן שנעל־צוג. מען האָט דאָרט יעדן פון אונז געגעבן צו 750 רובל און אַ באַן־בילעט קיין אָמסק.

דעם אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער שטאָט. אומעטום זענען פאַר די געשעפטן געשטאַנען לאַנגע רייען: נאָך ברויט, נאָך הערינג, נאָך פּוטער, נאָך צייטונגען. הערנדיק, אז מיר זענען

באפרייטע לאַגערניקעס האָט מען אונז אומעטום אָפּגעטרעטן דאָס אָרט און צוגעלאָזט צו די בופעטן אָן אַ „קאָלעיקע“. אין מאַנכע געשעפטן האָט מען אונז פאַרקויפט מער, ווי עס איז צוגעטיילט געווען דעם געוויינלעכן קונה. אזוי למשל, האָבן מיר אין איין געוועלב אַנשטאָט 100 גראַם פּוטער באַקומען גאַנצע 250 גראַם. ווייזט אויס, אַז אַ לאַגערניק איז דאָ נישט קיין שום בושה. פאַר־קערט — עס איז אַ שטיקל יחוס. שפּעטער בין איך צוזאַמען מיט שולצן אַריינגעגאַנגען אין באַר „זאָלאָטאָי ראָג“ און מיר האָבן צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט אויסגעטרונקען עטלעכע קופּ־לעס מיט ביר. די פּרייזן זענען אָבער געווען שטאַרק געזאַלצענע און דער דאָזיקער לוקסוס איז נישט באַשטימט פאַר קיין געוויינ־לעכע בשר ודמים.

אַנדערע פון אונזער גרופּע האָבן דעם דאָזיקן אָוונט פאַר־בראַכט אויף אַ פּיל מער שטורמישן אופן. זיי האָבן געטאַנצט און געהוליעט אין אַ נאַכט־לאָקאַל און האָבן פאַרשווענדעט דאָס גאַנ־צע ביסל געלט. פאַרטאָג האָט די נ. ק. וו. ד. זיי אין אַ שיכורן צו־שטאַנד אָפּגעפירט אויפן זאַמל־פּונקט.

אַרום ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין שנעל־צוג און די שטאָט וולאַדיוואָסטאָק האָט אָנגעהויבן פאַר־שווונדן צו ווערן אין אַ וואָלקן פון פּרימאָרגנדיקן נעפּל. דער וועג איז געווען דער זעלבער, וואָס פריער, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אָט זענען מיר אַדורכגעפאָרן קאָמסאָמאָלסק און דאַן איז די באַן פאַרבייגעפאָרן כאַבאַראָווסק. אין די מח־קעמערלעך הויבן אָן אויפצוטליען בילדער פון דער פריערדיקער רייזע. אָפּגע־שלאָסענע אין די תפיסה־וואַגאָנען, צוזאַמענגעדריקטע אויף די פוילנדיקע קויקעס, אַרומגערינגלט מיט זעלנערישע ביקסן. אָבער יעדער וויל זיך באַפרייען פון די דאָזיקע געדאַנקען. און אַמבעסטן צו באַפרייען זיך פון די דאָזיקע מאַטערנדיקע רעיונות איז אין רע־סטאָראַן־וואַגאָן. ווייל אינם צוג געפינט זיך אויך אַ רעסטאָראַן־וואַגאָן, וווּ מען קאָן פאַר ניין רובל אָפּעסן אַן אמתדיק מיטאָג. אַ מיטאָג וואָס באַשטייט פון אַ פּעטן „שטשי“; פון גוט־געקאָכטע פליישן און פון גרויסע פלעשער מיט בראָנפן. דער עיקר האָבן זיך צו די שנאַפּס־פלעשער צוגעכאַפּט די פּאָליאַקן און זיי האָבן אין משך פון די ערשטע פּאָר טעג פאַרטרונקען די גאַנצע פּאָר רובל.

די רעסטאָראַן־טישלעך מיט די ווייסע, זויבערע טישטעכער, די גאָפּל־לעפל מיט דער העפלעכער באַדינונג גיבן יעדן פון אונז צו פילן, אז מיר זענען ווידעראַמאָל מענטשן. עס איז אַ קליינע זאַך — אַ טישטוך, א סערוועטקע, אַ פּשוטער גאָפּל. אָבער די דאָזיקע קלייניקייטן גיבן צו דעם מענטש אַ חשיבות. אַ חשיבות און אַ וויכטיקייט קודם כל אין זיינע אייגענע אויגן. און אַז מען געווינט צוריק דאָס ביסל חשיבות אין די אייגענע אויגן, קאָן מען שוין מיט א גרעסערער לייכטיייט געווונען דאָס ביסל נויטיקע מענטש־לעכע רעספּעקט ביי אַנדערע.

אויף יעדער סטאַציע האָט דער צוג זיך געשטעלט אויף פופצן מינוט און מיר האָבן געקאָנט אַראָפּגיין, ארומקוקן זיך און אפילו טועם זיין פון די בופעטן אויף די וואָקזאַלן. די וואָקזאַלן זענען גרויסע און אימפּאָזאַנטע, אָבער טראָץ דעם, וואָס זיי זענען אזוי פריש געמאָלן און אזוי רחבותדיק, ווייעט אָבער פון זיי מיט אַ טרויער. נישטאָ דאָ דער גערויש און דער געפילדער פון די סטאַ־ציעס אין פּוילן. אַלץ איז רעגלאַמענטירט ווי אין אַ קאַזאַרמע, אומעטום פילט זיך, ווי עס וואָלט געליגן דערויף אַן אומזעבאַרע, דערדריקנדיקע האַנט.

די באַן איז שוין אַדורכגעפאָרן די „יידישע" סטאַציע ביראָקאַן און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בירא בידזשאַן.

קאַפּיטל צוואַנציק

דער געדאַנק, אַז איך וועל דאָס מאָל האָבן די געלעגנהייט אַראָפּצושטייגן אויף דער סטאַציע און אָנרירן מיט די פיס די ערד פון דער נישט־דערגאַנגענער יידישער רעפּובליק האָט מיך אינגאַנצן עלעקטריזירט.

ווייט, אין די פּעריפעריעס פון מח, האָט נאָך געטליעט דער כישוף פון די דאָזיקע צוויי ווערטער. בירא־בידזשאַן — אַ יידישע רעפּובליק, אַ יידישע מלוכה. „נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַ־ליסטיש אין אינהאַלט".

די פאַרגאַנגענע חדשים אין די שקלאַפן־לאַגערן און דער אַזוי וויטיקליכער אָנריר מיט דער „סאָוויעטישערווירקלעכקייט" האָט שוין נישט איבערגעלאָזט אין מיר קיין גרויסע אילוזיעס, אָבער דאָך האָב איך געברענט פון נייגיר, צו דערזען אויף די אייגענע אויגן דעם חלום פון הונדערטער יידישע האָרעפּאַשניקעס איבער דער גאָרער וועלט. און דעריבער גלייך ווי דער צוג האָט זיך אָפּ־געשטעלט, בין איך אין דער באַגלייטונג פון שולצן, אויסגעשטיגן אויף דער בירא־בידזשאַנער סטאַציע. נאָך איידער אָבער מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט דאָס ביסל טרעפּ צום וואָקזאַל, האָט דער צוג אונזערע געריררט און איז אָוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אונז דאָ אַליין, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער צוגעזאָגטער יידישער מלוכה.

דאָס אָפּפאָרן פונם צוג האָט אונז בײַדע היבש איבערגעשראָקן און מיר האָבן זיך געמאָלדן צום סטאַציע־נאַטשאַלניק. ער האָט אונז אָבער באַרואיקט, אַז מיר וועלן נישט דאַרפן פאַרבלייבן דאָ, ווייל יעדע 24 שעה גייט פונדאַנען אָפּ אַ שנעל־צוג קיין אָמסק, נאָר טאָמער ווילן מיר נישט אַזוי לאַנג וואַרטן, קאָנען מיר אין זעקס

שעה ארום נעמען פון דאנען א פּאסאזשיר־צוג קיין אירקוטסק און דאָרטן איבערשטייגן אויף אַ צווייטן פּאסאזשיר־צוג, וועלכער דער־גייט ביז נאָוואָסיבירסק און דאָרטן ווידעראַמאָל איבערשטייגן אין א צוג קיין אָמסק.

אזוי ארום זענען מיר נישט ווילנדיק געבליבן שטעקן אין בירא בידזשאַן און איך האָב באַשלאָסן די זעקס פרייע שעה'ן אויס־צונוצן און באַקענען זיך מיט דער הויפּט־שטאָט פון דער נישט־דערגאנגענער יידישער רעפּובליק.

איך האָב געפרעגט דעם באַן־נאַטשעלניק, ווו עס געפונען זיך דאָ יידן. האָט ער דערויף אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט וויט זוכן, ווייל ער אליין איז א ייד. ער קוקט אויף אונז אַ ווײַלע און פרעגט מיט אַ בלינצל פון אויג: איר זענט אויך יידן? דאָס ערשטע אייז איז געבראָכן. מיר צערעדן זיך אָפענער. איך דערצייל אים, פונוואַנען מיר נעמען זיך דאָ און וווּ־הין מיר פאָרן. מיינע ווערטער לייגן צווישן אונז אוים אַ שטיקל בריק פון צוטרוי. ער זאָגט, אז אין דער גאַנצער אומגעגנט גע־פונען זיך יידן, אָבער ער איז שטאַרק מסופק, צי מיר וואָלטן זיי געוואָלט זען, ווייל דאָס רוב געפינען זיי זיך אין לאַגערן. יידן זענען אָבער דאָ נישט די איינציקע, וואָס ווערן דאָ אַהער פארשיקט. פאַרקערט. אוקראַינער און רוסן געפינען זיך דאָ אין פיל גרעסערע צאָלן ווי יידן. און אין דאָזיקן הינזיכט איז עס מער אַ רוסישע רעפּובליק, ווי א יידישע... ער האָט אונז אויך אָפּגענומען דעם חשק צו גיין אין שטעטל אריין, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָ־מעטער ווייט פון דער סטאַציע. בירא בידזשאַן געפינט זיך האַרט אויף דער מאַנדזשורישער גרעניץ און עס איז בעסער נישט צו געפונען זיך אין דער גרעניץ־זאָנע.

מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דער ריכטיקייט פון זיינע רייד, נאָכדעם ווי מיר זענען צוריק ארויסגעגאַנגען אויף דער סטאַציע. כמעט יעדע פינף מינוט איז מען צו אונז צוגעקומען און מען האָט אונז לעגיטימירט. פון אלע זייטן האָט מען אונז אַדורכגעשטאָכן מיט די אויגן. מיר האָבן זיך געפונען אונטער אַ כסדרדיקן האַגל פון בליקן. יעדע מינוט האָט אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. מיר האָבן שוין געוואָלט, אַז דער צוג זאָל אָנקומען און זאָל אונז אַוועקפירן פונדאַנען.

מיר האָבן זיך נערוועז ארומגעדרייט איבערן וואָקזאַל און געזוכט זיך צו פאַררוקן עפּעס אין א טונקל ווינקל, מען זאָל אונז וואָס ווייניקער ארויסזען. אזוי ארומדרייענדיק זיך האָבן מיר זיך נאָכאַמאָל צוזאַמענגעטראָפן מיטן שעף פון דער סטאַציע. מיר האָבן אים כלומרשט ווידעראַמאָל געגומען אויספרעגן וועגן אונזערע באַנען, אָבער דאָס געשפּרעך האָט גענומען אויסדרייען זיך אויף אַנדערע טעמעס. ער איז געווען אַ קלוגער ייד און האָט געוווסט די חכמה פון זאָגן אַ סך מיט ווייניקער ווערטער. מיר האָבן זיך דער־וווסט פון אים, אז אַהערגעשיקט האָט מען אים דאָ אַלס פּאַרטיי־מאַן, אויף אַ פּאַרטיי־פונקציע. צוויי יאָר האָט געדויערט ביז ער האָט נאָך גרויסע באַמיאונגען געקאָנט דאָ אראָפּברענגען דאָס ווייב זיינס מיט די צוויי קינדער. ער מאַטערט זיך דאָ די גאַנצע צייט אָבער דאָס אַרבעטן אויף דער סטאַציע מאַכט אים פיל לייכטער דאָס לעבן. עסנוואַרג און דער עיקר פלייש מיט פעטס קויפט ער אין די רעסטאָראַן־וואַגאָנען פון די אדורכפאָרנדיקע שנעל־צוגן. זיינע צוויי זין זענען שוין דערוואַקסענע בחורים און זיי שטודירן איצט אין לענינגראַד. פון דאָרטן שיקן זיי אים אויך אַהער שפּייז־פּעק־לעך. ער אליין איז אַן אָדעסער ייד און עס בענקט זיך אים שטאַרק נאָך דער שיינער שטאָט ביי די ברעגעס פון שווארצן ים. ער זאָגט דאָס אַלץ כלומרשט דרך אגבדיק, פאַרוויקלט אין וואַטע פון טויזנ־טער אַנדערע, גלייכגילטיקע ווערטער, אָבער אז מען איז אָפּ אין רוסלאַנד אַ שטיקל צייט לערנט מען זיך ארויסוויקלען די ווערטער פון דער וואַטע און פאַרשטיין זייער אייגנטלעכן זין.

אין די ערשטע יאָרן איז דאָ געווען פיל שווערער. געווען ווינ־טערס, ווען די קאַרטאָפל אויף די פעלדער זענען געגצליך פאַר־פרוירן געוואָרן און די איינוווינער זענען ממש אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. איצט אָבער האָט מען איינגעאָרדנט ריזעדיקע אָראַנזשעַ־ריעס און דאָס נויטיקע עסן איז פאַראַן לרוב. היות דער ייד רעדט צו אונז מיט ווערטער איינגעוויקלטע אין וואַטע, דערלויב איך מיר אויך אויף אַ האַלב אָפענעם און האַלב פאַרשטעלטן לשון צו פרעגן אים, צי עס איז נישט פאַראַן קיין מעגליכקייט אריבערצו־לויפן די מאַנדזשורישע גרעניץ און צו אַנטלויפן קיין כאַרבין. איך פרעג עס אים כלומרשט אינגאַנצן נייטראַל, נישט מיינענדיק אים. ער ענטפערט דערויף — אויך אויף אַ געשיקטן און פאַר־

שטעלטן אופן — אַז ער האָט טאקע קרובים אין כאַרבין און אז ער וואָלט זיך גערן מיט זיי געזען. אָבער דאָס אַריבערגיין די גרעניץ איז א פּיזיש אוממעגליכע זאך. שוין פופציק מייל פון דער גרע־ניץ הויבט זיך אָן די פאַרבאָטענע זאָנע און דעם דאָזיקן פּאַס איז אוממעגליך אַריבערצוקומען.

מיר געזעגענען זיך האַרציק. ווידער געפונען מיר זיך אויפן וואָקזאַל אונטער די שטעכעדיקע אויגן פון צענדליקער פאַרשווינען. מען לעגיטימירט אונז שוין ווידער. די מינוטן ציען זיך אין דער אומענדליכקייט. עס נעמט מיר פאַרדריסן דאָס גאַנצע אַראָפּגיין אויף דער בירא־בידזשאַנער סטאַציע. צי האָבן מיר דען נישט געקאָנט פאַרשטיין פריער, וואָס פאַרא גליקן מיר וועלן דאָ געפונען?

ענדליך באַווייזט זיך די באַן. מיר עטעמען אָפּ לייכטער און פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל, ווו מיר האָבן איבערגעלעבט מינוטן מיט טויט־שרעק.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אין קעגנזאַץ צום פּריערדיקן צוג שטעלט זיך דער איצטיקער אויף יעדער קליינער סטאַציע. מיר פֿאָרן לענג אויס דער אָזיערע באַיקאַל. פֿריער האָבן מיר גאָרנישט באַמערקט דעם פּראַכט פֿון דער דאָזיקער אָזיערע, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס ווי אַ ים. יעדע פּאָר מינוט ווערט די באַן אונזערע פֿאַרשלונגען דורך אַ לאַנגן און פֿינצטערן טונעל. היות עס איז נישט פֿאַראַן עפּעס בעסערס צו טאָן, פֿאַרנעמען מיר זיך מיט ציילן די טונעלן און מיר ציילן אָפּ נישט ווייניקער ווי 48. אַפֿילו אין די אינגעווייד פֿון די טונעלן הערט מען דעם אומאויפֿהערלעכן גערויש פֿונם וואַסער. דאָס געמורמל פֿון די וואַסער־כוואַליעס אינמיטן פֿון דער געדיכטער פֿינצטערניש פֿון די טונעלן, קלינגט וווּנדערבאַר און גלייכצייטיק אימהדיק. די באַן פֿאָרט כסדר אַריין און אַרויס פֿון די בערג און די פֿאַרבן האַלטן זיך אין ענדערן — פֿון אַ קאָמפּלעטער שוואַרצקייט פֿאָרן מיר אַרויס אין אַ פֿאַרביקער ליכטיקייט, ווו די לויטער־בלויע וואַסערן שלאָגן זיך אָפּ אָן די ברוין־נאַקעטע פֿעלדזן און די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז אַרייַנגעפּאַסט אין אַ גרינעם רינג פֿון וועלדער.

פֿון צייט צו צייט זעען מיר ווי פֿון דער ערד שטעקן אַרויס מעטאַלענע רערן, פֿון וועלכע עס שלענגלט זיך אַ רויך. פֿון אָנהויב איז מיר דאָס געווען אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער ענדלעך האָב איך עס באַגריפֿן. אָט דאָס זענען די זעמליאַנקעס, די וווינונגען, וועלכע מענטשן גראָבן זיך אויס, אַזוי ווי גראָב־היילעך, אין דער ערד און אַזוי וווינען זיי. ווען איך וואָלט עס נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט אין דערווירקלעכקייט.

אויף דער נאָנטער סטאַציע שטעלט זיך דער צוג אויף גאַנצע דרייסיק מינוט און דאָרטן טאַקע האָב איך די געלעגנהייט פון דער נאָנט צו באַטראַכטן אַזאַ מין זעמליאַנקע. איינער פון אונזערע מיטפּאַסאַזשירן איז מיר אַקעגנגעקומען אויפן וואָקזאַל און האָט מיר געוויזן, אַז ער האָט געקויפט עטלעכע בערג מיט אייער. ער האָט מיר דערביי אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף איינער פון די דאָזיקע זעמליאַנקעס, ווו ער האָט געפּאַקט די מציאה. מיר באַשליסן אים נאָכצוטאָן און לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַ לייטערל אין דעם אונטער־ערדישן שטיבל. די טיר איז געווען אויסגעשניטן פון אַ שטיק דיקטע. אינעווייניק איז געשטאַנען אַן אייזערן אויוועלע און אַ צוזאַמענגעלייגטע פּריטשע. אינמיטן פון דאָזיקן „צימער" איז געשטאַנען אַ „טיש" — אַ שטיק ברעט אָנגעשפּאַרט אויף צוויי סלופּעס. אויך די פּאָר בענקלעך זענען געווען איינגעאָרדנט אויפן דאָזיקן אופן. די ווענט זענען געווען באַקלעפּט מיט צייטונג־פּאַפּיר, כדי אויף אַזאַ אופן כאָטש צו פאַרדעקן די נאַקעטע ערד. אויף דעם דיל זענען ווי קליינע חיהלעך געקראָכן פיר פּיצלעך קינדער. אַלע זענען זיי געווען אָנגעטאָן אין וואַטענע פופייקעס און אַרומגעוויקלט מיט כלערליי טראַנטעס און שמאַטעס. דער גאַנצער חלל האָט געהאַט אַ ריח פון אַ זויערער פוילקייט. און די פינצטערניש מיט ווילגאָטש האָבן אַזש אַ מיש געטאָן דעם קאָפּ. ניין, נישט פון אַזעלכע דירות אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן מיר אַמאָל דערציילט מיינע חברים קאָמוניסטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען געקומען אומזיסט, ווייל דער אייגנטימער פון דער זעמלאַנקע האָט די לעצטע פּאָר אייער פאַרקויפט טאַקע דעם פריערדיקן קונה.

אין אירקוטסק האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו שלעפּן זיך לענגער מיטן פּאַסאַזשיר־צוג, נאָר וואַרטן אויפן שנעל־צוג. די פּאָר פרייע שעה'ן האָבן מיר פאַרברענגט אין דער שטאָט. דער שטח פון דער שטאָט איז געווען אַ צעוואָרפענער און אַ גרויסער און פונדערווייטנס האָט דער בנין פון וואָקזאַל געשאַפן דעם איינדרוק, אַז אירקוטסק איז טאַקע אַ „גרויסשטאָטישע" שטאָט. אָבער גלייך הינטערן וואָקזאַל האָבן זיך אָנגעהויבן געסלעך מיט קליינע איינשטאָקיקע הייזלעך. נעבן יעדן הייזל איז געווען אַ ברונעם, אַ סימן, אַז עס איז דאָ נאָך נישט אַדורכגעפירט געוואָרן קיין קאַנאַליזאַ־

ציע. די טראַטואַרן זענען געמאַכט געווען פון האָלץ. עס האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן אריינגעפאלן אין אַ נישט־נאַטירליך צעוואַקסענעם דאָרף. איין זאַך האָט אָבער עדות געזאָגט, אז מיר געפינען זיך אין אַ שטאָט מיט א גרויסער באפעלקערונג און דאָס זענען געווען די לאַנגע „אָגאָנקעס" מיט מענטשן אין די פאַרשידענע געוועלבלעך. פון די הייזלעך און פון די פענסטער האָט געווייעט מיט האָפענונגסלאָזיקייט און מיט אַ טרויער, וואָס האָט זיך געלייגט אויפן געמיט. מיר האָבן זיך שנעל אומגעקערט אויפן וואָקזאַל, וועלכער איז מיט זיין מאָדערנקייט געווען אַ שרייעדיקער ווידערשפרוך צו דער פרימיטיווקייט און אומהיימלעכקייט פון דער שטאָט.

מיר האָבן אָפּגעגעסן אויפן וואָקזאל אַ גוט מיטאָג מיט פלייש און דאָן האָבן מיר געקויפט עטלעכע ברייטלעך ביים וואָיענני קאָמענדאַנט, וועלכער האָט ארויסגעוויזן גרוים דרך ארץ פאַר אונזערע באַפרייאונגס־שיינען. ער האָט אונז אויך ארויפגעקלאַפּט אויף די פאַפּירן אַ סטעמפּל „פאָלוציענגא", דאָס הייסט, אז מיר האָבן שוין די פּאָרציע אונזערע באַקומען. מיין מיטפאָרער שולץ האָט אָבער גלייך דעם דאָזיקן שטעמפּל אויסגעמעקט מיט אַ שטיקל ברויט, ארויסגייענדיק פון דער ריכטיקער הנחה, אז שפּעטער וועט מען אויך דאַרפן עסן.

אויפן וואָקזאל האָבן מיר זיך אויך צום ערשטן מאָל געטראָפן אויג אויף אויג מיטן געשפענסט פון איצטיקן קריג.

אין דער גרויסער געמויערטער בודע זענען אויסגעלייגט געווען אויף זייערע פעקלעך צענדליקער פאמיליעס, וואָס זענען עוואַקואירט געוואָרן פון קיעוו, פון כאַרקאָוו, פון אָדעס און פון פיל אַנדערע שטעט. אָנקוקנדיק די דאָזיקע אויסגעוואָצלטע מענטשן האָבן אונז אַ שלאָג געטאָן אין די געזיכטער אריין די פליגלען פונם גרויל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער מיט בלוט־אויסגעווייקטער וועלט. די דאָזיקע פאַטעטיש־איינזאמע און היימלאָזע יידן האָבן שוין דאָ לאַנגע מעת־לעת'ן געוואַרט, אז מען זאָל זיי ערגיץ איינקוואַרטירן. זיי האָבן מיר פלוצלונג אוועקגעשטעלט אזוי נאָנט דאָס ספּעקטאַקל, וועגן וועלכן איך האָב אין מיינע אייגענע יסורים שוין ווי פארגעסן. קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס... די דאָזיקע שטעט געפינען זיך איצט אין סאַמע צענטער פונם בראַנד־פייער. דאָס פלייש פון דער ערד ליגט

דאָרט צעטרעטן אונטער די רעדער פון די נאַצישע טאַנקן, די שטעט מיט די דערפער גייען אָפּ אין בלוט, די נאַצי־האַנט האָט זיך דאָרט אראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ פון די איינוווינער. פון אַלע איינוווינער, אָבער דער עיקר — פון די יידן.

איך קוק אויף די אויסגעמאַטערטע „ביעזשענצעס" און עס דערלאַנגט מיר אַ קלעם ביים האַרץ. וואָס קומט איצט פאַר אין וויעזשבניק? איך זיץ אויפן גרויסן וואָקזאַל פון דער סיבירישער סטאַציע, אין איינזאַמער, אַ פאַרלוירענער. וואָס טו איך דאָ איינער אַליין, אין דעם ריזעדיקן און פרעמדן וואָקזאַל? וואָס פאַרא פעדים פאַרבונדן מיך מיט דער דאָזיקער ערד? אַז אַלע פעדים ציען זיך דאָרטן, גנעהערן בלויז דאָרטן אַהין. עס טיילן מיך פון דאָרטן טויזנטער קילאָמעטער, אָבער די דאָזיקע טויזנטער קילאָמעטער קורטשן זיך פלוצלונג איין, ווערן וואָס אַמאָל קלענער און קלענער. פאַר די אויגן שיילן זיך ארויס באַקאַנטע געסלעך, אַזעלכע נאָנטע הייזער און אַזוי פיל פּנימער פון נאָנטע און סאַמע נאָנטסטע. איך האַלט איין מיט קראַמפּן די דאָזיקע בילדער, זיי זאָלן נישט צעשווומען ווערן, זיי זאָלן נישט אַוועק אין דער פינצטערניש. שולץ קוקט אויף מיר און ער שווייגט. אויך ער גראָבט פלוצלונג איין די אויגן אין דער ווייטער ווייטקייט און זיצט אַ פאַרגליווערטער און אומבאַוועגלעכער אויפן אָרט.

פונדערווייטנס דערהערט זיך פלוצלונג אַ שאַרפער פייף. די ערד פונם וואָקזאַל גיט זיך פלוצלונג אַ וויג אונטער די פיס און אין אַ ווײַלע ארום בלייבט פאַר אונז שטיין דער גרויסער און סאַפּעדיקער קערפּער פונם אָמסקער שנעלצוג.

די באַן איז אָבער לגמרי נישט ענליך צו די פריערדיקע.

די וואַגאָנען זענען אָנגעהאָנגען און באַקלעפּט מיט מענטשן, וועלכע פילן אויס מיט אַן אומגעהויערער געדיכטקייט נישט בלויז די ערטער, וואָס זענען דערויף באַשטימט, נאָר אויך די קאָרידאָרן, די איינגאַנגען, די קלאָזעטן און אפילו די געפערלעכע ערטער צווישן איין וואַגאָן און דעם אַנדערן. מען הענגט אפילו אויף די שטיגן אין די סאַמע אָקראָבאַטישסטע פּאָזעס.

צו דעם אַלעם נאָך האָט זיך אויף יעדן וואַגאָן געפונען אַ קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט נישט געלאָזט, אַז נאָך עמיצער זאָל זיך ארייננ־באַקומען אין די דאָזיקע באַוועגלעכע שאַכטלען מיט סאַרדינען. מיר

האָבן אָבער געשריגן צו אים, אַז מיר זענען מאָביליזירטע סאָלדאַטן פון דער פוילישער ארמיי און מיר האָבן זיך אויף א קונציקן אויפן אריינבאַקומען אינעם שנעל־צוג.

דאָס מאָל איז עס שוין נישט דאָס פריערדיקע באַקוועמע שניידן די סיבירישע שטחים. יעדע מינוט איז אַן אָפּקומעניש. און אזעלכע מינוטן זענען פאַראַן אין די טויזנטער. 24 שעה געדויערט ביז מיר קומען אָן קיין קראַסנאָיאַרסק. ווייטערדיקע 24 שעה פארגייען ביז מיר פאָרן ארויף אויף דער סטאַציע פון נאָוואָסיבירסק. און א פרישער מעת לעת גייט אדורך ביז מיר האָבן דערגרייכט ענדלעך דעם וואָקזאַל פון אָמסק.

אזוי ארום האָבן מיר דערגרייכט דעם ערשטן עטאַפּ פון אונזער רייזע.

דער וואָקזאַל איז אָנגעפּראָפּט מיט טויזנטער עוואַקואירטע פון די דייטש־אָקופּירטע געגנטן. אויף פּעק מיט בעטגעוואַנט און אויף רעשטלעך פון אַמאָליקע ווירטשאַפטן ליגן צוזאַמענגעקנוילט גאַנצע משפּחות און ווארטן אז די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען זאָלן זיי אייננאָרדנען. די שטאָט אַליין איז א שיינע און אַ מאָדערנע. די הויפּטגאַסן זענען באַבויט מיט אימפּאָזאַנטע בנינים און אויף טריט און שריט געפינען זיך דאָ נײַ־אויפגעשטעלטע פאַבריקן. מיר קענען שוין אָבער די אנאַטאָמיע פון די סאָוויעטישע שטעט און וויסן, אַז דער חותם פון דער „סאָציאַליסטישער בויאונג״ ליגט בלויז אויף צוויי־דריי פּרינציפּאַלע גאַסן און אַז די זייטיקע גאַסן, וואָס זענען באַוווינט נישט דורך קיין טשינאָווניקעס, נאָר דורך געוויינלעכע ארבעטער, זענען פאַר׳חושכט, פאַרקאָפּטשעט און פארפוילט. און אזוי איז עס טאַקע.

מיר מעלדן זיך צום וואָיעננע קאָמענדאַנט. מיר שטעלן אים פאָר די דאָקומענטן אונזערע און זאָגן אים וועגן אונזער השק ארייננצוטרעטן אין דער פוילישער ארמיי. ער דרייט מיט די פּאַפּירן, קוקט זיך צו צו די שטעמפּלען און עס ווייזט זיך ארויס, אַז ער ווייסט נישט פון קיין פּוילישער ארמיי און אַז דער גאַנצער ענין פון די באַפרייטע פּוילישע בירגער איז אים אומבאַקאַנט.

ער ראָט אונז, מיר זאָלן דערווייל אריינגיין ארבעטן אין א דערנעבנדיקן קאָלכאָז און ער גיט אונז טאַקע אַ פּאַפּיר, וואָס

דאָרף פאַר אונז דינען ווי אַן איינטריט־שיין אין קאָלכאָז טשאַ־פּאַיעוו. ווען עס וועט זיך פאָרמירן אַ פּוילישע אַרמיי, וועט ער אונז צווייסן געבן.

דער קאָלכאָז געפינט זיך 15 קילאָמעטער פון דער שטאָט אַ טייל פונעם וועג קאָן מען צופאָרן מיטן טראַמוויי, אָבער דאָס אַריינבאַקומען זיך אין אַ טראַמוויי איז נישט פון די לייכטע זאַכן. איך זע שוין, אַז וואָס לענגער עס וועט מיר אויסקומען צו לעבן אין סאָוויעטישן לאַנד, אַלץ מער וועל איך זיך מוזן אויסמור־שטרירן צו אַזעלכע טאָג־טעגלעכע זאַכן, ווי איינעמען אַ פּאָזיציע אין אַ טראַמוויי, און אויסשטיין גרויסע שעה'ן אין רייען צו געוועלבער. אַ שעה האָט געדויערט, ביז מיר האָבן אויסגע־קעמפט צווי הענגענדיק־שטייענדיקע ערטער אין איינעם פון אַזעל־כע אָנגעפּראָפטע וואַגאָנען, וועלכער האָט אונז אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט.

אויפן וועג האָבן מיר דערזען כאַראַקטעריסטישע „באַציאַ־נעם", וועכטער־טורעמלעך מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. אונזער ביז־איצטיקע דערפאַרונג האָט אונז שוין אויסגעלערנט פון דער סאַמע וויטנס צו דערקענען די דאָזיקע סימנים פון לאַגערן.

אין קאָלכאָז זענען מיר אָנגעקומען פאַרנאַכט־צו. מיר האָבן זיך סוף כל סוף דערפרעגט צום פאָרזיצער פונעם קאָלכאָז, וועל־כער האָט געוויזן אין אַ געמויערט הייזל מיט אַן אַרויפגע־צויגענעם ערשטן שטאָק. מיר האָבן אים פאָרגעשטעלט דאָס פּאַ־פּירל פון וואָיענני קאָמענדאַנט. ער האָט עס געדרייט אַהין און אַהער, צום סוף האָט ער אונז אַריינגעפירט אין אַ שטאַל אַריין און האָט אונז געזאָגט, אַז דאָ, אויפן שטרוי, וועט זיין דאָס געלעגער אונזערס.

די נאַכט האָט אונז אַרומגענומען מיט אַ קאַלטקייט. וויפל מיר האָבן זיך נישט איינגעגראָבן אינעם שטרוי, האָבן מיר נישט געקאָנט אַנטרונען פון דער איינעסנדיקער קעלט. אויך די פערד, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער אַקעגנאַיבערדיקער וואַנט, האָבן געשווידערט פון קעלט און זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געטופעט מיט די פיס.

אינדערפרי האָט אונז דער קאָלכאָז־פאָרזיצער אַריינגעברענגט עטלעכע קאַרטאָפל מיט אַ שעפּ מילך. דאָס ברויט, האָט ער געזאָגט,

איז באַשטימט פאַרן מיליטער. ער האָט אונז אויך קלאָר גע־מאַכט, אין וואָס ס'וועט באַשטיין די אַרבעט אונזערע: אין ריין האַלטן דעם שטאַל, אין געבן עסן די פערד און אין אַראָפּ־נעמען די בוראַקעס פון פעלד.

מיר האָבן זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז דאָס שלאָפן אין שטאַל איז אַן אָפּקומעניש. אַז מיר קאָנען נישט איינשלאָפן פאַר קעלט, אַז ער זאָל אונז דעריבער צוטיילן עפּעס אַ צימער. דערויף האָט ער אונז געגעבן אַן עצה, אַז אויב ס'איז אונז צו קאַלט צו שלאָפן מיט די פערד, קאָנען מיר אַריינגיין צו די קי. אַזאַ אויסוואַל האָט ער אונז געגעבן.

אינם קאָלכאָז האָט זיך מער ווי ערגעץ אַנדערש אָנגעזען די מלחמה. כמעט אַלע מענער פונם דאָרף זענען געווען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. געבליבן זענען בלויז אַלטע לייט, פרויען און קינדער. קיין גרויסע סמיכות הפרשיות מיט די איינוווינער פונם קאָלכאָז האָבן מיר נישט געהאַט, ווייל די אַרבעט פון רייניקן דעם שטאַל, פון פאַרנעמען זיך מיט די פערד און די באַשעפ־טיקונג אויפן פעלד, האָט אונז פאַרנומען פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אָבער די מאַטעריעלע אונזערע האָט דעם קאָלכאָז־פּאָרזיצער לחלוטין נישט צופרידנגעשטעלט. פאַרקערט, ער האָט אונז גע־האַלטן אין איין זידלען, אַז מיר זענען ליידיק־גייער און טויג־געניכצן און אַז מיר גייען אַרום פּוסט און פּאַס. עס איז אונז געווען זייער ביטער. די אַרבעט האָט אונז שטאַרק אויסגעשעפּט, דאָס עסן איז פאַר אונז ווייט נישט גענוג געווען און דאָס נעכטיקן אין שטאַל, אין דער כסדרדיקער קעלט, האָט ביי אונז צוגע־נומען דעם חשק צום לעבן.

מיין חבר שוליע, האָט ענדלעך געפונען אַן אויסוועג פון דער לאַגע. ער האָט זיך אויסגעזוכט עפּעס אַ פּויערטע, וועמענס מאַן איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי און ער האָט זיך אַריינ־געצויגן צו איר אין דער כאַלופּע. די פּויערטע האָט געהאַט צוויי קינדער און האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער אַר־בעט אירער אינם קאָלכאָז. אחוץ דעם האָט איר אימפּאָנירט דאָס געשטאַלט פונם פּוילישן „ביעזשעניעץ", וועלכער האָט געהאַט גרויסשטאָטישע מאַניערן און האָט אין דאָזיקן פּרט אויסגעצייכנט

זיך אין פאַרגלייך מיטן מאַן אירן, דעם דאָרפּישן מוזשיק. זי האָט אים גלייך אויסגעקליידט מיט דער וועש און מיט די מלבו־שים פונם מאַן אירן און האָט אים געקאָכט געשמאַקע מאכלים. מיט איין וואָרט, שולץ איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב און ער האָט מיך צוגערעדט נאָכצוטאָן דאָס זעלבע. וואָס שייך פרויען, איז אין דעם אַרטיקל נישט געווען קיין מאַנגל, ווייל כמעט יעדע כאַלופּע איז געווען אויסגעליידיקט פון די מענער.

נאָכן אָפּאַרבעטן דריי וואָכן האָב איך פאַרלאַנגט פונם פאָר־זיצער, ער זאָל מיך באַפרייען, ווייל צוליב די וואַקסנדיקע קעלטן איז שוין נישט מעגלעך געווען צו נעכטיקן אינם שטאַל. קיין באַ־פרייאונג האָט ער מיר אָבער נישט געוואָלט געבן, דאַקעגן האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועט עפּעס אָנקומען אין מאַגאַזין אַריין, וועט ער מיר געבן עפּעס אַ וואַרימען מלבוש. כ'בין אַוועק צום וואָקזאַל. די פּראַקטיק האָט מיך געהאַט אויסגעלערנט, אַז מעשים זענען ווירקזאַמער ווי פּאַפּירענע הבטחות.

אויפן וואָקזאַל האָב איך ווידעראַמאָל אָנגעטראָפן דאָס טראַ־גישע בילד פון די עוואַקואירטע, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגע־וואַלגערט. די שטימונג צווישן די יידישע עוואַקואירטע איז גע־ווען אַ דערשלאָגנע. מען האָט זיך איבערגעגעבן מיט פּחד, אַז די נאַציס געפינען זיך שוין ביי די טויערן פון מאָסקווע און אַז זיי האָבן שוין באָמבאַרדירט סאַראַטאָוו. צו די דאָזיקע נייעסן האָט מען זיך צוגעגעבן מיט שושקענדיקע שטימען, אַז דאָס דערנענ־טערן זיך פון די היטלער־חיילות האָט ביי דער רוסישער באַפעל־קערונג אַרויסגערופן אויף דער אויבערפלאַך דעם גאַנצן יידן־האַס, וועלכן זי האָט דערשטיקט אין זיך אויס מורא פאַר דער נ. ק. וו. ד.

אָבער פונקט אַזוי ווי די יידן זענען געזעסן טרויעריקע אויף זייערע אָרימע פּעק, באַהערשטע דורך אַ כוואַליע פון נידערגעשלאָגנקייט, אַזוי האָבן די רוסן פראַנק און פריי גע־רעדט וועגן דעם, אַז די היטלער־קאַלאָנעס מאַרשירן טיף אין לאַנד און באַפרייען וואָס אַמאָל פרישע געגנטן. זיי האָבן געזאָגט דאָס וואָרט „באַפרייען" מיט אַ סאַטיספאַקציע, פון וועלכער עס האָט געטריפט מיט שנאה צו דער סאָוויעטישער מאַכט. זייערע רייד זענען אויך געווען אָנגעגאָסן מיט אַ שטעכיקן אַנטיסעמיטיזם. כמעט

יעדער זאַץ ראָיעט זיך מיט די ווערטער „יעווריי” און „זשיד” און די דאָזיקע צוויי ווערטער זענען שטענדיק באַגלייט געווען מיט זאַפטיקע, קאַצאַפּישע עפּיטעטן. עס איז מערקווירדיק, ווי די דאָזיקע רוסן, וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט אין טעראָר, האָבן זיך פּלוצלונג דערפילט אַזוי יום־טובדיק ביים אָנבליק פון אַ נאַציישן נצחון. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט אָפן קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט, מען האָט בלויז געזידלט און געשאָלטן די יידן, אין דאָזיקן כעס, וואָס זיי האָבן אויסגעלאָזט צו די יידן, איז שוין געווען אויך אַ כעס אויף די נ. ק. וו. ד., אויף דער מאַכט, אויף דעם גאַנצן סאָוויעטישן סיסטעם.

דאָס ארויפבאַקומען זיך אויפן צוג, וואָס איז געפאָרן פון נאָוואָסיבירסק קיין טשעליאַבינסק איז אויך נישט געווען פון די לייכטסטע זאכן. די וואַגאָנען זענען דאָס מאָל אָנגעפּראָפּט מיט פּוילישע יידן און מיט פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די לאַגערן און פון די פּאָסיאָלקעס. צום ערשטן מאָל מן הסתם אין דער געשיכטע פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן אַזוי פיל אַרעסטאַנטן און שקלאַפן־אַרבעטער פּלוצלונג דערפילט אויף זיך דעם הויך פון פרייהייט.

אויף די סטאַציעס הויבן זיך שוין אָן צו באַווייזן אַנדערע בולטע סימנים פונם קריג — דאָס מאָל זענען די דאָזיקע סימנים אימהדיקע און בלוטיקע: גאַנצע מחנות מיט אינוואַלידן. די רוסישע שפּיטעלער האָבן נישט קיין אָרט און קיין צייט צו מאַכן לאַנגע צערעגעליעס מיט די מלחמה־קרבנות. מען אָפּעריִרט זיי די פאַרוווּנדעטע גלידער און מען שיקט זיי גלייך אַוועק. טרעפט מען דאָ טאַקע, אויף טריט און שריט, הונדערטער אַזעלכע קריפּלען, מיט איין האַנט אָדער מיט איין פוס, אָן שום קוליעס אָדער קינסטלעכע גלידער און — ווייזט אויס — אויך אָן מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג, ווייל זיי שאַרן זיך ביי די ווענט און בעטלען.

אויף יעדער סטאַציע רייסן זיך אריין אינם צוג אונזערן ווייטערדיקע הונדערטער באַפרייטע. די לאַגערן זענען אויסגעשיט אַזוי ווי צרעת איבער דער גאַנצער ברייט פונם לאַנד און ס'איז דעריבער נישט פאַראַן קיין איין פּונקט, וווּ עס זאָלן נישט אָפּוואַרטן דעם צוג אונזערן מחנות מיט די דאָזיקע גליקלעכע, וואָס האָבן גענאָסן פון דער פּלוצלונגדיקער און אומגעריכטער אַמנעסטיע.

נאָכן אָנקומען קיין טשעלאַבינסק האָב איך שנעל אָנגעגנומען א באַשלוס וועגן מיינע ווייטערדיקע פּלענער. עמיצער האָט געזאָגט אויף דער סטאַציע, אַז אין דער שטאָט בוזולוק פאַרמירט זיך אַ פּוילישע ארמיי. נאָך אַ קורצן „געאָגראַפישן" ישוב הדעת, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען די באַן קיין קויבישעוו, ווייל בוזולוק איז א סטאַציע אויף דער דאָזיקער ליניע. אַזעלכע ווי איך זענען פאַראַן אין די הונדערטער און דער קויבישעווער צוג איז נישט געווען בעסער ווי די אנדערע.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די ידיעה וועגן דער בלומרשטער פּוילישער אַרמיי אין בוזוּלוּק איז בלויז טיילווייז אמת. עס שטימט טאַקע, אַז מען האָט בדעה צו שאַפן דאָ אַ פּוילישע אַרמיי, אָבער דער דאָזיקער פּלאַן איז נאָך דערווייל אַ טעאָרעטישער. ער געפינט זיך נאָך דערווייל אין דער ספערע פון אַבסטראַקציע. שלאָפן מיר דערווייל אין באַראַקן, אין באַדינגונגען וואָס זענען אין געוויסע הינזיכטן ערגער ווי אין לאַגער — ווייל דאָ באַקומען מיר נישט קיין עסן.

אין די הונדערטער שטאַרבן דאָ געוועזענע לאַגערניקעס פון קעלט, פון הונגער און פון אויסשעפּונג. די אַדורכגעגאַנגענע ענוים און יסורים אין די תפיסות און לאַגערן האָבן געלייגט אַ טיפן חותם אויפן אָרגאַניזם, און די איצטיקע קעלט און הונגער פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם חורבן־פּראָצעס.

יעדן טאָג פירט מען אַרויס טויטע אויף אַ הינטער־שטאָטישן בית־עולם און מען באַגראָבט זיי דאָרט — אָן שום לאַנגע שהיות. הונדערטער פּרישע בערגלעך מיט זאַמד זענען במשך פון עטלעכע טעג אויסגעוואַקסן אויפן וויטן בית־עולם אין דער פאַרוואָרפענער שטאָט בוזולוק. דאָס בסדרדיקע טראָגן די פּריש־פאַרשטאָרבענע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ טיפוס־עפּידעמיע און האָט ווי אַ וואַלד־פייער זיך צעשפּרייט איבער די אָרימע, שמוציקע און קאַלטע געלעגערס פון די באַפרייטע.

ענדליך איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט מיליטערישע מלבושים און מיר האָבן כאָטש געפינען אַ שטיקל שוץ קעגן דער בייסנדיקער קעלט. דאָס איז געווען דער ערשטער ממשותדיקער סימן,

אַז מ'האָט אונז נישט פאַרגעסן, און אַז די פּוילישע אַרמיי וועט טאַקע ווערן אַ שטיקל יש.

דאַן איז געקומען דער צווייטער סימן: אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע און — צום סוף — און אין אונזערע קלאָגעדיקע באַדינגונגען איז דאָס געווען דאָס וויכטיקסטע — עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ מיליטערישע קיך.

און דאַן האָט אָנגעהויבן צו אַמטירן די מיליטערישע קאָמי־סיע. גלייך דעם ערשטן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די קאָמיסיע שיקאַנירט די יידישע זעלנער־קאַנדידאַטן, אַז זי וואַרפט אָפּ אָן שום סיבות גרויסע מחנות מיט יידן, דאַקעגן נעמט זי אָן אָן שום באַוואָרענישן יעדן פּאָליאַק.

פון אָנהויב האָב איך זיך ווייניק וואָס צוגעהערט צו די דאָזיקע קלאַנגען. ס'האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָ, אויף דער ווייטער רוסישע ערד, וועלן פּוילישע אָפיצירן וואַגן אַריינצוטראָגן דעם גייסט פון דער פאַרמלחמהדיקער אַנטיסעמיטישער רעגירונג, אַז זיי וועלן וואַגן אָנצווענדן מאָסן פון דיסקרימינאַציע לגבי יידן, מיט וועלכע זיי זענען נעכטן ערשט צוזאַמען געלעגן אויף די קויקעס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער אין די תפיסות.

עטלעכע טעג זענען פאַרגאַנגען און דער דאָזיקער קלאַנג האָט זיך וואָס אַמאָל מער באַשטעטיקט. ווען ס'איז געקומען מיין ריי צו שטעלן זיך צו דער קאָמיסיע, האָב איך מיך שוין געריכט אויף אַ „ספּעציעלע" באַהאַנדלונג, אָבער די שטימונג מיינע איז געוואָרן אַנדערש, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען אַריינצוגיין צום עקזאַמען־טיש צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאָליאַקן.

כמעט אַלע זענען זיי געווען אויסגעדאַרט און אויסגעצערט און די קערפּערס זייערע זענען געווען באַדעקט מיט געשווילעכצער און מיט וווּנדן, אַ זכר פון די לאַגערן. אין פאַרגלייך מיט זיי, בין איך געווען אַ העלד. כ'בין געווען בלויז אָפּגעשוואַכט, אָבער געזונט און נישט אַזוי אויסגעמאָגערט ווי יענע. דער פּסק־דין פון דער מיליטערישער קאָמיסיע איז אָבער געווען אַן אַנדערער. די פּאָליאַקן זענען אַלע אָן אויסנאַם צוגענומען געוואָרן צום מיליטער, איך דאַקעגן האָב באַקומען אַ „פּאַראַגראַף", אַז כ'בין צייטווייליק נישט פעאיק צום מיליטער־דינסט.

די דעציזיע פון דער קאָמיסיע האָט מיך אויפגערעגט און

כ'האָב געפרעגט דעם פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, אַ פּוילישן מאַ־יאָר, פאַר וואָס מ'האָט מיך אָפּגעוואָרפן, אין דער צייט, ווען על־טערע פאַר מיר און בפירוש־קראַנקע זענען געוואָרן צוגענומען. דער מאַיאָר האָט מיר דערויף, מיט אַ חוצפּהדיקער טראָציקייט געענט־פערט, אַז די ארמיי איז אַ פּוילישע און נישט קיין יידישע.

די הענט האָבן מיר גענומען טרייסלען זיך פאַר אויפרעגונג. כ'האָב נישט געהאַט וואָס צו פארלירן און כ'האָב געזאָגט דעם מאַיאָר אַלץ, וואָס כ'האָב געטראַכט וועגן אים. כ'האָב אים נישט געשאַנעוועט, נישט אים און נישט דעם מונדיר זיינעם. עס איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, אָבער קיינער האָט מיך נישט געוואַגט אָנצורירן. פאַרן ארויסגיין האָב איך געזאָגט צו אים, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען און אַז כ'וועל אים נאָך אַמאָל דאָס אַלץ דערמאָנען.

צו די סקאַנדאַליעזע האַנדלונגען פון דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט דאָ געוועלטיקט מיטן חסד פון נ. ק. וו. ד., האָט נישט גענומען קיין סוף. אפילו דעמאָביליזירטע יידישע זעלנער, וואָס האָבן אדורכגעמאַכט די סעפּטעמבער קאמפּאניע אין פּוילן, זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צום מיליטער. דאַקעגן האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצוחזרן פאַלן פון איבערקויפן די קאָמיסיע. דאָס, וואָס מען האָט נישט געקאָנט פּועלן מיט נאָרמאַלע מיטלען, האָט מען געקאָנט דערגרייכן מיט געלט. און עס זענען טאַקע געווען צענדליקער, וואָס זענען פאַר געלט צוגעטיילט געוואָרן צו די מיליטערישע פאָרמאַציעס.

די פּאָליאַקן האָבן גענומען ארומרעגירן אזוי ווי אין די אַלטע „גוטע" צייטן פון רידז שמיגלי. פון זייערס אַ שטעמפּל איז אָפּט־מאָל אָפּהענגיק געווען דאָס ארויסבאַקומען אַ דאָקומענט, אַז מען איז אַ פּוילישער בירגער. זענען געווען טויזנטער יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די סאָוויעטיש־אָקופּירטע געביטן, וועמען די פּאָ־ליאַקן האָבן נישט געוואָלט ארויסגעבן קיין בירגערשאַפט־שיינען. זיי האָבן אויף אזא אופן געוואָלט פּטור ווערן פון צוקונפטיקע יידישע בירגער, אפילו פאַרן פּרייז פון אָנערקענען די סאָוויע־טישע אָקופּאַציע.

אָבער אויך דאָ זענען די זעלבע פּוילישע פּאַטריאָטן געווען מער נאָכגיביק, ווען זיי האָבן דערפילט אין דער האַנט אַ מטבע. פאַר שוחד האָט מען געקאָנט ביי זיי ארויסבאַקומען אַלע נויטיקע

שיינען און דאָקומענטן. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם איז דורך זיי געפּראַוועט געוואָרן פראַנק און פריי — אונטער די סאַמע אויגן פון נ. ק. וו. ד., וואָס האָט זיך געמאַכט נישט זעען, וואָס אַרום איז פאָרגעקומען.

ווען כ'האָב מיך מיט עטלעכע טעג שפּעטער געווענדעט צו דער קאָמיסיע, מען זאָל מיר אַרויסגעבן מיין באַפרייאונגס־צעטל פון קאָלימאַ, האָט מען מיר אָפּגעזאָגט מיט עפּעס אַ פּוילן תירוץ. מען האָט מיר בלויז געוואָלט געבן אַ צעטל, אַז כ'בין צייטווייליק באַפרייט געוואָרן פונם לאַגער. די פערפידיע פון די פּאָליאַקן איז געווען אין לשער. כ'האָב צוריקגעוואָרפן דעם דאָזיקן שיין אין פּנים אַריין און פאַרלאַנגט מען זאָל מיר גלייך צוריקגעבן דעם באַפרייאונגס־דאָקומענט, און כ'האָב זיי דערביי געזאָגט, אַז ס'איז מיר נישט פרעמד דער פאַקט, אַז זיי פירן אַ האַנדל מיט שיינען.

דאָס לעצטע האָט זיי אַביסל איבערגעשראָקן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, איינער מיטן אַנדערן און האָבן מיר ענדליך צוריק־געגעבן דעם דאָקומענט. זיי האָבן מיר אויך צוגעגעבן אַ בילעט קיין טאַשקענט. זיי האָבן זיך זייער געפעדערט, צו באַזאָרגן וואָס מער יידן מיט בילעטן, ווייל עס איז זיי געווען אומבאַקוועם צו האָבן דאָ אַרום זיך אַזוי פיל פּוילישע בירגער, וועלכע זיי האָבן אָן שום סיבות, אָפּגעוואָרפן פון מיליטער.

דאָס ווייטערדיקע פאַרבלייבן אין בוזולוק איז געווען צוועק־לאָז. איך האָב מיך דערוווסט, אַז מיט עטלעכע שעה פאָרן פון בוזולוק, אין טאָטעשו, געפינט זיך אַ צווייטע פּוילישע מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס איז שוין נישט אַזוי אָפן אַנטיסעמיטיש, ווי די היגע און אַז יידן ווערן דאָרט נישט אַזוי באַהאַנדלט אַזוי ווי דאָ. צי איז דער דאָזיקער קלאַנג אַן אמתדיקער? צו פאַרלירן איז נישטאָ וואָס — דאָס ווייטערדיקע פאַרבלייבן אויפן אָרט האָט סיי ווי קיין פּעולה נישט — בין איך אויפגעשטיגן אויף אַ צוג און בין אַוועקגעפאָרן אויף דער דאָזיקער סטאַציע, וואָס טראָגט אַזאַ משונהדיקן נאָמען.

נאָכן אָנקומען אויפן אָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער פּונקט האָט זיך געפונען אינמיטן פון אַ וואַלד, וווּ עס זענען בלויז אויפגעשטעלט געוואָרן פּראָוויזאָרישע געצעלטן. צוליבן הויך־אָנגעפּאַלענעם שניי איז דער צוטריט צום דאָזיקן אָרט געווען

א באַשוועדטער. קיין וועגן זענען נישט געווען און עס איז אויס־געקומען צו זינקען אינם שנאי ביז צו די סני.

אהינקומענדיק סוף כל סוף, האָב איך געטראָפן דאָרט אַ מאָד־נעם מעמד. כמעט אַלע אָן אויסנאַם זענען געווען אָנגעטאָן אין זעלנערישע מונדירן, אפילו די יידן האָבן, צוגענומענע צום מיליטער, אַרומפּאַראַדירט אין די אוניפאָרמען. אָבער די שמחה זייערע איז געווען אַ קורצע.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פּונקט אין דער זעלבער צייט איז צו דער לייטונג פון דעם מיליטערישן פונקט אָנגעקומען אַן אינ־סטרוקציע, וואָס שליסט אויס כמעט אַלע יידן פון די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי. די פּאָליאַקן האָבן זיך דאָ אַביסל צו שפּעט אַרומגעזען, אַז זיי זענען שוין באַגאַנגען אַ שטיקל פעלער, וואָס זיי האָבן הונדערטער יידן באַקליידט מיט די פּוילישע זעלנער־מונדירן. אָבער זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו פאַרריכטן דעם דאָזיקן פעלער. זיי האָבן פּראָסט פּשוט פאַראָרדנט די יידן צוריקצוגעבן די אוני־פאָרמען און האָבן זיי אויסגעשטראָכן פון די מיליטערישע רשימות.

פאַר די יידן האָט די דאָזיקע גזירה באַדייט אַ ים מיט צרות און מיט פּורעניות. ערשטנס האָבן זיי געמוזט צוריק אָראָפּציען פון זיך די נייע זעלנערישע מלבושים און אַריינקריכן אין די אַלטע לאַגער־שמאַטעס, דערביי האָבן אַ סך שוין געהאַט דעם גרעסטן טייל פון זייערע מלבושים פאַרקויפט ערגיץ אויף אַ טאָלטשאָק, ווייל אין רוסלאַנד איז אַלץ געווען אַ סחורה — אפילו די סאַמע אויס־טערלישסטע טראַנטעס.

צווייטנס האָט דער פּוילישער גזר ווידער אַמאָל אַריינגע־וואָרפן די יידישע באַפרייטע אין אַ צושטאַנד פון אַ כאַאָס. דאָס געהערן צו דער אַרמיי האָט געשאַפן אַ קלענערע אָדער גרעסערע סטאַבילקייט און אַ סוף צו דעם כאַאָטישן לעבנס־שטייגער. איצט האָט מען געדאַרפט ווידעראַמאָל אָנהויבן פונסניי צו זוכן ערגיץ אַ מקום מקלט, וווּ מען זאָל קאָנען ענדליך, נאָך די פינצטערע לאַ־גערן, געפינען אַביסל רו און מנוחה.

די דאָזיקע נערוועזע טעג זענען געווען אַ גלענצנדער גרונט פאַר כלערליי קלאַנגען און נישט־געשטויגענע ידיעות. האָט זיך צווישן די יידן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג (מסתמא אַ פאַרשפּרייטער דורך די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון די יידן), אַז עס

פֿאַרמירט זיך אויך אַ פּוילישע אַרמיי אין טאַשקענט און אַז דאָרטן, אין יענער ווייטער, צענטראַל־אַזיאַטישער שטאָט, קומען שוין נישט פֿאָר קיין שום דיסקרימינאַציעס, אַז דאָרטן ווערן שוין ייִדן צוגע־לאָזט אַזוי ווי ס׳געהערט זיי טאַקע לויט זייער בירגער־רעכט.

טאַשקענט האָט זיך טאַקע געפֿינען זייער ווייט, אָבער וואָס פֿאַרא ראָלע האָט דעמאָלט געשפּילט שטח פֿאַר מענטשן אין אונ־זער לאַגע? זאָל זיין טאַשקענט. עס האָט דערביי געלאָקט דער גע־דאַנק, אַז טאַשקענט איז אַ שטאָט פֿון זון און פֿון וואַרעמקייט און פֿון ברויט, און אַז מען וועט פּטור ווערן פֿון די איצטיקע פֿרעסט און שנייען. דעריבער האָט לאַנג נישט געדויערט און כ׳האָב מיך געפֿונען אינם צוג וואָס איז געגאַנגען קיין טאַשקענט.

איך זאָג מיט אַזאַ פּשוטקייט „געפֿונען זיך אינם צוג” און כ׳פֿאַרלאָז מיך שוין אויפֿן לייענער, וועלכער וועט שוין אַליין צו־שטעלן אין דער פֿאַנטאַזיע זיינער די אומשטענדן אין וועלכע עס איז פֿאָרגעקומען דער בלויזער אַקט פֿון אַרויפֿקריגן זיך אויפֿן אַי־בערפֿולטן צוג און די באַדינגונגען פֿון דער רייזע, אויף וועלכע מענטשן, זענען געפֿאָרן נישט בלויז אויף די אויסערליכע שטיגן און אויף בופֿערן, נאָר אויך אויף די דעכער.

דער צוג שלעפּט זיך דורך וויסטע סטעפּעס, דורך מדבריות, וואָס זענען באַדעקט מיט זאַמדן און מיט אימהדיקע פֿעלדזן, אויף ריזעדיקע שטחים זעט מען נישט דעם מינדעסטן סימן פֿון לעבן. קיין הויז, קיין באַאַרבעט פֿעלד, און אַז מען זעט שוין יאָ עפּעס — איז עס אָן אָרימע פֿאַרחושכטע כאַלופּע וואָס דערמאָנט מער אין אַ פּרימיטיווע סוכה, ווי אין אַ מענטשלעכער וווינונג.

דאָס וועטער ווערט פֿון שעה צו שעה וואַרימער. די פֿריערדיקע פֿעלדער מיט שניי, ווערן פֿאַרטרעטן דורך נאַקעטע סטעפּעס. מען פֿילט בפֿירוש אין דער לופֿט ווי אַיין קלימאַט ווערט אַרויסגעשטויסן דורך אַ צווייטן.

דער צוג שטעלט זיך אויף פֿאַרשידענע סטאַציעס מיט אויס־טערלישע נעמען. עס הויבן זיך אָן צו באַווייזן די ערשטע קאַזאַכן. זיי זענען מאָדנע געקליידעט. טראָגן לאַנגע וואַטענע כאַלאַטן, אַרומ־געבונדענע מיט גאַרטלען. זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן געטראָגן אָנגעפּעלצטע, ווינטערדיקע שלאָפֿראָקן. אַ חוץ דעם טראָגן זיי אויף די קעפּ פֿוטערנע היטלען, וואָס זענען ענליך צו רבנישע שטריימלעך.

און פונקט אזוי אויסטערליש ווי זיי זענען געקליידעט, אזוי זענען זיי אויך אויסטערליש אין זייער האַלטונג.

מען זעט זיי ס׳רוב ארום די באַן־וואַגאָנען, וואָס שטעלן זיך אויף די סטאַציעס. זיי באַלאַגערן די פענסטער און שלאָגן אונז פאָר צו קויפן ביי זיי „לעפּיושקעס״ — אַזעלכע געבאַקענע פּלעצ־לעך, וואָס ווערן אין קאַזאַכסטאַן געגעסן אַנשטאָט ברויט.

נאָך קאָלירפולער פון די קאַזאַכישע מענער זענען אויס די פרויען זייערע. זיי טראָגן פילפאַרביקע קליידער. די האָר זענען גע־פלאָכטן אין פיל דינע און לאַנגע צעפּלעך. די פנימער זענען פאַר־האָנגען מיט אַ פאַראַנדזשאַ. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך דאָ, אויף דער כאַזאַקישער ערד, באַוויזן מיט פּאַוואָליע שריט.

אויפן צוג האָב איך דערווייל געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ לעמבערגער ייד, וואָס האָט געהייסן חיים קאָנסטאַנטינאָווסקי. ער האָט זיך דאָ אַהער עוואַקואירט פון די מערב־געביטן און די פרוי זיינע געפינט זיך דערווייל אין סאַראַטאָוו. ער איז אַ קליינער, טונקל־האָריקער ייד, מיט בלויע, כיטרע אייגעלעך, וואָס זענען פּעאיק יענעם אדורכצושטעכן. עס באַהערשט אַ נישט־אַנגענעם געפיל, ווען מען שטייט נעבן אים. עס פליסט פון אים עפּיס אַן אומהיימלעכ־קייט, וואָס ס׳איז שווער צו פאָרמולירן. די אומהיימלעכקייט ליגט נישט בלויז אין די אויגן זיינע, נאָר אינם גאַנצן געשטאַלט, אינם אופן פון באַוועגן זיך, אין קלאַנג פון זיין שטימע.

ער טשעפּעט זיך צו מיר צו און נעמט מיר ארויסוויזן אַן אומגעבעטענע פריינטשאַפט. ער איז בלי ספק קלוג און איבערגע־שפיצט, אָבער טאַקע די דאָזיקע איבערגעשפיצטקייט איז איינס פון זיינע שטריכן, וואָס שטויסן אָפּ. ער רעדט מיך צו, כ׳זאָל מיך האַלטן מיט אים צוזאמען. ער האָט אַ שפּאָר ביסל געלט, ער האָט נישט קיין קינדער און די פרוי זיינע וועט מיך זיכער אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס ווי אַן אייגענעם, ווי א טייל פון דער משפחה.

זיין אומגעריכט אינטערעסירן זיך מיט מיר, זעט אויס צו פליסן פון א מיטלייד, וואָס ער האָט צו מיינע איבערלעבונגען. ער זאָגט, אז איך האָב שוין גענוג געליטן, אז פון איצט אָן וויל ער זיך פאַרנעמען מיט מיין גורל, ווייל כ׳בין נאָך א יונגער און אומדער־פאַרענער בחור און אז פון איצט אָן וועלן מיר זיך האַלטן צוזאמען און אזוי ארום דערוואַרטן זיך אויפן סוף פון דער מלחמה.

ער איז א מענטש מיט אן אומסימפּאַטישער אויסערלעכקייט, אָבער די ווערטער זיינע רירן מיך ביז טרערן. ווייזט אויס, אז נאָך אַלעם טאָר מען א מענטש נישט משפטן — נישט לויט די אויגן זיינע און נישט לויט די באַוועגונגען — מען דאַרף קודם כל וועגן זיינע ווערטער מיט די גוטע כוונות. זינט כ׳האָב פאַרלאָזט די היים פון די עלטערן האָב איך נאָך נישט געהערט אזעלכע רייד. פאַרקערט, די רוסישע נ. ק. וו. ד.־ניקעס און די לאַגער־היטער האָבן מיט זייער ברוטאַלקייט מיך לגמרי געמאַכט פאַרגעסן, אז עס איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט מענטשלעכקייט.

די דיקע שיכט מיט חשד און מיט אומצוטרוי צו דער וועלט הייבט ביי מיר אָן אויפצוטייען, אזוי ווי שניי אונטערן אַנריר פון דער זון. איך קוק אים נענטער אָן, ער איז עלעגאַנט געקליידעט. עלעגאַנט — אפילו נישט בלויז לויט די סאָוויעטישע מאָסן; די מלבושים זיינע זענען ציכטיקע. דאָס געזיכט ראַזירט, די אויגן — אויסגערוטע, נישט אזוי ווי די אויגן פון די טויזנטער יידן, וואָס שלעפּן זיך דאָ אין צוג, און וואָס פיבערן מיט שרעק פאַרן פריי־מאָרגן. די ווערטער זיינע רירן מיך און דאָס ערשטע אומאָנגענעמע געפיל הייבט אָן זיך אויסצוווּעפּן.

מיר פאָרן אדורך טורקעסטאַן. אינדרויסן איז שוין אינגאַנצן וואַרעם. דער צוג בלייבט שטיין אויף דער סטאַציע אַרים אויף צוויי טעג און מיר גייען אַרום אין שטאָט אריין. פאַרשטייט זיך, אז דאָס ערשטע, וואָס אינטערעסירט אונז — נאָך אזוי פיל הונ־געריקע טעג אין דער באַן — איז דער באַזאַר.

די אויגן זענען ביי אַלע פאַנאַנדערגעריסן פאַר שטוינונג און דאָס מויל וואַסערט: צום ערשטן מאָל אין צוויי יאָר זעען מיר לע־בעדיקע וויינטרויבן! אמתע, זאַפטיקע וויינטרויבן מיט א מחיה־דיקן אינהאַלט פון א זיסער פליסיקייט. מיר קויפן גאַנצע גאַרשטן מיט די דאָזיקע שמעקעדיקע פירות, נעמען זיי אריין צווישן די ציין און פאַרמאַכן די אויגן. אזא געפיל האָט שוין קיינער פון אונז לאַנג נישט געהאַט.

צום אומגליק טאָר מען אָבער נישט האַלטן לאַנג פאַרמאַכט די אויגן, פאַרקערט — דאָ דאַרף מען גאָר האַלטן די אויגן מער אָפן ווי ערגיץ אַנדערש. צווישן די קויפערס דרייען זיך אַרום צענדליקער קליינע גנבימלעך — אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע

אוזבעקלעך — און זיי לויערן אויף אונזערע קעשענעס. מען רופט זיי דאָ ש פּ א נ א. זיי זענען מייסטנטייל אין עלטער פון 7־8 יאָר און זיי „ארבעטן" אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע „געבריטע" גנבים. אלץ, וואָס ס'געלונגט זיי צו גנבענען גיבן זיי איבער די „אויפזעער". יעדע פּאָר מינוט הערט מען אַ געוואלט פון אַ באַ־גנבעטן, וואָס יאָגט זיך נאָך דער באַנדע מיט די מינדיעריקע זשו־ליקלעך, אָבער דאָס יאָגן זיך איז אַ ברכה לבטלה. גיי געפין אַ נאָדל אין א סטויג מיט היי. עס איז א ביטער רחמנות אויף די באַ'גנב'עטע, אָבער דאָס בילד, ווו יעדע פּאָר רגע'ס דערהערט זיך א פרישער קוויטש פון אַ באַ'עוולה'טן און ווי עס הויבט זיך גליך אָן אַ געיאָגעריי נאָך די קליינע אורקעס איז טראַגיקאָמיש.

אָבער נישט בלויז די קליינע ווייסע־חברהניקעס גנב'ענען. אין אַ געוויסן מאָמענט דערזע איך, ווי א רוסישער אָפיציר דעקט אי־בער אַ וואליזע פון אן עוואַקואירטן מיט א זאק און נעמט איר ערגיץ אוועקשלעפּן. איך וויל מאַכן אן אַלאַרם אָבער קאָנסטאַטי־נאָווסקי האלט מיר צו ביי דער האַנט און לאָזט נישט. ער זאָגט, אז דער אָפיציר איז זייער אַ קלוגער חברהמאַן און אז די טעכניק זיינע איז אויסגעצייכנט. ער הייסט זיך מיר גוט צוקוקן צו דעם, וואָס ס'איז געשען און זאָגט, אז כ'זאָל מיר דערפון אראָפּנעמען אַ ביישפּיל, ווייל נאָכן קומען פון ווייב זיינעם, וועלן מיר אליין דאַרפן באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער „טעכניק". ער זאָגט דאָס אַלץ מיט אַ שפּאַסיקער שטימע, אָבער עס פּאַלט מיר פּלוצלונג א פּאַרדאכט אויפן דאָזיקן אויסטערלישן מענטש, וואָס האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט און איך הייב אים אָן עפּעס חושד צו זיין.

אויפן דריטן טאָג איז דאָס ווייב זיינס טאַקע געקומען צו פאָרן. איך העלף איר ארונטערנעמען די זאכן. זי זעט אויס צו זיין א פרוי, אן אשת חייל. זי גיט זיך געשיקט אן עצה מיט די פּעק, מיט די טשעמאָדאַנעס. זי געהערט צו די מענטשן, וואָס טויגן זיך אויס און אויסטויגן זיך אין די איצטיקע באַדינגונגען איז נישט סתם קיין מעלה, עס איז אויך אַ מדרגה.

מיר לאַדעווען אראָפּ אירע מטלטלים אין א גערטנדל נעבן דער סטאַנציע. ארום גיסט זיך דאָס צעברוזטע לעבן פון אַ גרויסן באַן־קנופּ. אויף א זייטיקער ראַמפּע האָט מען אוועקגעשטעלט א צוג מיט לאַסט־וואַגאָנען. די וואַגאָנען האָבן קליינע פענסטערלעך און

זענען ארומגעשטעלט מיט זעלנערישע וואכן. דאָס בילד איז נישט קיין פרעמדס. מיר קענען זיך שוין אויף די דאָזיקע „טשעפּלוש־קעס", וואָס פירן אין די לאַגערן אריין. דאָס איצטיקע מאָל פירט מען אינעווייניק טויזנטער סאָוויעטישע דייטשן, פון דער רעפּובליק זייערע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער וואָלגע. די רוסן האָבן מיט אַ קייזער־שניט ליקווידירט די דאָזיקע רעפּובליק אין פּנים פון די אַנרוקנדיקע זיך נאַצישע ארמייען. זייער פאַרשיקונג געפינט זיך צווישן פאַקטישער פארשיקונג און עוואַקואַציע. מען האָט זיי דערלויבט מיטצונעמען די פארמעגנס זייערע, אָבער אָן דעם לעבעדיקן אינווענטאַר.

פון אָנהויב זענען זיי געפאָרן אין פאַמיליע־גרופּעס, אָבער אין טשעליאַבינסק האָט מען ארויסגענומען די מענער און מען האָט זיי ערגיץ אַוועקגעשיקט. געבליבן זענען בלויז די ווייבער מיט די קינדער. מען פירט זיי ווייטער. וווהין? דאָס ווייסט קיינער נישט. אָדער אויף פאַסיאָלקעס, אָדער אין ארבעט־לאַגערן. דערוויילע ליגן זיי אויף די קויקעס און גייען אויס פון הונגער. יעדן טאָג נעמט מען ארויס פון דאָרטן געשוואָלענע מתים.

מען פירט אויך צוגן פון פארשידענע שבטים פון קרים און פון קאַוקאַז. די גאַנצע רוסישע אימפּעריע האָט זיך פּלוצלונג אַ ריר געטאָן פון די פונדאַמענטן און האָט זיך צעגאָסן איבער די סיבירישע שטחים. נאָך קיינמאָל איז אוודאי איבער די טראַנסיבירישע שינעס נישט פאָרגעקומען אַזאַ וואַנדערונג פון אַזוי פיל פעלקער. די וואַנדערונג קומט אָבער פאָר אין לאַסט־וואַגאָנען פון נ. ק. וו. ד. און דער ציל זייערער איז דער זעלבער. נאָך קיינמאָל זענען די לאַגערן פון הינטער די הרי חושך נישט אָנגעשוואָלן געוואָרן מיט אַזוי פיל נייע מחנות.

אונזער פריערדיקע כוונה איז געווען צו פאַרבלייבן לענגער אין ארים, אָבער די שטאָט ווערט וואָס אַמאָל מער אָנגעגאָסן מיט עוואַקואירטע און באַפרייטע און די מענטשן־מתים צעגיסן זיך שוין פּשוט איבער די ברעגעס — מען שלאָפט אויפן וואָקזאַל און אונטערן פרייען הימל און דאָס באַקומען שפּייז־אַרטיקלען ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער.

אונזער פּסיכיק איז שוין אַ צעהוידעטע, אָן אָפּגעריסענע פון דער געוויינטלעכער געוווינשאַפט פון רועז און פון סטאַבילקייט.

די דעציזיע צו לאָזן זיך אין וועג אריין דארף נישט אדורכברעכן קיין שום געווינשאַפּט, קיין צוגעבודנקייט צו אַן אָרט. אין אַרים איז געוואָרן אומדערטרעגליך — זעצט מען זיך אריין אין א באַן און מען פאָרט ווייטער. וווהין? דער צוג פאָרט קיין טאַשקענט. קיין גאַראַנטיע, אַז אין טאַשקענט וועט זיין בעסער האָבן מיר נישט — אָבער דער אומרו איז שוין אַ צעוויגטער און עס איז שווער אים אָפּצושטעלן.

דער וועג פון ארים קיין טאַשקענט גדויערט 8 שעה, אָבער דער צוג שטעלט זיך נישט אין טאַשקענט, און ער שטעלט זיך אפילו נישט אויף דער ווייטערדיקער סטאַציע — אין סאַמאַרקאַנד. אין צוג געפינען זיך הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געזאָלט דאָרטן אויסשטייגן, אָבער דער באַן־פירער האָט אַנדערע חשבו־נות, ווי רעכנען זיך מיט די פּאַסאַזשירן. ער שטעלט זיך גאָר אָפּ אין קאַגאַן. פאר מיר איז עס אַלץ איינס. טאַשקענט, צי סאַמאַר־קאַנד, צי קאַגאַן; אלע האָבן פאר מיר דאָס זעלבע פּנים, די זעלבע פרעמדקייט.

מיר שטייגן אַראָפּ פון צוג. די באַן־סטאַציע איז אַ גרויסע. פונדאנען צעגייען זיך דריי באַזונדערע ליניעם: קיין סטאלינאַ־באַד, קיין אַשראַבאַד און קיין בוכאַראַ. היות פארבלייבן דאָ האָט קיין צוועק נישט — דאָס שטעטל איז א קליינס און וואָלט נישט פארדייעט קיין צענט־חלק פון דער פּליטים־מאַסע — נעמען מיר דעם צוג קיין בוכאַראַ. עס איז פאַראַן אַ געוויסער געפיל פון האַ־זארד אין דאָזיקן בלינדן אויסקלייבן די ריכטונג. די באַן קאָלערט זיך איצט איבער אַ נייער לאַנדשאַפט. א טיפּע אַזיאַטישע. די דאָ־מינירנדיקע פארב דאָ איז ברוין. ברוינע ליימענע פעלדער, ליימיקע הייזלעך, און אפילו דער הימל איז אָנגעזאַפּט מיט אַ ברוין־זאַמדיקן שטויב.

די שטאָט בוכאַראַ איז אומגעהויער מאָלעריש. זי איז ארומ־גענומען מיט אַ פאַרצייטישע מויער, וואָס שטייט דאָ יאָרהונדער־טער און וואָס האָט אַמאָל געדינט די איינוווינער צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די שונאים. היינט איז די מויער בלויז אַ מוזעאַלע אי־בערבלייבעניש און דערמאָנט ווייטע פארגאנגענע צייטן. די געסלעך פון דער שטאָט זענען שמאָלע און געדרייטע, אָפּטמאָל דאַכט זיך אוים, אז מען קומט אריין נישט אין א געסל, נאָר אין אַ שמאָלן,

פינצטערן דורכגאַנג צווישן צוויי בלינדע ווענט. די הייזלעך זע־נען פון ליים.

די סאָוויעטישע פּיאַטילעטקעס מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע און מיט דער טעכניק האָבן נאָך נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער דאָזיקער אַזיאַטישער שטאָט אַריין. ווייזט אויס, אַז פאַר זיי איז די מויער אַרום דער שטאָט געווען אַן אמתדיקע, נישט־דורכ־דרינגלעכע וואַנט...

די אוזבעקן באַוועגן זיך איבער די געסלעך אין זייערע קאָלי־ריקע ברייטע כאַלאַטן. אויף טריט און שריט טרעפט מען דאָ אוז־בעקן רייטנדיקע אויף קעמלען. די סאָוויעטישע רעוואָלוציע האָט אויך ווייזט אויס, זייער ווייניק אָנגערירט די סאָציאַלע לאַגע פון די פרויען. די מענער זיצן רחבותדיק אויף די קעמלען און די פרויען גייען נאָך פון הינטן, ווי זיי וואָלטן געווען בלויז אַ טייל פונם אינווענטאַר.

אויף טריט און שריט געפינען זיך דאָ אַזעלכע קאַפע־הייזער, וואָס הייסן טשאַיכאַנאַ. דער עולם זיצט דאָ אויף דער ערד, אויף אויסגעשפּרייטע טעפּיכער, און מען טרינקט ליימענע טעפּלעך מיט טיי און מען פאַרבייסט מיט פּרוכטן.

די אוזבעקן טראָגן דאָ פּירקאַנטיקע היטעלעך מיט ווייסע גאַטקעס. די פרויען זעען אויס ווי פּאַפּוגייען אין זייערע קאָלירטע קליידער און לאַקירטע שטיוועלעך. כ'האָב מיך פון אָנהויב געוווּנ־דערט, ווי אַזוי מען קאָן דאָ זיצן, אין דער דאָזיקער אַזיאַטישער חמימה, און טרינקען טעפּלעך מיט קאָכעדיקע טיי. אָבער דער אוז־בעק ווייסט, וואָס ער טוט. אַ סך פון די פּליטים אונזערע, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צום רויען וואַסער, זענען קראַנק געוואָרן אויף פאַרשידענע חולאת'ן, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פאַלן פון שווערער מאַלאַריע. די הייסע טיי איז ווייזט אויס אַ גוט מיטל קעגן דאָזיקן אומפריינטלעכן קלימאַט.

צום ע־שטן מאָל האָב איך מיך דאָ אָנגעטראָפן מיט די בוכאַ־רער יידן. ביז איצט זענען זיי געווען פאַר מיר בלויז אַן עקזאָטישער נאָמען, עפּיס אַ פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיע אין אַן אַלטן, יידישן זשור־נאַל, איצט זע איך זיי פּנים אל פּנים. זיי אונטערשיידן זיך זייער ווייניק פון די איבעריקע אוזבעקן, נישט מיטן אופן פון קליידן און פון באַנעמען זיך, אָבער זיי געהערן דאָ צום געבילדעטן שיכט, זיי

רעדן אַ גוטן רוסיש און אַ ביסל העברעאיש. זיי אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע אין די מלוכה־ביוראָען, א טייל פאַרנעמט זיך מיט קליינהאַנדל און מיט פאַרקויפן סאָדע־וואַסער.

בעת איינער פון מיינע שפּעטערדיקע וואַנדערונגען איבער די בוכאַרער גאַסן, האָט מיר אַ בוכאַרער ייד פאָרגעלייגט, אז ער וועט מיר ווייזן דעם יידישן בית־עולם, וואָס איז שוין אַלט הונדערטער יאָרן. דורך פאַרפּלאָנטערטע געסלעך און וועגלעך האָבן מיר זיך אַרויסבאַקומען הינטער דער שטאָט, ווו עס האָט פונדערווייטנס געטונקלט אַן אָפּגעצוימט שטיק פעלד מיט אַלטע, צעקרישלטע שטיינער. דאָס איז געווען דאָס בית־עולם, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען מצבות, וואָס זענען שוין אַלט געווען זיבן און אַכט הונדערט יאָר. די אויפשריפטן אויף די מצבות זענען געווען אָפּגעריבענע, פאַרוואַקסענע מיט מעך און ס'האָבן זיך מיט גרויס שוועריקייט אָנגעזען די געשטאַלטן פון יידישע אותיות. אין א ווינקל פונם בית־עולם האָט זיך געפונען אַ טהרה־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פאַרוואָרלאָזט ווי אן אלטע חורבה.

דאָס אָנקומען קיין בוכאַרע איז געווען לייכטער ווי דאָס איינאָרדנען זיך. מיר האָבן גלייך נאָכן אראָפּשטייגן פון דער באַן און נאָכן אָנטרינקען זיך מיט עטלעכע גלעזער טיי אין איינער פון די דאָזיקע טשאַיכאַנאַס, אָפּגעדונגען אַ צימער אין אן אוזבעקיש הייזל פאַר 150 רובל אַ חודש. דאָס וואָרט „צימער" דאַרף דאָ נישט פאַרשטאַנען ווערן בוכשטעבליך. אין די ליימיקע ד' אמות פונם אוזבעקישן הייזל, איז עס געווען נאָך אַ קאַמער, אָפּגעטיילט פון די איבעריקע מיט אַ ליימיקער וואנט. קיין פענסטער האָט זיך אין דער דאָזיקער „דירה" נישט געפונען. בייטאָג האָט עס זיך געשפּייזט מיט דער ליכט פון דער אָפענער טיר און ביינאַכט האָט מען געברענט אַ ליכטל, אַן אריינגעשטעלטס אין א צעבראָכן פלעשל.

פאַר אַ געלעגער האָט מיר געדינט אַ באַרג מיט שמאַטעס. איך האָב מיך, ביים אָנקומען פון דער נאַכט, אַנידערגעוואָרפן אויפן דאָזיקן „בעט" און כ'בין לאַנגע שעה'ן געלעגן האַלב וואַך — האַלב־דרימלענדיק.

פאַר די אויגן האָבן זיך מיר — ווי קאָלירטע סטענגעס — געפּלאָנטערט די איבערלעבענישן פון די לעצטע טעג. עס האָט זיך מיר כסדר אויסגעדאַכט, אז דאָס גאַנצע אוזבעקישע הייזל באַ־

וועגט זיך ווי אויף רעדער פון א צוג, ווייל דאָס לאַנג־וואָכעדיקע פאָרן האָט מיך שוין אָפּגעוווינט פון א נישט־באַוועגלעכן גרונט. אין די געדאַנקען האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אויסטערלישע פארבן — די ריזעדיק־ווייסע שטחים פון די סיבירישע שנייען, די ברוינע זאַמדן פון צענטראַל־אַזיאַטישע מדבריות און די פארביקע בענדער, מיט וועלכע עס האָבן זיך געפּוצט די אוזבעקישע פרויען. אין די אויערן האָט געקלונגען אַ געמיש פון פאַרשידענע קולות — די שאַרפע געשרייען פון די רוסישע לאַגער־וועכטער, די פּייפעריי פון די לאָקאָמאָטיוון, דאָס כאָרכלעדיקע געפּליסטער פון די אוז־בעקן, די קולות פון די הענדלער אויף די באַזאַרן, די אויסגע־שרייען פון די וואַסער־הענדלער. אין מויל האָבן זיך צונויפגעמישט די טעמים פון די לאַגער־זופּקעס, דאָס ליימיקע געקלעפּעכץ פונם ברויט, די זיסע מחיהדיקייט פון די ווייַנטרויבן און די שאַרפקייט פון קישמיש. דער אויסטערלישער געפלעכט פון קולות, פון ריחות און פון פארבן, האָט זיך פאַרהעקלט איינס אין ס'אַנדערע און האָט זיך גענומען דרייען, ווי א קאַליידאָסקאָפּ, ביז איך בין איינגע־זונקען אין א טיפן שלאָף, צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל האַלבע־וואָכעדיקע נעכט, אין דער דאָזיקער כאַלופּע, אין דער ווייט־פאַר־וואָרפענער שטאָט בוכאַרע, אין א סביבה פון אַ מאָדנע און פרעמד פאָלק, פון אַ פרעמד לשון, אַן אָנגעווייטיקטער מיט טעג פון פינצטע־רע נעכטנס און אַן אומרואיקער וועגן די טעג פון די קו־מענדיקע מאָרגנס.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

דאָס צימער אין דעם אוזבעקן־הייזל איז נישט געווען פון די וואַזשנע פּאַלאַצן. ביינאַכט איז געווען דאָרטן קאַלט, טראָץ דעם בארג שמאַטעס, מיט וועלכן מיר האָבן זיך צוגעדעקט און בייטאָג איז געווען ענג און שמוציק און פול מיט אומדערטרעגלעכע ריחות.

אָבער די אַנדערע נאַכט האָב איך נאָך דער דאָזיקער דירה געבענקט, אַזוי ווי נאָך אַ פאַרלוירן גן־עדן. מיין ניי־געבאַקענער פריינט קאָנסטאַנטינאָווסקי מיט דער פרוי זיינער האָבן געזאָגט, אַז ס׳האָט נישט קיין פּעולה צו פאַרבלייבן אין דאָזיקן הייזל און אַז דערפאַר ווייטער איז, מיר זאָלן פאָרן קיין טאַשקענט. טאַשקענט איז אַ גרויסע שטאָט און אַ גרויסע שטאָט גיט גרויסע מעגלעכקייטן. אין וואָס די דאָזיקע גרויסע מעגלעכקייטן באַשטייען, האָבן זיי נישט געזאָגט און איך האָב זיך נישט אָנגעשטויסן. יעדנפאַלס האָבן מיר גענומען די זאַכן און מיר זענען אוועק צו דער באַן־סטאַציע, כדי צו נעמען די טאַשקענטער באַן.

אינעווייניק, אינם סטאַציע־בנין, האָט מען אונז נישט אריינגעלאָזט און מיר האָבן קוים מיט צרות געפונען אַ שטיקל אָרט אויף דער ראַמפּע, אונטערן פרייען הימל. צום אומגליק האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שנייען. אַ ווינטערדיקער שניי אינם וואַרימען אוזבעקיסטאַן איז געווען אַן אומגעריכטע זאַך. די אוזבעקן זענען אַרומגעגאַנגען און האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות. דאָס ערשטע מאָל זעען זיי אַזאַ אויסטערלישע זאַך. נישט אַנדערש, נאָר די „ביעזשענצעס” האָבן אַהערגעברענגט מיט זיך דאָס דאָזיקע אומגליק אין זייערע טשעמאָדאַנעס.

דאָס פּאָר־פּאָלק קאָנסטאַנטינאָווסקי האָט זיך גאַנץ באַקוועם אויסגעלייגט. זיי האָבן זיך אויסגעבעט מיט פּעק און מיט וואַליזקעס און האָבן אַזוי, ווי עס זאָל נישט זיין, אַדורכגענעבטיקט די נאַכט. איך האָב מיר פּשוט נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער שטעכעדיקער קעלט. כ׳האָב מיר אונטערגעלייגט אויף דער הוילער ערד אַ געפונען שטיק צייטונג און צודעקן האָב איך נישט געהאַט מיט וואָס. די גרעסטע טייל נאַכט האָב איך פאַרבראַכט דרייענדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. ווייל אפילו אויפשטעלן זיך און ארומשפּרייזן האָב איך נישט געקענט — אַזוי איז די גאַנצע ראַמפּע באַלייגט געווען מיט אַ מאַסע מענטשן, וואָס האָט געוואַרט אויפן צוג.

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך, ווען ס׳איז נאָך געווען גאַנץ טונקל. קאָנסטאַנטינאָווסקיס ווייב איז פאַרבליבן אויף דער סטאַנציע מיט די וואַליזקעס און איך מיטן מאַן אירן האָבן זיך ארויפּבאַקומען אויפן צוג. איך זאָג „ארויפבאַקומען" און כ׳האָב שיער נישט געזאָגט „אריינגעשטיגן" אין צוג. ביידע ווערטער זענען דאָ נישט אויפן אָרט. דער צוג איז — אַזוי ווי אַלע פריערדיקע — געווען באַקלעפּט מיט מענטשן, ווי פליגן־פּאַפּיר, און די קאָנדוקטאָרן זענען געשטאַנען ביי די טירן און האָבן נישט דערלאָזט, אז נאָך עמיצער זאָל זיך ארויפכאַפּן.

אָבער דאָס, וואָס ס׳האָבן נישט געקאָנט אויפטון קיין עלנבויגנס, האָט אויפגעטאָן אַן אנדערער ארגומענט — אַ פּאָר געלט־אסיגנאַציעס. קאָנסטאַנטינאָווסקי האָט אריינגערוקט דעם קאָנדוקטאָר אין דער האַנט אריין גאַנצע הונדערט רובל און דאָס סעזאַם־טירל פון דער באַן האָט זיך געעפנט פאַר אונז.

ערשט דאָ, שטייענדיק אין גרויסער ענגשאַפט, הויבט אָן קאָנסטאַנטינאָווסקי צו רעדן צו מיר ווערטער, וועלכע האָבן בּיסלעכווייז גענומען אויפהויבן דעם שלייער איבער דעם דאָזיקן געהיימניספולן מענטש.

ער הויבט אָן דערמיט, אז מיר פאָרן איצט קיין טאַשקענט, אין אַ שטאָט אריין, וואָס וועט ווארשיינלעך פאַרבלייבן די היים אונזערע אויף אַ לענגערער צייט. ער וועט זיך דאָרטן באַמיען צו דינגען אַ דירה; ער גלויבט, אז אין אַזאַ גרויסער שטאָט איז דער ענין פון אַ דירה נישט אַזוי שווער, ווי ערגעץ־אַנדערש ווו.

מיר ווע̇לן זיך דאָרטן איינאָרדנען, נישט אויפן שפּרונג, אזוי ווי מען איז עס געצוווּנגען צו טאָן אין די דאָזיקע צעפּליאָשעטע מלחמה־באַדינגונגען, נאָר סטאַביל און גרינטלעך. ער זאָגט „מיר" און מיטן דאָזיקן וואָרט רעכנט ער שוין אויך מיך אריין אלס פולן מיטגליד אין דער משפּחה. ער באַמיט זיך דאָס צו זאָגן מיט דער גרעסטער ווארימקייט, כדי — אזוי ווי פריער — צו געווינען דעם צוטרוי מיינעם. און נאָכדעם — ווי ער האָט שוין צוגעגרייט אזאַ בריק מיט דער דאָזיקער הקדמה, הויבן ער צו רעדן וועגן עפּיס אַנדערש.

ער ווערט פלוצלונג א פילאָזאָף און הויבט אָן צו דעבאַטירן וועגן זיין מענטשלעכן לעבן, וועגן מענטשלעכן גורל און וועגן גוטס און שלעכטס.. וואָס איז גוט? און וואָס איז נישט גוט? אין געוויינלעכע, נאָרמאַלע באַדינגונגען — זאָגט ער — איז דער אונטערשיד צווישן גוטס און שלעכטס א זייער אָנזעעוודיקער. עס איז לייכט צו אונטערשיידן צווישן מצווה און עבירה, אָבער אין מלחמה־יאָרן, אין צייטן פון קאַטאַסטראָפעס קאָן מען שוין דעם פריערדיקן שליסל נישט באַנוצן. מען דאַרף אָנהויבן אָנצו־ווענדן אַנדערע מאָסן. דאָס, וואָס ס'איז אַמאָל, אין די נאַטירלעכע באַדינגנונגען, געווען נישט דערלאָזבאַר, קאָן איצט גאָר ווערן נאָר־מאַל, און פארקערט, דאָס וואָס איז דעמאָלט געווען גוט, קאָן זיך איצט ארויסווייזן פאר שלעכט.

צו וואָס צילט ער? וואָס וויל ער מיר זאָגן מיט זיינע פאר־שטעלטע ווערטער? ער איילט זיך נישט צו געבן דעם באַשייד, ער האַלט, אז דער גרונט איז נאָך נישט קיין גענוג־צוגעגרייטער. ער ווייזט מיט דער האַנט אויף די ארומיקע פּאסאזשירן און ער זאָגט:

— נאַ, גיב אַ קוק. יעדער פון די דאָזיקע מענטשן פאָרט ארום מיט זיינע טשעמאָדאַנעס, מיט זיינע פּעק, מיט זיינס אַ שטיקל פארמעגן. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט דאָס קיין פארמעגן נישט געווען, אָבער איצט איז עס יאָ. און איצט גיב אַ קוק אויף דיר: דו ביסט נאַקעט און בלויז, גייסט ארום בערום וחוסר. און דאָס ביסטו, וואָס דו האָסט אָפּגעליטן אין קאַטינער לאַגער, הינטער די הרי־חושך אין קאַלימאַ. וואָס וואָלט אַ שטייגער געווען, ווען דו גייסט צו צו איינעם פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָט

א טשעמאָדאַן מיט צען העמדער און דו דערציילסט אים, אַז דו האָסט נישט קיין העמד? צי וואָלט ער געעפנט זיין וואַליזקע און דיר געגעבן אַ העמד אויפן לייב? באַשטימט נישט. כ׳פאַרזיכער דיך, אַז ער וואָלט דיך אוועקגעשטויסן פון זיך אַזוי ווי אַ זלידנע פליג. און פאַרוואָס וואָלט ער אַזוי געהאַנדלט? ווייל איצט איז נישט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט יענעם. איצט איז אַ צייט פאַר זיך, איצט איז די הויפּט־זאַך צו ראַטעווען דאָס אייגענע נפש. עס איז איצט די צייט, ווען אויפן פּלאַן שטייט קודם כל די אייגענע עקזיסטענץ. דעריבער זענען מענטשן אומברחמנות־דיק און דעריבער דאַרף מען זיך אַנדערש באַציען צו די באַ־גריפן „גוט" און „שלעכט", ווי מען האָט זיך באַצויגן פריער.

— למשל? — האָב איך אים געפרעגט, נישט פאַרשטייענ־דיק אינגאַנצן, נאָך וואָס ער האַלט די דאָזיקע רעדע.

— למשל — האָט קאָנסטאַנטינאָווסקי פּלוצלונג אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ גרויסן טשעמאָדאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער „שאַטקע" אין אַ ווינקל — נעם דעם דאָזיקן טשעמאָ־דאַן און וואַרף אים אַהער צו מיר. דו וועסט דיר דערמיט טאָן אַ גרויסע טובה. וועסט האָבן צו עסן צו דער זעט און אויך אַ העמד אויפן לייב.

כ׳האָב מיר נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. כ׳האָב די גאַנצע צייט געהאַט אַ חשד אויף אים, אַז עפּעס איז מיט אים דער מער, אַז הינטער זיין גאַנצער גלאַטקייט און העפלעכ־קייט באַהאַלט זיך עפּעס, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט „צעביסן". אָבער זיין איצטיקע רעדע איז געווען פאַר מיר אַזוי ווי עמיצער וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ. אַזוי הייסט עס: אָט דאָס איז זיין באַשעפטיקונג, וועלכע ער האָט זיך אויסגעקליבן און וועלכע ער האָט באַרעכטיקט מיט אַזאַ „פילאָזאָפישן סיסטעם".

ער האָט דערזען די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויף מיין געזיכט און האָט זיך שנעל אָריענטירט, אַז ער איז דאָ באַ־גאַנגען אַ פעלער. אַז ער האָט צו פרי זיך דעמאַסקירט, אַז די צוגרייטונג דערצו איז געווען אַ נישט־גענוגנדיקע. האָט ער שנעל געענדערט דעם טאָן פון דער שטימע זיינער, האָט מיר אַרויפגע־לייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און האָט גענומען אויסדרייען דעם

גאַנצן ענין אין אַ וויץ. ער האָט, הייסט עס, דאָס אַלץ נישט געמיינט ערנסט. ער האָט בלויז געוואָלט זען מיין רעאַקציע. בלויז דעריין איז אים געגאַנגען, אין אויספּרובירן מיך און נישט אין עפּעס אַנדערש.

כ׳בין געבליבן אינגאַנצן צעמישט. כ׳האָב נישט געוווּסט, וואָס וועגן דעם אַלעם צו טראַכטן. אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז שוין דווקא נישט געווען קיין וויץ, אַז ער באַשעפטיקט זיך ווארשיינלעך מיט פּשוטע גנבות; אָבער סיי דאָס רעדן זיינס און סיי מיין קלאָגעדיקע לאַגע האָבן פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אָננעמען זיינע לעצטע פאַר ווערטער פאַר אַ גוטער מטבע. איך האָב באַשלאָסן יעדנפאַלס צו שטיין אויף דער וואך און אכטונג געבן, וואָס ער טוט.

קיין טאַשקענט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען עס האָט דאָרט געבושעוועט אַ שווערע טיפוס־עפּידעמיע. די שטערבלעכקייט צווישן די יידישע פּליטים איז געווען אַ גרויסע. די גרעסטע צאָל טויט־פאַלן איז געווען צווישן די וואַקואירטע יידן פון די דריי באַלטישע לענדער. באַלד ביים אַראָפּגיין פון וואָקזאַל, דערזעט מען דאָס אומגליק. די אָרימקייט און די עלנט פון דעם גרויסן אָנגעלויף פון יידישע „ביעזשענצעס”.

מיר האָבן זיך — אין אַ טראַמוויי — דערשלאָגן צום צווייטן עק שטאָט און דאָרט אויף אַ באַזאַר, צערעדט זיך מיט אַן אוזבעק, וועלכער האָט אונז פאַרדונגען אַ צימער פאַר 200 רובל אַ חודש. גלייך נאָכן דינגען דאָס צימער זאָגט צו מיר קאָנסטאַנטינאָווסקי, אַז איצט וועלן מיר זיך אומקערן קיין קאַגאַן און אהערברענגען די פרוי זיינע מיט די זאַכן. ער איז אַן ענערגישער מענטש און ער פאַרוואַנדלט שנעל די ווערטער זיינע אין מעשים. באַלד זיצן מיר אינם צוג, וואָס פירט אונז צוריק קיין קאַגאַן.

פאַרן אַרויפשטייגן אויף דער באַן, האָב איך באַמערקט, ווי ער נעמט מיט זיך מיט צוויי זעק. ס׳איז מיר נישט איינגעפאַלן דערמאָלט, אַז דאָס האָט עפּיס אַ שייכות מיט קרומע זאַכן. מסתמא דאַרף ער האָבן די זעק אויף איינצופּאַקן דעם ווייבס פּעקלעך. אָבער אינמיטן פאָרן ווייזט זיך אַרויס, אַז די זעק האָבן געדאַרפט דינען צו אַנדערע צוועקן.

אין א געוויסן מאָמענט האָט ער מיך א שטויס געגעבן מיטן עלנבויגן און א ווייז געטאָן מיטן אויג אויף א פּאָליצע:

— גיב נאָר א קוק — האָט ער געזאָגט — וואָס פאַרא פּעק דאָרט ליגן.

ער האָט זיך צו מיר נענטער צוגערוקט און דאָס מאָל געזאָגט שוין ווייניקער העפליך ווי פריער און באַפעלעריש.

— שלעפּ אראָפּ פון דאָרטן א פּאַק און לייג עס שנעל אריין אין זאַק אריין.

כ'בין אָפּגעשפּרונגען פון אים, ווי פון א מצורע. א צאָרן און אן עקל האָבן מיך געשטיקט אין האַלדז. כ'האָב נישט געקאָנט ארויס־רעדן קיין וואָרט. כ'האָב מיך — טראַץ דער ענגשאַפט אין דער באַן — באַמיט וואָס ווייטער פון אים אָפּצורוקן, נישט צו שטיין אין זיינע ד' אמות. ער איז הייסט עס א גנב! און דערצו א גנב, וואָס פירט אויס זיינע גנבות צווישן יידישע פּליטים! די הענט האָבן זיך מיר געבײַלט אין פויסטן און כ'האָב מיך קוים איינגעהאַלטן, כ'זאָל אים נישט דערהרגענען.

ער פּרוווט ווידעראמאָל ארויפצוציען אויפן פּנים זיין עלעגאַנטן שמייכל און הויבט זיך אָן צו מיר צו דערנענטערן, אָבער ער דער־זעט פּלוצלונג דעם אויסדרוק אויף מיין פּנים און ער ציט זיך, מיט שרעק, צוריק. ער רעדט שוין נישט אויס צו מיר קיין וואָרט. אויף דער סטאַציע גייען מיר אראָפּ באַזונדער. ער פּרוווט נאָך אין לעצטן מאָמענט צו שפּילן מיר אויף די סענטימענטן. ער זאָגט, אז כ'זאָל אים באַטש צוהעלפן ארויפפּאַקן אויף דער באַן זיין ווייבס געפּעק. כ'ענטפער אים גאָרנישט און כ'מיש מיך אויס מיט דעם געדיכטן עולם אויף דער סטאַציע. ערשט ווען פון זיין געביין איז שוין נישטאָ קיין זכר, עטעם איך פרייער אָפּ.

איצט בין איך פאַרבליבן אַליין, אָן א גראָשן געלט און אָן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער. וואָס טוט מען? איך טראַכט נישט לאַנג. דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע גיט מיר דער צופעליקער גורל. אויף די באַן־שינעס האָט זיך אריינגעקלערט דער צוג, וואָס גייט קיין סטאַלינאַבאַד. איך האָב נישט די פעאיקייטן און נישט דאָס געלט פון קאָנסטאַנטינאָווסקין, וועלכער האָט זיך געקאָנט עפענען די באַן־טירן, בין איך דעריבער ארויפגעקראָכן אויפן דאַך און אַזוי ארום האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אריין. דאָס פאָרן

אויף אַ דאַך איז אַן איבערלעבעניש, וואָס איז פֿול מיט טויט־שרעק, ווייל יעדע מינוט דאַכט זיך, אַז די באַן וועט זיך אַ שטאַרקן טרייסל טאָן און מען וועט אַראָפּפֿאַלן און ברעכן האַלדז און נאַקן. אָבער די באַן האָט זיך נישט געטאָן קיין שטאַרקערן שאָקל און איך בין בשלום אָנגעקומען קיין סטאַלינאַבאַד.

גלייך ביים אַראָפּגיין פֿון דער באַן, האָב איך מיך געווענדעט צום סטאַציע־קאָמענדאַנט, ער זאָל מיר אויסשרייבן אַ קאַרטל אויף ברויט, ווייל איך געפֿין מיך אָן שום מיטלען, כ׳האָב אים דערביי געוויזן מיין באַפרייאונגס־צעטל פֿון לאַגער אין קאַלימאַ. ער האָט מיך אויפגענומען העפֿליך, אָבער מיין פֿאַרלאַנג האָט ער נישט דער־פֿילט. דאָס געהערט נישט צו אים, נאָר צו אַ פֿאַרטיילונגס־פּונקט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט צעשיקן די אָנגעקומענע פּליטים איבער קאָלכאָזן.

אַרויסגייענדיק פֿון וואָקזאַל דערזע איך צום ערשטן מאָל די שטאָט. זי איז כמעט אינגאַנצן אַ נייע, איינע פֿון די מאָדערנסטע שטעט אין אוזבעקיסטאַן. די גרעסטע טייל הייזער איז ווייס־גע־קאַלכט און זען אויס ווי ווילעס אין אַ קור־אָרט.

אויך די געביידע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך דער צעטיילונגס־פּונקט איז אַ מאָדערנער און אַן עלעגאַנטער, אָבער דער גאַנצער בנין איז באַלאַגערט מיט אַ מאַסע אָפּגעריסענע פּליטים, וואָס גיבן צו דער ווייסער געביידע אַן אומהדיקן אויסזען. עס איז אַ געמיש פֿון גרויקייט מיט ווייס, פֿון עלעגאַנץ מיט עלנט. איך שטעל מיך אוועק אין די ריי און הויב אָן געדולדיק צו וואַרטן. די שעה׳ן האָבן זיך געצויגן ווי פּעך און נאָך לענגער האָבן זיי מיר אויסגע־זען, ווייל כ׳בין געווען טויט־הונגעריק, כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג גאָר־נישט געהאַט אין מויל. ווען ס׳איז שוין ענדליך אָנגעקומען מיין ריי צום פֿענסטערל, האָט דער באַאַמטער פֿון אינעווייניק געמאָלדן, אַז מער קיין אינטערעסאַנטן נעמט ער היינט נישט אויף, אַז די איבעריקע זאָלן קומען מאָרגן.

וואָס טוט מען? איך פֿרעג מיך עמיצן, ווו ס׳געפֿינט זיך דער באַזאַר. כאָטש — נישט כ׳האָב געלט דאָרט עפּיס צו קויפֿן און נישט עפּעס אַ זאַך צו פֿאַרקויפֿן. אָבער דער פּלאַן מיינער איז אַן אַנדערער. די אוזבעקישע פֿאַרקויפֿער האָבן אַ טבע, אַז זיי גיבן צו פֿאַרזוכן די דורכגייער זייערע פּרוכטן, און היות כ׳בין געווען טויט־

הונגעריק איז פאר מיר געווען א קרן צו דערפילן אויף דער צונג אַ כזית פון אַ שטיקל פּרוכט.

איך פאַרקערעווע מיך אין דער ריכטונג פונם באַזאַר און עס פּלאָנטערט זיך מיר בלויז איין געדאַנק: צי וועלן די פאַרקויפער דאָס מאָל זיין אַזוי גרויסהאַרציק אַזוי ווי אַלעמאָל? צי וועלן זיי געבן צו פאַרזוכן אַן איינצלנע וויינטרויב, אָדער אַ שטיקל פון עפּעס אַן אַנדערער פּרי?

גייענדיק אַזוי דערזע איך פּלוצלונג פונדערווייטנס צוויי באַ־קאַנטע געזיכטער. דאָס האַרץ האָט אין מיר לעבעדיקער אַ קלאַפּ געטאָן: ס'איז געווען עווא מיט איר מאַן. זי איז געווען פאַר־עלטערט, זי האָט קוים דערמאָנט אָן דעם יונגן, פרישן מיידל פון מיין היימשטאָט, אין וועלכער כ'בין געווען פאַרליבט מיט מיין ערשטער יינגלערישער ליבע. אָבער דאָס איז זי געווען בלי שום ספק, דאָס זעלבע, כאָטש אויסגעמוטשעטע געזיכט, די זעלבע אויגן. נעבן איר האָט געשפּרייזט דער מאַן אירער.

זיי זענען געגאַנגען ביידע אין דער ריכטונג פון צעטיילונגס־פּונקט. מיין ערשטע רעאַקציע איז געווען צוריקצוציען זיך. איך האָב מיך פאַרשעמט נישט בלויז מיט מיין הולך און מיט מיין אויסזען. כ'האָב מיך אויך געשעמט פאַר איר. כ'האָב איר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת נפש, וואָס כ'באַגעגן איר אין אַזאַ מעמד.

אָבער דאָס איז געווען בלויז די ערשטע באַוועגונג מיינע. גלייך אָבער האָט מיך באַגאָסן אַ שטראָם מיט וואַרימקייט. דאָס ערשטע מאָל זינט כ'בין אַרויס פון וויעזשבניק באַגעגן איך אַזעלכע נאָנטע מענטשן.

אויך זיי האָבן מיך שוין געהאַט באַמערקט. פון אָנהויב זענען זיי נישט געווען אינגאַנצן זיכער, צי דאָס בין איך טאַקע. ווייזט אויס, אַז אויך מיך האָט די צייט נישט געשאָנעוועט. אָבער גלייך האָט זיך אין די אויגן זייערע אָנגעצונדן די זעלבע פרייד, וואָס ביי מיר. דאָס באַגעגעניש האָט אויף אַ ווײַלע אָוועקגערוקט פון אונז די גאַנצעווירקלעכקייט און מיר האָבן זיך, ווי שיכורים געגומען אָנ־טרונקען מיט דערינערונגען פון אַמאָל.

די צוויי שוועסטערן זענען צוזאַמען פאַרשיקט געווען אויף אַ פּאָסיאַלעק, אָבער נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיי זיך פאַרלוירן און זיי זענען שוין אויסגעפאָרן הונדערטער קילאָמע־

טער זוכנדיק זיי. אויפֿן וועג האָט מען זיי דערווייל באַגנבעט, מען האָט זיי צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. איצט זענען זיי געבליבן בערום ובחוסר און אַלץ וואָס זיי האָבן איז אַ רובל. עוואַ לאָזט יעדע פּאָר מינוט אַראָפּ די אויגן, זי שעמט זיך מיט איר מעמד, מיט איר הולך, מיט איר גורל. אויך איך פֿיל אַ וואַקסנדיקע שאַנדע. און נאָך מער ברענט מיך דאָס געפֿיל פֿון הילפֿלאָזיקייט, דאָס באַוווסטזיין, אַז כ'קען זיי מיט גאָרנישט העלפֿן. פֿאַרקערט, דאָס זענען זיי גאָר גרייט צו נעמען דעם לעצטן רובל און אים צעטיילן אויף דריי חלקים. דער סוף איז, אַז מיר מוזן זיך צעשיידן. זייער פּלאַן איז צו געפֿונען אירע עלטערן און מיינער איז נאָך אַלץ אַ פֿאַרנעפּלטער.

די שטאָט סטאַלינאַבאַד געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון דער אַפֿגאַניסטאַנישער גרענעץ, אפֿשר פּרוּוון דאָס גליק און ריזיקירן? דער דאָזיקער געדאַנק ווערט ביי מיר געבוירן פּלוצלונג, אָן שום הכנות, אָבער זיי רעדן מיך דערפֿון אָפּ. ס'איז אַ צו גרויסע געפֿאַר.

ענדליך צעשיידן מיר זיך. איך דערמאָן מיך, אַז כ'האָב מיך געפֿונען אויפֿן וועג צום באַזאַר עפּעס טועם צו זיין פֿון אוזבעקישן מנהג פֿון כיבוד.

די אוזבעקישע פֿאַרקויפֿער זענען טאַקע ברייטהאַרציק אַזוי ווי שטענדיק, זיי האַנדלען מיט מייערן, מיט ציבעלעס, מיט קישמיש, מיט אורוק. זיי זענען טאַקע מיך מכבד און איך זאָג מיך נישט אָפּ פֿון פֿאַרזוכן זייער סחורה. איך בענטש זיי אין האַרצן, וואָס זיי האָבן אַזאַ גאָלדענעם מנהג. אָבער אין האַרץ טליעט ביי מיר אַ פֿאַרדרוס. איך באַדויער, וואָס איך האָב באַגעגנט עוואַ'ן. דאָס באַגעגעניש איז געווען אַ ברוטאַלס. עס האָט געפּלאַצט איינער פֿון מיינע חלומות. ס'וואָלט בעסער געווען, ווען כ'וואָלט ווייטער געטראָגן ביי מיר דאָס בילד אירס, אַזוי ווי כ'האָב איר געזען צום לעצטן מאָל, אינעם שטעטל. איצט איז יענץ בילד אַרויסשטויסן געוואָרן דורכן נייעם. דאָס אָרט פֿון איר פֿריערדיק געשטאַלט וואָס איז געווען אַזוי יונג און פֿריש, איז פֿאַרטרעטן געוואָרן דורך אַן אַנדערס, דורך אַ געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז געווען אויסגעמוטשעט און אויסגעפּראַצעוועט און אויף וועלכער עס איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער גאַנצער חותם פֿון אַ רוסישן פֿאַרשיקטן. כ'האָב מיך דערפֿילט עפּעס אָרימער און באַרויבט. און דערצו האָט מיך

נאָך געברענט אַ פּאַרדרוס, וואָס כ'האָב איר, אין איר שווערן מצב, מיט גאָרנישט געקאָנט צוהילף קומען.

איך האָב אויך אָנגעהויבן צו זען מיין אייגענע לאַגע אין וואָס אַמאָל שוואַרצערע פאַרבן. נאָך וואָס בין איך דאָ אַהערגעקומען קיין סטאַלינאַבאַד? וואָס פאַרא זין האָט געהאַט די דאָזיקע רייזע? איך דערמאָן מיך, אַז אין סיביר זענען די פאַרשיקטע כאָטש גע־ווען אונטער אַ געוויסער אויפזיכט פון וואָיעננע קאָמענדאַנט, אַז דאָרטן האָט מען אויפן סמך פון דער באַפרייאונגס־קאַרטע געקאָנט באַקומען צו עסן.

איך באַשליס ביי מיר שנעל צוריקצופאָרן קיין נאָוואָסי־בירסק. פון סטאַלינאַבאַד ביז נאָוואָסיבירסק איז פאָלג מיך אַ גאַנג, ס'איז אַדורכצופאָרן אַ שטיק וועלט, אָבער דער הונגער דריקט מיך און עס איז נישט פאַראַן קיין שטאַרקערע טרייב־קראַפט ווי אַ נאָגנדיקער הונגער.

די ערשטע סטאַציע אויפן וועג קיין נאָוואָסיבירסק איז טאַש־קענט. פאַרשטייט זיך, אַז אויף קיין בילעט האָב איך נישט, אָבער כ'פאַרלאָז מיך אויפן גורל. די באַן שלעפּט זיך צוריק דורך באַ־קאַנטע געגנטן און קאָלערט זיך ענדליך אַרויף אויף דער טאַשקענטער סטאַציע.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שלעכטער מינוט. די סטאַציע איז באַשטעלט מיט מיליץ און עס קומט פאָר אַ שטרענגע אָבלאַ־ווע. די געכאַפּטע ווערן אוועקגעפירט צום וואָיעננע קאָמענדאַנט און פון דאָרט — אין אַרבעט־באַטאַליאָנען. עס האָט מיך באַ־הערשט אַ פּאַניק און איך האָב געזוכט ערגיץ אַ פּלאַץ, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. על פּי נס האָב איך מיך אַרויסבאַקומען פון דער געדיכטער נעץ פון דער מיליץ און דערנאָך האָב איך מיך פיר טעג אַרומגעוואַלגערט אויף די טאַשקענטער גאַסן.

ווען דער הונגער האָט מיך שוין געמאַכט אומפּעאיק צום ווייטערדיקן אַרומשלאָנדערן זיך איבער דער שטאָט, האָב איך ביי מיר באַשלאָסן צו ווענדן זיך דירעקט צום וואָיעננע קאָמענ־דאַנט. כ'וועל אים פאַרשטעלן די גאַנצע לאַגע מיינע, נישט אויס־באַהאַלטנדיק גאָרנישט. כ'בין אַ באַפרייטער פּוילישער בירגער פון אַ פאַרשיקונגס־לאַגער אין מיליטערישן עלטער, אָבער די פּוילישע מיליטערישע מאַכט האָט איר מאָביליזיר־קאָמיסיעס פאַרוואַנדלט

אין אַן אָרט פון סעלעקציעס, און דער שליסל פון די דאָזיקע סעלעקציעס איז נאָך א ירושה פון די אַלטע, אַלטע צייטן, פונם פארמלחמהדיקן אַנטיסעמיטיזם.

עס איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט צוצוקומען צום קאָ־מענדאַנט, מען האָט געדארפט אויף א קונציקן אופן אַדורכבאַקו־מען זיך דורך אַן אזוי גערופענעם וואָיעגני גאָראָדאָק, אָבער דער סוף איז געווען, אז כ׳האָב מיך צו אים דערשלאָגן. כ׳האָב אים איבערגעגעבן אלץ, דעם גאַנצן מאמר, וואָס כ׳האָב מיר אזוי זאָרגפעלטיק צוגעגרייט און ער האָט מיך מיט א סך געדולד אויס־געהערט. אָבער מער ווי מיט אַ שפייז־קאַרטע אויף עסן האָט ער מיר נישט געהאָלפן. און כאָטש אין מיין דעמאָלטיקער לאַגע איז אַזאַ קאַרטע געווען ווי אַ געווונענער לאָטעריע־בילעט, האָב איך דערפילט, אז די לאַגע מיינע איז נאָך אויסזיכטלאָזער ווי פריער.

ארויסגייענדיק פונם וואָיענני קאָמענדאנט, האָב איך נעבן דער אָפיצירן־קאַנטינע באַגעגנט אַ יידישן אָפיציר. כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיין לאַגע און געפרעגט אַן עצה, וואָס צו טאָן. ער האָט מיך געראַטן צו פאָרן קיין אָמסק, ווייל פון דאָרטן האָט ער געהערט איז לייכט צו באַקומען אַ פראָפּוסק קיין קויבישעוו. צי איז עס טאַקע אזוי געווען?

אַזעלכע קשיות קאָן מען זיך שטעלן בלויז אין אַ צושטאַנד פון אַ געוויסער פיזישער און גייסטיקער גלייכגעוויכט.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אָנגעקומען קיין אָמסק בין איך שוין נישט ווי אַמאָל, ווי אַ פולשטענדיקער גרינער, נאָר כמעט ווי אַן אַלטער אָמסקער תושב. דער וואָקזאַל איז מיר שוין גוט באַקאַנט געווען און אפילו די שטאָט בין איך שוין געהאַט אַמאָל אַדורכגעפאָרן אין דער גאַנצער ברייט אויפן וועג צום קאָלכאָז.

כ׳האָב מיך גלייך געמאָלדן צום וואָיעננער קאָמענדאַנט. ווען כ׳האָב געעפנט די טיר און כ׳האָב אַ בליק געגעבן אויפן ברייט־פּלייציקן רוס הינטער דער ביורקע, איז אין מיר אָנטרינען דער מאַמעס בלוט. כ׳האָב אים גלייך דערקענט, דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס האָט מיך שוין אַמאָל אויפגענומען און מיך צוגעטיילט צום קאָלכאָז „טשאַפּאַיעוו", פון וועלכן כ׳בין אָן אַ זייַ־געזונט אַנטרונען געוואָרן. צום גליק האָט ער מיך אָבער נישט דערקענט. וואָיעננע קאָמענדאַנטן אין אָמסק איז נישטאָ מער ווי איינער, אָבער אַזעלכע „בעזשענצעס" ווי איך זענען דאָ אין די צענדליקער טויזנטער.

ער האָט מיר ווידעראַמאָל צוגעטיילט אַן אַרבעט, דאָס מאָל, צום גליק, נישט אין קיין קאָלכאָז אַריין (יענער קאָלכאָז איז מיר נאָך געלעגן אין די ביינער), דאָס מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ פּאָסטן אין אַ פוטער־פאַבריק, דאָרטן וווּ מען אַרבעט אויס די פעל פון מיליטערישע פעלצלעך.

דער פראָסט איז גרויס. עס קנאַקט אונטער די פיס. אין די אויערן ברענט ווי מיט מיליאָנען דינע שפּיזן. עס קומט מיר אויס אַדורכצוגיין איבער דעם פאַרפרוירענעם טייך אירטיש מענטשן קוקן זיך אום אויף מיר מיט שטוינונג. איך גיי נאַקעט

און בלויז, נאָר אין א פּאָר זומערדיקע קאָמבינעזאָנען. מען וואָרנט מיך פון אלע זייטן, כ'זאָל נישט גיין איבערן אָפענעם טייך, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף שאַרף־פּראָסטיקע ווינטן. אָבער איך האָב פעסטער פארביסן די ציין און כ'בין געגאַנגען ווייטער. כ'האָב געמוזט וואָס שנעלער אָנקומען אין דער פאבריק, וואָס שנעלער געפונען א שטיקל אָנשפּאַר, ווייל כ'האָב געפילט, אז עס פאַר־לאָזן מיך שוין די לעצטע כחות.

אין דער פאבריק האָט מען מיט מיר נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. דער ארבעטער־אויפזעער האָט קוים געוואָרפן א בליק אויפן צעטל פון וואָיענני קאָמענדאַנט און ער האָט מיך צוגע־טיילט צו א גרופּע, וואָס איז געווען באַשעפטיקט מיט ארויסציען די געווייקטע פעל פון די גריבער. אונזער גרופּע באַשטייט פון פיר פּערזאָן — דריי מאַן און א פרוי. מיר האָבן צו „באַדינען” 4 גרי־בער. אין יעדן גרוב ליגן פון דריי ביז פיר הונדערט פעל. ארום ארבעטן עטלעכע הונדערט פּערזאָן. דער עולם זיפצט און קרעכצט, אָבער די ארבעט ווערט געטאָן בשלימות.

איך באַקום פון דער פאבריק קאַרטן אויף ברויט און באַ־זונדערע קאַרטן צו דער „סטאָלאָווע”. צום פרישטיק באַקומען מיר 150 גראַם ברויט און צוויי גלעזער טיי אָן צוקער; צו מיטאָג איז די ברויט־פּאָרציע אַביסל א גרעסערע — 200 גראַם. דערצו קומט צו א זופּ און קאַרטאָפל מיט געקאָכטע פיש. ביינאַכט באַקומען מיר ווידער א זופּ און 150 גראַם ברויט. צוזאַמען האָט יעדער אַלזאָ באַקומען א האַלבן קילאָ ברויט. ווען מען זאָל אור־טיילן פון דער וואָג בלויז, וואָלט עס געווען נשקשה. א האַלבער קילאָ ברויט דאַרף געגוג זיין אפילו פאַר א דערוואַקסענעם מענטש. אויך די נעמען „זופּ” און „פיש” קלינגען גאַנץ געשמאַק. אָבער אינדעראמתן איז דאָס ברויט געווען א קלעפּיקע מאַסע פון ליים, וואָס האָט געהאַט א מינימום דערנערונגס־ווערטן; די זופּ איז געווען א וואַרעם וואַסער אין וועלכן ס'איז ארומגעשווומען א זכר פון עפּיס א שטיקל גריינס; די קאַרטאָפל זענען געווען מיט די שאָלן און די פיש זענען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע ביינער און אָפּפאַלן, וואָס זייער איינציקער שייכות מיט פיש איז אפשר געווען — נישט דער טעם — נאָר דער גערוך.

א גאַנצן טאָג בין איך צוזאַמען מיט די איבעריקע ארבעטער

געשטאַנען ביי די גריבער און ארויסגעשלעפּט די נאַסע פּעל. די אַרבעט האָט געדויערט ביז 12 שעה א טאָג. די לעצטע צוויי שעה האָבן זיך געצויגן ווי דער יידישער גלות און עס האָט זיך געדאכטן, אז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

ווען מיר האָבן ענדליך פאַרענדיקט די ארבעט און דער גאַנ־צער גוף האָט געבראָכן פונם כסדרדיקן שלעפּן די נאַסע משאות און ווען דער קערפּער האָט גע׳חלשט נאָך אַביסל אָפּרו און שלאָף, האָט מען אונז גערופן צו גיין אויף פאַרזאמלונגען — אויסהערן באַריכטן פון פאַרשידענע אינדוסטרי־צווייגן, פון פראָנט און צום סוף באַקומען די טאָג־טעגלעכע פּאַרציע מוסר: אז מיר ארבעטן נישט גענוג, אז מען דאַרף העכערן די נאָרמע, אז מען דאַרף זיך מער אָנשטרענגען, אז אנדערע פאַבריקן האָבן שוין פון לאַנג דערגרייכט די פּלענער, בעת מיר זענען נאָך אזוי ווייט הינטער־שטעליק. דערנאָך לייענט ער א באַפעל פון סטאַלינען, אַז יעדער אַרבעטער דאַרף אָוועקשענקען אַ טייל פון זיין ארבעט פאַרן פראָנט.

צווישן די אַרבעטער הערשט אַן אַפּאַטיע. מען איז מיד. מען איז שלעפעריק, מען איז צעבראָכן. אָבער שטענדיק ווען מען דאַרף, הויבט מען אויף די הענט און מען שטימט פאַר אַלע אָן אויסנאַם רעזאָלוציעס. אָבער ווען דער רעדנער לייענט סטאַלינס באַפעל וועגן אָפּגעבן ארבעטס־טעג, הויבט זיך נישט אויף מער ווי איין האַנט. איינער פון די אַרבעטער (ווייזט אויס אַן אונ־טערגעשטעלטער פון פרעזידיום), שטעלט זיך אויף און זאָגט, אז ער גיט אַוועק צוויי טעג אַרבעט. דער עולם פּאַטשט בראַוואָ, אָבער מער ווי מיט בראַוואָ־פּאַטשן לאָזט עס זיך נישט אויס.

דער פאָרזיצער רופט, מען זאָל נאָכטאָן דעם ביישפּיל, אָבער קיינער קוואַפּיעט זיך נישט. מען זיצט גלייכגילטיקע און אַפּאַ־טישע און מען הערט קוים, ווי דער פאָרזיצער קלאַפּט אין טיש אַריין און דונערט. דער סוף איז, אז ער זעט, אז ס׳איז א ברכה לבטלה און ער פאַרענדיקט ווייטער מיט עפּעס א פּאַרטייאישן סלאָגאַן און ער שליסט די פאַרזאַמלונג.

די דאָזיקע פאַרזאמלונגען געדויערן אזוי טאָג־טעגלעך לאַנגע שעה׳ן און גיבן אונז נישט קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען.

פון דער פאַבריק האָט מען מיר צוגעטיילט א צימער, נישט ווייט פון זאַוואָד, ביי דער פאַמיליע קיסלאָוו. דאָס צימער איז גע־

ווען ניִשט געהייצט. די פאַמיליע באַשטייט פון א פרוי מיט צוויי קלייניע קינדער; דער מאַן איז געווען מאָביליזירט און האָט זיך געפונען אויפן פראָנט. פון 8 אינדערפרי ביז 1 בייטאָג האָט זי פאַרבראַכט אויפן באַזאַר, ווו זי האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדלען. זי האָט געקויפט און פאַרקויפט, אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. די קינדער זענען דערווייל געלעגן אונטערן איבערבעט, כדי ניִשט געפרוירן צו ווערן פון דער שניידנדיקער קעלט.

ערשט איינס אַ זייגער קערט זי זיך אום מיט אַ בינטל האָלץ און מיט אַ ביסל קאַרטאָפל. זי מאַכט דאַן א שווינדזיכטיק פייערל און צוזאַמען מיט די קינדער טוליעט זי זיך ארום מיט דער שוואַכער וואַרעמקייט און עסט דאָס ביסל פּאָסטנע קאַרטאָפל. עס שניידט ביים האַרץ, ווען מען קוקט זיך צו צו דער דאָזיקער גרופּע פון דריי נפשות וואָס זיצן אזוי צוזאַמענגעטוליעט ביים בלאַסן אָפּשיין פון בינטל צעברענטן האָלץ און האַלטן אויף דאָס חיות מיט די דאַרע פּאָר קאַרטאָפל.

עס דערנענטערט זיך דערווייל די זעקסטע וואָך, זינט כ'האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער גאַרבעריי. פון טאָג צו טאָג פיל איך, אז כ'פאַל פון די כחות און כ'בין שוין אפילו ניִשט בכח צו טאָן דאָס, וואָס כ'האָב געטאָן די ערשטע פּאָר טעג. איין זאַך איז מיר אָבער מערקווירדיק: די גרעסטע טייל אַרבעטער אינם זאַוואָד באַשטייט פון פרויען און טראָץ דעם, אַרבעטן זיי פיל געשיקטער און בעסער פון מיר. צוזאַמען מיט מיר שטייט אַ יונגע מויד, וואַלאַ, און זי מאַכט דריי מאָל אזוי פיל, ווי איך. איך קאָן בשום אופן ניִשט משיג זיין. אָפטמאָל פרוּוו איך, צוליב אַמביציע פשוט, דערגרייכן די זעלבע נאָרמע, אָבער איך קען ניִשט. נאָך אַ שעה אָנשטרענגונג פאַל איך ממש פון די פיס. און זי שטייט אַ פרישע און טוט די אַרבעט אזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט.

ערשט שפּעטער דערוווּס איך מיך דעם סוד, זי טאַקע אַליין, וואַלאַ, דערציילט מיר, אז דער סוד פון זייער שטאַרקייט נעמט זיך דערפון, וואָס זיי עסן בעסער. ווען זיי וואָלטן געגעסן דאָס, וואָס מען גיט זיי אין דער „סטאָלאָווע", וואָלטן זיי שוין פון לאַנג אויסגעצויגן די קאָפּיטעס. אין שטוב האָבן זיי אָבער פעטס, קאַרטאָפל און קרויט. דאָס פאַרוואונדערט מיך נאָך מער. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? פאַר די 180 רובל, וואָס זי באַקומט דאָ אַ

חודש, איז זי אימשטאַנד צו קויפן די אַלע לוקסוס־עסנס, אין דער צייט, ווען אַ בלויזער עמער מיט קאַרטאָפל קאָסט 450 רובל? זי לאַכט אָבער, זי זאָגט — מיט האַלבע ווערטער און מיט אַ ווינקעניש — אַז דער סוד פון אירע הכנסות באַשטייט דערין, וואָס זי האָט געמאַכט „בלאַט" מיטן וועכטער און יענער באַ־זוכט איר נישט ביים אַרויסגיין. מיר אַלע ווערן ביים אַרויסגיין נאָך דער אַרבעט גענוי אַרומגעטאַפּט דורך די פאַבריק־וועכטער, כדי מיר זאָלן פון דאָרט עפּיס נישט אַרויסטראָגן. אָבער איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז פון „אַרומטאַפּן" ביז אַרומטאַפּן איז פאַראַן אַ גרויסער מהלך. איצט עפענען זיך מיר די אויגן און איך הויב פּלוצלונג אָן תופס צו זיין, ווי אַזוי אַנדערע גיבן זיך אַן עצה.

די גאַנצע פילאָזאָפיע פון לעבן באַשטייט דערין, אַז איין האַנט זאָל וואַשן די צווייטע... זי זאָגט עס מיט אַ פּשטות, אַזוי ווי זי וואָלט גערעדט וועגן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַך. דאָס, וואָס זי טראָגט אַהיים אונטערן קלייד, באַטראַכט זי נישט פאַר קיין גנבה, נאָר פאַר אַ סאָרט נויטווענדיקייט, אָן וועלכער זי וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן, און אויך פאַר אַ טובה פאַרן וועכטער, וועלכער ווערט דערפאַר „געשמירט". זי טוט נישט קיין שום קרומע זאַך. פאַרקערט, דאָס אַרויסטראָגן די שטיקער לעדער גיבן איר דאָך כח ווייטער צו אַרבעטן. אָן דעם וואָלט זי דאָך אויסגעצויגן די קאָפּיטעס... דאָס וואָס זי זאָגט מיר איז נישט איר אייגענע „דערפינדונג", אַזוי טראַכט ביי זיך גאַנץ רוסלאַנד.

איך זע די אויסטערלישע לאָגיק פון אירע רייד ביים סוף פון די זעקס וואָכן, ווען איך באַקום נאָכן אַראָפּרעכענען מיר פאַר דער סטאָלאָוואַקע — גאַנצע 65 רובל. 40 רובל האָב איך גלייך געדאַרפט אָוועקגעבן פאַרן צימער, מיט די איבעריקע 25 האָב איך נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. אַ בלויז גלעזל מאַכאָרקע האָט געקאָסט נישט ווייניקער ווי ניינציק!

איך זעץ מיך אַוועק אויפן בעטל מיט די 25 רובל אין דער האַנט און איך קוק אַ פאַרשטאַרטער אויפן סופיט. ווילאַנג וועל איך אַזוי אויסהאַלטן? דאָס איינציקע העמד, וואָס כ'טראָג אויפן לייב איז שוין צוריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. קיין פּאַלטן האָב איך נישט. איך עס בלויז דאָס, וואָס מען גיט מיר פון אַלגעמיינעם קעסל, די וואַ־סערדיקע זופּ מיט די שטיקער קלעפּיקע ליים. ווילאַנג וועל איך

נאָך אַזוי אַרום האָבן כּח צו שלעפּן די פעל פון די גריבער אַרויס?

אין שכנותדיקן צימערל ביי דער בעל־הבית׳טע שלאָפט מען שוין.

די אויסגעדאַרטע און בלאַסע קינדער ליגן צוזאַמענגעטוליעט צו זייער מאַמען און חלומען אוודאי פון די מאָרגנדיקע פּאָר פּאַסטנע קאַרטאָפל. זיי איז אָבער בעסער דערמיט, וואָס זיי זענען נאָך צו דעם אַלעם נישט אַזוי איינזאַם.

עס איז נאָך נישט שפּעט, אָבער דאָס גאַנצע הייזל איז פאַר־זונקען אין אַ פינצטערניש. ווער האָט דען געלט צו קויפן אַ ביסל נאַפט, כּדי אָנצוצינדן אַ לעמפּל? די פינצטערניש קריכט אויף די קאַלטע ווענט, ווי אַ געפרוירענע שוואַרצע שיכט מיט אייז. אָט אַזוי קאַלט און אַזוי חושכדיק איז מיר איצט אויפן געמיט בעת איך זיץ אַזוי אויפן בעטל מיטן איבערבלייבעכץ פון דער „פּענסיע” — מיט די 25 רובל...

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אין זאַך האָט מיך די רוסישע דערפאַרונג אויסגעלערנט — און דאָס איז געווען אַ שנעלקייט ביים אָננעמען באַשלוסן. די דאָזיקע אייגנשאַפטן איז ביי מיר וואַרשיינלעך ארויסגעדרונגען נישט אַזוי ווייט פון העלדישקייט, ווי דערפון, וואָס כ׳האָב גאָרנישט פאַרמאָגט. וואָס האָב איך דאָ געהאַט אָנצוווערן?

כ׳האָב געמאַכט אַ קורצן סך הכל פון מיין לאַגע אין אָמסק, און כ׳האָב באַשלאָסן, אַז לענגער בלייב איך דאָ נישט. פון מיין ווייטערדיקן זיין דאָ וועט קיין שום גוטס פאַר מיר נישט ארויסקומען.

איך האָב אַ געוויסן טאָג געהערט, אַז אין נאָוואָסיבירסק קאָן מען באַקומען אַ דערלויבניש צו פאָרן קיין קויבישעוו, וווּ ס׳האָט זיך געפונען די פוילישע רעגירונג און ווו עס איז בכלל מעגלעך געווען צו דערגיין ערגיץ צו אַ טאָלק.

כ׳האָב לאַנג נישט געטראַכט. איך האָב פאַרקויפט מיינע שפּייזקאַרטן פאַר 250 רובל און האָב מיך ארייננגעזעצט אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין נאָוואָסיבירסק.

דער דאָזיקער שריט איז געווען אַ ריזיקאַלישער. פאָרן בלויזן פאַרשפּעטיקן צו דער ארבעט האָט געדראָט אַ „פּראָגול", און דאָ, ווען מען כאַפּט מיך, וואָלט שוין נישט געווען קיין פאַל פון פאַרשפּעטיקן זיך, נאָר פון אַנטלויפן. בין איך דעריבער געזעסן אין דער באַן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר.

און אויף להכעיס זענען איבער די וואַגאָנען כסדר ארומגעלאָפן מיליציאַנטן און געהאַלטן אין איין פרעגן אויף פּאַפּירן. איך האָב

מיך סוף כל סוף אַרונטערבאַקומען אונטער אַ באַנק און כ'האָב מיך דאָרט צוגעדריקט צו די רערן, מען זאָל מיך וואָס ווייניקער ארויסזען. די רערן זענען געווען היים און אָנגעגליט און ס'איז געווען אַ געפּאַר דאָרט צו ליגן. פון מיין באַהעלטעניש ארויס זע איך די שטיוול פון דער מיליץ, וואָס איז אַריינגעקומען אין וואַגאָן אַריין און לעגיטימירט אַלע רייזנדע. איך בין אָבער אָפּגעקומען בלויז מיט טויט־שרעק, ווייל עס איז קיינעם פון זיי נישט איינגעפאַלן אַרונטערצוקוקן אונטער דער באַנק. נאָך זייער אַוועקגיין בין איך אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער נאָרע און האָב מיך אַביסל אויסגעגלייכט די ביינער.

דער באַן־וואַגאָן איז געווען אויסגעפּילט מייסטנטייל מיט אָפּיצירן. זייערע אַלע געשפּרעכן דרייען זיך אַרום דער איין און איינציקער טעמע: יידן. יידן זענען די אָנפירער פון אַלע טאַשקענטער פאַבריקן, יידן באַהאַלטן זיך אויס פאַר מיליטער, אויפן גאַנצן פראָנט זעט מען נישט קיין ייד פאַר די אויגן. דערויף האָט זיך פּלוצלונג, פון אַ ווינקל אַרויס, אויפגעשטעלט אַן אינוואַליד מיט איין פוס. ער האָט אַרויסגעשטעקט די ליידיקע נאָגאַוויצע, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט אויפן אָרט פון פוס און האָט געזאָגט:

— א י ך בין אַ ייד. און דעם פוס האָב איך פאַרלוירן אויפן פראָנט שלאָגנדיק זיך אַקסל ביי אַקסל מיט נאָך הונדערטער אַנדערע יידישע סאָלדאַטן.

די רוסן זענען אַ ווײַלע געוואָרן צעטומלט, אָבער גלייך זענען זיי געקומען צו זיך. עס האָט זיך אין זיי צעקאָכט דאָס בלוט און זיי האָבן געזאָגט צום אינוואַליד, אַז אויב ער וועט נישט „ליגן איינגעלייגט", וועט מען אים אַרויסוואַרפן פון צוג.

דאָס געזיכט פונם אינוואַליד גיסט זיך אָן מיט צאָרן. ער הויבט אויף זיין שטעקן און דערלאַנגט איינעם פון די אָפּיצירן איבערן קאָפּ. עס ברעכט אויס אַ מוראַדיקער טומל. פון אַלע זייטן ציען זיך געביילטע פויסטן. מען שלעפּט דעם יידישן אינוואַליד, מען בוכצעט אים פון אַלע זייטן, צום סוף הויבט מען אים אויף אין דער לופטן, איינער פּראַלט אויף די טיר און אין אַ מינוט אַרום פליט זיין קערפּער אַרויס פון לויפנדיקן צוג.

איך זיץ אין אַ ווינקל און עס איז מיר פינצטער פאַר די אויגן. אין די שלייפן קלאַפּט מיר ווי מיט האַמערס. עס גערדויערט אָבער

נישט קיין צוויי מינוט און דער צוג שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ. איך ווייס נישט, ווער עס האָט דעם צוג אָפּגעשטעלט און צי עס האָט אַ שייכות מיטן ארויסגעוואָרפענעם ייד. אָבער איך דערוואַרט, אַז באַלד וועט מען אריינברענגען דעם קערפּער פון דעם דערמאָרדעטן און די רוצחים וועלן אַרעסטירט ווערן דורך דער מיליץ. איך גרייט מיך צו זאָגן עדות, צו דערציילן אַלץ, וואָס כ'האָב געזען, אַלע פּרטים, אָבער עס גדויערט נישט קיין רגע און דער צוג רירט וויי־טער. עס איז גאָרנישט געשען. די רוצחים זיצן ווייטער, אזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט און זויפן פלעשער מיט בראָנפן. עטלעכע הויבן אָן צו דרימלען און צו שנאָרכן, אזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט די ריינסטע געוויסנס אויף דער וועלט. די אנדערע שמועסן מיט זיך געמיטלעך אויף טעמעס, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיטן נאָר וואָס פּאָרגעקומענעם אכזריותדיקן מאָרד. איך זיץ אין אַ ווינקל פון וואַגאָן און איך בין באַהערשט נישט בלויז פון אַ געפיל פון אויפ־רעגונג און צאָרן, נאָר אויך פון אַ פּאַראַליזשירנדיקער שרעק. פאַר דער דאָזיקער חברה איז נישט שווער איבערצוחזרן נאָכאַמאָל דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אַזאַ קאַלט בלוט. טאָמער פאַרראַט איך מיך מיט מיין יידישקייט און מיט מיין כעס, שפּילט נישט ביי זיי קיין ראָלע צו טאָן מיט מיר דאָס זעלבע, וואָס מיט דעם אינוואַליד.

דערווייל שניידט דער צוג די סיבירער שטחים און איידער איך קוק מיך אום פאָרן מיר אריין אויף דער סטאַציע נאָוואָסיבירסק. שוין פונדערווייטנס דערזע איך עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. דער גאַנצער וואָקזאַל איז באַשטעלט מיט נ. ק. וו. ד. זיי פּראַלן אויף די טירן פון די וואַגאָנען און הייסן אַלע פּאַסאַזשירן ארויסשטייגן און אויסשטעלן זיך אויף די פּלאַטפאָרמען. ווייזט אויס, אַז עס וועט דאָ אַדורכגעפירט ווערן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון די פּאַפּירן.

אויב אזוי דאַרף מען אַנטרונען צו ווערן פון זייערע הענט. איך קריך אַדורך דורך די בופערן, צווישן די וואַגאָנען, און באַקום מיך ארוים אויף דער סטאַציע פון דער צווייטער זייט. אויפן וואָקזאַל האָב איך באַוויזן אָפּצועסן אַ זופּ. דעם טעלער זופּ באַקום איך — פאַרשטייט זיך אָן אַ לעפל. אָבער דאָס איז שוין נישט קיין מניעה. דערצו בין איך שוין צוגעוווינט. אנדערע זענען קלוגער און פּראַק־טישער פון מיר, זיי האַלטן אייגענע לעפל אין די קעשענעס. איך טראַכט, אַז מען דאַרף סוף כל סוף אויך ווערן אַ שטיקל בעל־הבית

און זיך אַמאָל איינשאַפן אַן אייגענעם האַלצענעם אָדער אפשר גאָר אייזערנעם לעפל.

אינם וואָקזאַל איז ליכטיק און מהיהדיק ווארעם. די זאַלן זענען אויסגעשטאַט מיט צענטראַלער באַהייצונג. אין די „פאַבריקמאַכער סקאַיאַס" אַרבעטן די פריזירער 24 שעה אין מעת־לעת. אָבער די ווייסע, ליכטיקע זאַלן זענען — פונקט אַזוי ווי אומעטום — באַלייגט מיט מחנות מענטשן, וואָס וואַרטן שוין דאָ וואָכן אויף אַ צוג און קאָנען נישט באַקומען קיין בילעטן. די מענטשן ליגן צעלייגט איבערן געפעק און דער גאַנצער ריינער זאַל מיט די ספּעציעלע זאַלן פאַר פרוי און קינד און פאַר אָפיצירן זענען פאַרקראָכן און פאַרלויזט. די מענטשן האָבן נישט קיין מנוחה, ווייל אינמיטן נאַכט קומען אַריין באַדינער צו ריניקן דעם וואָקזאַל און טרייבן אַרויס די מענטשן, מיטן געפעק זייערן, אין דרויסן אַרויס.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָב איך מיך אַריינבאַקומען צום וואָיענני קאָמענדאַנט. דאָס איז דערווייל די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס האָט מיר דערווייל דערהאַלטן דאָס חיות. איך בעט ביי אים אַ „קאָמאַנדיראָווקע" קיין קויבישעוו. איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס וועט פאַר מיר זיין דער ענדגילטיקער אויסוועג און כ'וועל מיך מער נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן אויף די באַנען און וואָקזאַלן.

דער „וואָיענני קאָמענדאַנט" הערט מיך אויס — אַזוי ווי אַלע אַנדערע וואָיענגע קאָמענדאַנטן — מיט אַ סך געדולד און אפילו מיט געפיל, אָבער העלפן — זאָגט ער — קאָן ער מיר נישט. ער האָט נישט קיין רעכט צו געבן מיר אַזאַ „קאָמאַנדיראָווקע". ער הייסט מיך גיין אין שטאָט אַריין, וווּ עס געפינט זיך אַ פּלאַצוווקע פון קעגנזייטיקער הילף. דאָס איז דאָס איינציקע, מיט וואָס ער קאָן מיר העלפן, מיט דער דאָזיקער עצה.

איך באַשליס אָבער פאַר יעדן פּריז זיך אַריינצובאַקומען קיין קויבישעוו. דאָס אוועקגיין אין דער פּלאַצוווקע וואָלט מיר ווידער צעדרייט די פּלענער און וואָלט מיך אָפּגעהאַלטן פון פאָרן. איך באַשליס דעריבער צו פאַרבלייבן דערווייל אין נאָוואָסיבירסק און אויסוואַרטן אויף אַ גינסטיקן מאָמענט.

אין צווישנצייט בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן ערשטן שטאָק פון וואָקזאַל, וווּ עס זענען געווען איינקוואַרטירט מלחמה־אינוואַלידן. די שווערסטע זאַך איז זיך אַרויסצובאַקומען אויפן פּעראָן אָן אַ

בילעט. אָבער איך געפֿין מיך כסדר ביים פענסטער אין וואָקזאַל און וואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ווען דער טשעלאַבינסקער צוג האָט זיך אַרויפגעקאָלערט אויף דער סטאַציע, האָב איך מיך דורך אַ הינטער־טיר אַרויסגעגליטשט אויפֿן פּעראָן. אָבער דאָס אַריינבאַקומען זיך אין וואַגאָן אַריין איז געווען נישט ווייניקער שווער, ווי דאָס בלויזע אַרויסקומען אויפֿן פּעראָן.

אָבער דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט. גראָד האָב איך באַמערקט אַ ייד, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער באַן און האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די וואַליזעס. כ'האָב מיך צו אים דערנענטערט און אים פֿאָרגעלייגט, אַז אויב ער נויטיקט זיך אין הילף, קאָן איך גערן העלפֿן. ער קוקט אויף מיר אַ שווייגנדיקער און באַטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז פֿיס. איך ווייס ווענן וואָס ער טראַכט, בעת ער וועגט מיך אַזוי אין די געדאַנקען. ער טראַכט, צי ער קאָן מיר געטרויען אַ טשעמאָדאַן, צי איך וועל אים נישט באַגנבֿענען. זיין מורא איז אַ באַרעכטיקטע. נישט די באַדינגונגען און נישט מיין אויסזען קאָנען אים אָנפֿילן מיט אַן איבערגעטריבענעם צוטרוי. צורעדן אים צו שטאַרק וואָלט נאָך ערגער געמאַכט. מיין גרויסער אייפֿער, וואָלט נאָך פֿאַרשטאַרקט ביי אים דעם פֿאַרדאַכט.

ער קאָן זיך אָבער פֿאָרט נישט קיין עצה געבן מיט די שווערע משאות, און אפשר טראַכט ער אויך, אַז פּונקט אַזוי ווי עס איז פֿאַר אים שווער אויפֿצוהייבן אַזאַ טשעמאָדאַן, אַזוי וועט מיר שווער זיין מיט אים צו אַנטלויפֿן. דער סוף איז, אַז ער הייסט מיך נעמען צוויי וואַליזעס און אַריינטראָגן אין צוג אַריין. עס איז מיר אויף אים אַ ביטער רחמנות. ער גייט נאָך פֿון הינטן מיט אַנדערע צוויי שווערע טשעמאָדאַנעס און דאָס פּנים זיינס דריקט אויס אַ טאָפּלטן ווייטיק: פֿון דער שווערער משא און פֿון שרעק, וואָס מען קאָן אים באַגנבֿענען און אומגליקלעך מאַכן.

נאָכן אַריינבאַקומען זיך אין וואַגאָן אַריין, בין איך שוין דאָרט פֿאַרבליבן. דער ייד איז געווען אויסער זיך פֿאַר שמחה, וואָס איז אויך געווען געמישט מיט איבעראַשונג. ער שטופּט מיר אַ פּעקל מיט געלט אין דער האַנט אַריין, נישט אַזוי אַלס באַלוינונג פֿאַר דער טרחה, ווי פֿאַר אָרנטלעכקייט. כ'האָב נישט געוואָלט נעמען ביי אים קיין געלט, אָבער סוף כל סוף האָט ער מיר דאָך אַריינגעשטופּט פֿיר הונדערט רובל.

ער ווערט באַרעדעוודיקער און דערציילט מיר, אז ער איז אַן עוואַקואירטע פון קיעוו. און ער גיט צו מיט דער גאַנצער אויפֿריכטיקייט, אז ער האָט זיך שוין נישט געריכט צו זען די וואַליזעס, פונקט אזוי ווי ער זעט נישט זיינע אויערן.

די רוסן, וואָס זיצן אין וואַגאָן, רעדן ווידער וועגן יידן. די נעמען „סאַרעטשקאַ" און „אַבראַשעטשקאַ" גייען נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדנונג. מען רעדט פראַנק און פריי און מיט שמחה וועגן דער פאַרטיליקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך די נאַציס. נישט איך און נישט דער קיעווער ייד וואַגן זיך אָנצורופן אַ וואָרט. דער וועג גייט אַדורך אָן שום געוויינלעכע קאָנטראָלעס ביז טשעלאַבינסק. דער צוג איז אָנגעקומען האַלב עלף ביינאַכט און עס קומט אוים צו בלייבן דאָ ביז פֿאַרטאָג אויפן צוג קיין קויבישעוו.

וואַרטן אויף דער סטאַציע קאָנען בלויז די, וואָס ווייזן אַ צעטל פון „סאַן אָבראַבאָטקאַ", דאָס הייסט פון דער באָד, די איבעריקע מוזן מיטן געפעק זייערן ארומשלעפּן זיך אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פרייען הימל. די דאָזיקע „היגיענישע" קאָנטראָל ווערט אַדורכגעפירט, כדי אויפצוהאַלטן די ריינקייט פון דער סטאַציע. אָבער אין דער אמתן קאָן מען אויף דער סטאַציע פשוט פארקראָכן ווערן פון כלערליי אינזעקטן. נישט האָבנדיק אַזאַ „באָד־לעגיטימאַציע", האָב איך נאַטירלעך געהערט צו די, וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן אויף דער גאַס. כ'האָב אָבער אָפּגעוואַרט, ביז מען האָט געעפנט די פענסטער, כדי אויסצולופטערן דעם זאַל, און כ'בין צוריק אריין אין זאַל אריין. אינעווייניק האָב איך געקויפט אַ זופּ. כ'בין איצט געווען אַן אייגנטימער פון גאַנצע פיר הונדערט רובל.

אָבער צו טאָן אן אויג האָב איך נישט געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט. עס האָט זיך מיר כסדר אויסגעדאַכטן, אז מען וועט אַדורכפירן אַ פרישע באָד־קאָנטראָלע און דעמאָלט וואָלט מען מיך ווידער אַמאָל ארויסגעוואָרפן אין דער קאַלטער נאַכט אריין.

פונדערווייטנס דערהערט זיך דאָס כאַראַקטעריסטישע דונערן פון אַן אָנקומענדיקן צוג. איך האָב שוין אַ צוגעווינט אויער צום דאָזיקן לשון פון אָנקומענדיקע לאָקאָמאָטיוון. די פראַגע איז ווידעראַמאָל, ווי אזוי מען געפינט זיך אינעווייניק, אָבער די דערפאַרונג און פראַקטיק איז דער בעסטער אוניווערסיטעט. די מיליץ לויפט אַרום איבערן פעראָן ווי פאַרסמטע מייז. די דאָזיקע באַן

ווערט אָפּגעהיט מער ווי אַנדערע, אָבער אפילו אין דער שטרענג־סטער קאָנטראָל זענען פאַראַן בלויזן.

אין א רגע אַרום געפינען איך מיך אין צוג. איך האָף, אַז איך וועל האָבן אַ מנוחהדיקע רייזע. אָבער אין א רגע נאָכן רירן שטעלט זיך דער צוג — און אַ מחנה מיט נ. ק. וו. ד.־סאָל־דאַטן, די אַזוי גערופענע „זשעלאַזנאָ־דאָראָזשנאַיאַ נ. ק. וו. ד." הויבן אָן אַזוי ווי די היישעריקן צו צעשפּרייטן זיך איבער די וואַגאָ־נען. אַ דאָקומענט־קאָנטראָל. מיט וואָס שטילט מער זייער אַפּעטיט?

איך ווייז זיי מיינע באַפרייאונגס־פּאַפּירן פון קאַלימאַ. און איך זאָג, אַז איך פאָר קיין קויבישעוו צום פּוילישן שטאַב. אָבער נישט דאָס בידנע פּאַפּירל און נישט דער פּוילישער תירוץ באַפרי־דיקן זיי. איך פיל, אַז די לאַגע איז אַ ביטערע, ווער ווייסט, צי דאָס מאָל האָב איך נישט איבערגעצויגן דאָס שטריקל? צי מען וועט מיך פונדאַנען נישט אוועקשיקן הינטער די הרי חושך?

צום גליק געפינט זיך אויף דער סטאַציע אַ פּוילישע פּלאַצוווקע און נאָך אַן אינטערווענץ פון אַ פּוילישן אָפיציר ווער איך באַפרייט.

די סטאַציע, אויף וועלכער דער צוג, האָט זיך געשטעלט הייסט קינעל. פון דאַנען קיין קויבישעוו איז אַ פערציק קילאָמעטער. פער־ציק קילאָמעטער איז אַ שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט די פאַרגאַנגענע טויזנטער. אויפן לאָקאָמאָטיוו פונם צוג בין איך דערפאָרן קיין קויבישעוו.

דאָס אַראָפּשטייגן אויף דער קויבישעווער סטאַציע איז פאַר־בונדן מיט געפאַרן, ווייל דער שטח איז אַרומגעשטעלט מיט א גע־דיכטער וואַנט מיט מיליציאַנטן און נ. ק. וו. דיסטן. אָבער די דאָ־זיקע שוועריקייטן עקזיסטירן בלויז פאַר געוויינלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס גייען אַקעגן דעם לייב אין פּיסק אַריין. פאַר מיר איז עס בלויז א פראַגע פון אַ מער קאָמפּליצירטן אומוועג. איך שלייך מיך אַדורך דורך אַ לאַסט־צוג, וואָס איז געשטאַנען אוועקגעשטעלט אויף שכנותדיקע שינעס, פון דאָרט בין איך אָפּגעלאָפן עטלעכע קילאָמע־טער לענג־אויס דער באַן־ליניע און דאַן — צוריק — מיט א זייַ־טיקן וועג אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין.

איך בין אַלזאָ אין קויבישעוו. פונדערווייטנס טורעמט זיך אַ גרויסע און אומבאַקאַנטע שטאָט. די מויערן זענען אויס פרעמד און קאַלט, אָבער איך לייג אויף זיי אַ סך האָפענונג, דערווייל אָבער בין

איך מוראַדיק אַדורכגעפרוירן און איך קאָן קוים צוזאַמענעמען די געדאַנקען.

איך דערפיל אַ ברעכעניש אין די ביינער און אַ טויטע, ממש ווייטיקלעכע מידקייט. באַלד ביים ברעג פון דער שטאָט געפינט זיך אַ באַניע — אַן עפנטלעכע באָד. איך גיי אַריין אינעווייניק און בעט ביים נאַכט־וועכטער, ער זאָל מיר דערלויבן איבערצוזיצן די נאַכט. ער איז אַ טיפּישער רוס מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע אויגן און דער עיקר — ער איז אַדורכגענומען מיט וואַרימער פּאַרע און מיט אַ נחתדיקער היץ, וואָס שלאָגט פון די אינעווייניקסטע ווענט. קוקט ער אויף מיר מיט רחמנות און ווייזט מיר אַ באַנק, אויף וועלכער כ'קאָן מיך נישט בלויז אַנידערזעצן, נאָר אַפילו אויסציען ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

וואַרימקייט! עס איז נישטאָ קיין וואָרט, מיט וואָס צו באַ־צייכענען דאָס דאָזיקע טייערע געפיל. איך ליג אויף דער באַנק און איך בין אינגאַנצן אַרומגענומען מיט דעם נחתדיקן וואָלקן פון פּאַרע. איך טוליע מיך צו דער פּאַרע, אַזוי ווי צו אַ מאַמען. און די פּאַרע איז אַזוי גוט און אַזוי מילד און לאָזט זיך מיט אַזאַ ווייַ־כער נאָכגיביקייט אַרומנעמען און צודריקן צו יעדן גליד פון קער־פּער. עס איז מיר אַפילו אַ שאָד איינצושלאָפן, כדי נישט צו פאַרלירן קיין שטיקל פון די דאָזיקע נחתדיקע מינוטן. אָבער די וואַרעמקייט לייגט אירע מילדע פינגער דווקא אויף די אויגן און מאַכט זיי צו מיט אַ ווייכן גלעט. איך שלאָף. און ווען דער רוס וועקט מיך, דאַכט זיך מיר, אַז כ'האָב נאָר וואָס צוגעמאַכט די אויגן.

אָבער אינדרויסן שטייט שוין אַ ליכטיקער, אַ העלער און אַ קאַלטער, ווינטערדיקער טאָג.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אַרויסגעגאַנגען אין דער שטאָט בין איך אַ דורכגענומענער פֿון דער נאַכטיקער וואַרימקייט. אין מה האָבן זיך מיר נאָך געקנוילט וואָלקנס מיט שלאָף, אָבער כ׳האָב מיך שנעל אויסגעטשוכניעט. קוויבישעוו איז אַ פּלאַץ, וווּ עס דאַרפֿן דעצידירט ווערן מיינע וויכטיקסטע ענינים, דאַרף מען דעריבער זיין וואַך און ניכטער.

איך שטעל אָפּ איין דורכגייער נאָכן אַנדערן און פֿרעג, וווּ עס געפֿינט זיך דער פּוילישער שטאַב, אָבער איינער נאָכן אַנדערן גיבן מיר דעם זעלבן ענטפֿער: „ניע זנאַיו“. די שטאָט איז גרויס און עס שטייט מיר פֿאָר אַרומצובלאָנדזשען לאַנגע קילאָמעטערס, אויב איך וועל נישט געפֿינען עמיצן, וואָס וועט מיר וויסן צו געבן דעם ריכטיקן אַדרעס.

צום גליק טרעף איך צוויי פּוילישע אָפֿיצירן. זיי ענטפֿערן מיר נישט גלייך. קודם כל פֿרעגן זיי מיך, צי איך בין פֿון אַ לאַגער און ווי אַזוי איך האָב מיך דאָ אַהערבאַקומען און וועמען איך האָב אַלץ באַגעגנט אויפֿן וועג. ווען איך זאָל אָנהויבן צו דערציילן די גאַנצע געשיכטע פֿון אלף ביז תיו, וואָלטן מיר אַזוי געדאַרפֿט אָפּשטיין אַ גאַנצן מעת לעת. מאַך איך עס בקיצור און איך בעט זיי דעם אַדרעס. זיי הייסן מיך נעמען אַ טראַמוויי, ווייל אַנדערש איז נאָך פֿאַראַן צו גיין אַ גוטע שעה.

דער שטאַב געפֿינט זיך אין אַ שיינעם, ווייס־געמויערטן בנין. אַזוי ווי אַלע אַנדערע סאָוויעטישע שטעט איז אויך קוויבישעוו אַ שטאָט, וואָס באַשטייט פֿון אַ גרויסע מענגע אַלטע, שמוציקע געמלעך מיט האַלב־צעפֿוילטע הייזער, און מיט עטלעכע פּרינציפּאַלע גאַסן, וווּ עס שטייען ריזעדיקע, פּיטש־נייע בלאָקן.

ביים אריינקומען אין פוילישן שטאב מוז מען זיך פריער אָנ־מעלדן. איך דערלאַנג מיין לאַגער־צעטל און זעץ מיך אוועק אויף אַ ווייכן פאָטעל אין וואַרטע־זאַל. עס געדויערט נישט קיין צען מינוט און מען רופט מיך אַריין.

דאָס צימער איז וווּנדערבאַר איינגעאָרדנט. די ווענט זענען באַקלעפּט מיט רייך־פאַרביקע טאַפּעטן, די פּאָדלאָגע איז אויסגע־לייגט מיט דיוואַנען און דאָס מעבל איז רייך און מאַסיוו. הינטער אַ ברייטע ביוּרקע, צוגעדעקט מיט אַ דיקן גלאָז, זיצט אַן עלטערער פּאָליאַק מיט אַ העפליך געזיכט. ער זאָגט מיר, אַז ער איז גענעראַל וויאָליקאָווסקי.

איך זאָג אים, ווער איך בין און נאָך וואָס איך בין געקומען. איך דערצייל אים אין אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין וועג — פון דער לעמבערגער תפיסה ביז קאַלימאַ. ער קוקט אויף מיר מיט מיטלייד און עס פינקלען אים טרערן אין די אויגן.

ער קלינגט אָן און הייסט דעם דינער אַריינברענגען אַ הייס גלאָז טיי מיט פאַרבייסעכץ.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך עס, שווייגט ער. ערשט שפּעטער הויבט ער מיך אָן אויסצופרעגן מיט אַ וואַקסנדיקער צו־דרינגלעכקייט. ווער נאָך איז געווען מיט מיר אין סטאַראָביעלסקאָ? ווער איז צוזאַמען מיט מיר פאַרשיקט געוואָרן קיין קאַלימאַ? איך דערציילט אים, וואָס כ'געדענק, און ער שלינגט די ווערטער מיט ביידע אויערן. איך בין ווייזט אויס דער ערשטער, וואָס קומט פון יענע מקומות. איך דערצייל אים, אָבער ער וויל נאָך און נאָך.

איך דערצייל אים וועגן גענעראַל זאַרוסקי ביים דאָזיקן נאָמען גיט ער אַ צאַפּל. ער דריקט אַ קנעפּל און עס קומט אַריין אַ הויבער שלאַנקער און ציוויל־געקליידעטער מאַן. ער שטעלט אים פאָר: דאָס איז הער זאַלעסקי. די טרערן, וואָס זענען פריער געווען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פונם גענעראַל'ס אויגן, הויבן איצט אָן אומפאַר־שעמט צו רינען איבער זיינע ביידע באַקן. ער פּרוּווט זיך אפילו נישט באַהערשן. ער שעמט זיך נישט פאַר מיר און נישט פאַרן אַנ־דערן אָנוועזנדיקן. ער וויינט ווי אַ קינד. ער איז אַן עלטערער מענטש, אַ גרויער און דאָס וויינען זיינס מאַכט אַ דער־שיטערלעכן איינדרוק.

ער פרעגט מיך נאָכאַמאָל, צי איך געדענק גענוי, וויפל מען האָט

אונז פארשיקט אויפן אינדזל קאַלימאַ. איך זאָג אים וועגן די צוויי שיפן, וועגן די געפּאַקטע קאַיוטעס, וואָס זענען געגאַנגען אַהינצו, און וועגן די האַלב־ליידיקע שיפן מיט די לעבן־געבליבענע — צוריק.

זאַלעסקי זאָגט דאָן צום גענעראַל, אַז מען מוז גלייך ארויס־שיקן עמיצן קיין וולאַדיוואָסטאָק און פארלאַנגען, מען זאָל ארויס־געבן די איבעריקע פארשיקטע פון אינדזל קאַלימאַ.

איך דערצייל אים דאָן, ווי אַזוי מען האָט מיך באַהאַנדלט אין בוזולוק. ווי אַזוי די פּוילישע מיליטערישע קאָמיסיע האָט פאַרמאַכט דעם איינטריט פאַר יידן צו די רייען פון דער פּוילישער ארמיי. זאַלעסקי זאָגט, אַז די קאָמיסיע זיצט שוין איצט נישט אין בוזולוק, נאָר אין לוגאַוואַיאַ. און אַז ער וועט מיר געבן אַ פּערזענלעכן בריוו, מען זאָל מיך דאָס מאָל באַהאַנדלען אַנדערש.

די צייט לויפט דערווייל. עס איז שוין מיטאָג־צייט. מען בעט מיך אריין אין אַ זייטיקן צימער, וווּ עס שטייט אַ געדעקטער טיש. איך באַקום גאָפּל־מעסער מיט אַ קלאָר־ווייסער סערוועטע. גאָפּל־מעסער! איך קוק דערויף ווי אויף מכשירים, מיט וועלכע כ׳האָב שוין כמעט פארגעסן, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן. איך עס מיט געאייל. איך וויל מיך איינהאַלטן, עסן קאָרעקט, אָבער דאָס שמעקעדיקע פלייש מיט די געווירצן מאַכן מיך ווי שכור און איך שלינג אַלץ ווי נאָך אַ טיפוס. אין עטלעכע אויגנבליקן שטייט דער טיש כמעט אָן אויסגעליידיקטער און איך זיץ אַביסל אַ פארשעמטער. וואָס וועט זאָגן דער גענעראַל? ער וועט שטוינען, ווען ער וועט זען, אַז אַזאַ סכום מיט שפּייז איז פארשוווּנדן געוואָרן אין עטלעכע רגע׳ס.

נאָכן אָפּעסן קום איך צוריק אריין אין קאַבינעט אריין. דער גענעראַל שמייכלט טאַקע, ער טראַכט אוודאי וועגן זעלבן, וואָס איך. ער גלעט מיך איבערן קאָפּ און פרעגט, וויפל טעג, איך האָב שוין נישט געגעסן צו דער זעט. טעג? איך זאָג אים, אַז מיין הונגער מעסט זיך נישט אין טעג, נאָר כמעט אין יאָרן. זינט מען האָט מיך ארעסטירט אין לעמבערג, בין איך נאָך קיין איין טאָג נישט געוועזן זאַט.

דער גענעראַל זאָגט מיר דאָן אַ זאַך, וואָס קלינגט פאַר מיר אויסטערליש. ער ראָט מיר, איך זאָל מיר ענדערן דעם נאָמען אויף אַ „ריין פּוילישן“, און ער רוקט מיר טאַקע גלייך אונטער אַ צעטעלע, אויף וועלכן עס שטייט אויפגעשריבן: עדמונד דזשעוויענצקי. אַזוי

זאָגט ער דאַרף איך פון איצט אָן הייסן. פאַרוואָס? איך פיל מיך צופיל נידערגעשלאָגן און נישט דרייסט, כדי אים צו פרעגן, אָבער ער פילט ארויס מיין פראגע און ער דרייט אַוועק די אויגן. ער דערלאַנגט מיר אויך א פאַרמאַכטן בריוו און זאָגט, אז דאָס איז פאַר דער מיליטערישער קאָמיסיע אין לוגאַוואַי. מען וועט מיר דאָרט — זאָגט ער — געבן צען טעג, — כ׳זאָל מיך אויסרוען און דער־מאָנען זיך אלע פּרטים פון מיין פארשיקונג. זאַלעסקי איז אויך אָנוועזנד ביי דעם געשפּרעך. ער זאָגט צו מיר, אז איך וועל וואַר־שיינלעך פריער זיין אין פוילן, ווי ער. ער בעט מיך איך זאָל איבער־געבן אַ גרוס פון דער פאַמיליע זיינער, וואָס געפינט זיך אין יאשיצע. דערביי הייסט ער מיך איבערגעבן א סימן: אז אויף איין האַנט טראָגט ער דריי רינגלעך אויף איין פינגער און איין רינגל אויף אַ צווייטן. דאָס איז וואַרשיינלעך אן אָפּגערעדטער שיפר, וואָס האָט פאַר זיי עפּעס אַ באַדייטונג, אָבער פאַר מיר קלינגט עס אויסטערליש.

פאַרן געזעגענען זיך באַקום איך אַ צעטל אין מאַגאַזין אריין. דאָרט גיט מען מיר ארויס אַ פּאָר שיך, 4 העמדער, 4 פּאָר שקאַר־פּעטן, אן אנצוג, אַ מאַנטל און אַ שאַל.

מיין ערשטער געדאַנק איז צו לויפן אין באָד אריין און אראָפּ־ווארפן פון זיך די פארקראָכענע שמאַטעס, וואָס האָבן מיר געדינט די לעצטע פּאָר חדשים פאר מלבושים. דער בעדער קויפט ביי מיר אָפּ די לייזיקע טראַנטעס.

נאָכן אָפּוואַשן זיך צי איך אויף מיר ארויף די בלאַנק נייע מלבושים. נישט קיין מלבושים זענען עס געווען — נאָר אַ נייע הויט. יעדעס שטיקל אָנטועכץ, איז געווען ווי מען וואָלט מיר ארײַנ־געגאָסן ניי בלוט אין די אָדערן, אזוי ווי איך וואָלט אויפסניי גע־בוירן געוואָרן. נאָכן איבערטוען זיך, גיי איך צו א פריזי־רער מיך אָפּשערן. נאָכן אָפּשערן — שטעל איך זיך אוועק אין שפּיגל.

עס נעמט מיך ארום א מאָדנע געפיל. ווער איז ער דער יונגער בחור, וואָס שטייט דאָרט אזוי ריין און ציכטיק אויסגעקליידט, אזוי ווי ער וואָלט געווען אַ נישט־באַריטער פון די פינגער פון דער גאַנצער איצטיקער מלחמה, פון די תפיסות, פון די לאַגערן, פון די וואָכן און חדשים באַן־וואָגלעניש? עפּים ווי א פארכשופטע האַנט וואָלט דאָס אַלץ פון מיר אַראָפּגענומען און וואָלט מיך אויס־

געשיילט פון די אַלע צרות און פּורעניות פון די פאַרגאַנגענע טעג. איך קנייפּ מיך, צי איך חלום נישט. אָט דאָס בין איך, יענער רײנער און כמעט עלעגאַנט־געקליידעטער מענטש אינם שפּיגל?

מיין ערשטע ארבעט איז — צו פאַרנייען דעם אַלטן דאָקו־מענט אינם נאָנט פון פּאַלטן. פאַר מיר איז דער אַלטער דאָקומענט מיט מיין אמתדיקן נאָמען טייערער ווי דער נייער און כ׳באַשלים מיך מיט אים נישט צו שיידן.

נאָכן געזעגענען זיך מיטן גענעראַל פאַרבלייבט מיר נאָך אַכט שעה צום צוג.

אין קויבישעוו זענען פאַראַן צוויי באַזאַרן, באַשלים איך דאָרט אריינצוגיין און צו באַזאָרגן זיך מיט צידה לדרך. דער עיקר מיט מאַכאָרקע. און עס ווייזט זיך ארויס אַ מערקווירדיקע זאַך. אַ גלאָז מיט טיטון, וואָס האָט אין טשעליאַבינסק געקאָסט 150 רובל און מען האָט עס באַקומען מיט גרויס שוועריקייטן, קאָסט דאָ נישט מער ווי 90 רובל און מען באַקומט עס, וויפל דאָס האַרץ גלוסט נאָר.

צוריקגייענדיק פון באַזאַר באַמערק איך פּלוצלונג אויף דער גאַס צוויי באַקאַנטע פּנימער. דער זכרון פאַרפירט מיך טאַקע נישט: אָט זענען זיי דאָך, די רוסישע אָפיצירן, וואָס האָבן אראָפּגעוואָרפן דעם יידישן אינוואַליד פון דער באַן אַראָפּ! אין דער שטאָט קומט גראָד פאָר אַן אָבלאַווע און מען לעגיטימירט די דורכגייער. איך לויף גלייך צו צו דער מיליץ און ווייז זיי אָן אויף די צוויי רוצחים: אָט די דאָזיקע צוויי אָפיצירן האָבן דערמאָרדעט אַ יידישן מלחמה־אינוואַליד.

די אָפיצירן לייקענען שטיין און ביין. דער מיליץ־אָנפירער לע־גיטימירט זיי און זאָגט מיר, אַז ער קען זיי גאָרנישט טוען. זיי פאָרן אויפן פראָנט און ער האָט נישט קיין רעכט זיי צו פאַר־האַלטן. איך פרעג אים, צי ס׳איז נישט פאַראַן קיין שטראָף אויף אַזעלכע אכזריותדיקע מערדער? צי קען מען וועגן דעם נישט מעלדן קיין העכערע אינסטאַנץ? דאָס רעדן מיינס איז אָבער אַ ברכה לבטלה. דער מיליץ־אָנפירער לאָזט פריי די צוויי פאַרברעכער און ער נעמט זיך גאָר קאָנטראָלירן מיינע דאָקומענטן. ער טוט מיר נאָך אַ טובה, וואָס ער גיט מיר צוריק די דאָקומענטן און זאָגט מיר, אַז איך בין פריי. דערווייל, אינמיטן פונם געטומל, זענען מיר די

צוויי רוסישע אָפיצירן פאַרשוווּנדן פון די אויגן. אַ פאַרביטערטער בין איך אַוועק צו דער באַן.

דאָס מאָל האָב איך אַ בילעט און איך האָב אַ „פּראָפּוסק" און אַלץ, וואָס איך דאַרף צו האָבן, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז דערמיט וועל איך מיך קאָנען אַריינבאַקומען אין וואַגאָן אַריין. די פּראַקטיק האָט מיך שוין אָבער אויסגעלערנט, וואָס צו טאָן אין אַזעלכע פאַלן. איך דערלאַנג דעם קאָנדוקטאָר אַ פּושקע מיט קאָנ־סערוון און ער לאָזט מיך אַריין נישט אין אַ פּראָסטן וואַגאָן אַריין, נאָר אין אַ וואַגאָן, באַשטימט פאַר אָפיצירן.

אין וואַגאָן איז פרייליך. איך באַקען מיך מיט די פאָרנדיקע אָפיצירן און מיר מאַכן אַ באַל. זיי נעמען אַרויס אַ פלעשל בראָנפן, ברויט, ציבעלעס מיט אייער און איך גיב צו צוויי פּושקעס מיט קאָנסערוון און מיר עסן אַ קעניגלעך מאָלצייט. מען בעט אויך אַריין צוויי מיידלעך פון אַ שכנותדיקער וואַגאָן־אָפּטיילונג און — כדי אַריינצוברענגען נאָך מער יום־טובדיקייט — צעטייל איך צווישן עולם ענגלישע ציגאַרעטן, אָבער גראָד די ענגלישע פּאַפּיראָסן האָבן דעם קלענסטן דערפאָלג. דער עולם האַלט, אַז די רוסישע מאַכאָרקע איז בעסער. די רוסן הויבן אָן צו זינגען פאַרשיידענע לידער און איינער באַגלייט אויף אַ גאַרמאָשקע. די פרייליכקייט געדויערט אָבער בלויז אַזוי לאַנג, ביז דאָס בראָנפן הויבט נישט אָן צו שלאָגן אין די קעפּ אַריין און זיי קומען אַרויס אויף דער געוויינלעכער טעמע פון יידן. עס הויבן אָן צו פאַלן באַקאַנטע רוסישע עפּיטעטן.

דאָס מאָל פיל איך מיך זיכערער ווי פריער. איך האָב אין קעשענע גוטע פּאַפּירן און כ'ציטער נישט פאַר קיין קאָנטראָלע. איך שטעל מיך אויף און זאָג זיי, אַז דאָס אַלץ, וואָס זיי רעדן אויס אויף יידן, איז שקר וכזב. אַז יידן געפינען זיך אויפן פראָנט אין גרעסערע פּראָפּאָרצן ווי אַנדערע פעלקער. אַז יידן גיבן אין דער איצטיקער מלחמה גרעסערע קרבנות, ווי וועלכע ס'איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

די רוסן האָבן נישט קעגן דעם קיין שום אַרגומענטן. זיי דאַרפן אָבער נישט קיין אַרגומענטן. זיי זאָגן קלאָר און אָפן, אַז זיי האָבן פיינט יידן אָן שום סיבות און פּאַרטיק. איך פרעג זיי פונוואַנען עס קומט צו זיי די דאָזיקע האַס? זיי זענען דאָך דערצויגן געוואָרן שוין נאָך דער רעוואָלוציע און אין גייסט, אַז אַלע מענטשן זענען

גלייך. און אויב אַלע מענטשן זענען טאַקע גלייך, טאָ פאַרוואָס זענען יידן אַן אויסנאַם? דערויף האָבן זיי אויכעט נישט קיין ענטפער. פאַרענדיקן זיין דעריבער מיט א זאַפטיקע רוסישע קללה און זעצן זיך אוועק שפּילן אין קאָרטן.

איך דערווייטער מיך פון זיי און כ'קוק ארויס דורכן פענסטער, ווי די באַן שלינגט ריזעדיקע סאָוויעטישע שטחים. איך פיל, ווי איי־בער יעדן פיצל פון דער דאָזיקער ערד ליגט אַ דיקע שיכט מיט יידן־האַס. פאַרוואָס? פאַר וועמן? אַזוי איז שוין וויזט אויס דער גורל אונזערער. קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, סאָציאַליסטישע גע־זעלשאַפט — דער טייוול איז אומעטום דער זעלבער, נישטאָ אין ערגעץ קיין מלאכים, אומעטום דער זעלבער שנאת־חנם, דער זעל־בער צאָרן און האַס.

אינם זעלבן ווינקל זיצן צוויי מיידלעך און קוקן שווייגנדיק אַרויס פונם פענסטער. זיי פרעגן מיך שטיל, אַז די אָפיצירן זאָלן נישט הערן, צי כ'בין נישט אַמאָל אַ ייד. דער אופן, ווי אַזוי כ'האָב פאַרטיידיקט די יידן, האָט זיי אריינגעגעבן דעם דאָזיקן חשד, כאָטש זיכער זענען זיי נישט, ווייל כ'האָב דאָך אַזאַ פּוילישן נאָמען. זיי זאָגן אויך, אַז זיי זענען צוויי יידישקעס, עוואַקואירטע פון דניעפּ־ראָפּעטראָווסק. זייער עשאַלאָן איז ביים ארויספאָרן באָמבארדירט געוואָרן און זיי האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן. אַ האַלב יאָר האָבן זיי געוווינט אין קויבישעוו און פון דאָרט האָט מען זיי איבערגעשיקט אין אַ קאָלכאָז. אין קאָלכאָז האָט געהערשט אַ הונגער און אַ חוץ דעם האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין צרות פונם פּרעסעדאַטיעל, וועלכער האָט פאַרלאַנגט פון זיי, פאַרן פּרייז פון בעסערע באַשפּיי־זונג, זיי זאָלן מיט אים לעבן. איצט פאָרן זיי אין אַ צווייטן קאָלכאָז אריין, קיין טשימקענט.

וועו דער צוג קומט אָן אויף דער סטאַציע אַריס, שטייגן מיר אַלע דריי אויס, ווייל דאָ דאַרפן מיר איבערשטייגן אויף אַ צוויי־טער באַן, וואָס קומט פון זשאַלאַבאַד—פרונזע. מיר נוצן אויס דעם צייט־איבעררייס צווישן בײדע צוגן און גייען אויפן באַזאַר, כדי איינצוקויפן אביסל פּראָוויאַנט. פאַר אַ העמד, וואָס כ'האָב פאַר־קויפט דאָרטן אַ הענדלער, האָב איך איינגעקויפט עטלעכע בייטלען מיט פּרוכטן. די מיידלעך זענען איבערגעשראָקן פאַר דעם לעבן, וואָס ס'שטייט זיי פאָר אין דעם נייעם קאָלכאָז, און ווען מיר

געפינען זיך צוריק אין צוג רעד איך זיי צו, זיי זאָלן נישט פּאָלגן די נאַפּראַוולעניע און איוך פֿאָרן מיט מיר, אפשר וועל איך קאָנען פאר זיי עפּיס אויפטוען נעבן דער ארמיי. איינע פון זיי איז שוין געגוויגט אפילו דאָס צו טוען, אָבער ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין טשימקענט, באַהערשט זיי ביידע עפּיס א מורא און זיי שטייגן אויס. כ׳האָב זיי מיטגעגעבן אביסל קאָנסערוון מיט פרוכטן און עס ווערט מיר אויסטערליש אומעטיק, ווען דער צוג רירט ווייטער און די צוויי מיידלעך פארבלייבן אויף דער סטאַציע און ווערן פארשווונדן.

דער צוג שניידט זיך איין טיפער אין קאַזאַכסטאַן, פּאָרט אדורך דזשאַמבול און פאַרהאַלט זיך ענדליך אויף מיין ציל־סטאַציע — אין לוגאַוואַיאַ.

איך שטייג אויס. באַלד ביים ארויסגיין פון דער סטאַציע, זעט מען, אז לוגאַוואַיאַ איז אַ קליינטשיק שטעטל, ענליך צו די הונדערטער שטעט, וואָס ליגן צעשיט איבער די אוימגעהויערע שטחים פון קאַזאַכסטאַן. נישט ווייט פון דער סטאַציע געפינט זיך די פּויליש, מיליטערישע קאַזאַרמע און ארום ראַיעט מיט מונדירטע זעלנער און מיט גרויסע מחנות יידן. אין גרעסטן טייל זענען דאָס יידישע באַפרייטע פון די לאַגערן און פון די פּאָסיאָלקעס. אויך זענען דאָ פאַראַן גרויסע מחנות יידישע פרויען, וואָס זענען אָנגעפאָרן פון גאַנץ רוסלאַנד האָפנדיק, אז זיי וועלן דאָ געפינען זייערע צוריקגעקערטע מענער פון די פאַרשידענע פאַרשיקונגען.

ארום און ארום — אזוי ווי אין סקוויטן־לאַגער — זענען פאַנאַנדערגעשטעלט פּאַלאַטקעס. אין איינער פון די האָלצערנע באַראַקן געפינט זיך די מיליטערישע קאָמיסיע. עס געדויערט נישט לאַנג און איך שטיי שוין אין דער קאַנצעלאַריע און דערלאַנג דאָרט דעם בריוו מיינעם פון גענעראַל וויעליקאָווסקי. מען נעמט ביי מיר צו דעם בריוו און מען שיקט מיך אריין אויף דער מעדיצינישער קאָמיסיע. הינטער אַ לאַנגן טיש זיצן אויסגעשטעלט פּוילישע מיליטערישע דאָקטוירים און עטלעכע נ.ק.וו.דיסטן...

איך מיין, אז דאָס מאָל גיי איך אויף אַ זיכערע בריק, אז דער בריוו מיינער, וועלכן כ׳האָב דאָ אַהערגעברענגט פון קויבישעוו, איז אן אייזערנער בריוו, וואָס קאָן אויפברעכן מויערן. אָבער עס ווייזט זיך ארויס, אז דער בריוו האָט אויף די פּאָליאַקן קיין שום

ווירקונג נישט. זיי באטראכטן מיך כלומרשט און גיבן ארויס א באלדיקן ענטפער: אפּוואַרפן!

די נ. ק. וו. ד.־אָפיצירן חידושן זיך. זיי קאָנען נישט תופס זיין, פארוואָס מען וואַרפט מיך אָפּ. איך זע דאָך אויס ווי א פולשטענדיק געזונטער מענטש. איך ענטפער זיי דערויף, אַז דאָ גייט נישט אין געזונטקייט, דאָ גייט נישט אין מיינס א קראַנק־הייט, נאָר אין זייערס. און די דאָזיקע קראַנקהייט — איז אַן אַלטע פּוילישע חולאת, מיט וועלכער עס איז נאָך געווען אָנגעשטעקט די פריערדיקע רעגירונג פון פרייען פּוילן — און דאָס דאָזיקע חולאת — איז יידן שנאה.

די פּאָליאַקן זענען אויפגעקאָכט פון מיין רעדן, אָבער גלייכ־צייטיק האָבן זיי אַביסל מורא. איינער פון די אָפיצירן וואַרט ביז איך וועל מיך צוריק אָנטאָן, דאַן גיט ער מיר צוריק די פּאַפּירן און ער זאָגט מיר, אַז עס טוט אים לייד, וואָס איך בין געקומען אַזאַ לאַנגע שטרעקע און איך זאָל אים זאָגן, וווּ איך האָב בדעה פונ־דאַנען צו פאָרן, וועט ער מיר געבן א בחנמדיקן מיליטערישן בילעט. איך זע שוין, אַז כ'וועל דאָ גאָרנישט אויפטאָן און א כעס נעמט מיך ארום אויף אַלע פּוילישע פּלאַצוווקעס, אויף דער ארמיי און אויף די אַנטיסעמיטישע אָנפירער. איך זאָג אים טרוקן, אַז איך וויל א בילעט קיין טשעלאַבינסק. עס געדויערט נישט קיין ווײַלע און ער רוקט מיר אריין א פּאַפּיר מיט א מיליטערישן באַן־בילעט. ער וויל מיך שוין זען אויף יענער זייט טיר. און איך וויל שוין אויך זיין וואָס ווייטער פון זייערע ד' אמות, ווייל עס שטיקט מיך א ווידערווילן און אַן עקל צו דער דאָזיקער ווילדער אַנטיסע־מיטישער פּראַקטיק.

דער צוג שטעלט זיך אין פרונזע. דאָס איז א קליין שטעטל ארומגענומען מיט א רינג בערג, וואָס דערגרייכן מיט זייערע קעפּ אין הימל אריין. די שפּיצן פון די בערג זענען באַדעקט מיט שניי און זעען אויס ווי וויס־פּראַסטיקע גיהנומ'ס. פון יענער זייט בערג געפינט זיך שוין כינע. עס איז גענוג ארויפצוזעצן זיך אויף א קעמל און אָפּפאָרן א צוויי וואָכן — און שוין געפינט מען זיך אויף יענער זייט גרעניץ. איך קוק אויף די בערג און טראַכט מיט איבערראַשונג, ווי ווייל ס'איז זיי, וואָס זיי שטייען מיט איין האַלבן פוס אין סאָוויעט־רוסלאַנד און מיטן אַנדערן אין אויסלאַנד.

די פּראָדוקטן אויפן פרונזער טאָלטשאָק זענען ביליקער ווי ערגיץ־אַנדערש, אָבער די מענטשן שלייכן אַרום איבער די גאַסן אַזוי ווי שאָטנס, בלאַסע און אויסגעהונגערטע. ווייזט אויס, אַז צו דער ביליקייט דאַרף מען אויך האָבן די פּאָר נויטיקע רובל. אַזוי איז עס שוין אין די סאָוויעטישע שטעט. דאָרטן, וווּ מען פאַר־דינט מער, קאָסטן די פּראָדוקטן פאַנטאַסטישע פּרייזן, און דאָרטן וווּ ס'איז ביליקער, פאַרדינט מען ווייניק.

פון פרונזע פאָר איך אָפּ קיין דזשאַמבול. דער באַן־בילעט קיין טשעליאַבינסק איז גילטיק צוויי חדשים, וואָס זשע איז די פּעולה אין יאָגן זיך? מיט וואָס איז דזשאַמבול ערגער ווי אַנדערע שטעט?

פון דער באַן־סטאַציע ביז אין דער שטאָט אַריין איז איבער צוויי קילאָמעטער. אויפן וועג קומט מיר אַנטקעגן אַ באַקאַנט גע־שטאַלט. אינסטינקטיוו וויל איך מיך צוריקציען, אָבער יענער האָט זיך שוין מיט מיר אויסגעגליכט און ער באַגריסט מיך גאָר האַר־ציק. עס איז קאָנסטאַנטינאָווסקי. עס איז אים שווער צו דערקענען. ער טראָגט שוין נישט קיין אויסגעעסטראָלצעוועטע מלבושים און אויפן פּנים האָט ער שוואַרצע שאָטנס מיט רינגען. ער גייט מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ און קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם בליק. ער פרעגט מיך, וואָס איך מאַך און ער באַוווּנדערט מיינע מלבושים. איך פרעג אים, וואָס עס הערט זיך ביי אים, און ווי עס גייען אים די „געשעפטן". ער פילט אַרויס די איראָניע, און ער ענטפערט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען, איז נישט געווען מער ווי מיס־פאַרשטייעניש. ער האָט נישט מער ווי געשפּאַסט און איך האָב אים שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט שוין — זאָגט ער — אַזאַ אויסטערלישן סאָרט הומאָר, און מענטשן פאַרשטייען אים שלעכט. ער האָט שוין צוליב זיינע וויצן געהאַט אַ סך צרות, אָבער ער קאָן זיך נישט העלפן, ווייל דאָס ליגט אים שוין אין בלוט.

ער דערציילט מיר בעת מעשה, אַז דאָ אין דזשאַמבול איז פאַראַן אַ יידישער אַדוואָקאַט פון ראָוונע, וועלכער הייסט שטראַס־בורג און ער האָט זיך געעפנט אַ ביוראָ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַרויסשיקן יידן קיין פּערסיע. איך שפּיץ אָן אַן אויער: שטראַס־בורג פון ראָוונע? נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז דער זעלבער, וואָס איז געווען מיט מיר אין לאַגער אין סטאַראָביעלסקאָ. איך פרעג

מיך נאָך, ווי אזוי ער זעט אויס, און די באַשרייבונג זיינע שטימט טאַקע, אָבער די גאַנצע מעשה פּאַרשטיי איך נישט.

וואָס הייסט, ער האָט זיך געעפנט אַ ביוראָ ארויסצופירן יידן קיין פּערסיע? די מעשה קלינגט ווי א וויץ. דאָ, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַן עמיגראַציע־ביוראָ? אָבער קאָנסטאַנטינאָווסקי זאָגט, אַז שטראַסבורג האָט נישט געאַרבעט אויף דער אייגענער האַנט, ער איז געווען אַ גרויסע פיגור אין פּוילישן קאָמיטעט, און דער ביוראָ זיינער האָט זיך געפונען אונטער דער אַפּוטרופּסת פון נ. ק. וו. ד. מען האָט געשמועסט, אַז די נ. ק. וו. ד. זאָל אים האָבן געגעבן צו זיין דיספּאָזיציע 40 וואַגאָנען און מען האָט אים צו־געזאָגט, אַז ער וועט קאָנען אוועקשיקן יידישע טראַנספּאָרטן קיין איראַן.

די מעשה קלינגט פאַנטאַסטיש — אָבער קאָנסטאַנטינאָווסקי זעט אויס צו זיין גענוי אינפאָרמירט. ער אַליין איז געווען יענעמס רעכטע האַנט! ער דערציילט, אַז שטראַסבורג איז במשך פון יענע פּאָר וואָכן געוואָרן אַ גרויסער גביר, מענטשן האָבן אים געצאָלט ריזעדיקע סומעס, כדי אַרויפצובאַקומען זיך אויף דער גליקליכער ליסטע. דער עיקר האָבן אים געצאָלט עוואַקואירטע ליטווישע און רוסישע בירגער, וועמען ער האָט דערליידיקט פּאַפּירן, אַז זיי זענען פון לאַגערס אָדער פּאָסיאָלקעס. עס זענען אפילו געווען פאַלן פון זעלבסטמאָרדן. מענטשן האָבן זיך שוין געגומען דאָס לעבן, פּאַרוואָס מען נעמט זיי נישט אַרויף אויף דער רשימה.

דער סוף איז געווען, אַז די נ. ק. וו. ד. האָט טאַקע אוועקגע־שטעלט אַ צוג מיט 40 וואַגאָנען, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגערעדט און שטראַסבורג מיט קאָנסטאַנטינאָווסקין האָבן זיך אריינגעזעצט דאָרט צוזאַמען מיט די אַלע זיינע גליקליכע אַפּליקאַנטן. אָבער אינ־מיטן פאָרן האָט דער עולם זיך ארומגעזען, אַז מען פירט זיי אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ווען דער צוג האָט שוין בפירוש גענומען אדורכפאָרן סטאַציעס אויף מערב אנשטאָט אויף מזרח, האָט דער עולם גענומען שפּרינגען פון די וואַגאָנען. ער, קאָנסטאַנטינאָווסקי צוזאַמען מיט שטראַסבורגן, זענען ארויסגעשפּרונגען אין דזשאַמ־בול און דעם דאָזיקן פאַקט פאַרדאַנק איך טאַקע דאָס באַגעגעניש מיט קאָנסטאַנטינאָווסקין.

אזוי שמועסנדיק פירט ער מיך צו צו אַ הייזל, וווּ עס וווינט

א גרופּע פון פּליטים, וואָס זענען געשפּרונגען פון דעם משונהדיקן צוג. עס ווײַנט דאָ אַ פֿאַרפֿאָלק פון לעטלאַנד, אַ ראָוונער ייִד, ברוך פּאַרבער און אַ לאָדזשער ייִד, לעאָן זאַלצבערג, וועלכער געפֿינט זיך גראָד אין שפּיטאָל אויף אַ טיפוס.

איך באַשליס דאָ דערווײַל צו בלײַבן און מען גיט מיר דאָס אָרט פון זאַלצבערגן. דאָס צימערל איז קליין, ס'האָט אַ לייִמיקע פּאָדלאָגע און אַ פּיטשעדיק פענסטערל. קיין קיך איז אינגאַנצן נישטאָ, מען קאָכט אינדרויסן אויף צוויי ציגל. אויך קיין מעבל איז נישטאָ. מען שלאָפט פּשוט אויף דר'ערד און פאַר אַ טיש נוצט מען אַ פּאָר צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער אויף הינקעדיקע פיס.

דער שכן מײַנער פּאַרבער האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט פערד, שטייט ער נעבן מיר גאַנצע שעה'ן און דערציילט מיר טויזנטער מעשיות וועגן פערד: אַראַבישע פערד, בעלגישע פערד, קאַשטאַן־פערד, געיעג־פערד. מען הערט פון אים נישט קיין איין וואָרט אחוץ וועגן פערדישע גזשיוועס און פּאָדקאָוועס. ער האָט ווײַזט אויס זייער שטאַרק ליב דאָס פאַך זײַנס, אָבער דאָ האָט מען אים אָפּגע־ריסן פון זײַנע געליבטע פערד און ער איז געצוווּנגען צו האַנדלען מיט מאַכאָרקע. ער צאָלט דאָ דריי רובל פאַר אַ גלאָז מאַכאָרקע און ער פּירט עס אַוועק קיין טשקאַלאָוו, וווּ מען נעמט דערפאַר פּופּציק.

פאַרנאַכט קומט צוגאַסט שטראַסבורג. ער איז טאַקע דער זעל־בער שטראַסבורג, פון סטאַראָביעלסקאַ. מיר דערקענען זיך באַלד. ער איז גוט געקליידעט און זעט אויס גוט אָנגעגעסן, אָבער ער איז נידערגעשלאָגן. ווײַזט אויס, אַז די מעשה מיטן צוג קיין פּערסיע האָט זיך אים טיף אײַנגעקריצט אין זכרון און ער וועט שוין נישט דרייען אַזאַ וויאַדרע, ווי פריער.

ער דערציילט מיר זײַנע ניסים, ווי אַזוי ער איז דאָ אַהער מגולגל געוואָרן, פון סטאַראָביעלסקאַ האָט מען אים פאַרשיקט קיין אַרכאַנגעלסק און דאָרטן איז ער נאָכן שיקאָרסקי־אָפּמאַך, באַפרייט געוואָרן. ער וויל מיר אויך נעמען דערציילן וועגן דער מעשה מיט די „40 וואַגאָנען קיין איראַן", אָבער כ'זאָג אים, אַז דאָס ווייס איך שוין און ער לאָזט אַראָפּ אַ פאַרשעמטער דעם קאָפּ.

דעם זעלבן טאָג קומט אויך צוריק פון שפּיטאָל דער דריטער אײַנוווינער פונם צימערל — זאַלצבערג. ער איז אַ לאָדזשער ייִד, אַ געוועזענער שטריקער־פאַבריקאַנט און ער לעבט נאָך אַלץ מיט

די אמאָליקע השגות. ער רעדט וועגן לאָדזש, אַזוי ווי דאָרט וואָלט נאָך אַלץ געווען, אַזוי ווי פריער און אַזוי ווי ער וואָלט פון דאָרט בלויז אוועקגעפאָרן אויף אַן אָפּרו און וועט זיך דאָרטן מאָרגן אומ־קערן און געפונען אַלץ ווי געווען. ער איז שוואַך פונם טיפוס און דער עיקר — ער ווייסט נישט, וואָס מען טוט איצט, צו וואָס מען נעמט זיך. איך דערצייל אים וועגן די סיבירישע שטעט, וועגן די פאַרשידענע הילפס־קאָמיטעטן און פוילישע פּלאַצוווקעס און דאָס באַרואיקט אים אַביסל. אין ערגסטן פאַל קאָן ער דאָרטן אוועק־פאָרן און לעבן — ווי לאַנג ער איז נישט בכח צו קיין אַנדערער אַרבעט — אויף קהל׳ס חשבון.

דעם זעלבן אָוונט פירט ער מיך צוגאַסט צו זיינס אַ באַקאַנטע פרוי, אַ מיטליעריקע „ביעזשענקע" פון די „באַפּרייטע" געביטן, וועלכע וווינט דאָ, אין אַ טרויעריק קליין צימערל צוזאַמען מיט אירס אַ שוועסטער. איך קוק מיך אַרום איבערן צימער און טראַכט מיר, פאַרוואָס עס איז דאָ מער טרויעריק ווי ערגיץ אַנדערש און איך שטעל פעסט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז אויסער־געוויינלעך זויבער. עס זעען זיך דאָ אַרויס די באַמיאונגען פון אַ באַלעבאָסטע, וועלכע וויל נישט אַריינלאָזן צווישן די פיר ווענט דאָס אומגליק פון די אַרומיקע באַדינגונגען. עס זענען דאָרט גע־שטאַנען צוויי בעטן מיט בלאַנקעדיק־זויבערע ליילעכער.

די פרוי הייסט מירע. זי איז פון ראַוונע. זי האָט דאָרטן אי־בערגעלאָזט אַ מאַן מיט צוויי קינדער, וועלכע זי באַוויינט טאָג און נאַכט. איר יונגערער זון איז סך הכל אַלט געווען ניין יאָר ביים צושיידן זיך, אָבער שוין ביים דאָזיקן יונגן עלטער האָט ער אַרויס־געוויזן אומגעוויינלעכע פעאיקייטן אַלס פידלער. די גרעסטע פּוי־לישע מוזיקער האָבן אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. זי האָט זיך דאָ געטראָפן מיט אירס אַ שוועסטער, וועלכע איז אַ רוסישע בירגערין און זי איז איר לחלוטין פרעמד טראָץ דער דאָזיקער נאָענטער קרובהשאַפט. דערפאַר האָט זי זיך זייער צוגע־בונדן צו אירס אַ פּלימעניצע פון פוילן, אַ געוועזענע סטודענטין פון לעמבערגער אוניווערסיטעט. זיי האָבן זיך דאָ געטראָפן אויף זייער נע־ונד־וועג אין רוסלאַנד און איצט לעבן זיי ווי אַ מאַמע מיט טאָכ־טער. די פּלימעניצע געפינט זיך איצט נישט אין שטוב, זי איז אוועק אין שטאָט אריין וועגן אַרבעט און טראָץ, דער שפּעטער שעה איז

זי נאָך נישט צוריקגעקומען. איך הייב אָן צו ווערן נייגעריק, ווייל א חוץ אירע אַנדערע מעלות, וואָס די מומע רעכנט אויס, זאָגט זי נאָך, אַז זי איז וווּנדערבאַר שיין. בלייבן מיר דעריבער לענגער און וואַרטן, ביז זי וועט צוריקקומען.

און וואָס זאָל איך באַהאַלטן — עס האָט זיך טאַקע אַרויס־געוויזן, אַז עס האָט געלוינט דאָס וואַרטן. ווען די פּלימעניצע האָט זיך אומגעקערט, איז ממש ליכטיק געוואָרן אין שטוב. זי איז נישט בלויז געווען אַ ווונדערבאַרע שיינקייט, זי האָט אויך געהאַט מערק־ווירדיקע אויגן. אויגן, וואָס האָבן געטריפט מיט וואַרימקייט, מיט הברשאַפט און מיט שוין לגמרי נ י ש ט קיין ווייבערישער חכמה. פון איר גאַנץ געשטאַלט האָט אַרויסגעשטראַלט אַן ערנסטקייט און אַ גוטסקייט. איבער אַלעם האָט די באַנעמונג אירע אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך האָב מיך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן, ווי אַזוי איז מעגלעך אַדורכצולעבן אַזוי פיל שטורעמס און אַזוי פיל צרות און נישט פאַרלירן די איידעלע באַנעמונג און די פיינע, מענטשלעכע אויפפירונג.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז חיים קאָנסטאַנטינאָווסקי איז מירען גוט געווען באַקאַנט. נאָך אין ראָוונע האָט זי געהערט פון אים און פון זיינע שיינע מעשים. ער איז געווען אַ מסור און האָט געאַרבעט אין דער געהיים־פּאָליציי. צוליב אים איז נישט איין קאָ־מוניסט אַרעסטירט געוואָרן, און איר ברודער, דער באַקאַנטער ראַטמאַן פון ראָוונער מאַגיסטראַט מיטיע שניידער איז צוליב זיינס אַ מסירה פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוועלף יאָר תפיסה. שניידער האָט דעם דאָזיקן אורטייל נישט געקאָנט פאַרטראָגן און איז אין קורצן געשטאָרבן. הייסט עס, אַז קאָנסטאַנטינאָווסקי האָט אויפן געוויסן נישט בלויז קיין אַרעסטירטע און באַגנבעטע, נאָר אויך אַ מענטש־לעך לעבן.

ווען זי האָט אים דאָ דערזען צום ערשטן מאָל — האָט זי ספּאַז־מירט. מענטשן האָבן איר צוגערעדט, אַז זי זאָל דעם מערדער פון איר ברודער איבערליפערן אין די הענט פון דער רוסישער מיליץ. אָבער זי האָט דאָס נישט געוואָלט. מסירה — דאָס איז אַ פּראָ־פעסיע פאַר קאָנסטאַנטינאָווסקין. זאָל ער פאַלן אויף אַנדערע הענט. איר ברודער וועט שוין סיי ווי פונעם קבר נישט אויפשטיין.

פאַניע, — אַזוי הייסט די פּלימעניצע — דערציילט מיר, ווי

אזוי זי איז דאָ אַהער פאַרוואַלגערט געוואָרן. יעדער פון די מענטשן, וואָס געפינט זיך אויף דער דאָזיקער ערד, איז אַ גייענדיק שטיק אויסטערלישע געשיכטע. זי האָט שטודירט אין לעמבערג. אָבער אַ געוויסן טאָג האָט מען אַ גרויסע צאָל סטודענטן אַוועקגעשיקט הינטער די הרי חושך. מען האָט זיי חושד געווען אין ציוניזם — אָבער צווישן די דאָזיקע כלומרשטע ציוניסטן זענען אויך געווען פיל קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער — אַ סך פון די אַרעסטירטע זענען געשטאָרבן אויף פאַרשיקונג, צווישן זיי — איר נאָענטער חבר. זי האָט זיך עוואַקואירט, אַדורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום און איז ענדליך מיט אַ ביסל גערעטעוועטע זאַכן מגולגל געוואָרן קיין טשימ־קענט. אָבער אין טשימקענט האָט מען איר צוגענומען אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט. מען האָט איר באַגנבעט ביז צום לעצטן פאָדעם. נאָך אַ גליק, וואָס זי האָט באַגעגנט איר מומע, זי האָט ביי איר נישט בלויז געפונען אַביסל מאַטעריעלע סטאַבילקייט, נאָר קודם כל — דאָס וואָס זי האָט אַממייסטן געדאַרפט האָבן — אַ שמץ פון איר פאַרלוירענער פאַמיליע. איצט לעבן זיי צוזאַמען און עס איז גוט. אַזוי גוט, ווי עס קאָן נאָר זיין אין די דאָזיקע אומשטענדן.

אַוועקגייענדיק פון דאָזיקן צימערל דערמאָן איך מיך פּלוצלונג, אַז עס איז היינט געוואָרן אַ יאָר, ווי כ'בין באַפרייט געוואָרן פון קאָלימאַ. גאַנצע צוועלף חדשים איז די היים מיינע — די סאָוויע־טישע באַנען. איך קען שוין פון אויסנווייניק אַלע ליניעס, אַלע סאָרטן לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען. איך קען די סיבירער און צענ־טראַל־אַזיאַטישע באַן־ליניעס גענויער און גרינטלעכער ווי אַ פּראָ־פעסיאָנעלער באַן־אַרבעטער.

אויפן וועג אַהיים פיל איך אַ פּלוצלונגדיקע נאָגנדיקע וואַ־רעמקייט. פון אָנהויב איז עס אַ נישט־קלאָר געפיל, בלויז דער שאָטן פון אַ געפיל, אָבער באַלד שיילט זיך דערפון אַרויס דאָס געשטאַלט פון דער פּלימעניצע. איך פאַרגלייך זי אין אָנהויב מיט עווא'ן — אָבער עוואָס געזיכט איז שוין פאַרבלאַסט געוואָרן. איך קען שוין איר בילד קוים אַרויסרופן. אַ ווײַלע טראַכט איך נאָך וועגן די צוויי שוועסטערן, וועלכע כ'האָב באַגעגנט אויפן וועג צום קאָלכאָז, אָבער אויך יענץ בילד שווימט אַוועק, אַזוי ווי עס וואָלט געבליבן שוין אויף אייביק אויף דער באַן־סטאַציע, אויף וועלכער איך האָב זיי געזען צום לעצטן מאָל.

איך פּרווו רעדן מיט זאַלצבערגן וועגן דעם מיידל. ער זעט, אַז זי איז מיר שטאַרק אַריינגעפאַלן אין אויג אריין און ער רעדט מיך צו, איך זאָל מיך מיט איר אָפּטער טרעפן, אפשר וועט עפּעס זיין דערפון. ער גיט אויך צו, אַז עס האָט זיך מיט איר לעצטנס אינטערעסירט אַ יונגער קראָקעווער דאָקטאָר, אָבער ער איז איר נישט געפעלן געוואָרן.

דאָס נעמט שוין ביי מיר מיר אינגאַנצן אָפּ דעם מוט. אויב זי האָט נישט געוואָלט קיין דאָקטאָר פון קראָקע, טאָ פאַרוואָסזשע זאָל זי עפּעס וועלן אַ פּשוט יינגל פון וויעזשבניק. איך פיל, אַז די שאַנסן מיינע זענען וואָס אַמאָל קלענערע, מען זעט זיי כמעט נישט אַרוים. אָבער זאַלצבערג גיט מיר צו מוט. איך בין טאַקע נישט — זאָגט ער — קיין קראָקעווער דאָקטאָר, — אָבער דערפאַר בין איך אַ יונגער און ענערגישער און זיכער בין איך שענער ווי יענער גאַליציאַנער. די רייד זיינע טרייסטן מיך אביסל, אָבער איך קאָן פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן, אַז מיין קאָנקורענט איז א דאָקטאָר און אַז אפילו יענעם גייט עס אויך נישט אזוי לייכט צו געפינען חן אין אירע אויגן.

צומאָרגנס זענען מיר ווידער געגאַנגען צו מירען. נאָך פאַרן אַריינגיין אין דער קיביטקע אַריין, דערהערן מיר פון אינעווייניק אַ לאַכן. ווייזט אוים, אַז עס זענען דאָ אינעווייניק געסט. עס גיט מיר עפּעס אַ טיאָקע אין האַרץ: עס זאָל אַמאָל נישט זיין דער דאָקטאָר! און גלייך נאָכן אַריינקומען דערזעען מיר ביים טיש מירען, די פּלימעניצע אירע און אַ יונגערמאַן, וועלכער ווייזט זיך טאַקע אַרוים פאַרן דאָקטאָר מינץ. הייסט עס, אַז איך טרעף מיך איצט אויג־אויף־אויג מיט מיין קאָנקורענט.

איך באַטראַכט אים אַביסל נענטער. ער זיצט מיט מירען און שפּילט מיט איר אין קאָרטן, אין אַ ראַמי. דאָס מיידל זיצט אין אַ זייט און לייענט אַ ביכל. די דאָזיקע סיטואַציע באַרואיקט מיך אַ ביסל. הייסט עס, אַז זי געפינט מער פאַרגעניגן אין לייענען אַ בוך, ווי אין אונטערהאַלטן זיך מיט דעם גאַליציאַנער. קיין גרויסע טרייסט איז עס נישט — ווייל דאָס, וואָס זי האָט אַ קליינעם אינ־טערעס פאַרן קראָקעווער, הייסט נישט, אַז זי וועט האָבן מער אינ־טערעס פאַר מיר, אָבער אַז מען זוכט אַ טרייסט, געפינט מען אים אפילו אין אַזאַ כזית.

ביי אונזער אריינקומען האָט פאַניע אוועקגעלייגט דאָס בוך און מיר האָבן גענומען שמועסן פון פאַרשידענע זאַכן. דאָס איז פאַר מיר ווידער געווען אַ סיבה פון אַ קליינעם נצחון. איך האָב ביי מיר אין קאָפּ אָנגעהויבן צו רעזאָנירן אַזוי ווי אַ דעטעקטיוו: הייסט עס, אַז ביים דאָקטאָר האָט זי נ י ש ט אַוועקגעלייגט דאָס בוך און ביי מיר יאָ... אין אַזעלכע מאָמענטן כאַפּט מען זיך אַפילו אָן אָן די סאַמע נישט־געשטויגענע סימנים, און ביי מיר האָבן די דאָזיקע סימנים אויסגעזען מי יודע ווי וויכטיק.

מיר זענען געזעסן אין דער קיביטקע, איינגעוויקלטע אין דער וואַרימער ליכט פון אַ נאַפט־לעמפּל. עס איז געווען דאָ לייכטער אויפן האַרץ, אין דאָזיקן קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטיבל, אין צענטראַל־אַזיע. די שעה'ן האָבן זיך גערוקט. עס איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט. עס איז שוין געווען די העכסטע צייט אַוועקצוגיין, אָבער עס האָט זיך געוואָלט נאָך אַביסל געניסן פון דער דאָזיקער וואַרימקייט. סוף כל סוף האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט זיך געזעגענען, אָבער דעמאָלט האָט די באַלעבאָסטע אונז דערקלערט, אַז זי וועט אונז נישט דערלויבן אַזוי שפּעט צו גיין איבער די דזשאַמבולער גאַסן. ערשט נעכטן ביינאַכט איז מען אין דער דאָזיקער געגנט באַפאַלן אַ שכן און מען האָט פון אים אַראָפּגעצויגן די מלבושים.

עס פאַרבלייבט, אַז מיר נעכטיקן אין אַ ווינקל פונם צימער און באַלד אינדערפרי איז מירע אַרויס אין שטאָט אַריין שאַפן פאַר אונז עפּעס אַ לייטישע שטוב אין דער זעלבער געגנט.

און זי ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ גרויסע בריה. סך הכל מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער קערט זי זיך אום מיט דער בשורה, אַז זי האָט באַקומען אַן אויסערגעוויינלעכע מציאה: אַ צימער מיט אַן אַמתדיקער פּאָדלאָגע און דער עיקר — מיט אַ גרויסע לאָמפּ, וואָס דאָס איז נאָך אפשר וויכטיקער ווי די פּאָדלאָגע אַליין.

די אייגנטימערין פונם צימער איז געווען אַ קריסטין. דער מאַן אירער — אַזוי ווי אַזוי פיל מיליאָנען אַנדערע — האָט זיך געפונען אויפן פראָנט. זי אַליין איז דאָ אַהער פאַרשיקט געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק אַלס אַ „קולאַק". זי איז נאָך געווען דאַן אַ יונג מיידל, און געליטן האָט זי פאַרן חטא פון אירע עלטערן. עס איז געווען די צייט פון קאָלעקטיוויזאַציע. עלף מיליאָן פּויערים האָבן דעמאָלט באַצאָלט מיטן לעבן. אירע עלטערן האָבן נאָך געהערט צו די גליקלעכע, וועלכע מען האָט בלויז „ליקווידירט אַלס קלאַס" און

פאַרשיקט דאָ, קיין צענטראַל־אַזיע. דאָ האָט זי שפּעטער געהייראַט און דאָס הייזל אין וועלכן זי וווינט, האָבן זיי בײדע אויפגעבויט מיט זייערע אייגענע הענט. הינטערן הייזל געפינט זיך אויך אַ גרוי־סער גאָרטן — דאָס האָט איר די פריערישע פאַרגאַנגענהייט גע־לערנט אויסנוצן יעדן שפּאַן ערד און זי האָט געפלאַנצט כלערליי גרינסן און קאַרטאָפל. זי האָט אויך געהאַט אַ קו, אָבער מיט דער קו האָט זי געהאַט די גרעסטע צרות, ווייל עס איז איר אָנגעקומען מיט גרינע ווערים צו שאַפן דאָס עסן. אַ חוץ דעם גאָרטן מיט דער קו האָט זי אויך דריי קינדער. איך דערמאָן די קינדער צום לעצטן — לויט דער וויכטיקייט. אויך זי האָט ביים פאָרשטעלן זיך אויס־גערעכנט איר פאַרמעגן לויט דער דאָזיקער ריי.

זי האָרעוועט שווער און ביטער, אליין באַאַרבעט זי דעם גאָרטן, וו זי האָט שוועריקייטן מיט באַוואַסערונג. די קינדער האַלט זי ריין און ציכטיק און אויך דאָס הייזל בלאַנקט פון זויבערקייט. אַלע שכנים, וואָס וווינען אין אַרומיקע הייזלעך, זענען געווען אַמאָל פאַרשיקטע, איצט אָבער זענען זיי פרייע און פולשטענדיק־באַרעכ־טיקטע בירגער. אַ גרויסער טייל איינוווינער אַרבעט אין דער צוקער־פאַבריק און אין אַ בראָנפן־זאַוואָד.

די שטאָט איז זייער מאָלעריש. זי איז אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג, באַדעקט מיט אייביקן שניי. דער שניי ליגט אַזוי ווי זילבערנע קאַפּעלעך אויף די שפּיצן פון די גרינע מיט וועלדער באַוואַקסענע בערג־קייטן. פון דער דאָזיקער גרינקייט פליסט אַראָפּ אויף דער שטאָט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט. אָבער צוזאַמען מיט דער וואַרימקייט פליסן אויך פרילינג־צייט אַראָפּ שטראָמען מיט וואַסער פון צעשמאָלצענעם שניי און דעמאָלט ליגט די גאַנצע שטאָט צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן שיכט מיט בלאָטע. עס איז דעמאָלט ממש שווער אַרויסצושלעפּן אַ פוס.

מיר זענען אומגעהויער צופרידן מיטן צימער. עס איז ווי אַן איזאָלירט ריין און געמיטלעך אינדזל אין דער גאַנצער חושכדיקער סביבה. איך בין דאַנקבאַר מירען, וואָס זי האָט אונז געשאַפן אַזאַ גאָלדענע וווינונג און אויך דערפאַר, וואָס זי האָט אונז צוגע־באָרגט אַביסל געלט. איך בין אַרויס אויפן מאַרק און האָב פאַר מירען, מיט דער פלימעניצע אירער, איינגעקויפט אַ גאַנצן זאַק מיט זאַכן ביי פוילישע „ביעזשענצעס”. פאַניע האָט זיך אָפּגעזאָגט

אָנצונעמען די מתנות, אָבער איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט מיר צוריקצאָלן נאָכן סוף פון דער מלחמה. איך וויל איר דערמיט אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט איבערהויפּט פאַר דעם, וואָס זי האָט פאַר מיר אויפגעדעקט דעם אמתדיקן פּרצוף פון קאָנסטאַנטינאָווסקין.

אָבער הינטער דעם דאָזיקן געפיל פון דאַנקבאַרקייט ליגט עפּעס מער. איך האָב נישט קיין דרייסטקייט אפילו פאַר מיר אליין צו פאָרמולירן דאָס געפיל, עס איז אַ געפיל, איינגעוויקלט אין האָפענונג. אפשר וועל איך פאָרט האָבן מער גליק ווי יענער גאַ־ליציאַנער דאָקטאָר?... אָבער רעדן וועגן דעם אָפן — האָב איך נישט קיין קוראַזש. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען לאָזן אַליין אַנט־וויקלען זיך און רייף ווערן. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון אַ סך געדולד און אויסדויער, אָבער אין קאָן שטייט אַ צו טייערע זאַך, איך זאָל מיך אָפּזאָגן אפילו פון אַ לאַנג־דויערנדיקן געדולד.

מיר שמועסן מיט זיך וואָס אָמאָל אינטימער. זי דערציילט מיר וועגן דעם דאָקטאָר מינץ. ער איז אַ צעבראָכענער מענטש, די מלחמה מיט די סאָוועטישע באַדינגונגען האָבן אים אינגאַנצן אַרויסגעשאָקלט פון די האַלאַבלעס. ער איז געווען אַ געבילדעטער און פעאיקער מאַן, איצט איז ער נישט מער ווי אַ חורבה. זיין אינ־טעליגענץ און דערציאונג האָבן אים נישט געשיצט קעגן די גע־פאַרן פון אויסנווייניק. פאַרקערט, דווקא זיין איינגעבוירענע איידל־קייט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטע שוץ־וואַנט פאַר די אַרומיקע שטורעמס.

איך דערצייל איר וועגן עווא, וועגן מיין ערשטער ליבע און וועגן דער לעצטער באַגעגעניש. פאַניע שמייכלט. זי זאָגט, אַז די וועלט ענדיקט זיך נישט מיט איין איבערלעבעניש און מיט איין אַנטוישונג. איבער דער ערשטער איבערלעבעניש ליגט געוויינלעך דער הויך פון פרישקייט און פון אַ קינדערישער נאַיוויטעט, אָבער זי גלייבט נישט, אַז אין מיין געפילט צו עוואַן זאָל טאַקע האָבן גע־לעגן דאָס גאַנצע פייער פון אַן ערשטער ליבע, אַנישט וואָלט דער צווייטער, טרויעריקער צוזאַמענטרעף נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין אַש פון אַנטוישונג. אַן אמתדיקע ליבע איז טיפער, ווי אַ יינגליש און האַלב־באַוווסטזיניק געפיל. איך וועל נאָך מסתמא נישט איינמאָל געשטרויכלט ווערן און נישט איינמאָל וועט מיר דאָס לעבן

אונטערטראָגן אַזעלכע אַנטוישונגען. אָבער ווען דאָס אַמתדיקע גע־
פיל וועט קומען, דעמאָלט וועט נישט זיין קיין צייט אויף זעלבסט־
אַנאַליזעס און ניכטערע באַטראַכטונגען. דאָס אמתדיקע געפיל איז
דאָס, וואָס רעגירט מיט אונז און נישט מיט וועלכן מיר רעגירן.

איך באַהאַלט פאַר איר נישט אויס, מיינע איבערלעבונגען מיט
קאָנסטאַנטינאָווסקין און זיין פאָרשלאַג, איך זאָל ווערן אַ געהילף
צו זיין גנבישער פּראָפעסיע. זי איז אויפגעטרייסלט פון די דאָזיקע
ווערטער. זי האָט אַליין דאָ ערגעץ אַ יונגערן ברודער, וועלכער איז
פאַרוואָרפן איבער די ריזעדיקע רוסישע שטחים און זי קאָן נישט
אָנטרעפן אויף זיין שפּור, ווער ווייסט, צי ער האָט אַמאָל אויך
נישט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ קאָנסטאַנטינאָווסקי?

זי זיצט אַ טרויעריקע. די כוואַליעס פון די אַרומיקע צעשטור־
עמטע וואַסערן דערגרייכן קוים צו אירע השגות. זי איז אַן ערליכע
און נישט־קאָמפּליצירטע. זי פאַרשטייט זיך קוים אויף די טויזנ־
טער מאַכינאַציעס, אין וועלכע ס'איז פאַרפּלאָנטערט דאָס גאַנצע
רוסישע פאָלק צוזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער פּליטים. זי
אידעאַליזירט דאָס לעבן. זי וואָלט אַלץ געוואָלט זען אין ליכטיקע
פאַרבן. אין יעדן מענטש דערזעט זי בלויז דאָס גוטע, איר אויג
גרייכט פּשוט נישט צו די טיפערע שיכטן פון הינטער־כוונות, מיט
וועלכער יעדער מענטש איז אויסגעשטאַט ווי מיט אַ צווייטער פּער־
זענלעכקייט. זי איז גוט און פּשוט און אויפריכטיק, דעריבער זעט זי
בלויז דאָס גוטע, דאָס פּשוטע און דאָס אויפריכטיקע.

איך קוק אויף איר מיט באַוווּנדערונג, וואָס גרעניצט ממש
מיט קולט. צו האָבן נעבן זיך אַזאַ ריינעם און אומבאַפלעקטן מענטש
איז נישט בלויז אַ פאַרגעניגן, עס איז אויך ווי אַ קלאָרע און פרישע
לופט, אין וועלכער מען ווערט אויך אַליין געלייטערט.

דערווייל האָט פּאַסירט, אַז מירע האָט זיך צעקריגט מיט דער
שוועסטער אירער און האָט באַשלאָסן זיך פון איר אַרויסצוציען.
צו געפינען אַ צימער איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, איז
דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז מירע מיט איר פּלימעניצע וועלן
ציטווייליק זיך איינאָרדענען אין אַן אָפּגעטיילטער העלפט פון אונ־
זער צימער. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש. איך האָב
איצט געהאַט די געלעגנהייט צו געפינען זיך פיל אָפטער אין דער
געזעלשאַפט פון פאַניען. איך מיט זאַלצבערגן זענען געשלאָפן אין

איין בעט און מירע מיט פאניען אין צווייטן.

זאלצבערג האָט זיך וואָס אַמאָל מער ארויסגעוויזן פאר א קרענקלעך קארגן מענטש. ער האָט זיך נישט פארגינען צו טרינקען קיין טיי מיט צוקער, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געהאט ליגן אַ זאק מיט דרייסיק קילאָ צוקער. טויזנט אַנדערע וואָלטן דעמאָלט פאר דער מעגלעכקייט פון אויסטרינקען אַ גלאָז געצוקערטע טיי אוועקגעגעבן מי יודע וויפל, ער אָבער טרינקט שטענדיק ביטערע טיי אונטערן אויסרייד, אז ער פארטראָגט נישט קיין זיסיקייטן. היות מיר פירן אַ געמיינזאמע באַלעבאַטישקייט קומט זייער אָפּט אויס, אז ער וויל וואָס אַמאָל מער איינשפּאָרן פון די אויסגאבן און עס וואָלט אויסגעקומען צו לעבן נאָך ערגער ווי אין לאַגער. איין מעלה האָט ער אָבער: ער שעמט זיך ארויסצוברענגען די קארג־שאפט בפרהסיא, דעריבער גריזשעט ער זיך און ער פארגינט זיך נישט צו עסן דאָס, וואָס ער געהערט צו אים על פי שותפות.

נאָכן אריינציען זיך פון די צוויי פרויען, האָבן מיר איינגע־אָרדנט אַ געמיינזאמע באַלעבאַטישקייט און די אויסגאבן זענען געווען פיל קלענערע ווי פריער, טראָץ דעם, וואָס דאָס עסן איז געווען בעסער און נארהאפטיקער. זאלצבערג האָט דאָס מאָל געהאט אַ טאָפּלטע הנאה: אי ער האָט נישט גאדארפט אזוי פיל אויסגעבן, אי ער האָט זיך יעדעס מאָל באַלעקט נאָך אַ געשמאַק עסן.

א געוויסן טאָג איז געקומען צו אונז צוגאסט מירעס שוועסטער, די רוסישע. צו וואָס זי איז געקומען ווייס איך נישט, אָבער זי האָט וויזט אויס דערשפּירט פונדערווייטנס, אז מיר האָבן דאָ אַ פלאַש מיט בראָנפן, ווייל גלייך נאָכן אריינקומען אין דער ווילד־פרעמדער שטוב אריין, האָט זי אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן פאר־מאכטן שענקל און געזאָגט: „גיט אהער אַ גלעזל פון דעם גע־טראַנק". די רוסישע פרויען האָבן ליב דעם ביטערן טראָפּן און זענען גרייט דערפאר אוועקצוגעבן דעם טאטן מיט דער מאַמען.

זי בלייבט שוין מיט אונז אויף וויעטשערע. די פּאָר גלעזלעך בראָנפן האָבן געטאָן זייערס. זי צערעדט זיך וועגן איר לעבן און וועגן איר ליבע צו סטאלינען. זי האָט זייער ליב דעם „טאטן פון די פעלקער". אין איר רעדן פילט זיך ממש ארויס אַ פיזישע ליבע. זי רעדט מיט באַגייסטערונג נישט בלויז וועגן זיין חכמה און וועגן זיין געניאלקייט, נאָר אפילו וועגן זיינע וואָנסעס און וועגן זיינע

שיינע אויגן. פונוואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ ליבע צו דעם מושל פון קרעמל? וואָס פאַראַ גוטס האָט ער איר געטוען?

אויף קיין פּאָליטיק קען זי זיך נישט און זי לאָזט זיך אויך נישט אַריין אין קיין שום עקאָנאָמישע פּלפּולים. זי דערציילט אָבער ממש מיט טרערן אין די אויגן, ווי אַזוי סטאַלין האָט געראַטעוועט מאָסקווע. די גאַנצע רעגירונג איז אַוועק קיין קויבישעוו, ער אַליין איז אָבער געבליבן אין קרעמל און מיטן כח פון זיין גייסט האָט ער אָפּגעשטעלט די גאַנצע אָפענסיווע. בלויז מיטן כח פון זיינע וואונ־דערבאַר־שטאָלענע אויגן.

זי קאָן אויך שיין זינגען. זינגט זי דעריבער אַלע לידער, וואָס זי קען וועגן סטאַלינען. די לידער זענען ענלעך צו געצן־לידער. סטאַלין איז גרויס, סטאַלין איז מעכטיק, סטאַלין איז פּרעכטיק. עס האָט מיר אַמאָל עמיצער געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן אין קלויס־טערס געוויסע נאָנעס, וועלכע האָבן ליב נ י ש ט יעזוסן דעם גאָט נאָר יעזוסן דעם מאַנספּערשוין... ווען זי האָט געזונגען די סטאַ־לין־לידער האָט זיך מיך דערמאָנט אָן די דאָזיקע נאָנעס, וועלכע האָבן ביינאַכט עראָטישע וויזיעס מיטן ישו הנוצרי... אָבער יענער איז כאָטש געווען א יונגערמאַן, ער איז אַלט געווען דרייסיק יאָר, סטאַלין איז דאָך שוין אָבער אַן אַלטער זקן.

פלוצלונג הערט זי אויף צו זינגען וועגן סטאַלינען און זי שטעלט אַ פראַגע, וואָס האָט מיך און פאניע ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. זי פרעגט אונז קליפּ און קלאָר, ווען מיר קלויבן זיך חתונה צו האָבן. עס האָט מיך באַגאָסן אַ היץ און כ׳האָב מיט אַ ווינקל אויג אָבסערווירט פאניען, ווי אַזוי די דאָזיגע קשיא האָט געווירקט אויף איר. קיינער האָט איר נישט געענטפערט און ווען זי איז אַוועק, איז די שטימונג אין צימער געווען אַ ביסל אַן אָנגעשטרענגטע.

זינט יענעם אָוונט האָב איך פּלוצלונג באַמערקט ביי מיר אַ שפּאָגל־ניי געפיל: אַ געפיל פון אייפערזוכט. עס האָט מיך אָנגע־הויבן צו פאַרדריסן, ווען עמיצער האָט אויף איר געקוקט אביסל מער צודרינגלעך, אָדער אויב זי האָט צו עמיצן אַביסל ווארעמער געשמייכלט. ביז איצט איז מיר דער דאָזיקער ענין פון אייפער־זוכט געווען אינגאַנצן פרעמד. איבערהויפּט האָט מיך פאַרדראָסן דאָס, וואָס כ׳האָב מיך געפלאָנטערט אין אַ געפיל, מיט וועלכן כ׳האָב

מיך נישט געקאָנט מיט קיינעם טיילן. און דער עיקר — האָב איך נישט געקאָנט געפינען ביי מיר קיין דרייסטקייט צו רעדן דערפון מיט איר אליין. איך האָב מיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אז דער געדאַנק וועגן הייראַט איז איר פרעמד און אז זי באַדויערט, וואָס ביי יידן זענען נישט פאַראַן קיין קלויסטערס פאַר אייביקע אומפאַרהייראַטע. דאָס האָט מיר אינגאַנצן אָפּגעהאַקט די פליגל.

איבערהויפּט האָבן מיך אויפגערעגט די צוויי דאָקטוירים, וואָס פלעגן אַריינקומען און האָבן צווישן זיך קאָנקורירט מיט די סאַמע ראַפינירטסטע קאָמפּלימענטן. גיי, געווין מיט אַזעלכע געפּרווטע לייבן! דיביידע דאָקטוירים (ווייל א חוץ מינצן איז געקומען נאָך איינער, וועמענס נאָמען כ׳קאָן זיך נישט דערמאָנען), האָבן אויף אַ זייער עלעגאַנטן אופן געזאָגט צו איר זאַכן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געוואָגט צו ברענגען פאַרן מויל, כאָטש איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם. ווי שווער איז דען צו זאָגן צו איר, אַז זי האָט וואונדערבאַרע אויגן? צי האָב איך נישט כסדר געטראַכט וועגן דעם? אָבער איך האָב בלויז געטראַכט און זיי האָבן עס איר כסדר געזאָגט און דווקא מיט די שענסטע ווערטער.

אָבער אַ געוויסן טאָג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט מיינע באַהאַלטענע האָפענונגען געגעבן אַ שטיקל, אַ קוים באַמערקבאַרן תיקון. אַהיימקומענדיק אַמאָל פון דער שטאָט, האָב איך געזען, ווי זי זיצט אויף דער שוועל מיט איינעם פון די צוויי דאָקטוירים און לאַכט אויפן קול. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ פּאַרדרוס און אַ ברענענדיקע אייפערזוכט און אַנשטאָט אין שטוב אַריין בין איך אַרוים אין גאָרטן. ווייזט אויס, אַז זי האָט דאָס געהאַט באַמערקט, ווייל אין אַ מינוט אַרום האָט זי איבערגעלאָזט דעם דאָקטאָר מיט די געשליפענע קאָמפּלימענטן און זי איז אַרויסגעקומען מיך זוכן. איך האָב געהאַלטן דאָס דאָזיקע געשעעניש ממש פאַר אַ וואונדער־פונקט אין אונזערע באַציאונגען. איך האָב באַשלאָסן זיך אָנצו־נעמען מוט און איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן איר וועגן מיינע גע־פילן. איך האָב געוווסט, אז מיין ליבע־דערקלערונג וועט נישט אַרויסקומען אַזוי שיין, ווי דאָס וואָלט געמאַכט איינער פון די צוויי דאָקטוירים, אָבער דערצו האָב איך נישט קיין עצה. איך קאָן זאָגן, אַזוי ווי איך קען, מיט מיינע אייגענע רייד. אָבער ווען איך בין

אַריינגעקומען אין שטוב אַריין און האָב מיך צו איר דערנענטערט, כדי צו זאָגן דאָס, וואָס כ'האָב מיר הונדערט מאָל צוגעגרייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רייד זענען דאָ בכלל איבעריק. מיר האָבן זיך בלויז אַ ווײַלע אָנגעקוקט און איך האָב געזען, ווי זי לייענט אַרויס יעדעס וואָרט, וואָס ליגט בײַ מיר אויף דער שפּיץ צונג.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך צווישן די פּליטים פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז די סאָוויעטישע מאַכט האָט בדעה צו שיקן די אַלע, וועלכע האָבן נאָך רוסישע פּעסער, אין די קאָלכאָזן אַרײַן. היות אין שפּיץ פון פּוילישן קאָמיטעט איז דעמאָלט געשטאַנען דער באַקאַנטער אונזערער שטראַסבורג, האָב איך באַשלאָסן אויס־צונוצן די פּראָטעקציע און אויסאַרבעטן פאַר מירען און פאַר פאַניען פּוילישע פּאַפּירן.

דאָס צוקומען צו שטראַסבורגן איז נישט געווען פון די לײַכ־טע זאַכן. דער הויף פון קאָמיטעט איז געווען ממש באַקלעפּט מיט מענטשן. דער ברוק איז געווען אויסגעלייגט מיט פּעק און מיט יידישע „ביעזשענצעס״, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שקעלעטן. דאָס גאַנצע אומגליק פון יידישער עלנט און נויט איז געלעגן אויסגע־לייגט פאַר דער טיר פונם קאָמיטעט. מיט גרוים מי און מאַטערניש האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו שטראַסבערגן. ער איז דאָ געווען אַ גרויסער מענטש, ער האָט לחלוטין נישט דערמאָנט מער דעם נידער־געשלאָגענעם אַרעסטאַנט פון סטאַראָביעלסקער לאַגער. עס האָט נישט געדויערט קיין רגע און ער האָט אונז אויסגעשריבן צוויי דאָקומענטן, אַז מירע מיט פאַניען זענען כשרע פּוילישע בירגער. דערמיט זענען זיי באַפרייט געוואָרן פום געשפּענסט פאַרשיקט צו ווערן אין אַ קאָלכאָז. איך זאָג „פאַרשיקט״ צו ווערן, ווײַל די באַ־דינגונגען אין אַ קאָלכאָז זענען געווען אַזעלכע, אַז מען קאָן זיי אָן שום באַוואָרעניש פאַרגלײַכן צו אַ שקלאַפן־לאַגער.

איינער פון אונזערע שכנים איז געווען אַ מאָסקווער ייד, אַן אָפּטער יוצא ונכנס אין אונזער דירה. ער האָט געהייסן סאַלאָמאָן סאַלאָמאָנאָוויטש. ער איז געווען אַ ייד, אַ קלוגער און אַ געביל־דעטער, אָבער מער פון אַלעם איז ער געווען דאָס, וואָס מען זאָגט אויף יידיש, אַ „געשמיסענער״. די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, האָבן בײַ אים אויסגעבילדעט אַ ספּעציעלן חוש פון — רעדן, אָבער גאָרנישט זאָגן. ער האָט געהאַט ממש אַ געניאַלע

פעאיקייט צו רעדן וועגן די פארשידנסטע זאכן און מען זאָל נישט וויסן, וואָס אזוינס ער האָט געזאָגט און וואָס ער טראַכט וועגן דעם. ער האָט אָפּטמאָל גערעדט וועגן סטאַלינען, וועגן דער רעגירונג, וועגן סאָוויעטישן סיסטעם, וועגן דער קאָלעקטיוויזאציע, וועגן די פיאַטי־לעטקעס, וועגן דער יידן־פּראגע. אָבער נאָכן אָפּרעדן שעה'ן האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן: וואָס אזוינס האָט ער אייגנטלעך געזאָגט? ווי איז זיין באַציאונג צו דעם אלעם? מיט קיין שום וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער זיך מיט גאָרנישט פאַר־פּליכטעט. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט, האָט מען געקאָנט אויסטייטשן אויף פארשידענע אופנים. ער איז געווען ווי א קאַץ, וואָס איז שטענדיק געפאַלן אויף די לאַפּקעס.

נאָכן ערשטן געשפּרעך מיט אים איז באַלד געוואָרן קלאָר, ווי אזוי ער האָט אויסגעמיטן אלערליי „טשיסטקעס" און ארעסטן. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט דעם כח פון דער גליטשיקער צונג און אפילו די נ. ק. וו. ד. האָט זיך קיינמאָל מיטן דאָזיקן כיטרען מאַן נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

אָבער דאָך, אויב מען האָט זיך צו זיינע מעשיות צוגעהערט מיט אַן אויפמערקזאַם אויער, האָט מען פון „צווישן די שורות" געקאָנט ארויסלייענען אַ ים מיט אינטערעסאנטע פּרטים וועגן דער סאָוויעטישער מדינה. פון זיינע רייד איז ארויסגעדרונגען, אז ער געפינט זיך דאָ צוליב א ליד וועגן לענינען. פון פארשידענע שטיק־לעך און פּיצלעך פון זיינע דערציילונגען, האָט מען געקאָנט צוזאַ־מענשטעלן די געשיכטע פון זיין ארויסשיקן פון מאָסקווע.

ער איז געפאלן א קרבן פון זיינס אַ מיידעלע, שורא, זי איז געגאַנגען אין א קינדער־גאָרטן און דאָרטן האָט מען — ווי דער שטיינער איז — געלערנט מיט די קינדער געצן־דינערישע לידער וועגן סטאַלינען און אויך לידער וועגן טויטן לענין, וועגן דער רויטער ארמיי און אנדערע פּאַטריאָטישע געזאַנגען.

איינס פון די דאָזיקע לידער וועגן לענינען האָט זיך אָנגע־הויבן מיט א סטראָפע:

לענין, לענין דאָראָגאָי
טי לעזשיש וו' זעמלע ס'ראָי,
א קאָגדאַ יאַ פּאָדראַסטו
וו' טוואָי ארמיו פּאַידו.

(לעניז, טייערער לעניז,
דו ליגסט איז דער רויער ערד,
און ווען איך וועל אויפוואקסן,
וועל איך גיין אין דיין ארמיי").

א געווייסן טאָג איז אָבער דאָס מיידעלע אהיימגעקומען פון דער שולע זינגנדיק אויפן קול דאָס ליד, נאָר אַנשטאַט „לעניז", האָט זי געזאָגט „סטאַליז". עס האָבן נישט געהאָלפן די וואָרענישן און דראָאונגען פון די עלטערן, די קליינע איז ארומגעגאנגען איבער דער גאַס און האָט געזונגען וועגן דעם, אַז „סטאַליז ליגט אין דר'ערד". אזוי לאַנג, ביז איינע פון די שכנטעס האָט עס דערטראָגן דאָרטן אהין, וו מען דאַרף און די נ. ק. וו. ד. האָט דערפון ארויס־געדרונגען, אַז נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָבן איר די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלטערן אזוי געלערנט.

זיי זענען אָפּגעקומען מיט ארויסגעשיקט ווערן פון מאָסקווע און זיי האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן, עס האָט געקענט פּאסירן פיל ערגער. סאָלאָמאָן סאָלאָמאָנאָוויטש האָט אַ פּליסיקן און קאָלירפולן אופן פון רעדן און טראַץ דעם, וואָס יעדעס וואָרט איז ביי אים גליטשיק און צווייידייטיק, גיט עס אָבער אַ פּלאַסטיש בילד וועגן דעם, ווי אזוי מען לעבט אין מאָסקווע. יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט קאָן מען לייענען פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. ער זאָגט, אז אין רוסלאַנד איז איצט פיל בעסער ווי פריער, ווייל יעדער בירגער האָט איצט אַ רעכט צו לערנען זיך, און באלד גיט ער צו, אז איצט קאָן שוין אפילו די פינצטערסטע מוזשיקעס לייענען די ארטיקלען אין „פּראַוודא".

ער דערציילט וועגן די וווינונגס־באַדינגונגען אין מאָסקווע. מען לעבט אין בשותפותדיקע דירות — מען שלאָפט בלויז אין באַזונדערע צימערלעך, אָדער אָפּגעגרענעצטע שטחים מיט שפּאַ־נישע ווענטלעך, אָבער מען קאָכט צוזאַמען און מען לעבט צוזאַמען און אַלץ, וואָס מען זאָגט הערן אַלע איינוווינער, און היות צווישן די איינוווינער געפונען זיך שטענדיקע מער אָדער ווייניק אַנגאַזשירטע נ.ק.וו.ד.־אַגענטן, לעבט מען אונטער אַ כסדרדיקע, 24 שעהדיקע קאָנטראָל פון דער געהיים־פּאָליציי. עס איז פּונקט ווי אין פילם מיטש טשאַפּלינען, וו אויף דער וואַנט פון זיין צימער קאָן זיך

צו יעדן מאָמענט באַווייזן דאָס פּנים פון זיין באַלעבאָס און אים קאָנטראָלירן, וואָס ער טוט.

דערביי זענען פאַראַן צווייערליי אַגענטן — פאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגן טאַקע אונטער אמת'דיקע מסירות וועגן פאַרשידענע זאַגעכצן, וואָס זענען נישט „בלאָגאָנאַדיעזשנע". דאָס זענען די „אָרנטלעכע" מוסרים. פאַראַן אָבער נישט־אָרנטלעכע מוסרים, וועלכע טראָגן אונטער דער נ. ק. וו. ד. אויסגעטראַכטע ליגנס, כדי אַזוי אַרום — דורכן אַרעסט פון גע'מסרט'ן — צו באַפרייען די דירה פון אַ לאָקאַטאָר און אַזוי אַרום ירשענען דעם קרבן ביים לעבן. בעת די גרויסע רייניקונגען אין די יאָרן 1938־39 זענען די דאָזיקע קאָלעקטיווע ווינונגען געווען ערטער פון אומצייליקע טראַגעדיעס. גאַנצע דירות פלעגן אינמיטן דער נאַכט אויסגעליידיקט ווערן צוליב דער קלענסטער מסירה פון איין פּראָוואָקאַטאָר. און היות קיין פּראָוואָקאַטאָרן פעלן נישט — יעדער בירגער איז על פּי געזעץ געצוווּנגען צו זיין אַ מסור — דעריבער קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם חורבן אין מאָסקווע אין יענע פינצטערע טעג.

סאָלאָמאָן סאָלאָמאָנאָוויטש רעדט אויך וועגן דער יידן־פראַגע. פאַרשטייט זיך מיט די זעלבע פאַרשלאָסענע ווערטער, אָבער מיר האָבן שוין דעם שליסל דערצו און פאַרשטייען גוט דעם תוכן.

אויפן פּאַפּיר איז יידן־שנאה און יידן־דיסקרימינאַציע אַ גרויסער חטא. אָבער פּאַפּיר איז שטאַרקער פון אייזן און קאָן אויסהאַלטן אַ סך ליגנס. אויפן פּאַפּיר ווערט אויך געזאָגט, אַז די אַרבעטער זענען פריי, אַז זיי קאָנען איינאָרדנען דעמאָנסטראַציעס, אַז די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן קאָנען זיך אפילו אָפּרייסן פון דער מאָסקווער הערשאַפט, אויב זיי ווילן נאָר...

יידן־שנאה איז זייער פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד. די הויכע קאָמוניסטישע טשינאָווניקעס רעדן נישט וועגן דעם. אָבער מען פילט עס אויף טריט און שריט. די באַציאונג צו יידן איז אַ ביטול־דיקע. אָפּטמאָל פול מיט גאַל. דעריבער איז ביי דער גרעסטער טייל יידן פאַראַן אַ טענדענץ פון פולשטענדיקער אַסימילאַציע, פון אויסמישן זיך, פאַרשווינדן ווערן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון די שפּיזלדיקע בליקן פון די גוים. און היות מען קאָן עס נישט טוען מיט זיך אַליין — טוט מען עס מיט די קינדער. אָפּטמאָל דערציילט מען די קינדער אינגאַנצן נישט, אַז זיי שטאַמען

פון יידן. מען גיט זיי א נאָמען ניקאָלאי, אָדער סטיעפּאַן און מען דערציט זיי טאַקע ווי אמתדיקע ניקאָלאי'ס און ווי אמתדיקע סטיעפּאַנס.

מיר האָבן דאָ אַ צווייטן שכן — אויך אַ רוסישן ייד. ער הייסט דאָמאַנקעוויטש און ער שטאַמט פון קיעוו. ער האָט צוויי טעכטער מיט אַ זון. ער געפינט זיך דאָ אָבער בלויז מיט די טעכטער, ווייל דער זון איז אוועק אויפן פראָנט. מאַטעריעל האָט זיך דעם דאָזיקן ייד געלעבט גאָרנישט שלעכט. ער האָט איינס פון די בעסטע פּאָכן, וואָס מען קאָן האָבן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד — ער איז אַ שניידער. און היות ער האָט געאַרבעט פאַר דער נאַטשאַלסטווע — האָט זיך אים געלעבט גאָר נשקשה. די נאַטשאַל-סטווע האָט געצאָלט נישט בלויז מיט פּאַפּירענע אסיגנאַציעס, פאַר וועלכע ס'איז אָפטמאָל נישט געווען וואָס צו קויפן, נאָר מיט פּראָ-דוקטן און מיט רוי-שטאָפן. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין אויסטויש-האַנדל: פאַר אויפנייען אַ פּאָר הויזן האָט ער באַקומען אַ פּאָר קילאָ צוקער, אַ פּעקל פּוטער, אַ זעקעלע מעל, חזיר-שמאַלץ, אייער, גרינוואַרג און אָפטמאָל אפילו שטיקער שטאָף, וואָס ער האָט פאַר-צוקערט אויפן טאַלטשאָק. פונוואַנען האָט די נאַטשאַלסטווע גענו-מען די דאָזיקע אוצרות, כדי צו צאָלן דערמיט דעם שניידער? דערויף זענען זיי דאָך נאַטשאַלסטווע, וואָס האָבן אַ צוטריט צו די סאַמע מקורות פון די פאַרשידענע מאַגאַזינען. און אין רוסלאַנד איז דאָך דער עיקר דער צוטריט.

וואָס שייך יידישקייט — דערציילט ער דאָס זעלבע וואָס סאַ-לאָמאָן סאַלאָמאָנאָוויטש. יענער האָט געוווינט אין מאָסקווע און ער — אין קיעוו, אָבער אין פּרט פון דער באַציאונג צו די יידן זענען די אוקראַינער נישט בעסער געווען פון די גרויסרוסן. נישט איינמאָל זענען די קינדער אהיימגעקומען פון דער שולע מיט גע-שיכטעס, וואָס האָבן געברענט אין די אויערן. אין סאָוויעטישן רוסלאַנד זאָלן מעגלעך זיין אזעלכע זאַכן? נישט נאָר זיי זענען מעגלעך געווען, נאָר דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ טיף-איינ-געבאַקענער.

אָבער מער נאָך ווי די אַנטיסעמיטישע שטעכווערטלעך פון זייערע מיטשילער האָבן אים געבריט די פאַרלאַנגען פון די לערערס, אַז די קינדער זאָלן אים נאָכשפּיאָנירן, אַז זיי זאָלן דערציילן פאַר

דער שול־מאַכט אַלץ, וואָס מען רעדט אין שטוב, ווי אַזוי מען דריקט זיך אויס וועגן דער סאָוויעטן־מאַכט, וועגן סטאַלינען. דאָס זענען געווען זיינע דריי אייגענע קינדער, זיין אייגן בלוט און פלייש, אָבער כאָטש ער האָט געוווסט, אַז זיי זענען איבערגעגעבענע קינ־דער און וועלן אים נישט טוען קיין שלעכטס, איז ער דאָך ימים ולילה ארומגעגאַנגען מיט אָנגעצויגענע נערוון, ווייל די איבער־געגעבנקייט פון זיינע קינדער איז געווען אַ שטעקן מיט צוויי עקן — זיי האָבן געקאָנט ווערן באַשולדיקט דורך דער שול־מאַכט דערין, אַז זיי האַלטן די זייט פון טאַטע־מאַמע...

אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר געהאַט צוגאַסט שטראָסבערגן. ער איז געקומען אונז אָנזאָגן די בשורה, אַז די פוילישע ארמיי, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין לוגאוואַי איז שוין אָפּגעפאָרן קיין איראַן. איצט פאָרמירן זיך נאָך וויטער זעלנערישע אָפּטיילונגען אין גוזאר און קיערמענע. אָבער דעם אמת געזאָגט באַדויער איך נישט, וואָס מען האָט מיך נישט אָנגענומען אין מיליטער. טאָמער וואָלט איך איצט געטראָגן דעם פוילישן מונדיר, וואָלט איך מן הסתם געפונען מיך אויפן צוג קיין טעהעראַן און דער גורל וואָלט מיך קיינמאָל נישט צונויפגעפירט מיט פאַניען. שטראָסבערג קוקט טאַקע אויף פאַניען און אויף מיר און ער לייענט מיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען.

וווייזט אויס, אַז די דאָזיקע פאַרבאָרגענע געדאַנקען ליגן נישט אַזוי טיף באַהאַלטן, אויב יעדער קאָן זיי אַזוי לייכט ארויסלייענען. ער רעדט נישט וועגן דעם אָפן — ער גיט עס אָבער אָנצוגעהערן אויף פאַרשידענע דרכים.

ער זאָגט, אַז ער קען שוין פאַניען פון זיין היים־שטאָט, פון ראָוונע און אַז דער, וועלכער וועט איר באַקומען, וועט זיין אַ גליק־ליכער. ער לייענט ביי מיר אין די אויגן, אַז דאָס איז טאַקע דער טרוים מיינער און אַז דער דאָזיקער טרוים איז אונטערגעשלאָגן מיט אַ שאָטן פון צווייפל. און כאָטש איך זאָג דעם דאָזיקן צווייפל נישט ארויס, לאַכט ער, שטראָסבערג, און ער זאָגט (אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט געגעבן אַן ענטפער אויך אויף מיינע אינטימסטע געדאַנקען): אין מלחמה־צייטן פאַרווירקלעכן זיך די פאַנטאַס־טישסטע חלומות...

זיינע רייד האָבן אויף מיר פונקט אַ קאַפּויערדיקע ווירקונג. איך פיל, אַז כדי חלומות זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן, מוז מען אַליין

דערצו צוליינג אַ האַנט. אויך מיט עוואַן איז געווען דאָס זעלבע, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מוט איר צו זאָגן וועגן מיינע געפילן, מיט וואָס זשע האָט עס זיך אויסגעלאָזט? דערמיט וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. צי וועט אַמאָל דאָ נישט פּאַסירן דאָס זעלבע? איך האָב געלעבט אין אַן אויסטערלישן צו־שטאַנד. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען פולשטענדיק נאָרמאַל, אָבער מיטן מאָמענט, ווען כ'האָב מיך צו איר דערנענטערט און האָב געוואָלט זאָגן דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס האָט מיך אַמייסטן געדריקט — בין איך געוואָרן אַזוי ווי פּאַראַליזשירט. איך בין געווען בייז אויף מיר צוליב דער דאָזיקער נאַרישער הילפלאָזיקייט, אָבער כ'האָב מיר גאָרנישט געקאָנט העלפן. פּאַרקערט, וואָס מער איך האָב ביי מיר אָנגענומען פעסטע באַשלוסן, אַלץ טיפער בין איך געזונקען אין אַ געדיכטן געפּלאָנטער.

ווי אַזוי רייסט מען זיך אַרויס פון דאָזיקן צושטאַנד? ווי אַזוי געווינט מען דאָס לשון אין מאָמענט, ווען דאָס לשון איז געווען אַזוי וויכטיק? איך האָב נישט געזען קיין שום אויסוועג און האָב געוואַרט אויף עפּעס אַ געשעעניש, וואָס זאָל מיך אויסלייזן פון דאָזיקן צושטאַנד.

אַ געווויסן טאָג האָב איך באַגעגנט אויף דער גאַס מיינס אַ לאַנדסמאַן — אַן איינוווינער פון וויעזשבניק, — אברהם צוקער־מאַן. אויפן געשטאַלט זיינעם איז געלעגן דער גאַנצער חותם פון גלות־רוסלאַנד. אינדערהיים איז ער געווען אַ צאָן־טעכניקער, איינער פון די עלעגאַנטסטע בחורים אין דער שטאָט. דאָ איז פון אַמאָליקן פּראַנט פאַרבליבן אַ בינטל ביינער, איינגעהילטע אין אַ פּאַק מיט שמאַטעס.

ער איז געווען אַ פאַרשיקטער אין קאַטלאַס און האָט זיך דאָרטן באַשעפטיקט מיט שנײַדן ביימער. די אַרבעט, דער קלימאַט און די באַדינגונגען האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ געשפּענסט. ווי אַזוי דער פלאַם פון לעבן האָט נאָך געטליעט אין דעם דאָזיקן גייענ־דיקן שקעלעט — איז ביי מיר אַ רעטעניש. ער איז געווען שוואַרץ ווי די ערד איז אויסגעטרוקנט ביז צום ביין, בלויז אין די אויגן האָט נאָך געלויכטן אַן אָפּשיין פון אַמאָליקן גלאַנץ. מיר האָבן זיך דערפרייט ביי אונזער באַגעגעניש, אָבער די פרייד איז גלייך פאַר־צויגן געוואָרן מיט אַ טונקעלן נעפּל. ער איז געווען פאַרשיקט צוזאַ־

מען מיט נאָך אַ גרופּע וויעזשבניקער און ער האָט מיר געבראַנגט זועגן זיי טרויעריקע גרוסן. נישט אַלע האָבן געהאַט דאָס גליק צו געניסן פון דער שיקאָרסקי־אַמנעסטיע. אַ טייל איז געשטאָרבן פון קראַנקהייטן און אויסשעפּונג, אַנדערע זענען אומגעקומען, אָדער געוואָרן קאַליקעס אונטער פאַלנדיקעביימער.

איך האָב אים פאַרבעטן צו זיך אין צימער און ער האָט דאָ — דאָס ערשטע מאָל זינט דער פאַרשיקונג — דערפילט זיך געריררט פון אַזאַ היימישער אַטמאָספערע. ער האָט זיך געשעמט פאַר אונז — סיי מיט זיין הולך און סיי מיט זיי אויסזען און דער עיקר — מיט זיין הונגער. און צוליבן הונגער טאַקע, האָט ער גאָרנישט געוואָלט עסן. עס האָט גענומען אַ סך מי און צורעדעניש, ער זאָל זיך דער־פילן ווי ביי זיך אין שטוב. איבערהויפּט האָט מירע פּשוט אָנגע־וואָנדן ווונדער פון איר רעדנערישן טאַלאַנט, ביז זי האָט געפּועלט ביי אים, ער זאָל מיט אונז מיטעסן מיטאָג. צוקערמאַן האָט זינט דעמאָלט אָנגעהויבן אָפטער צו קומען און מיטן געשטאַלט זיינעם און מיט זיינע דערציילונגען האָט ער אריינגעבראַנגט אַ שטיק פון פאַרגאַנגענעם לעבן.

אין אַ געווייסן זין האָט ער אויך דערפירט צו אַ גרעסערער דערנענטערונג צווישן מיר און פאַניען. ער האָט דערציילט געשיכ־טעס וועגן מיינע עלטערן. ער האָט געשילדערט דאָס געשטאַלט פון דער מומע מיינע, אירע מעלות טובות, די ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט צווישן די שכנות. איך דערפיל ווי מיט יעדער פון די דאָזיקע דערציילונגען געווין איך וואָס אַמאָל מער חשיבות. אָט בין איך ביז דאָ נישט לאַנג געווען עפּעס אַ ביעזשעניעץ, אַ מענטש וואָס האָט געפּוילט אין לאַגערן, אַרומגעפּאָרן איבער באַנען און נישט געהערט צו קיינעם און דאָ ווייזט זיך פּלוצלונג אַרויס, אַז דער דאָזיקער הפקר־מענטש האָט גאָר געהאַט אַ שטוב, אַ מאַמע, אַז ער איז נישט קיין פאַרוואָרפענער שטיין ערגיץ אין אַ וויסטעניש, נאָר אַ מאַמעס־קינד און אַן אָנגעהעריקער אין אַ שטוב... איך דערפיל, אַז מיין חשיבות וואַקסט, אַז די מענטשן אַרום דערזען מיך מיט אַנדערע אויגן. דער „אַמאָל" האָט אָנגעהויבן אויף מיר צו שיינען עפּעס מיט אַן אַנדערן גלאַנץ און האָט פון מיר אַראָפּ־געדראַפּעט דעם אָנגעוואַקסענעם שיכט מיט די לעצטע צוויי הפקר־יאָרן.

און זיצנדיק אזוי אַמאָל ביים טיש האָבן זיך ביי די שטוביקע אויפגעוויקלט די צינגער. זאַלצבערג האָט געזאָגט, אַז עס איז באמת אַן עבירה, וואָס מיר זענען נישט צו פּראַווען עפּעס אַ שמחה. ער קוקט דערביי אויף מיר און אויף פאַניען מיט גאָרנישט קיין צווייר־דייטיקן בליק. און צוקערמאַן גיט צו, אַז מיינע עלטערן וואָלטן געווען גאָר צופרידן, ווען איך ברענג זיי אהיים אַזאַ שנור. אַ גע־דיכטע רויטקייט האָב מיך באַגאָסן. זיי האָבן אַלזאָ איבערגעשניטן דעם קניפּ, וואָס האָט מיך אַזוי ענג געדריקט ביים האַלדז, אין וועלכן איך האָב מיך געפּלאָנטערט די לעצטע פּאָר וואָכן. אויך פאַניע איז רויט געוואָרן, אָבער זי האָט זיך נישט אַזוי פארלוירן ווי איך. זי האָט געזאָגט, אַז איצט איז דאָך נישט קיין מיטלאַלטער, ווען מען פלעגט אָפּ׳פּסקענען וועגן דער פרוי׳ס גורל, נישט אָנ־פרעגנדיק פריער איר מיינונג.

איר ענטפער האָט מיך שוין ווייט נישט צופרידנגעשטעלט. צי האָט עס געזאָלט באַדייטן, אַז זי שאָקלט זיך טאַקע לחלוטין אָפּ פון אַזאַ מעגלעכקייט? איך האָב געוואַרט אויף עפּעס אַנדערש. איך הויב מיך אָן צו פילן שוין גאָר ווייניק דערהויבן. הייסט עס, אַז מיינע האָפענונגען זענען געבויט אויף זאמד? אַז איך האָב געשפּינט אַ חלום פון לופט?

אָבער דער עולם ארום איז שוין אַביסל בגלופין און מען קוקט נישט אויף אונז ביידע, נאָר מען דערליידיקט שוין דעם ענין אָן דעם בעל־דבר. צוקערמאַן הויבט אויף אַ פרישן גלעזל מיט ווײַן און ווינטשט אונז אַ הויכן מזל טוב. מירע זאָגט, אַז מאָרגן באַלד אינדערפרי וועט זי אריבערגיין צום שוחט ער זאָל אונז דינען אלס מסדר קידושין. פאַניעס מאַמע — זאָגט זי — וואָלט נישט איבער־געלעבט — ווען איר טאָכטער שטעלט נישט קיין חופּה כדת משה וישראל.

פאַניע קוקט אויף אַלע ווי אויף משוגעים. וואָס קומט דאָ פּאָר? צי זענען אַלע אַראָפּ פון די געדאַנקען? אין איין וועגס קוקט זי שוין אויך מיר אויך צי בין איך אויך — פונקט אַזוי ווי יענע — פארדרוקט געוואָרן? איך פיל, אַז זי ווינטשט זיך, אַז די פּאָדלאָגע זאָל זיך עפענען און זאָל איר איינשלינגען אַזוי ווי זי זיצט. אָבער זי רעדט גאָרנישט. און דאָס שווייגן אירס איז ביי מיר נאָך מער רעטעניש, ווי דאָס פריערדיקע רעדן, אויב זי וויל טאַקע אויף אַן

אמת נישט, פאַרוואָס זאָגט זי דאָס נישט אָפן, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין שום ספק.

אָבער דער דאָזיקער האַלב־ניכטערער אָוונט האָט שוין גע־וואָרפן טיפע וואָרצלען ביי די שטוביקע. מירע און זאַלבערג האָבן טאַקע פעסט באַשלאָסן אַדורכצופירן דעם פּלאַן. מירע הויבט אָן אין געהיים צוצוגרייטן די חתונה. איר ערשטער שריט איז געווען צו באַזאָרגן זיך מיט פלייש, פּוטער, אייער און קעז. אויך זאַלבצערג און צוקערמאַן גרייטן צו אין געהיים — שפּייזן. עס זעט אויס ווי מען וואָלט דאָ צוגעגרייט עפּעס אַ געהיימע, רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג. איך קוק אויף די דאָזיקע אַלע צוגרייטונגען און איך רוף מיך נישט אָפּ מיט קיין וואָרט. איך האָב נישט קיין מוט זיך אָפּצורופן, אָבער פון דער צווייטער זייט גלויב איך נישט, אַז די דאָזיקע צוגרייטונגען זאָל עפּעס ברענגען אַ רעזולטאַט. וואַר־שיינלעך וועט עס זיך ענדיקן מיט אַ סעודה, איז זאָל זיין אַזוי. אָבער פאַר מיר וואָלט עס געווען איינע פון די גרעסטע אַנטוי־שונגען אין מיין לעבן.

די „קאָנספּיראַטאָרן” האָבן דערוויל געאַרבעט אויף אַלע כלים. צוקערמאַן האָט שוין באַשטעלט דעם שוחט, וועלכער האָט געדאַרפט דעם זעלבן טאָג אויך אַדורכפירן די חופּה־צערעמאָניע. ער האָט אויך באַשטעלט צוויי מענטשן, וואָס זאָלן שטיין אינדרויסן און היטן, די ג. ק. וו. ד. זאָל נישט פּאַקן דעם שוחט ביי דער דאָזיקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. זאַלצבערג מיט מירען האָבן געברענגט צוויי גאָלדענע פינגערלעך. ענדליך האָט זיך דערנענטערט די שעה און כ'האָב געזען, ווי מירע האָט אוועקגערופן פאַניען אין אַ זייט און האָט מיט איר גענומען עפּעס איינטענה'ן. איך האָב געזען, ווי פאַניע האָט גאָרנישט געענטפערט, זי איז בלויז בלאַס געוואָרן און האָט געקוקט ערגיץ מיט שטאַרע אויגן.

דעמאָלט בין איך צו איר צוגעגאַנגען און האָב איך ווייך אָנגענומען ביי דער האַנט און געפרעגט וועגן וואָס זי טראַכט. זי האָט געענטפערט, אַז זי טראַכט איצט וועגן אירע עלטערן, וועגן דער היים אירער, וועגן איר גאַנצן פאַרגאַנגענעם לעבן.

מיר זענען דעמאָלט צוזאַמען אַרויס פון הויז. הינטער אונז איז נאָכגעגאַנגען מירע, זאַלצבערג מיט צוקערמאַנען. מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער נייער שטאָט, וווּ עס האָט גע־

וווינט דער שוחט. מיר האָבן ביידע געשוויגן, אָבער איך האָב איר ליכט געהאַלטן די האַנט און איך האָב געפילט, ווי פון אירע פינגער האָט געשטראָמט צו מיר אַ סך וואַרימקייט.

איך בין געווען אַזוי גליקלעך, אַז איך האָב נישט געקאָנט געפונען דערצו קיין ווערטער. איך האָב געפילט, אַז איצט מער ווי שטענדיק וואָלט איך געדאַרפט רעדן צו איר, אָבער דער פריער־דיקער פּאַראַליזש איז צו מיר ווידער געקומען און האָט אַראָפּגע־דריקט יעדעס וואָרט, וואָס האָט געוואָלט אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך. זענען מיר דעריבער געגאַנגען שווייגנדיק, אָבער דאָס שווייגן איז געווען אָנגעלאָדן מיט מער ווערטער ווי רעדן.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום שוחט איז שוין אַלץ געווען גרייט. היות די פּראָצעדור פון אַ רעליגיעזער חופּה־צערעמאָניע אין אַ פּריוואַטער שטוב און אָנגעפירט דורך אַ נישט־אָפיציעלער פּער־זאָן, איז אומלעגאַל, איז דעריבער אַלץ פאָרגעקומען איינס־צוויי.

איך שטיי מיט פאַניען אונטער דער חופּה. דער שוחט שטייט פאַר אונז און לייענט פאַר די כתיבה. פונדערווייטנס שטייט מירע און שמייכלט צו אונז מיט אַ פּאָר פאַרטרערטע מאַמישע אויגן. איך פיל ווי פאַניע ציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. איך ווייס וועגן וואָס זי טראַכט איצט. אויך פאַר מיינע אויגן שטייען איצט די בילדער פון מיינע טאַטע־מאַמע, פון אַלע מיינע נאָנטסטע. איך באַמי מיך דאָס בילד זייערס נישט צו פאַרלירן. זאָלן זיי אויך זיין דאָ. זאָלן זיי אויך שטיין ביי מיין זייט — כאָטש בלויז אין געדע־כעניש — און בייזיין די חופּה פון זייער זון, פון זייער מוזיניק.

ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל דערגייען צו מיר די פרעמע ווער־טער פונם שוחט. און שפּעטער די מזל־טוב אויסגעשרייען פון די שטוביקע. איך נעם אָן פאַניען ביי דער האַנט. אַ ווײַלע קוקן מיר זיך ביידע אָן און מיר שמייכען צו זיך פאַרשעמט.

מיר זענען איצט מאַן און ווייב.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

ערשט נאָכן צוריקקומען אַהיים האָבן מיר אויף אַן אמת געפּראַוועט אונזער חתונה.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרהאַנגען די פענסטער, כדי די שמחה זאָל זיך נישט ארויסגיסן אויף דער גאַס ארויס. ווייל אויך אַ שמחה קאָן זיך ארויסווייזן נישט לעגאַל. און עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען געסט. עס איז געקומען סאַלאָמאָנאָוויטש, דאָמאַנקעוויטש מיט די טעכטער, די צוויי דאָקטוירים (מיינע צוויי געוועזענע גאַליציאַנער קאָנקורענטן), אַדוואָקאַט מיעטשיסלאַווסקי פון קאָמיטעט, דאָקטאָר הערצאָג פון דער ווארשעווער פילם־געזעלשאַפט און פיל אַנדערע גוטע פריינט.

שטראָסבערג האָט געהאַלטן א רעדע אין עברית, ער האָט פאַרגעסן, אז ער געפינט זיך אויף אַ חתונה; ער האָט געמיינט אוודאי, אז ער געפינט זיך אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, ווייל מען האָט אים יעדע פאָר רגע׳ס געמוזט איינשטילן, ער זאָל נישט רעדן אזוי הויך און בכלל האָט ער גאָר גערעדט וועגן ענינים, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פאַר אַן אווידיטאָריע אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

די רוסישע יידן האָבן ממש געשטראַלט בעת זיי האָבן גערערט אַ רעדע אויף לשון קודש. זיי האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, אזוי ווי עס וואָלט געווען ריינער האָניק. און אין אַלגעמיין זענען זיי שוין לאַנג נישט געווען אויף אַזאַ זאַך ווי אַ יידישע חתונה. איבערהויפּט הערן זיי צו מיט גערירטקייט די ווינטשעוואַניעס. מען ווינטשט יעדן ער זאָל חתונה מאַכן די קינדער, כאָטש נישט יעדער האָט קינדער ביי זיך און ווער ווייסט ווו זיי געפינען זיך און אין וואָס פאַרא מצב? אַ חוץ דעם ווינטשט מען זיך, מען זאָל בקרוב באפרייט ווערן, מען זאָגט עס מיט א ספּעציעלן קנייטש. מען פאַרשטייט זיך אויפן ווונק, וואָס פאַרא באפרייאונג

מען ווינטשט זיך.

אָבער אזוי ווי עס פירט זיך אויף יידישע שמחות, לאַכט מען נישט בלויז, נאָר מען וויינט אויך. מען וויינט טאקע מער ווי מען לאַכט. מען דערמאָנט זיך די אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ נישט, וואָס זענען פאַראַן אויף יענער זייט פּראָנט, ביי די נאַצים. אָבער די מענער לאָזן נישט, אז די חתונה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א תשעה באב, הויבן זיי אָן צו זינגען. סאָלאָמאָנאָוויטש און דאָמאַנקעוויטש זינגען אַלטע רוסישע לידער, נאָך פון די אַלטע צאַרישע צייטן. פאַר יעדן ליד באַזונדער קאָן מען באַקומען אַ צען יאָר קאַטאָרגע. אָבער היות די גאַנצע חתונה איז אַזאַ מין שטיק „קאָנטררעוואָלוציע", דערלויבט מען זיך שוין דערויף אויך.

איינע פון סאָלאָמאָנאָוויטשעס טעכטער שפּילט אויף א גי־טאַרע, מען בעט פאַניען זי זאָל רעציטירן. ערשט איצט דערווייס איך מיך, אז זי האָט אַ טאַלאַנט צו רעציטירן. זי איז שוין נישט איינמאָל ארויסגעטרעטן אויף אָוונטן און האָט שטענדיק געהאַט גרויס דערפאָלג. מען האָט איר אפילו געהאַט צוגערעדט צו אַן אַקטיאָרישער קאַריערע. עס איז אַ נחת צו הערן די יידישע פאָלקס־לידער, וואָס זי האָט רעציטירט מיט אזוי פיל זיסקייט. די גיטאַרע ברומט צו ווי מיט א טיפער מענטשלעכער שטימע. דער עולם זינגט צו האַלב־ אין זיך די רעפריינען און איבערן צימער פליסן די האַרציקע טענער פון יידישע פאָלקס־לידער. זיי פליסן אָבער בלויז איבערן צימער, ביים פענסטער פאַרהאַלטן זיי זיך און שלאָגן זיך אָפּ אָן די דיקע קאָטאַרן, מיט וועלכע מען האָט זיך אָפּגע־גרענעצט פון אויסנווייניק. אונזער שטיבל איז איצט ווי אַן אינדזל פון יידישער היימישקייט און פון געמיטלעכער רו אין א ים פון קעלט, פון פרעמדקייט און פון לאַגערן.

ביז דריי א זייגער פאַרטאָג האָט געדויערט די דאָזיקע חתונה. עס האָט שוין געגרויט אַ נייער פרימאָרגן, ווען די געסט האָבן זיך גענומען ארויסשאַרן פון דער שטוב ארויס.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט אונז די באַלעבאָסטע אריינגע־ברענגט פרישע מילך. עס איז אונז נאָך פאַרבליבן צו גיין רעגי־סטרירן אונזער חתונה אין „זאַקס". אָבער יענע צערעגעלע איז געווען טרוקן און גרוי, אזוי ווי טרוקן און גרוי עס איז אַ שטיק פאָסטנע סאָוויעטיש ברויט. קיין עדות האָבן מיר בכלל נישט

געדארפט. אויף דער וואנט זענען געהאנגען די בילדער פון לעני־
נען און פון סטאלינען — האבן זיי אראפגעקוקט פון דער וואנט
אראפ און זענען געווען די עדות פון אונזער אפיציעלן „פאר־
שרייבן" זיך. דער באאמטער האט נישט געמאכט קיין לאנגע
שהיות. ער האט אפילו נישט גענומען קיין סך געלט — בלויז
א דרייער רובל. איצט זענען מיר שוין א לעגאל פארל — אי
פאר גאט און אי פאר — סאוויעטישע לייט.

איצט, נאכן חתונה האבן, איז שארפער נאך ווי פריער
געשטאנען פאר אונז די פראגע, וואס ווייטער צו טאן? די לאסט
איז איצט געווען אן אנדערע, זי האט שוין גערוט טאקע אויף
אונזערעביידנס פלייצעס, אבער דערמיט איז די דאזיקע לאסט
נישט געווארן קיין לייכטערע.

פאר מיר איז נאך דער ענין פון אנשליסן זיך אן דער פוי־
לישער ארמיי כסדר געווען אן אקטועלע. פון סאוויעט־רוסלאנד
קיין פערסיע זענען געגאנגען כסדרדיקע עשאלאנען מיט פוילישע
זעלנער און מיט זייער הויז־געזינד. דאס ארייננבאקומען זיך אין
א מיליטערישער פארמאציע האט באדייט די מעגליכקייט ארויס־
צופארן פון רוסלאנד. ארויסצופארן פון רוסלאנד! וואס פארא
חלום איז עס דעמאלט געווען פאר הונדערטער טויזנטער
יידישע פליטים!

איז דעריבער פארבליבן נאכאמאל צו פרובירן דאס גליק.
דער נאנטסטער מיליטערישער פונקט איז אין גוזאל. דער נאנט־
סטער — געמאסטן פארשטייט זיך לויט די מאסן פון רוסישער
נאנטקייט. דאס מאל זענען מיר ביידע — פאניע און איך — איינ־
געשטיגן אין צוג און געלאזט זיך קיין גוזאר. די דאזיקע רייזע
איז גלייכצייטיק געווען אונזער האניק־חודש. אמת — אן דעם
אויסערלעכן גלאנץ פון אן אמתדיקער האכצייט־רייזע. אן לוקסוס־
וואגאנען און אן דיסקרעטע פאנסיאנען אין פארשידענע קור־
ערטער און פארבארגענע סטאציעס.

דערפאר אבער זענען מיר געפארן צוזאמען און מיר האבן
גענאסן פון דער גאנצער רחבות פון דער רוסישער לאנדשאפט.
אין די ביז־איצטיקע רייזעס בין איך געפארן איינער אליין. און
עס זענען נישט געווען קיין רייזעס, נאר וואגלענישן און מאטער־
נישן. גאנץ אנדערש איז אבער, אז מען פארט מיט נאך א פערזאן,

און דערצו נאָך מיט א פּערזאָן, וועלכע מען האָט אַזוי ליב, ווי איך האָב ליב געהאַט פאַניען.

מיר האָבן נישט אָנגעזען די רוסישע גרויקייט, די חשכות פון די מענטשן, זייערע אָרימע פּופּייקעס מיט די אויסגעמאָגערטע פּנימער — דאַקעגן זענען מיר געשטאַנען ביים פענסטער פון צוג און געקוקט אויף די גאָלדיקע זון־אויפגאַנגען און בלוטיקע שקיעות. ס׳איז אונז געווען גוט, אפשר צום ערשטן מאָל, זינט מיר האָבן איבערגעטרעטן די דאָזיקע אומגליקלעכע און אוממענטשלעכע ערד.

מיר קומען קיין גוזאר אין א טונקעלן, פאַרנעפּלטן טאָג, אָבער טראָץ דעם נעפּל איז געפּערלעך היים. עס יאָגט אַ מדבר־ווינט, וואָס בריט דאָס פּנים, אַזוי ווי מיט הייסע, אָנגעגליטע אייזנס. דער עיקר איז דאָ שווער די באַזאָרגונג מיט וואסער. דאָס וואסער פירט מען דאָ אַהער אַזש פון באַקו און פאַר אַ גלאָז מיט דער דאָזיקער פּראָסטער פליסיקייט באַצאָל איך גאַנצע 50 רובל.

אַ פּאָר קילאָמעטער פון דער סטאַציע געפינט זיך דער לאַגער פון פּוילישן מיליטער. ארום שטייען הויכע בערגיקע פעלזן באַדעקטע מיט שניי, און דער גאַנצער טאָל איז אויסגעשטעלט מיט זעלנערישעביידלעך.

אין דעם אָפיצירן־באַראַק מאַכט מען מיט מיר נישט קיין לאַנגע שהיות. מען דערקלערט מיר, אז דער קאָנטינגענט איז שוין אַן איבערגעפולטער און מען נעמט נישט אָן קיין נייע רעקרוטן. איך ווייס שוין אָבער פון טויזנטער פאַלן, אז די הערצער פון די דאָזיקע אָפיצירן קאָנען ווייכער ווערן, ווען מען רירט זיי אָן מיט אַ פּאַפּיר־אסיגנאַציע. איך זאָג דעריבער צו דעם הויפּט־אָפיציר, אז איך וועל אים „פאַרגיטיקן" פאַר זיין טרחה און דאָס פּנים זיינס באַקומט טאַקע גלייך אַן אנדערן אויסזען. ער הייסט מיך פאַרבלייבן אַ טאָג־צוויי אין גוזאַר און ווארטן אויף אַ געלעגנהייט. אפשר וועט זיך מאַכן עפּיס אַ מעגלעכקייט.

ארויסגייענדיק פונם אָפיצירן־באַראַק, דערזע איך פּלוצלונג אַ באַקאַנט געזיכט און דאָס האַרץ גיט מיר א האסטיקן קלאַפּ אין ברוסט. אָט ער איז, שישקאָ, דער מסור פון דער לעמבערגער תפיסה! צוליב זיינס אַ מסירה האָב איך באַקומען אַמאָל אכזריותדיק געשלאָגן און צוליב זיין מיטאַרבעט מיט דער מאַכט זענען

געפאלן דעמאָלט צענדליקער קרבנות. איך פרעג אים, צי ער דערקענט מיך, און ער ווערט טויט און רויט. ער זאָגט, אז ניין, ער דערמאָנט זיך נישט. אָבער איך קען מיך נישט באַהערשן, עס קומט מיר אויף די געדאַנקען די אַלע צרות, וואָס די ארעסטאַנטן האָבן געהאַט פון אים אויסצושטיין און איך דערלאַנג אים א קלאַפּ.

עס האָט זיך גלייך פארזאמלט ארום אונז א חברה מיט זעלנער. פון באראַק איז ארויסגעקומען דער אָפיציר, מיט וועלכן איך האָב נאָר וואָס געהאַט גערעדט, און איך דערצייל אים, ווער דער דאָזיקער פארשוין שישקאָ איז, און וואָס פאַר א ראָלע ער האָט געשפּילט. די אויפרעגונג פון פארזאמלטן עולם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ווען נישט די קאַלטבלוטיקייט פונם אָפיציר, וואָלט מען אים זיכער געלינטשט אויפן אָרט. אזוי אָבער האָט עס זיך בלויז געענדיקט דערמיט, וואָס מען האָט אים גלייך אויפן אָרט אויסגעשטראָכן פון דער זעלנער־רשימה און ער האָט אזוי ארום באַקומען זיין פּסק פאַר די אָפּגעטוענע פארברעכנס.

אונזער וואַרטן אין גוזאר האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר צוועקלאָז. קיין נייע ערטער אינם קאָנטינגענט זענען נישט געווען פאַרויסצוזען. דער אָפיציר האָט העכסטנס געקאָנט אריינשטעלן מיין נאָמען אויפן אָרט פונם פּראָוואָקאַטאָר שישקאָ, אָבער איך דערקלער אים, אז איך בין פארהייראַט, און אז עס האַנדלט זיך וועגן צוויי פּלעצער. גיט ער אונז דעריבער אן עצה, מיר זאָלן נאָך פּרוּוון צופאָרן אין הויפּט־שטאַב, אין יאַנגע־יול קאַמפּאַנסק. ער באַציט זיך צו אונזער זייער העפליך, שרייבט אונז אָן א בריוו און דער עיקר — ער גיט אונז די נויטיקע פּראָפּוסק׳ס און בחנמדיקע באַן־בילעטן.

פאָרן מיר שוין ווידער אין דער באַן, אָבער דאָס מאָל האָט די רייזע געלוינט. באַלד ביים אריבערטרעטן די שוועל פון יאַנגע־יול, פארהאַלט זיך נעבן אונז א מיליטערישע מאַשין און עס שפּרינגט פון איר אַרויס אן עלטערער פּוילישער פּולקאָווניק. איידער איך קוק מיך אַרום, כאַפּט ער מיך אַרום און הויבט מיך אָן צו דריקן צום האַרץ. איך קוק מיך אַרום א דערשטוינטער: וואָס קומט דאָ פאָר? אָבער דער פּולקאָווניק קלאַפּט מיר איבער די אַקסלען און פרעגט א צעשטראָלטער: דו דערקענסט מיך טאַקע נישט?

יאָ, איצט דערקען איך אים. דאָס איז דאָך דער מאַיאָר סליווינסקי, וואָס איז געווען מיט מיר צוזאַמען אין סטאַראָביעל־סקאָ און שפּעטער אין קאַלימאַ, מיט אים טאַקע האָב איך געהאַט דעם עפּיזאָד מיט דער צייטונג, פאַר וועלכער איך בין געזעסן אין קאַרצער.

עס איז אים ממש נישט צו דערקענען. צוגלייך מיטן ריינעם אָפּיצירישן מונדיר, איז אויך אים ארויף עפּיס אַ מאַיעסטעטישער גלאַנץ. דער מונדיר און דער עיקר — זיין איצטיקער מצב — האָבן אים צוגעגעבן אַ לחלוטין נייעם אויסזען. און כאָטש דאָס געזיכט איז דאָס זעלבע און די באַוועגונגען זענען די זעלבע, איז אים אָבער שווער צו דערקענען.

איך באַוויז אים נישט צו זאָגן אפילו וועגן מיין ווונטש זיך אָנצושליסן אין מיליטער, ווי ער לייענט ארויס פון מיין בליק און ער דערקלערט מיר גלייך, אז דער ענין איז א דערלייזדיקטער. איך קאָן מיך שוין באַטראַכטן ווי א צוגעהעריקער צו אַן עשאַלאָן. דערויף זאָג איך אים אָבער, אז איך בין נישט אליין, איך געפין זיך דאָ צוזאַמען מיט מיין פרוי. ער גראַטולירט מיר מיט אַ וואַרימען דרוק פון דער האַנט און ער זאָגט, אַז נאַטירלעך וועט אויך מיין פרוי מיטפאָרן. דאָס גיט מיר צו קוראַזש און איך זאָג אים שוין אינאיינעם, אַז אויך מיין קוזין זאַלצבערג וויל זיין מיט אונז צוזאַמען. איך מאַך פון זאַלצבערגן גלייך אַ קוזין, כדי צו פאַרגרעסערן זיינע שאַנסן. דער פּאָלקאָווניק סליווינסקי דערלאַנגט מיר די האַנט: איר פאָרט אַלע דריי.

עס פאַרבלייבט פאַר אונז בלויז צוריקצופאָרן קיין דזשאַמבול, איינצופּאַקן אונזערע זאַכן און צוריקצוקומען. דער פּולקאָווניק וואָרנט אונז, אז דאָס איז שוין דער לעצטער טראַנספּאָרט, דעריבער זאָלן מיר נישט באַלעמוטשן און גלייך צוריקקומען.

אָבער גלייך ביים געזעגענען זיך דערפיל איך פלוצלונג, ווי עס שווינדלט מיר. דער קאָפּ דרייט מיר און עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן. איך לייג נישט דערויף קיין סך אַכט. מסתמא איז עס אַ רעזולטאַט פון די לעצטע חדשים וואַנדערן און נישט רעגולער שלאָפן. אַ מענטש איז דאָך נישט פון אייזן. אַזעלכע זאַכן רופן זיך אָפּ.

אָבער ווען די באַן קומט אָן קיין דזשאַמבול דערפיל איך,

אז איך קאָן ממש נישט גיין, איך פּלאָנטער מיט די פיס און דער קאָפּ שווימט מיר ארום, אזוי ווי ער וואָלט נישט געהערט צו מיר, נאָר צו עמיצן אַנדערש. אַלץ וואָס מען רעדט צו מיר, קלאַפּט זיך אָפּ אָן מיינע אויערן אזוי ווי אין אַ וואַנט און פּליסט ערגיץ אַוועק.

אין שטוב אריין גיי איך שוין נישט מיט קיין אייגענע כחות, נאָר אָן אָנגעשפּארטער אויף פאניען, זי איז איבערגעשראָקן און קוקט אויף מיר מיט אויגן, אנגעגאָסענע מיט אומרו. וואָס איז דאָ געשען?

ווען מירע דערזעט מיך, פארשטייט זיך גלייך: איך האָב אַן אויסערגעוויינלעך שווערע פאָרם פון מאַלאַריע. אונזער שכן, דאָקטאָר גאָטליב קומט אריין און שטעלט פעסט, אז מירע איז גערעכט. אז מיין מאַלאַריע איז פון אַ גאָר שאַרפער פאָרם. מען לייגט מיך אריין אין בעט און מען דעקט מיך צו מיט שווערע קאָלדרעס. מיין גאַנצער קערפּער איז אדורכגענומען מיט צוויי בסדרדיקע כוואַליעס: פון היץ און פון קעלט. אַ רגע געפין איך מיך אין די קלאַמערן פון אַ פראָסטיקער קעלט און אין אַ רגע ארום צאַפּל איך שוין אין אַ מדברדיקער היץ.

די ציין קלאַפּן מיר, אזוי ווי זיי וואָלטן געווען נישט מיינע, נאָר פרעמדע. דער קאָפּ איז מיר שווער, איך האָב נישט קיין כח גלייכצוהאַלטן די לויזע מוסקולן פון האַלדז און ער זינקט אראָפּ אויפן קישן. די הענט און פיס ווערן בסדר געוואָרפן פון כוואַליעס פון קעלט און פון היץ. פאניע זיצט נעבן מיר, האַלט מיר אַ האַנט, אָבער איך זע איר, ווי זי וואָלט ארומגעשווימען איבערן צימער. דאָס אויסטערלישסטע געפיל איז אָבער דאָס, וואָס איך אַליין בין נישט איך. איך קאָן נישט פעסטשטעלן, ווו איך געפין מיך. צי ליג איך טאַקע אין בעט, אָדער צי געפינט זיך בלויז מיין האַלב־שכורער באַוווסטזיין דאָ אויפן קישן, אָבער איך אַליין בין גאָר ערגיץ אַנדערש, ערגיץ הינטער אַ מאַטע שויב, ווו די קאָנטורן זענען פארמעקטע און נישט־דייטלעכע.

בלויז פון צייט צו צייט געווין איך אויף אַ רגע דאָס באַוווסטזיין און דעמאָלט דערזע איך, ווי פאניעס קאָפּ איז איבערגעבויגן איבער מיר. איך וויל מיר אָנטוען אַ כח און נישט אונטערגעבן זיך דער כוואַליע פון די בסדרדיקע שווידערס, אָבער איך

קאָן נישט געוועלטיקן מיט מײנע אײגענע מוסקולן, און ליג אומבאַ־
האָלפן, ווי אַ פּאַראַליזירטער, און די מאַלאַריע טוט מיט מיר, וואָס
זי וויל. אַזוי ווי אַ צעבושעוועט וואַסער מיט אַ שפּענדל.

איך הער, ווי דאָקטאָר גאָטליב זאָגט, אַז ער האָט נאָך אַזאַ
פאָרם פון מאַלאַריע נישט געזען. ער לויפט אַרום נאָך מעדיקאַ־
מענטן און באַקומט זײ מיט גרויס מי און מאַטערניש. דרײ וואָכן
געדויערט אַזוי דער אָנפאַל. נאָך דער דריטער וואָך בלײַב איך
ליגן אַן אויסגעשעפּטער און אַ האַלב־טויטער.

עס איז דער ערשטער פרימאָרגן, ווי עס מיך אָפּגעלאָזט דאָס
שוידערן. עס איז קײנער גראָד נישטאָ אין צימער, איך פּרווו
אַראָפּגײן פון בעט, אָבער איך באַווײז מיך קוים אַראָפּ־
צושלעפּן אויף די אויסגעדאַרטע פיס און צוצוקריכן צום שפּיגל.
איך דערקען מיך אַלײן נישט. דאָס פּנים איז אײַנגעפאַלן, די אויגן
אַרומגענומען מיט שוואַרצע רינגען און אויסגעלאָשן.

דער דאָקטאָר זאָגט, אַז מײן אומקערן זיך צום געזונט איז
ממש אַ נס. איך האָב עס צו פאַרדאַנקען קודם כּל פאַניען און
אויך דעם פאַקט, וואָס עס איז אים געלונגען צו קריגן מעדיקאַ־
מענטן אין די שפּיטעלער. ער האָט זײ ממש אויסגעריסן מיט די
נענגל. ווען נישט זײַנע באַקאַנטשאַפטן, וואָלט אים גאָרנישט גע־
האָלפן און דעמאָלט וואָלט איך שוין פון בעט נישט אויפגעשטאַנען.

איך טו מיך צום ערשטן מאָל אָן. גײן קען איך בלויז אַן
אָנגעשפּאַרטער אויף אַ שטעקן. איך שלײַך צו צום פענסטער.

אין דרויסן איז זומער. דער הימל הענגט אַ בלויער, אַ הײסער.
דער לעצטער עשאַלאָן מיטן פּוילישן מיליטער איז שוין אוועק
קײן איראַן. וואָס האָט געטראַכט דער פּאָלקאָווניק שליווינסקי,
ווען איך בין נישט געקומען צום באַשטימטן טערמין? איצט איז
די זאַך אַ פאַרשפּילטע. צוליב דער קרענק מײַנער האָבן מיר פאַר־
לוירן דעם לעצטן שאַנס. איצט שטײט ווידער פאַר אונז די גרענעץ
אַ פאַרמאַכטע. מיר געפינען זיך צוריק, ווי מיר זענען געווען פריער
און מיר דאַרפן צופּאַסן דאָס לעבן אונזערס צו די איצ־
טיקע באַדינגונגען.

אָבער וועגן דעם איז מיר איצט צו שווערן צו טראַכטן. איך
בין אויסגעדרענגט פון יעדן שטיקל כּח און אין קאָפּ ליגט אַ

מאָדנע מאַכטלאָזיקייט. איך שלייך צו צו דער טיר, און אַנגעלענטער אויפן שטעקן, איך פּראַל זי אויף.

אין דרויסן שטייט אַ הייסער זומער־טאָג. דאָס שניי אויף די אַרומיקע באַרג־פעלזן ברענגט נישט קיין דערפרישונג. עס זעט נישט אויס ווי קיין שניי, נאָר ווי אַ ווייס־אָנגעגליטער מעטאַל.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

נאָכדעם ווי די מאַלאַריע האָט ביסלעכווייז אויסגעפּאַרעוועט פון מיינע ביינער און איך בין צוריקגעקומען צו די כחות, האָב איך אָנגעהויבן ארומזוכן אַ באַשעפטיקונג, ווייל סיי מיינע פּאָר רובל און סיי פּאַניעס האָבן זיך שנעל אויסגעשעפּט. אפילו די מטלטלים צו פארקויפן אויפן טאָלטשאָק זענען אויך ביסלעכווייז פארטוישט געוואָרן אויף שפּייז־פּראָדוקטן און אויף דירה־געלט.

צו וואָס זשע נעמט מען זיך? עס פאלט מיר איין צו ווענדן מיך צום דירעקטאָר פון אָרטיקן „זאַוואָד”, צי ער האָט פאר מיר נישט עפּיס אַן ארבעט. ווייזט זיך ארויס, אז ער האָט און דאָס גראָד אַן ארבעט, וואָס איז געווען אַ פאָרזעצונג פון מיין ארומוואַנדערן מיט די באַנען.

די אַרבעט באַשטייט אין אַרומפירן פופייקעס פון דזשאַמבול קיין סעוויערני קאַזאַכסטאַן, קיין קאראַגאנדא. די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט מיך דערפרייט. ערשטנס איז עס בעסער ווי שטיין צוגעשמידט צו אַ מאַשין און זיין אַ שקלאַף פון די איבערמענטשלעכע נאָרמעס מיט די טאָג־טעגלעכע פארזאמלונגען און רעזאָלוציעס, און צווייטנס איז מיר דאָס פאָרן סתם אריין אין די ביינער, בפרט נאָך, אז דאָס מאָל וועט דאָס פאָרן פאָרקומען אין לחלוטין אַנדערע אומשטענדן. איך בין איצט אַן אָפיציעלער מלוכה־באַאַמטער.

די ארבעט האָב איך געזאָלט אויספירן נישט אליין, נאָר בשותפות מיט נאָך איינעם, א רוסישן אינוואַליד. צוזאמען האָבן מיר געזאָלט פירן צוויי וואגאָנען מיט פופייקעס און מיר זענען געווען פאראנטוואָרטלעך פאַרן טראַנספּאָרט מיטן „קאָפּ”. פאר איין וואַגאָן בין איך געווען פאראנטוואָרטלעך און פארן צווייטן — ער.

גלייך אָבער, ווי מיר האָבן גערירט פון דער סטאַציע, דערלאַנג

איך אַ קוק, ווי דער אינוואַליד שלעפּט אַרויס פון וואַגאָן דריי פּופּייקעס און פאַרקויפט זיי צו עפּעס אַ טונקעלן פּאַרשוין. די דאָזיקע גנבה האָט מיך איינגאַנצן אויפגעטרייסלט. איך זאָג צו אים, אַז ער איז אַוודאי משוגע, ווייל מיט דער דאָזיקער גנבה, וועט ער דאָך אויף הונדערט פּראָצענט אַרויפציען זיך אויפן קאָפּ אַן אומגליק. די פּופּייקעס זענען דאָך געציילטע! אָבער יענער ענטפערט מיר קורץ און שאַרף: „ניע טוואָיע סאָבאַטשע דיעלאָ" — נישט דיין הינטיש עסק.

קיין קלאָרערע ווערטער האָט ער נישט געקאָנט זאָגן און איך זע שוין, ווי אַזוי זיין וואַגאָן מיט פּופּייקעס וועט אַריינקומען אויפן באַשטימטן אָרט. פרעג איך אים דעריבער מער נישט, זאָל ער זיך טוען, וואָס ער וויל. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין וואַגאָן, ווייל איך אים טאַקע היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. פאַר יענעם בין איך נישט מחויב מיך צו דערהרגענען, בפרט נאָך, אַז אויף יעדן וואָרט מיינעם ענטפערט ער אָפּ מיט אַ טריפּנדיקע, אמתדיק רוסישע קללה.

דאָס פירן די סחורה קומט נישט אויס אַזוי לייכט צוליב דעם, וואָס די באַן שטייט מער, ווי זי גייט. אויף יעדער סטאַציע פאַרהאַלט זי זיך און דער נאַטשאַלניק שטעלט איר אַוועק אין אַ זייט און זאָגט אונז: „נישטאָ קיין „פרייע ליניע". ווען נישט דאָס, וואָס מיר גיבן די נאַטשאַלניקעס יעדעס מאָל אַ פלעשל בראָנפן, וואָלטן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף איינער פון די סטאַציעס לעולם ועד. אויפן וועג זעען מיר צענדליקער אַנדערע וואַגאָנען מיט סחורות, וואָס ווערן אַזוי אַרומעט געפירט דורך „פּראָוואָדניקעס". די סחורות ווערן באַרעגנט, פאַרברענט דורך דער זון, אָדער סתם אַזוי געפּלינדערט דורך צענדליקער נישט־געוווּנטשענע הענט. ווי אַנדערש זעט אויס די סחורה, בעת זי פאַרלאָזט דעם לאַגער און ווי לחלוטין אַנדערש זעט זי אויס, בעת זי קומט אָן אויפן אָרט.

אין טשעליאַבינסק פּועלן מיר אויס (פאַר צוויי ליטער בראָנפן) אַז מען זאָל אונזערע וואַגאָנען צושטעלן צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג און אַזוי אַרום פאַרזיכערן מיר זיך, אַז מיר וועלן פאָרן אָן שום שטערונגען ביז פּעטראָפּאַוולאָסק. פון פּעטראָפּאַוולאָווסק גייט אַ צוג, וועלכן מען רופט „פּריגאָראָדני פּאָיעזד", וועלכער גייט איבער אַקמאָלענסק קיין קאַראַגאַנדאַ.

אויפן וועג דערזעען מיר ווי געוויינלעך לאַנגע קאָנוואָיען מיט

אַרעסטירטע און פאַרשיקטע, וואָס ווערן געפירט דורך באַוואָפנטע נ. ק. וו. ד.־זעלנער. אָבער צווישן די פאַרשיקטע דערזעען מיר צום ערשטן מאָל דייטשע קריגס־געפאַנגענע. אָט דאָס זענען זיי, די מלחמה־העלדן, די וואָס וויזן אַרויס אַזוי פיל בריהשקייט ביים שעכטן זקנים מיט קינדער. דאָס זענען זיי, די רוצחים פון אונזער פאָלק.

זיי גייען מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ, שמוציק, באַוואַקסן און אָפּגעריסן. זיי גייען ווי די לעמעלעך. זיי קוקן אויף די סאָוויעטישע זעלנער מיט חניפה־אויגן און אַ ליאַדע וואָס שמייכלען זיי מיט גליטשעדיקע, אונטערלעקערישע שמייכלען. ערשט נעכטן האָבן זיי אַרומקאָמאַנדעוועט אין זייערע גלאַנציקע שטיוועלעך און מיט די אויסגערייניקטע ביקסן און האָבן געצונדן יידישע שטובן און האָבן געמאָרדעט יידישע מאַמעס און קינדער. און דאָ זעען זיי אויס אומ־שולדיק ווי די שעפעלעך. זיי גייען מיט הכנעה און אונטערטעניק, עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן נישט געווען פעאיק צו דער־הרגענען אַ פליג.

אַ געפיל פון צאָרן און פון ווידערווילן באַהערשט מיך שטענ־דיק, ווען איך זע אַ קאָלאָנע מיט די נאַצישע געפאַנגענע. איך דריי אוועק דעם קאָפּ, איך זאָל נישט אָנקוקן זייערע פּנימער.

אונזערע וואַגאָנען קומען ענדלעך אָן קיין קאַראַ־גאַנדע,, וואָס איז באַרימט פון די קוילן־גרובן. אויף אַ קליין סטאַנציעלע, דאָרטן ווו מיר דאַרפן אָפּשטעלן די פופייקעס. דער באַן־וואָקזאַל איז קליין ווי אַ קינדער־שפּילעכל און דאָס שטעטל באַשטייט פון אַ פּאָר מנינים האָלצערנע הייזלעך, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַ ריזעדיקן שטח זאַמדן. פונדער־ווייטנס זעט מען אָן אָפּצוימונג פון שטעכיקע דראָטן, מיט די באַקאַנטע טורעמלעך מיט מאַשין־ביקסן. עס איז דאָ פּאַראַן אַ לאַגער פון 120 טויזנט פאַרשיקטע.

מיר גיבן אָפּ די סחורה. איך קוק מיט נייגיר, וואָס עס וועט פּאַסירן מיט מיין מיטפאָרנדיקן „פּראָוואָדניק", מיטן רוסישן אינוואַליד, וועלכער האָט אויפן וועג אַראָפּגעגנבעט עטלעכע דרייסיק פופייקעס. איך קוק און דערוואַרט, אַז אָט נעמט מען אים און מען אַרעסטירט אים, אָבער עס פּאַסירט גאָרנישט. פאַרקערט, איך

זע, ווי מען דריקט זיך דאָרט די הענט און מען קלאַפּט זיך איבער די אַקסלען.

דער ענין ווערט מיר באַלד קלאָר. ווען עס קומט צו מיין וואַגאָן, מעלדע איך דעם „סקלאַדאָווטשיק", אַז אַלע פּופּייקעס געפינען זיך אין בעסטן אָרדנונג. ער דערלאַנגט אויף מיר אַ פּאָר חידושטן קוק און דערנאָך צעגיסט זיך אים איבערן פּנים עפּיס אַ משונהדיקער שמייכל. ער בויגט זיך צו מיר צו צום אויער און באַט מיר אָן, איך זאָל אָנגעבן, אַז 100 פּופּייקעס זענען מיר צע־גנב'עט געוואָרן אויפן וועג און די דאָזיקע 100 פּופּייקעס זאָל איך צוזאַמען מיט אים „אַראָפּשלינגען". ער זאָגט, אַז קיינער וועט מיר דערפאַר גאָרנישט טאָן. פאַרקערט, די סחורה איז געלעגן פון סאַמע אויבן און עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, וואָס מען האָט אַראָפּ־געשלעפּט אויף אַזאַ לאַנגן וועג אַ הונדערט שטיקלעך. ער איז מיר גרייט, זאָגט ער, צו געבן 100 רובל פאַר אַ שטיק.

איך וויל אָבער נישט הערן דערפון. קיינער, זאָג איך, האָט מיך נישט באַ'גנב'עט און איך זע נישט די סיבה, פאַרוואָס דער טראַנספּאָרט זאָל נישט צוגעשטעלט ווערן, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. ער קוקט אויף מיר מיט איראָניע און זאָגט: „טי דוראַק!", דאַן ווערט ער וואָס אַמאָל בייזער און וואָס אַמאָל רציחה'דיקער, אָבער עס העלפט אים גאָרנישט. איך פאַרלאַנג אויסדריקלעך, ער זאָל מיר געבן אַ קבלה אויף דער גאַנצער צאָל און ער מוז סוף כל סוף מסכים זיין. ער שפּייט אויס, זאָגט עפּיס דערביי אַ וואָרט, וואָס איך האָב אפילו אין די לאַגערן נישט געהערט און פאַר־קלאַפּט הינטער מיר די טיר.

אין דרויסן איז אַ ווינט, וואָס רייסט אַראָפּ דעם קאָפּ. מענטשן האַלטן זיך ביי די פּאַרקאַנעס און ביי די טעלעגראַפן־סלופּעס, וויל עס דראָט ממש, זיי זאָלן אַוועקגעטראָגן ווערן מיטן ווינט. קיין קינדער לאָזט מען אין אַזעלכע טעג נישט אַרויס פון די שטובן. עס האָט שוין טאַקע געטראָפן, אַז זיי זענען אַוועקגעפלויגן און דאַן פאַרשיט געוואָרן מיט זאַמדן און מען האָט זיי נישט געקאָנט אויסגראָבן. דאָס צוריקגיין פון דעם סקלאַד ביז צום וואָקזאַל, כאָטש דער שטח איז אַ נאָענטער, געדויערט ביי מיר אַ גאַנצע שעה. איך גיי צוריק אַליין. מיין מיטפאָרער, דער אינוואַליד, איז אַריין אין סקלאַד און איז פון דאָרט מער נישט אַרויסגעקומען,

וואַרשיינלעך זיצט ער דאָרט און פאַרשיכורט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר די גע'גנבעטע פּופּייקעס.

דאָס צוריקפאָרן אַהיים פאַרנעמט גאַנצע אַנדערטהאַלבן וואָכן, אָבער די קאָמאַנדיראָווקע, וואָס איך האָב באַקומען אין זאַוואָד, רוקט פון מיר אוועק אַלע שטערונגען.

באַלד נאָכן צוריקקומען דערזע איך, אַז די לאַגע, אין דזשאַמ־בול, האָט זיך אינגאַנצן געביטן. ווייזט אויס, אַז צווישן סטאַלינען און דער פּוילישער רעגירונג איז אדורך עפּיס אַ שוואַרצע קאַץ, ווייל די באַציאונג צו די פּוילישע בירגער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. מען שלעפּט ארויס פון די שטובן און מען פאַרשיקט אין מיליטערישע אַרבעטס־בריגאַדעס. ביי דער אַרבעט אין די זאַ־וואָדן פאַרלאַנגט מען ווידעראַמאָל רוסישע פּעסער. די פּוילישע דאָקומענטן, וואָס האָבן ביז איצט געגעבן פאַרשידענע פּריווי־לעגיעס, זענען גאָר געוואָרן טמא. מיר געפינען זיך אין דער לאַגע פון קליינע קינדער, וואָס זענען אָפּהענגיק פונם קאַפּריז פון זייערע עלטערן. טאָמער זענען די עלטערן אין אַ גוטער שטימונג — גלעט מען זיי. און פאַרקערט. מיר זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט אונזער סטאַטוס. אַלץ איז אָפּהענגיק פון מלכות. דער מינדסטער באַפעל פון קרעמל קאָן מיט אונז אַ וואָרף־טאָן ווי אַ מדבר־ווינט, וואָס הויבט אויף אַ באַרג מיט זאַמד און צעשיט עס איבער אַלע ווינקלען.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

צוריקקומענדיק קיין דזשאַמבול דערוויס איך מיך, אַז דאָס מענטשן־געבאַפּעריי איז געוואָרן נאָך געפּערלעכער ווי פריער. מיר ציען זיך דערפאר איבער קאָקאַנד, ווו איך באַקום גלייך אַ פרישע „דיעלע", — צו פירן צוויי וואַגאָנען מיט בראָנפן. די וואַגאָנען זענען אָפענע און אויף יעדער פּלאַטפאָרמע געפינען זיך 18 פעסער, ווו עס זענען פאַראַן צו 500 און צו 800 ליטער. איך באַמי מיך, אַז אויך פאַניע זאָל באַקומען דעם „אמט" פון אַ פּראַוואַדניק" און מיר זאָלן פאָרן דאָס מאָל צוזאמען. דאָס לעבן אָפּגעזונדערט אין אַזעלכע אומזיכערע טעג רויבט ביי מיר צו דעם שלאָף פון די אויגן. נישט איך בין זיכער מיט איר גורל און נישט זי — מיט מיינעם. אַזוי וועלן מיר כאָטש טיילן דעם גורל בשותפות.

די באַמיאונגען צו באַקומען פאַר איר די אַרבעט פון אַ „פּראַוואַדניק" איז נישט קיין לייכטע. אָבער סוף כל סוף געלונגט עס אונז און מיר קריגן אַרויס די נויטיקע פראַכטן און פּאַפּירן. אין אַלגעמיין זענען פאַראַן דריי פּלאַטפאָרמעס. פאַניע און איך זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוויי און אַן אַלטער 72־יעריקער רוס — פאַרן דריטן. דאָס אָרט, ווו מען דאַרף אָפּשטעלן דעם בראָנפן הייסט נוקוס. דער מיטפאָרער אונזערער איז טראָץ זיין עלטער זייער אַ זשוואַווער און באַוועגלעכער גוי. ער שטעלט זיך פאַר אונז פאָר מיט זיין גאַנצן נאָמען: איוואַן איוואַנאָוויטש מאַרטאָוו. ער פאַר־קוועטש אַן אייגל, ווי איינער זאָגט: איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַן אוצר מיר פירן, זייט נאָר נישט קיין שוטים...

גלייך ווי דער צוג רירט פון אָרט נעמט ער אַרויס פון אַ קעסטעלע, אַ האַמער מיט אַ לאַנגע, גומענע קישקע. ער קלאַפּט אַרויס מיטן האַמער דעם קאָרעק פון איינעם פון די פעסער, לאָזט אַריין אינעווייניק די גומע און הייבט אָן צו צאַפּן בראָנפן אין אַ

גרויסן טאָפּ אריין. ער טוט די דאָזיקע ארבעט מיט אַן ערנסטקייט און מיט גרויס שלימות, אזוי ווי דאָס וואָלט טאַקע געהערט צו זיינע פליכטן. ער קוקט אויף אונז מיט א זייטיק אויג, ווי ער וואָלט אונז געזאָגט: קוקט קינדערלעך און לערנט זיך אויס די מלאכה.

מיר פרעגן אים, צי ער האָט נישט קיין מורא צו גנב'ענען מלוכה אייגנטום. ער לאַכט מיט א פּוסט, ציינלאָז מויל. ער זאָגט אונז, אז ער ארבעט שוין אזוי 30 יאָר ביים פירן בראָנפן און ער האָט שוין בוכשטעבלעך אויפגעגעסן די ציין זיינע ביים אָפּ־צאַפּן די דאָזיקע וווּנדערלעכע פליסיקייט.

ער גיט אונז גלייך צו פארשטיין, אז אינם פּאַס וועט גאָרנישט פעלן ,אז דאָס, וואָס ער צאַפּט אָפּ, גיסט ער גלייך צו. קיין וואַ־סער, זאָגט ער, פעלט נאָך דערוויי‌ל נישט אין רוסלאַנד. און אויב אפילו א קאָנטראָלע וועט קומען און אדורכפירן א כעמישע אינ־ספּעקציע, וועט זי אויך גאָרנישט פעסטשטעלן, ווייל וואָס באַדייטן דען עטלעכע ליטער אויף גאַנצע אכט הונדערט?

אויף יעדער סטאַציע פארקויפט ער דעם אָפּגעצאַפּטן בראָנפן. גאַנצע רייען מיט מענטשן שטעלן זיך אויס צום פּאַס, און דער אַלטיטשקער שטייט מיט א שעפּ און גיסט זיי אין פלעשער, באַנקעס און אפילו טשייניקעס. ער שטאָפּט זיך אָן פולע קעשענעס מיט געלט און דאַן — ווען דער צוג רירט נאָר — שטעלט ער זיך אוועק ביי א פרישן פּאַס און נעמט ארויס די מכשירים: דעם האַמער, די גומע, מיטן טאָפּ.

דאָס ערגסטע ביים טראַנספּאָרטירן דעם בראָנפן — זענען די נעכט. מען מוז שטאַרק אכטונג געבן, אז מען זאָל אונז נישט באַ־גנב'ענען. ווייל ווען עס זאָל זיך פארשפּרייטן די ידיעה אין דער אומגעגנט, אז מיר פירן בראָנפן, וואָלט מען אונז ממש צעטראָגן. דעריבער מוז עמיצער פון אונז אויף זיין א גאַנצע נאַכט. און דאָס אויפזיין די נעכט איז א מאַטערניש, ווייל עס ווערט וואָס אַמאָל קעלטער און מען ווערט אַדורכגעפרוירן ביז צום ביין, אפילו נאָכן איינטוליען זיך אין א וואַטענער קאָלדרע, וואָס מיר האָבן מיטגענומען.

פון אָנהויב נעמען מיר נישט קיין אָנטייל אין די מאַניפּו־לאַציעס מיטן בראָנפן און מיר גלויבן, אז עס וועט אונז געלונגען צוצושטעלן די פעסער, אזוי ווי זיי זענען ארויס פון די בראָנפן־

גיסערייען. אָבער גלייך אויף דער ערשטער סטאַציע איז ארויפגע־
קומען א גרופּע באַן־מיליציאָנערן, אזוי גערופענע זשעלאַזנאָ־דאָ־
ראָזשנאַיאַ ג. ק. וו. ד., און האָבן פאַרלאַנגט, מיר זאָלן זיי געבן
צו דערוואַרימען זיך מיט אביסל וואָדקאַ. דאַן האָבן די באַן־נאַ־
טשאַלניקעס יעדעס מאָל אוועקגעשטעלט אונזערע וואַגאָנען אויף
א זייטיקער ליניע און דאָס איינציקע מיטל זיי איבערצוצייגן, מען
זאָל אונז לאָזן ווייטער פאָרן — איז ווידעראַמאָל געווען אַן אָפּגע־
צאַפּטער טאָפּ מיט בראָנפן. דער סוף איז געווען, אז ווילנדיק צי
נישט ווילנדיק האָבן אויך אונזערע פּעסער אָנגעהויבן צו ווערן וואָס
אמאָל וואַסערדיקער. פון אָנהויב האָבן מיר געהאַט דערפון פאַר־
דרוס, אָבער דער אַלטיטשקער האָט אונז באַרואיקט: נאַרישע
קינדער, וואָס איר זענט, ווען איר וואָלט געקומען מיט אמתדיקע
פּעסער בראָנפן, וואָלט מען אייך דאָך פאַרמאַכט אין א משוגעים־הויז.

דער צוג שניידט ווייטער די סאָוויעטישע שטיקער ערד און איך
מיט פּאַניען זיצן אין אונזער „פּראַוואַדניק"־בודקע און האָבן הנאה
פון גאָטס וועלט. די לופט ווערט שניידיק און לויטער. פאַר די
אויגן דעקן זיך אויף וואָס אמאָל אַנדערע פּאַנאָראַמעס. מיר זיצן
ארומגעוויקלט אין א קאָלדרע און הערן זיך צו צום ריטמישן קלאַפּ
פון די מעטאַלענע רעדער איבער די ליניעס. עס דאַכט זיך אָפּטמאָל
אויס, אז מיר זענען איינע אליין אויף דער גאַנצער וועלט, אז דער
צוג אונזערער פאַרט פון ערגיץ נישט און ער וועט קיינמאָל אין
ערגיץ נישט דערפאָרן, און דעמאָלט ווערט גוט אויפן האַרץ. מען
ווערט אָפּגעטיילט פון אלע פּלאָגן און פון אלע זאָרגן. אָבער דורכן
פענסטערל פון דער בודקע זעט מען ווי עס שטייען די גרויסע ביי־
ביקע פּעסער מיט די ארויפגעשטעמפּלטע רוסישע צייכנס, און די
ווירקלעכקייט שטייט ווידער פאַר די אויגן און מען קאָן זיך פון
איר נישט באַפרייען.

אָט קומען מיר ביינאַכט אויף א קליינע סטאַציע אין טור־
קעסטאַן. מיר שטייען דאָ אָפּ א צוויי שעה און דער צוג הויבט
ווידער אָן צו גיין. אָבער ער גייט נישט דאָס מאָל ווי געוויינלעך,
נאָר ער פליט איבער די שינעס, אזוי ווי ער וואָלט זיך נישט גע־
קאָלערט אויף קיין רעדער, נאָר ממש געפלויגן אויף פליגל. אפילו
דער שנעל־צוג פון וולאַדיוואָסטאָק איז קיינמאָל אזוי ווילד נישט
געלאָפן. עס מישט זיך פשוט אין קאָפּ פון דער דאָזיקער שנעלקייט

און מיר פֿאַרשטייען נישט, וואָס דאָ איז געשען.

פּלוצלונג דערזעען מיר, ווי עמיצער דראַפּעט זיך אַרויף אויף אונזער וואַגאָן. פֿון אָנהויב מיינען מיר, אַז דאָס איז אַ גנבֿ, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז דער פֿירער פֿונם צוג. ער פֿאַלט אויף אונז מיט אַ יללה. דער באַן־מאַשיניסט האָט זיך אויף דער לעצטער סטאַציע אָנגעשיכורט, מיט בראָנפֿן טאַקע, און פֿליט ער ווי אַ געיעג־פֿערד. ער שרייט און בייזערט זיך און זאָגט, אַז אויף אונז וועט פֿאַלן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, טאָמער וועט עפּיס געשען אַן אומגליק.

די באַן לויפֿט אַ צעצוואַלעוועטע און פֿליט דורך דערפֿער און אַפֿילו דורך סטאַציעס, ווו מען האָט זיך געדאַרפֿט אָפּשטעלן נעמען וואַסער. עס באַפֿאַלט אונז אַ פּחד. נישט אַנדערש נאָר מיר וועלן דאָ אַלע אומקומען. דערביי זענען מיר גאָט די נשמה שולדיק, ווייל גראַד דעם באַן־מאַשיניסט האָבן מיר נישט געגעבן קיין לעק בראָנפֿן; ער האָט זיך וואַרשיינלעך אָנגעשכורט אויף דער סטאַציע, ביים בופֿעט. אָבער דער באַן־פֿירער האָט אַזש אַ שום אויף די ליפּן פֿאַר רוגזה. ער וועט אונז, זאָגט ער, לאָזן שמידן אין קייטן, ער וועט אונז הייסן פֿאַרשיקן און אַפֿילו דערשיסן. ער זידלט זיך און ער קאָכט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָבער סוף כּל סוף באַרוּאיקט ער זיך, נאָכדעם, ווי ער באַקומט פֿון אונז אַ בייטל מיט רייז. ער קלעטערט דורך איבער די פֿליענדיקע וואַגאָנען, כּדי צו האַמעווען דעם שכּורן מאַשיניסט. דאָס בילד זעט אויס אַזוי ווי אין אַ קאָמישן פֿילם. אינדרויסן איז אַ בהלה. מיר זעען, ווי מענטשן טייטלען מיט די פֿינגער אויף אונזער צוג. אויף די סטאַציעס פּאַ־כעט מען צו אונז מיט פֿענדלעך —, אָבער דער צוג לויפֿט אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. אַזוי ווי ער וואָלט פּלוצלונג אַראָפּ פֿון זינען.

ענדליך באַרואיקט ער זיך, ווייזט אויס, אַז דער באַן־פֿירער האָט אים דאָרט אָפּגעגאָסן דעם קאָפּ מיט אַ וויאַדרע קאַלט וואַסער. דער לאָקאָמאָטיוו הייבט אָן צו קרעכצן און צו זיפֿצן, אַזוי ווי אַ צעיאָגט פֿערד, וואָס לאָזט זיך נישט איינשטילן, אָבער סוף כּל סוף באַרואיקט ער זיך און הייבט אָן צו גיין מיט געמאָסטענע טריטלעך.

די טעג אינדרויסן האָבן זיך געשטעלט וואָס אַמאָל קעלטערע. מיר פֿאָרן וואָס אַמאָל מער אויף צפֿון און מיר דערפֿילן טאַקע, ווי

די דאָזיקע געאָגראַפישע ענדערונג עסט זיך איין אין די ביינער. נאָכן אָנקומען קיין אוראַלסק טשעפּעט מען אָפּ אונזערע דריי וואַגאָנען און מען שטעלט אונז אוועק אויף א זייטיקער ליניע. פונדאַנען ערשט הויבט זיך אָן דער גלייכער וועג צום פּאָרט פון „אראַלסקע מאָריע".

אינם פּאָרט איז אַ גערעטעניש אויף אַ זאַלץ. אויף דער סטאַציע שטייען צענדליקער מענטשן און פארקויפן די דורכרייזנדיקע גאַנצע קובלעם מיט דער דאָזיקער סחורה און די רייזנדע פּאַקן זיך טאַקע אָן פולע טשעמאָדאַנעס און זעק. זאַלץ איז א וויכטיק אַרטיקל און ערגיץ אַנדערש איז עס אויך אַ יקר המציאות. אָבער אַזוי ווי עס פירט זיך טאַקע אין רוסלאַנד — זענען געוויסע אַרטיקלען בלויז א יקר המציאות אויף איין אָרט און מען דאַרף זיך פּשוט אָפּבייסן די פינגער ביז צום ביין, מען זאָל עס קריגן, דאַקעגן אויף אַנדערע ערטער ליגט עס ממש אויף די גאַסן. זאַלץ איז אַן אומגעהויער נויטיקער פּראָדוקט און אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך שטייט מען שעה'ן אין די אָטשערעדס, כדי צו באַקומען אַ קעשענע מיט זאַלץ. דאָ אָבער אין אַראַלסק, איז עס ביליק ווי זאמד. די פּאַסאַזשירן שיטן זיך אָן גאַנצע בערג פאַר געציילטע קאָפּיקעס. זיי נעמען עס נישט פאַר זיך, נאָך וואָס דאַרף אַ מענטש צו האָבן אַזוי פיל זאַלץ? זיי קויפן עס, ווייל דאָס זאַלץ וועט זיי דינען ערגיץ אַנדערש ווי א גוטע וואַלוטע. פאַר א קעשענע זאַלץ וועט מען אפילו קאָנען באַקומען אַ פּאָר ברויט און אפשר נאָך מער.

די גאַנצע געגנט איז דאָ באַדעקט מיט לאַגערן. אויף טריט און שריט זעט מען „באָציאַנעס" מיט שטעך־דראָטן. דער אַלטיטשקער איוואַן איוואַנאָוויטש ווערט פּאָרזיכטיק. ער זאָגט, אז ער האָט שוין דאָ דערפאַרונג, אין דער דאָזיקער געגנט. דאָ איז די קאָנטראָל אַ פארשטאַרקטע און מען דאַרף נישט אַזוי אָפט באַנוצן דעם האַמער מיט דער גומע. אלע, וואָס אַרבעטן דאָ, געהערן צום נ. ק. וו. ד. אָנהויבנדיק פונם באַן־נאַטשאַלניק ביז צום גרוזאָווּשטשיק. דאָ, אין פּאָרט, דאַרפן מיר פאַרבלייבן צוויי טעג, ביז עס וועט אָנקומען דער דאַמפּער. דעמאָלט וועלן מיר אַרויפלאָדעווען דאָרט די פעסער מיטן בראָנפן און לאָזט זיך ווייטער אין וועג אריין מיט פּליסיקן אוצר.

דער נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו . ד. ווייזט זיך אָבער אַרוים פאַר

אַ גאַר ווילן מענטש. ער איז אונז קודם כל מכבד מיט דעם בעסטן, מיט וואָס מען קען מכבד זיין מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אונ־זער לאַגע. מיט צוויי הייסע קעסלען מיט וואסער, מיר זאָלן זיך קאָנען ווי געהעריק ארומוואשן נאָך אַזאַ רייזע. דאַן גיט ער אונז שמעקעדיקע מאכלים: פארשידענע פּאַטראַוועס פון געקאָכטע און געפּרעגלטע פיש. ער האָט זיך מיט אונז אַוועקגעזעצט און גענומען רעדן צו אונז וועגן זיין אָפּשטאַם און וועגן זיין בילדונג. ער האָט גענומען אריינוואַרפן פּסוקים פון פושקינען און פון לערמאָנטאָוון. און דאַן גיט ער אונז אויף אַ צווייידייטיקן אופן — אָנצוגעהערן, אַז ער וואָלט געוואָלט פון אונז אַ קובעליקל בראָנפן.

אויף דעם אַלטן איוואן איוואַנאָוויטש נעמט ציטערן די הויט. די הענט טרייסלען זיך אים פּשוט פאַר פּחד. דער נאַטשאַלניק באַ־רואיקט אונז און זאָגט, מיר זאָלן נישט מורא האָבן, אַלץ וועט זיין „וו' פּאָריאַדקע".

אַלס צייכן פון גוט־ברודערשקייט נעמט ער ארויס פון דער שאַנק אַ מיליטערישן מונדיר און שענקט אים מיר אוועק... צום מונדיר לייגט ער נאָך צו אַ פּאָר שיך, צוויי קאָצן און אַ קורץ פוטערל פאַר פאַניען. ער שטופּט אונז נאָך אריין — און דאָס שוין בפירוש קעגן אונזער ווילן — אַ פּאָר טויזנט רובל אין טאַש אריין. וואָס זשע בלייבט אונז צו טאָן? מיר מוזן ריזיקירן.

איך פיר אים צו צום וואַגאָן און ער נעמט זיך קינצלעריש אָפּצאַפּן דאָס בראָנפן אין צוויי טשייניקעס אריין און לאָזט זיך דורך אַ הינטער־וועג — צו זיך אויף דער סטאַציע. אין אַ מינוט ארום איז ער שוין דאָ צוריק און ער צאַפּט ווידער. אין פאַרלויף פון געציילטע מינוטן האָט ער אַזוי אָפּגעצאַפּט 50 ליטער בראָנפן און דערגאָסן מיט וואסער. עס דערמאָנט מיך שלום עליכם׳ס מעשה פון מאָטל פייסע דעם חזנ׳ס, וועלכער האַנדלט מיט קוואַס. וואָס עמיצער פון דער משפּחה האָט אויסגעטרונקען, האָט מען צו־ריק צוגעגאָסן פון וואָדאָטשאָנג אָדער פון אַ באַליע.

דערווייל קומט אָן דער דאַמפּער און מען נעמט ארויפקאָלערן די פעסער. טראָץ דער שרעק פון אַלטן איוואנען, פארהאַלט אונז קיינער נישט און מיר פּעקלען זיך אַלע אַריבער בשלום אויף דער שיף. אויפן דאַמפּער אַרבעטן זעקס יונגע פרויען מיט פיר מענער, זקנים. די שיף געפינט זיך אין אַ מוראַדיקן צושטאַנד, שמוציק, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. דער קאַפּיטאַן פירט זיך מיט זיין ווייב,

— אלע זענען צו אונז אומגעהויער גוט — זיי ווייסן, אז מיר פירן בראַנפן און מיט בראַנפן־פירער דאַרף מען לעבן בשלום.

דעם קאַפּיטאַנס אַלט ווייב חנדלט זיך און פּוצט זיך צום 72־יעריקן איוואַן. דווקא אים האָט זי אויסגעקליבן פאַר איר אַמאַנט און זי קושט אים פאַר אַלע אין די אויגן. זי איז פאַרשטייט זיך נישט אויסן די הגדה, נאָר די קניידלעך. דער מאַן אירער איז כלומרשט אייפערזיכטיק, ער שווייגט פינצטער אריין אין זיין קאָל־טענאָוואַטער באָרד, אָבער פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אין זיינע אויגן אַ בליציקן שפּיזל. דער גאַנצער „פליירט״ איז ווייזט אויס אַן אינסצעניזירטער. עס גייט דאָ דערין, אז מען זאָל פון אַלטן אַרויסצאַפּן וואָס מער משקה.

די פרויען אויף דער שיף שעלטן און זידלען נישט ערגער ווי די מענער, זיי זענען אויך שטאַרק ווי די מענער, זיי אָרדנען אָפּט־מאָל איין אַזעלכע מין פאַרמעסטן פון שטאַרקייט און נישט איין מאָל זענען די פרויען גובר. דאָס לעבן אויפן דאַמפער איז גרוי און ברוטאַל. מען האָרעוועט שווער ביי די קרעכצנדיקע מאַשינען און מאַסט־ביימער און מען רעדט צו זיך מיט אַ שפּראַך, מיט וועלכע קאָזאַקן באַנוצן זיך נישט.

כאָטש דאָס איז נישט קיין אַמתדיקער ים, איז אָבער דאָס וואַ־סער אָפּטמאָל שטורמיש און עס וואַרפט ווי אין קדחת. דריי מעת לעת זענען שוין פאַרביי זינט מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויפן דאַמפער און מען זעט נישט קיין ברעג. דאָס וואַסער האַלט אין איין טוישן די קאָליר, פונקט ווי אַ קאַמעלעאָן. אין פאַרלויף פון טאָג ווערט ער פון בלוי — גרוי, פון גרוי — גרין און פון גרין — טונקל־גראַנאַט, ווי אַ ביינאַכטיקער הימל. אונזער קאַיוטע, וואָס מיר האָבן געקריגן פון קאַפּיטאַן איז די בעסטע אויף דער שיף (אַלץ אין זכות פון בראַנפן). די שיף הוידעט זיך ווי אַן אַלטע, צע־טראָגענע באַליע, די פעסער קלאַפּן איינס אָן ס׳אַנדערע און עס דאַכט זיך, אַז אָט צעפאַלן זיי זיך און דאָס גאַנצע בראַנפן וועט זיך אַריינגיסן אין ים אַריין.

די נעכט זענען קאַלטע, אָבער טראָץ דעם, מוז עמיצער פון אונז שטיין און אכטונג געבן, אַז עמיצער פון דער מאַנשאַפט זאָל זיך נישט צוכאַפּן צום פליסיקן אוצר. עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו שטיין און אַדורכשטעכן די נאַכטיקע פינצטערניש מיט

שלעפעריקע אויגן, אָבער אַנדערש קאָן מען נישט. טאָמער כאַפּט זיך עמיצער פון זיי צו אַ פּאַס, איז דער פּאַס אַ געענדיקטער, ווייל ווו איז פאַראַן דער כח, וואָס וועט אָפּשטעלן עמיצן ביים צאַפּן דעם בראָנפן?

אַ געוויסע נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיקער שטורעם און עס דראָט — אויב נישט, אַז דער דאַמפער זאָל אונטערגיין — איז לכל הפחות, אַז די פעסער זאָלן אָנקלאַפּנדיק זיך צעשמעטערט ווערן אויף שטיקלעך. מיר זענען ארומגעקראָכן פון איין פּאַס צום אַנדערן און האָבן זיי ארומגעבונדן מיט אונזערע מלבושים און קאָצן, אזוי ווי מען בינדט ארום קינדער. די שרעק פאַר תפיסה און פאַרשיקונג האָט אונז צוגעגעבן כח און אָן אוממענטשלעכן אויסדויער. אָבער טראָץ אונזער זאָרג, איז איין פּאַס דאָך געפּלאַצט.

טראָץ דעם שטורעם־ווינט האָט זיך אָנגעהויבן פון אַלע זייטן אַ געלויפעריי מיט טעפּ, מיט טשייניקעס און מיט וויאדרעס. מען האָט געשעפּט דעם בראָנפן צוזאַמען מיטן ים־וואַסער, וואָס האָט באַגאָסן דעם דעק און מען האָט דאָס אַלץ פאַרקאָרקעוועט. דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט זאָרגן, ווייל ער וועט אונז צושטעלן אַן אקט, וואָס וועט אונז באַפרייען פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער פּאַס האָט געהערט צו איוואַן איוואַנאָוויטש. דער קאַפּיטאַן האָט טאַקע גלייך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל וועגן דעם געשעעניש און האָט דערויף ארויפגעקלאַפּט אַלע שטעמפּלען, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

ענדליך איז דער דאַמפּער אונזערער אריין אין אַ רואיקער געגנט און דערנענטערט זיך צום טייך אַמודאַריאַ. פון אַלע זייטן רינגלען אונז ארום שיפלעך מיט פישערס. זיי דערלאַנגען אונז פיש און בעטן דערפאַר נישט מער ווי איין זאַך: אַ קאַפּעטשקע בראָנפן צו באַנעצן די ליפּן. סיי זייערע פיש און סיי אונזער בראָנפן זענען געווען טריף, ווייל נישט זיי האָבן געהאַט אַ רעכט צו פאַנגען און נישט מיר האָבן געהאַט אַ רעכט צו צאַפּן. אָבער דאָך האָבן ביידע צדדים נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און — זיי האָבן טאַקע איינגענעצט די ליפּן און מיר האָבן געגעסן וונדערבאַרע שמאַלציקע אָסטיעס.

מיר געפינען זיך איצט אין קאַרקלאַפּאַטסקע ס. ס. ר. עס איז אַ לאַנד אָן באַנען. די גאַנצע קאָמוניקאַציע קומט פאָר אויפן

וואסער — אויפן ברייטן, ווילד־שטראָמיקן טייך אַמודאַריאַ.

דער דאַמפּער אונזערער האָרעוועט שווער, אויף טריט און שריט מוז ער אויסמיידן אינדזלען מיט זאמד. דערצו האָט דער טייך נאָך אַנדערע קאַפּריזן, היינט פליסט ער דאָ און מאָרגן פאַר־גלוסט זיך אים און ער ענדערט די קאָריטע.

ענדליך שטעלט זיך די שיף אונזערע אויך ביי א ווילד־באַ־וואַקסענעם ברעג, ווו מען זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן. צוויי פון דער מאַנשאַפט שפּרינגען ארויס אויפן ברעג ארויס און באַפעסטיקן דעם דאַמפּער מיט גראָבע שטריק. מיר קלעטערן אלע ארויס אויף דער יבשה און דערזען פונדערווייטנס דעם סאוואַז — אָט דאָ דאַרפן מיר טאַקע אָפּגעבן אונזער בראָנפן.

מען פאַרוואַרפט ברעטער צווישן דעם דאַמפּער און דער טרו־קעניש און מען הויבט אָן צו קאָלערן די פעסער. מען פאַרזיכערט אונז, אז אָט קומט מען און מען נעמט ביי אונז איבער די סחורה. אָבער דער דאָזיקער „אָט" האָט געדויערט צען טעג מיט צען נעכט. די שיף איז אוועקגעפאָרן און מיר זענען דערוויילע געלעגן נעבן די פעסער און האָבן זיך צוזאמען מיט אַנדערע היטערס פון סחורות געוואַרעמט ביי אָנגעצונדענע פייערן.

דערוויילע טשעפּן זיך צו צו אונז פאַרשידענע מיליציאָנערן. יעדע פּאָר שעה קומט עמיצער אַנדערש און הייסט זיך ווייזן פאַ־פּירן מיט דאָקומענטן. איבערהויפּט האָט זיך יעדער צוגעטשעפּעט צו דעם געפלאַצטן פאַס. מען הערט אויס יעדן פון אונז באַזונדער און יעדער מוז דערציילן די מעשה מיטן פאַס פון סאַמע אָנהויב ביז צום סאַמע סוף, ווי אזוי דאָס פאַס האָט געפלאַצט און ווי אזוי מיר האָבן צוזאַמענגענומען דעם בראָנפן אין די כלים צוזאַמען מיטן ים־וואסער. אונזערע באַריכטן האָבן זיי סוף כל סוף צופרידן געשטעלט און זיי האָבן באַשטעטיקט דעם פּראָטאָקאָל פונם שיף־קאַפּיטאַן.

דעם אַנדערן טאָג זענען מיר אויף א גרוזאָוויק אָפּגעפאָרן אין א דערבייאיקן שטעטל טורקול.

דאָס שטעטל טורקול באַשטייט פון קליינע הייזעלעך, וואָס זענען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער זאמדיקע געסלעך. ארום די הייז־לעך שטייען הילצערנע פּאַרקאַנעס. מיר שטאַטן אָפּ א וויזיט ביים „פּרעסעדאַטעל" פון שטעטל. ער איז א הויכער מאַן מיט בלאָנדע

האָר, העלע אויגן און אַ טראַציק - פּאַריסענע נאָז, אָבער גלייך נאָך די ערשטע פּאָר ווערטער ווייזט זיך ארויס, אַז ער איז אַ ייד. און נאָך וואָס פאַרא ייד? ער רעדט אַ יידיש, מיט וועלכן נישט איין יידישיסט וואָלט אים געקענט מקנא זיין. ער רעדט מיט אונז וועגן טויזנטער פאַרשידענע זאַכן, אָבער ער דערפירט דאָס געשפּרעך אַזוי, אַז דער שפּיץ זאָל אויס־קומען צו אונזער בראַנפן. ער איז אונז מכבד מיט וויין און מיט חזיר־שמאַלץ און מיט געשמאָלצענע פּוטער, אָבער ער באַרואיקט זיך נישט, ביז מיר גיסן אים נישט אַן קיין טשייניק מיט דער ברענענדיקער פליסיקייט.

עס איז מערקווירדיק, וואָס פאַרא שפע פון שפּייז עס געפינט זיך דאָ, אויף דער דאָזיקער זאַמדיקער ערד! דער טאָלטשאַק ברעכט זיך אזש אונטער די משאות פון פליישן און פון פעטס און פון ברויט! פונוואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ? דאָס שטעטל איז איינס פון די פּרימיטיוווסטע, וואָס מיר האָבן ווען אַמאָל געזען. עס איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ זאַמדיקער מדבר, אויף וועלכן עס זענען ווי מיט גומי־אַראַביקע צוזאַמענגעקלעפּט געוואָרן אַ צענדליק הייז־לעך, אָן גאַז, אָן עלעקטרי, אָן שום באַקוועמלעכקייטן. די הייזלעך מאַכן נישט דעם איינדרוק ווי קיין ווויִן־הייזער, נאָר ווי טעאַ־טער־דעקאָראַציעס.

מיר פאָרן צוריק צום ברעג פון דער אָזיערע און סוף כל סוף דערוואַרטן מיר זיך אויף צוויי מאַשינען, וועלכע קומען אונז אַרי־בערפירן — צוזאַמען מיט די פעסער בראָנפן — אין סאָווכאָז אריין.

און דאָ אין קאָלכאָז ווייזט זיך ארויס אַ מערקווירדיקע זאַך:

ביים אָפּוועגן די פעסער ווייזט זיך ארויס, אַז פון יעדן פון מיינע פעסער פעלט אַ 40־30 ליטער. דאַקעגן ביי דעם אַלטן איוואַן איוואַנאָוויטש האָט גאָרנישט געפעלט. איך קען דאָס גאָרנישט פאַר־שטיין. יענער איז געשטאַנען גאַנצע טעג און האָט געאַרבעט מיט דער גומענער קישקע און — גאָרנישט. אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדנונג, און מיר, וואָס האָבן אַזוי געציטערט ביי יעדן ארויסגע־געבענעם טראָפּן בראָנפן, זענען גאָר אינגאַנצן טריף. דער אַלטער קוקט אויף אונז אָבער און ער לאַכט. ער זאָגט, אַז מיר זענען נאַיווע מענטשן. מ'דאַרף נישט, זאָגט ער קוקן, אויף דעם וו אָ ס, מען וועגט, נאָר ווי אַזוי מען וועגט. ביי אים האָבן די מאַגאַזינערן גע־קריגן אַ פּאָר קובלעס מיט בראָנפן האָבן זיי געוווגן די פעסער אַזוי,

אז עס האָט נישט געפעלט קיין האַלבער טראָפּן, דאַקעגן האָבן זיי ביי אונז נישט באַקומען גאָרנישט, איז די וואָג דעריבער אויסגע־פאַלן אַנדערש...

דאָס פירט אונז אַרויף אויפן ריכטיקן געדאַנק. מיר רופן אַוועק דעם מאַגאַזינער אין אַ זייט און הייסן אים אַריינברענגען אַ פּאָר טשייניקעס. ער צאַפּט זיך אָפּ אַ פּאָר ליטער בראָנפן און דאַן שרייבט ער אויס אַ דאָקומענט, אַז עס האָבן טאַקע געפעלט ביי אונז 200 ליטער בראָנפן, אָבער אַז דאָס דאַזיקע בראָנפן איז אויסגערונען געוואָרן בשעת מען האָט עס טראַנספּאָרטירט.

איצט זענען מיר שוין ענדליך פּטור געוואָרן פון די פעסער. עס פאַרבלייבט אונז איצט צוריקצופאָרן קיין קאָקאַנד, אָבער צוריק מיטן זעלבן וועג קען מען נישט, ווייל עס האָבן זיך אָנגערוקט די ערשטע ווינטערדיקע טעג און דער אַראַלסק׳ער מאָריע איז פאַר־פרוירן געוואָרן.

מיר קלויבן דעריבער אויס אַן אַנדערן מאַרשרוט און דערוויל נעכטיקן מיר איבער אין דער כאַטע פון אַ קאַרקאַלפּאַק, אויף אַן אויסגעבעטער ערד.

מיר ליגן זיך אַנידער אויף דעם האַרטן געלעגער און עס נעמט מיך פלוצלונג אַרום אַ גרויסער חשק צו לאַכן. פאַניע קוקט אויף מיר און קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס איך טרייסל מיך אינגאַנצן. אָבער איך קאָן מיך נישט באַהערשן. די מוסקולן פון גאַנצן קער־פּער זענען מיר לויז געוואָרן און איך קאָן נישט באַהערשן דעם לאַכעדיקן ספּאַזם.

אָט זענען מיר אויסגעפאָרן אַ שטיק וועלט מיט 36 פעסער בראָנפן. מיר זענען געפאָרן מיט לאַסט־באַנען, מיט פּאַסאַזשיר־צוגן, מיט אַ שיף און מיט לאַסט־אויטאָס. מיר האָבן געשלעפּט די פעסער דורך בערג און דורך טאָלן, דורך יבשות און וואַסערן. מיר זענען געפאָרן דורך גאַנצע רעפּובליקן וואָס זענען גרויס, ווי אייראָפּעאישע מדינות. דורכן גאַנצן וועג זענען מיר כסדר באַלאַגערט געווען דורך הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון אונז אַביסל בראָנפן. פון אונזערע פעסער האָבן געטרונקען נאַטשאַלניקעס פון באַן־סטאַ־ציעס און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, זעלנער פון נ. ק. וו. ד. און באַן־מיליציאָנערן, פאַבריק־דירעקטאָרן און מאַגאַזינערן, פּשוטע אַרבעטער און פּויערים. דאָס בראָנפן איז כסדר געוואָרן ווינציקער

און דאָס וואַסער איז געוואָרן מער. אָבער מיר זענען דערמיט כסדר געפאָרן, האַבנדיק אין קעשענע די בעסטע קאָמאַנדיראָוועקעס, מיט די כשרסטע שטעמפּלען. אונזער רייזע מיט די פעסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצע עפּאָפּייע. דאָס גאַנצע סאָוויעטישע לעבן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז, בעת מיר האָבן געפירט די בראָנפן־סחורה, דער גאַנצער תוכן פון סאָוויעטישן לעבן איז געלעגן אין אונזערע פעסער. ווען עמיצער זאָל מאַכן אַ פילם פון אונזער רייזע מיטן פעסער־טראַנספּאָרט, וואָלט דערפון ארויסגעקומען דאָס בעסטע דאָקומענטאַרע בילד וועגן רוסלאַנד. עס וואָלט נישט געהאַט איז זיך די גאַנצע גרויזאַמקייט פון די תפיסות פון די לאַגערן און פון דעם טעראָר, אָבער עס וואָלט פאַרמאָגט די גאַנצע לעכערלעכקייט פון קאָמוניסטישן לאַנד. ווייל דאָס סאָוויעטישע לאַנד איז נישט בלויז גרויזאַם, עס איז אויך קאָמיש.

קאַפּיטל דרייסיק

דער וועג צוריק איז אַ שווערער. די גאַנצע געגנט, וואָס ציט זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער, פאַרמאָגט נישט קיין באַן, נאָר בלויז וואַסער־וועגן. איצט, אַז די וואַסער־וועגן זענען פאַרפרוירן, פאַרבלייבט בלויז צו פאָרן מיט לאַסט־אויטאָס, צו וועלכע מען דאַרף אָבער האָבן ספּעציעלע דערלויבנישן פון דער נ. ק. וו. ד. דאָס בלויזע באַקומען אָבער אַ דערלויבניש איז נישט גענוג. מען דאַרף אויך קאָנען באַקומען דעם לאַסט־אויטאָ. אין צווישנצייט קומט אונז אויס צו נעכטיקן אין מאָנגאָלישע הייזלעך, פאַרקראָכענע פון אײַנזעקטן און אײַנגעוווירענע פון שמוץ.

מיר פאָרן מיט די גרוזאָוויקעס איבער זאַמדיקע סטעפּעס. ער־טערווייז זעט מען מויערן פון אַלטערטימליכע פאַרשאָטענע שטעט. איבער די זאַמדן לויפן אַרום אויסטערלישע ווילדע פעזאַנען־פייגל. טיילמאָל פאַרגעסט מען אינגאַנצן, אַז מען געפינט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָר אַז מען פאָרט ערגיץ דורך סטעפּעס אין ווייטן אפריקע. אָבער אויף טריט און שריט געפונען זיך אומצווייפלהאַפטע, סאָ־וויעטישע סימנים: דאָס זענען די לאַגערן, וועלכע ציען זיך דאָ אויף ריזעדיקע שטרעקעס. פון צייט צו צייט זעט מען מאַרשירנ־דיקע קאָלאָנעס מיט די דאָזיקע שקלאַפן, געפירטע דורך באַוואָפנטע נ. ק. וו. ד.־אַגענטן. פון צייט צו צייט פאָרן מיר אַדורך דורך אַזעלכע אַרבעטס־פּלעצער, ווו די פאַרשיקטע פלאַסטערן שאָסייען, אָדער שטעלן אויף באַראַקן.

עס מישט זיך אַזש אין קאָפּ, ווען מען זעט די לאַגער־דראָטן. געוואַלט, וויפל מיליאָנען מענטשן מוזן זיך געפינען אין די דאָזיקע פאַרשיקונגען! עס איז ממש נישט פאַראַן קיין ווינקל אין דעם

דאָזיקן גרויסן לאַנד, וואָס זאָל נישט זיין באַדעקט מיט די דאָזיקע קאַטאַרגעס. רוסלאַנד איז אַ לאַנד פון פאַרשידענע געאָגראַפישע ברייטקייטן. אומעטום איז אַן אַנדערער קלימאַט, אַנדערע געוויקסן, אומעטום וווינען אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע מנהגים — אָבער איין זאַך איז אומעטום די זעלבע: די דאָזיקע לאַגערן, די „באַ־טשאַנעס" מיט די מאַשין־ביקסן, די פאַרשיקטע מיט די גרויע, ערדיקע פּנימער און מיט די אויסגעלאָשענע אויגן.

אונזער וועג פירט דורך פאַנטאַסטישע סטעפּעס, וואָס זענען ערטערווייז באַוואַקסן מיט קאַרליקעס־קוסטעס.

א געוויסן אינדערפרי פאָרן מיר אַדורך די שטאָט קאַראַקול — דאָס איז די שטאָט, וווּ מען מאַכט די באַרימטע קאַראַקולענע פעלעכלעך די דאָזיקע פעלעכלעך ווערן געמאַכט פון פוטערלעך פון שעפּסן, וועלכע מען קוילעט אויפן זעכצנטן טאָג נאָך זייער געבוירן. די שטאָט איז אַ מאָדערנע, מיט פיל גרויסע, געמויערטע הייזער. איבער די גאַסן דרייען זיך אַרום עלעגאַנט־אָנגעטוענע קאַזאַכן און טאַטערן. אָבער דער דאָזיקער מאָדערניזם איז נישט מער ווי אַן אויבערפלעכלעכער. עס הערשט נאָך דאָ אַ ווילדער מנהג, וועלכן עס האָבן אפילו נישט אויסגעראָטן די סאָוויעטישע „זאַקאָנען". נאָכדעם ווי אַ קימפּעטאָרין ווערט געלעגן מיט אַ קינד, ווערט דאָס ניי־געבוירענע נפשל אויסגעשמירט מיט בלאָטע און אַזוי אַרום האַלט מען עס קיילעכדיקע פיר וואָכן. ערשט דעמאָלט מאַכט מען דעם קינד די ערשטע באָד.

פון קאַראַקול זענען מיר געפאָרן קיין טשורזשו. פונדאַנען קאָנען מיר שוין פאָרן מיט דער באַן דורך אורסאַסיסק קיין קאָקאַנד.

מיר זענען צוריק אין דער „ציוויליזירטער" וועלט און מיר דערוויסן זיך די נייעסן, וואָס זענען דערווייל פאָרגעקומען בעת אונזער פיר־חדשימדיקער אָפּוועזנהייט.

דורך דער צייט האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צו שאַפן אַ פּוילישע אַרמיי, אַן אַנדערע ווי די פריערדיקע — די קאָשציושקאָ־אַרמיי. איצט איז שוין נישט פאַראַן קיין רייד וועגן אַרויספאָרן קיין פּערסיע, די איצטיקע אַרמיי־אָפּטיילונגען ווערן אַרויסגעשיקט צוגלייך מיט די סאָוויעטישע אויפן פראָנט און נעמען אָנטייל אין די שלאַכטן קעגן די נאַציס.

מיר דערוויסן זיך אויך אַ צווייטע בשורה. אַ בשורה — אַ

פינצטערע און אַ שוואַרצע. די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צוריק צוטרייבן די דייטשן פון די אָקופּירטע שטעט און אומעטום האָט זיך אויפגעדעקט פאַר די אויגן אַ גרוילּיק בילד: די באַפרייטע ערד איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן. די נאַציס האָבן אומעטום אויף אַ רציחהדיקן אופן אויסגעמאָרדעוועט די יידישע איינוווינער. עס ווילט זיך נישט גלויבן, עס ווילט זיך נישט דערלאָזן צום געדאַנק, אָבער עס זיצן פאַר אונז לעבעדיקע עדות, וואָס האָבן אַליין, מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די ווילדע רציחות. די מאַסן־דערשיסונגען, דעם טויט פון גאַנצע יידישע ישובים, די אימה׳דיקע פּייַנען פון הונדערטער טויזנטער יידישע מענער, יידישע פרויען און יידישע קינדערלעך. זיי דערציילן וועגן דעם גרויסן טרויער־טאָל אין באַבי־יאַר. די ווערטער שניידן זיך אַריין ווי מיט מעסערס. דאָס גאַנצע יידישע קיום און אויסגעשאָכטן געוואָרן במשך פון איין נאַכט!

מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אונזער לעצטער סטאַציע — קיין קאָקאַנד. ווי ווייט האָבן געגרייכט די נאַצישע מערדערייען? ווי איז די באַציאונג פון די היטלעריסטן צו די יידן אין פּוילן? צי קאָן מען נאָך האָבן אילוזיעס? נאָך די אַלע שווידערלעכקייטן! מיר טרייבן פון זיך אָפּ די געדאַנקען, וואָס קריכן אַריין אין געמיט אַריין, ווי שוואַרצע קראָען. די רעדער פון דער באַן קלאַפּן אַזוי ווי אַ קאַלטער אָנריר פון ביינער אָן שטאָלענע מעסערס. אין דרויסן גייט אונטער די זון אין רויטע וואָלקנס — די רויטקייט איז אָבער אַ רויטקייט פון בלוט. די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַציע. מיר שטייגן אויס מיט שווערע הערצער.

נאָכן אַריינקומען צו אונז אין שטוב אַריין דערוווּס איך מיך פון דער באַלעבאָסטע אַ בשורה, אַז מען האָט מיך געזוכט.

וועגן וואָס מען האָט מיך געזוכט — האָב איך נישט קיין אַנונג. אָבער איך דערמאָן מיך, אַז נאָך פאַרן אוועקפאָרן האָט מען אַדורכגעפירט אָבלאַוועס צווישן פּוילישע בירגער און עס זענען פאַר־געקומען שיקאַנעס צווישן די, וואָס האָבן נישט געהאַט אַמאָל אָנ־גענומען קיין רוסישע פּעסער. היות קיין אַנדערע חטאים קעגן דער סאָוויעטישער „וולאַסט" האָב איך נישט (אַ חוץ דער פאַרביטערונג, וואָס איך טראָג ביי מיר אין האַרץ) מיין איך, אַז די דאָזיקע וויזיט פון דער מיליץ האָב איך צו פאַרדאַנקען נישט מיינס אָן אייגענעם

חטא, נאָר די קאַליע־געוואָרענע באַציאונגען צווישן סטאַלינען מיט שיקאָרסקין.

דעם ערשטן באַזוך מאַך איך אין פאַבריק, וועלכע האָט מיך ארויסגעשיקט מיט דעם טראַנספּאָרט בראַנפּן. ס׳ווייזט זיך ארויס, אַז דער פריערדיקער דירעקטאָר איז שוין נישטאָ, אַז אויפן אָרט זיינעם זיצט אַ נייער פּאַרשוין, עס איז ויקם מלך חדש אשר לא יודע את יוסף. ער קען מיך נישט. ער ווייסט נישט וועגן דער גאַנצער געשיכ־טע, דעריבער הייסט ער מיך קומען צומאָרגנס.

די ערשטע נאַכט פאַרברענגען מיר ביים אַראָפּוואַשן פון זיך די טויזנטער אַדורכגעפאָרענע קילאָמעטער. דאָס שייערן און דאָס וואַשן געדויערט כמעט ביז פאַרטאָג און מיר דערגייען סוף כל סוף צו אַ שטיקל זויבערקייט. דערווייל בעט איך ביי דער באַלעבאָסטע, זי זאָל זיך נישט פעדערן און נישט גיין צוויסן געבן אין דער מי־ליץ, אַז מיר זענען שוין דאָ צוריק, אויב זיי דאַרפן מיך האָבן, קאָנען זיי אַליין קומען צו מיר, אָבער אַריינשטעקן דעם קאָפּ צום לייב אין פּיסק אַריין בין איך נישט מחויב.

באַלד אין דער פרי גיי איך ווידעראַמאָל אוועק אין זאַוואָד אַריין. אָבער אַ מאָדנע זאַך — איך האָב עפּעס אַן אויסטערליש פאָרגעפיל, אַ פאָרגעפיל, וואָס פילט אָן מיט שרעק.

איך קום אַריין צום דירעקטאָר, דערלאַנג אים אַלע פּאַפּירן און פאַרלאַנג פון אים, ער זאָל אונז אויסצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין וועג. דער דירעקטאָר מאַכט עפּים אַ מאָדנע מינע. ער שטעלט זיך אויף און הייסט מיך צו־וואַרטן. זיין געזיכט ווערט מיר אויפפאַלנדיק. איך זאָג אים, אַז אויב ער האָט נישט קיין געלט — מאַכט עס נישט אויס, וועל איך קומען אין א פּאָר טעג אַרום. איך וויל טאַקע אַ שפּרייז טאָן אין דער ריכטונג צו דער טיר, אָבער ער פאַרשטעלט פּלוצלונג דעם וועג. די זאַך איז אַלזאָ אַן אָפענע. ער האָט בדעה מיך נישט ארויסצו־לאָזן. איך שטופּ אים האַסטיק אַוועק און וויל א שפּרונג טאָן צום אַרויסגאַנג, אָבער דאָרט שטייט שוין דער וועכטער מיט אַן ארויס־געשטרעקטער ביקס.

פון אלע זייטן הויף נעמען זיך צוזאַמענלויפן גרופּן מיט אַר־בעטער און פאלן אויף מיר אָן פון אַלע זייטן. זיי מיינען אוודאי, אַז איך האָב מיך דאָ געגרייט אַדורכצופירן אַן איבערפאַל אויפן

דירעקטאָר און אויף דער קאַסע און זיי האָבן דאָ געכאַפּט דעם ריכטיקן פויגל.

אין אַ מינוט אַרום — אַזוי ווי פון אונטער דער ערד — וואַקסן אויס פיר ציווילע אַגענטן און מען פירט מיך אַוועק אין דער נאָנטסטער נ. ק. וו . ד.־געביידע.

פון די דאָזיקע אַלע געשעענישן מישט זיך מיר אין קאָפּ, וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

איך זיץ אָפּ אַ שעה אין אַן אָפּגעשלאָסענעם צימער און איך ברעך מיר דעם קאָפּ, וואָס האָב איך דאָ חוטא געווען? וואָס פּאַראַ פּאַסטקע האָט מען דאָ פאַר מיר אַוועקגעלייגט אין דער נ. ק. וו. ד.?

אין אַ שעה אַרום פירט מען מיך אין אויספאָרשונג־צימער. קיינער פרעגט מיך גאָרנישט, נאָר מען זעצט מיך אַוועק און מען לאָזט מיך אַזוי זיצן ביז עס עפנט זיך אַ זייטיקע טיר. מען פירט אַריין אַ באַקאַנטן פּאַרשוין. איך קוק אים אָן און איך דערקען אים גלייך. דאָס איז דער פריערדיקער דירעקטאָר פונם זאַוואָד.

מען פרעגט מיך, צי איך קען אים. זאָג איך, אַז יאָ. אַז דאָס איז ער טאַקע, וואָס האָט אַנגאַזשירט מיך און די פרוי מיינע אַוועק־צופירן דאָס בראָנפן. דערויף פרעגן זיי מיך, וויפל איך האָב אים באַצאָלט דערפאַר. זיי פרעגן עס מיך כלאחר יד, און קוקן מיר דער־ביי שפיציק אין די אויגן אַריין.

איך זאָג זיי דערויף, אַז איך האָב אים דערפאַר גאָרנישט באַ־צאָלט, אַז ער האָט מיך אַנגאַזשירט, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבן צוויי אַזעלכע „פּראַוואָדניקעס" און פונקט זענען מיר אים אונ־טערגעקומען אונטער דער האַנט.

דער דירעקטאָר זעט אויס פאַרחושכ'ט, אָפּגעלאָזן. ער איז באַ־וואַקסן ווי אַ ווילדע חיה. אָבער ער קוקט אויף מיר מיט אַ שטו־מער דאַנקבאַרקייט.

דאַן גייען זיי אַריבער אויף אַ פרישע טעמע: פאַרוואָס האָב איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אַרויסגענומען קיין רוסישן פּאַס? דערויף ענטפער איך, אַז איך האָב מיך נישט אָפּגעזאָגט פון מיין פּוילישער בירגערשאַפט, ווייל מיין גאַנצע פאַמיליע איז פאַרבליבן אין פּוילן און אַז מיין האָפענונג איז זיך צו זען מיט זיי, דעריבער קען איך נישט מיך אָפּשניידן פון זיי מיט אַ גרעניץ.

דער סלעדאָוואַטיעל גיט מיר דאַן אַ פּלוצלונגדיקן פרעג, צי איך קען אַ געוויסן חיים קאָנסטאַנטינאָווסקי. פון זיין אופן פון

פרעגן, זע איך, אז קאָנסטאַנטינאָווסקי איז זייערס א מענטש, אז פון אים טאַקע האָבן זיי געשעפּט זייערע אינפאָרמאַציעס. איך זאָג זיי, אז ער איז מיר באַקאַנט. און איך דערצייל זיי בפּרטיות די אומשטענדן אין וועלכע איך האָב אים באַגעגנט. ווען איך שילדער זיינע גנבישע פּרנסות, ווערט דער נ. ק. וו. ד.־אַגענט אויפגערעגט און רייסט מיר איבער. ער באַפעלט מיך גלייך אָפּצופירן אין דער קאָקאַנדער תפיסה.

צוויי באַוואָפנטע זעלנער שטעלן זיך אוועק פוןביידע זייטן און מען פירט מיך איבער דער שטאָט אין תפיסה אריין. פונדערווייטנס דערזע איך פּאַניען. זי שטייט מיט פאַרצווייפלטע אויגן, און ברעכט מיט די הענט. איך שריי צו איר אויס, זי זאָל ארויסנעמען א רוסישן פּאַס. דאָס איז אַלץ וואָס איך באַוויז צו איר ארויסצוזאָגן, ווייל אָט זענען מיר ביים תפיסה־בנין און אין א מינוט ארום געפין איך מיך אין אַ צעלע.

די צעלע איז אָנגעפּראָפּט מיט אוזבעקן. די מויערן זענען דיקע און קרישלדיקע, ווייזט אויס, אַז עס איז דאָ געווען פריער אַ מיטל־אַלטערלעכער שלאָס.

איך זעץ מיך אוועק אויפן עק פון אַ פּריטשע און איך פיל, ווי דער שארבן ווערט מיר צעפּלאַצט פאר ווייטיק. איך פיל מיך, ווי א חיה, וועלכע מען האָט אָפּגעשלאָסן אין א שטייג. פאַרוואָס און פאַרוועז? איך האָב נישט קיין ענערגיע צו רעדן צו קיינעם פון די צעלע־שכנים. עס הויבט זיך אָן די געוויינלעכע תפיסה־רוטין. אינדערפרי 400 גראם ברויט און גאַנצן טאָג, ביי מיטאָג — אַ זופּ, די ערגסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געגעסן אין אַ סאָוועטישן לאַגער.

מיט דריי טעג שפּעטער פירט מען מיך אוועק אין טאַשקענטער דורכגאַנגס־לאַגער. עס געפינען זיך דאָ מענטשן פון אלע ווינקלען פון רוסלאַנד. עס איז דאָ אויך פאַראַן א גרויסע צאָל רוסישע אָפּי־צירן, וואָס האָבן דעזערטירט פון פראָנט, און אויך אזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אריבער צום דייטש. עס זענען דאָ פאַראַן אַ 200 טויזנט מענטשן.

די באַדינגונגען זענען קלאָגעדיקע. מען ראַזירט זיך איינער דעם אַנדערן מיט שטיקער בלעך. אין עלף טעג ארום קום איך אָן אויפן טראַנספּאָרט. איך באַגעגן דאָ עטלעכע באַקאַנטע פון דזשאַמ־

בול. און דאָ גיט מען מיר איבער אַ בשורה וועגן שטראַסבערגן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דזשאַמבול און דאָן האָט ער געהאַט אַן עפנטלעכן פּראָצעס, אויף וועלכן ער האָט באַקומען 15 יאָר פאַרשיקונג. אָבער ווען מען האָט אים געבראַכט קיין סאַקסאַאולסק, איז ער דאָרט דערשאָסן געוואָרן. די ידיעה איז אַ זיכערע, עס האָבן עס איבערגעגעבן באַגלויבטע עדות.

דער רעזשים אין דאָזיקן איבערגאַנגס־לאַגער איז אַ שווערער. מיר ווערן באַוואַכט דורך אוזבעקן און קאַזאַכן און זיי זענען פיל שטרענגער און טעמפּער ווי די רוסן.

ערשט איצט הויבט מיר אָן ביסלעכווייז צו ווערן קלאָר, אַז די סיבה פון מיין אַרעסט איז געווען קאָנסטאַנטינאָווסקי. איך וויים נישט, וואָס פאַרא בלבולים ער האָט געמאַכט אויף מיר, אָבער יענער איז אויף אַלץ פעאיק. אַ מיטשכן מיינער, אַ רוסישער אָפּי־ציר, זאָגט, אַז אויב די סיבה פון מיין אַרעסט איז דאָס, וואָס איך האָב נישט אָנגענומען קיין רוסישע בירגערשאַפט, וועל איך מסתמא נישט באַקומען מער ווי איין יאָר פאַרשיקונג אין די אַלמאַטינ־סקער לאַגערן. אָבער דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַרא „סטאַטוס" איך האָב.

מען לאַדעוועט אונז אַריין אין אַ צוג און מען לאָזט אַראָפּ די אייזערנע פרענטן איבער די טירן. דער דאָזיקער סקריפּעדיקער, מעטאַלענער קלאַנג איז מיר שוין גוט באַקאַנט פון פריער. אויך דער וועג איז מיר באַקאַנט —, מען פירט אונז דורך אַלמאַ אַטאַ און אושטאַבע. זאָל עס הייסן, אַז מען פירט אונז אין די נאָוואָ־סיבירלקער לאַגערן?

איך פיל, אַז דאָס לעבן מיינס איז שוין אַ פאַרשפּילטס. נאָכ־באַמאָל איבערהאַלטן דאָס אַלץ, פון אָנהויב אָן, האָב איך נישט קיין כח. אויפן דריטצנטן טאָג דערזע איך די סטאַציע נאָוואָסי־בירסק. עס שטיקט מיך אַ נישט אויסגעשריגן געוויין, וואָס קומט איצט פאָר מיט קיין פרוי? איך בענק נאָך איר, דאָס האַרץ רייסט זיך מיר אַהין. און דאָ פירט מען אונז נישט אַמאָל צוריק קיין קאַלימאַ? אין יענעם עק וועלט, וואָס איז וויים נישט בלויז פון שניי נאָר אויך פון צענדליקער טויזנטער אומגעקומענע שקלאַפן־אַרבעטער?

די טיר פון אונזער וואַגאָן עפנט זיך און די וועכטער נעמען

אַרויס מיך מיט נאָך צוויי פּערזאָן, וועלכע זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן פאר נישט אַרויסנעמען קיין פּעסער. מען פירט אונז צו צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג, דער לעצטער וואַגאָן איז אַ תפיסה־וואַגאָן מיט פֿאַרקראַטעטע פענסטערלעך. ווידער שטופּט מען אונז אַריין אין אַ שטיקנדיקער טונקלקייט און מען פאַרשליסט הינטער אונז די שלע־סער. די רעדער נעמען זיך האַמעטנע קאָלערן איבער די שינעס. מיר פאָרן נישט רעכטס — אין דער ריכטונג פון קראַסנאָיאַרסק און אויך נישט לינקס — קיין אָמסק. מיר פאָרן לחלוטין אין אַן אַנדערער ריכטונג.

אין 24 שעה אַרום דערהערן מיר אויסרופן די סטאַציע קיע־מיעראָוו און אין עטלעכע שעה אַרום שטעלט זיך די באַן אָפּ אין קוזנעצק. אין די אַנדערע וואַגאָנען איז אַ גערודער. פּאַסאַזשירן שטייגן אַראָפּ און אַרויף, מען קלאַפּט מיט די טירן, מען שלעפּט טשעמאָדאַנעס, מען געזעגנט זיך און מען באַגריסט זיך. אונזער וואַ־גאָן איז אָן אָפּגעשלאָסענער און אַ שטילער ווי אַ לויה־עגלה. אויפן דריטן טאָג קומען מיר אָן קיין סטאַלינסק־קוזניעצק.

מען לאַדעוועט אונז אַרויס פון וואַגאָן. מיר זענען צעבראָכן פון וועג, אויסגעהונגערט, שמוציק און באַוואַקסן. מען נעמט אונז פירן איבער דער שטאָט, וואָס איז פול מיט פאַבריק־קוימענס און מיט ווייסע, נייע בנינים. אונזער וועג איז אָבער אַ קורצער — פון דער באַן־סטאַציע ביז צו דער מיליץ.

אין דער תפיסה־צעלע טרעף איך דאָ צום ערשטן מאָל קליינע, מינדעריעריקע קינדער. אָפּטמאָל זענען עס נישט מער ווי אַכט יאָ־ריקע ווערוריקלעך, אַרומגעפּאַטלטע אין שמאַטעס און מיט פינקל־דיקע, היהשע אייגעלעך. אין וואָס די פאַרברעכנס פון די דאָזיקע קינדער זענען באַשטאַנען ווייס איך נישט. מסתמא געהערן זיי צו די שייקעס גנבימלעך, מיט וועלכע גאַנץ רוסלאַנד ווימלט ווי מיט ווילדע שוואָמען.

איך בין צופרידן, וואָס מען האָט מיך איינגעזעצט אין דער מיליץ און נישט אין נ. ק. וו. ד. אויב אַזוי — איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל האָפענונג. אינמיטן דערנאַכט רופט מען מיך אויף אַ פאַרהער.

דער אויספאָרשונג־ריכטער נעמט מיך העפליך אויף. ער איז יונג און גוט אויפגעלייגט. ער פרעגט מיך מיט אַ שמייכל, פאַר־

וואָס איך האָב נישט גענומען קיין רוסישן פּאַס. איך ענטפער אים דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געענטפערט אין קאָקאַנד. ער מאַכט נישט מיט מיר קיין גרויסע צערעמאָניעס. ווייזט אויס, אַז איך בין נישט קיין וויכטיקער העכט. אַזעלכע פישלעך ווי איך זענען דאָ פאַראַן אין די הונדערטער טויזנטער און עס איז אַ שאָד צייט און ענערגיע צו פּטר׳ן אויף אונז.

ער גיט אַ דרוקביים קנעפּל און עס קומען אריין צוויי מיליציאָנערן. איך ריכט מיך — פון מיין פריערדיקער דערפאַרונג — אַז באַלד וועט מען מיך אָנהויבן צו שלאָגן, איך קען שוין דעם טעמפּן געקלאַפּ פון די מעטאַלענע קניפּלעך. אָבער קיינער פון זיי חלומט אפילו נישט מיך אָנצורירן. זיי נעמען מיך אָן ביי די אָרעמס און פירן מיך אריין אין ק. פּ. ז., דאָס איז אַ מין אָרט, ווו מען פירט אַדורך די אמתדיקע פאַרהערונגען. דאָ זיצט מען אַ צען־פופצן טעג, ביז וואַנען מען וועט אוועקגעשיקט אין תפיסה אריין.

עס איז טאַקע נישט מער ווי צען־פופצן טעג, אָבער די דאָזיקע פּאָר טעג זענען ערגער ווי לאַנגע וואָכן אין אַ „געוויינלעכער" תפיסה־צעלע. דאָס צימער איז אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, אַזוי ווי אַ הינער־שטייג. אַ גאַנצן טאָג מוז מען שטיין, ענג צוגעפּרעסט און עס איז נישטאָ קיין אָרט זיך אַ דריי צו טאָן. גלייך נאָכן אויפהויבן זיך אינדערפרי פון דער שמוציקער פּאָדלאָגע, אויף וועלכער מען ליגט צונויפגעקאָרטשעט און צוזאַמענגעדרייט אַזוי ווי אין קראַמפּן, שטייט מען אויף מיט צעבראָכענע ביינער און מען פאַרשעלט זיך יעדע רגע. מען קאָן זיך נישט אַ ווענד טאָן. יעדע ווייַלע איז מען אויסגעשטעלט, אַז יענעמס אַן עלנבויגן זאָל אריינפאַלן אין די אויגן אריין, מען טרעט זיך אויף די פיס, מען איז אומאויפהערלעך אויפגערעגט און די נערוון זענען אָנגעשפּיצט צום פּלאַצן.

דעם פערטן טאָג רופט מען מיך ווידער צום פאַרהער. איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן כאָטש אויף אַ ווייל ארויסבאַקומען זיך פון דער ענגשאַפט. מען פאַרהערט מיך ווידער. דער „סלעדאָוואַטעל" איז שוין אָבער נישט דער זעלבער. נישט יענער שמייכלענדיקער, העפלעכער יונגערמאַן. ד ע ר האָט אַ הינטיש פּנים מיט גאַליקע אויגן. ער רופט מיך „אַגענט" און „קאָנטררעוואָלוציאָנער" און זאָגט, אַז פּאַרן נישט וועלן ארויסנעמען קיין פּאַס, וועל איך פאַרמשפּט ווערן אויף 25 יאָר קאַטאָרגע. ער שפּילט מיך אַדורך מיט

די אויגן און פאַרלאַנגט, כ'זאָל אים זאָגן צו וואָס פאַראַ אונטער־ערדישע באַוועגונג איך געהער און ווער עס האָט מיר געגעבן די דירעקטיוו נישט אָנצונעמען קיין סאָוויעטישע בירגערשאַפט.

איך זאָג, אז איך געהער נישט צו קיין שום קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערע אָרגאַניזאַציע און איך דערצייל אים די סיבה, פאַרוואָס איך האַלט מיך ביים פוילישן פאַס. די אויספאָרשונג געדויערט פינף שעה. ער שרייט און מאַכט קולות און וויל מיך צעטומלען מיט זיינע געוואַלטן און דראָאונגען, אָבער איך קאָן אים נישט זאָגן עפּעס אַנדערש, ווי עס איז, ער זאָל אפילו מיך אדורכשטעכן מיט נאָך שפּיציקערע אויגן קאָן איך אים נישט דערציילן וועגן קיין שום קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ווייל איך ווייס פון גאָרנישט.

ענדלעך לאָזט ער מיך אָפּ. איצט פירט מען מיך שוין נישט צוריק צו דער פאַרהער־שטעלע, נאָר אין תפיסה אַריין. זי געפינט זיך אַכט קילאָמעטער הינטער דער שטאָט און איז אַרומגענומען מיט אַ הויכן, הילצערנעם פּאַרקן. אויך דער תפיסה־בנין אליין איז געמאַכט פון האָלץ, געמאָלן אויף שוואַרץ און זעט אויס ווי אַן אימהדיקע טרומנע. אויף טריט און שריט איז דער פּאַרקן איבערגע־שניטן מיט „באַציאַנעס" און מיט באַוואָפנטע וועכטער.

מען פירט מיך אריין אין א צעלע, אין וועלכע עס געפינען זיך 95 אַרעסטאַנטן. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן אויף זיך אורטיילן פאַר פאַרשפּעטיקן זיך צו דער אַרבעט — צו פינף און צו זעקס יאָר. זיי דערוואַרטן, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען זיי אוועק־שיקן אין די לאַגערן, וועלכע געפינען זיך דאָ אויף טריט און שריט, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער געגנט. די לאַגערן געפינען זיך אַרום די קוילן־גרובן און די אַרבעט באַשטייט טאַקע אין אַר־בעטן אין די שאַכטן.

צווישן די אַרעסטאַנטן געפינען זיך פיל דייטשן פון דער נאַד־וואָלזשאַנסקער רעפּובליק. זיי זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון די פאַמיליעס און זענען דאָ אַהערגעשיקט געוואָרן מיט לאַנגע פאַרשי־קונגס־אורטיילן אין די גרובנס אַריין. בשכנות פון מיין פּריטשע ליגן עטלעכע רוסישע יידן. זיי זענען דאָ אַהערגעשיקט געוואָרן פאַר „באַלאַטנאָסט". זיי האָבן באַקומען צו דריי יאָר תפיסה, ווייל אינם עלעקטרישן זאַוואָד, אין וועלכן זיי האָבן געאַרבעט האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן צו פעלן לעמפּלעך.

מיר האָבן דאָ אויך אין דער צעלע עטלעכע אַרעסטאַנטן, וואָס זיצן שוין דאָ עטלעכע יאָר און זיי זענען נאָך קיין איינמאָל נישט גערופן געוואָרן צו קיין פאַרהער. זייערע פּאַפּירן זענען פאַרלוירן געוואָרן גלייך נאָך זייער אַרעסט, זיצן זיי דעריבער און ווייסן נישט אויף וועלכער וועלט זיי זענען. זיי האָבן שוין פֿיל מאָל געשריבן קיין מאָסקווע, אָבער עס איז אין קול ואין עונה. זיי געפינען זיך אין אַן אויסטערלישער לאַגע. עס קאָן זיין, אַז מען וועט זיי אַ ליאַדע טאָג אַרויסלאָזן אויף דער פריי, עס קאָן זיין, אַז מען וועט פּלוצלונג געפינען זייערע פּאַפּירן און מען וועט זיי צוטשעפּן אַ פּאַראַגראַף, אויפן סמך פון וועלכן זיי וועלן באַקומען שווערע פאַרשיקונג־יאָרן, און עס איז אויך מעגלעך, אַז זיי וועלן אָפּזיצן נאָך לאַנגע חדשים און יאָרן און וועלן נישט אָנהויבן צו וויסן, וואָס מען וויל פון זיי.

די פּאָדלאָגע פון דער צעלע איז אַ צעמענטענע, אָבער די ווענט זענען פון האָלץ. געמאָלן זענען די ווענט אויף שוואַרץ, אָבער דאָך זענען זיי רויט, ווייל זיי זענען צוגעדעקט מיט גאַנצע חמרים וואַנצן. אין דער נאַכט דערטראָגט זיך אין דער צעלע אַריין דאָס געוויין פון קליינע קינדער. אונזער צעלע גרענעצט זיך מיט אַ פּרויען־צעלע און עס געפינען זיך דאָרטן פרויען, וועלכע האָבן געבוירן קינדער. די קינדער בלייבן מיט דער מוטער ביז צום עלטער פון דריי יאָר. שפּעטער — אויב די מוטערס האָבן אויף זיך גרויסע אורטיילן — ווערן די קינדער איבערגעפירט אין קינדער־הייזער.

שלאָפן אין דער צעלע איז בכלל אוממעגלעך. די וואַנצן עסן פּשוט אויף לעבעדיקערהייט. מען פירט אונז פון צייט צו צייט אין באָד אַריין און מען דעזינפעקצירט אונזערע מלבושים, אָבער וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס קעגן די גאַנצע חמרים מיט וואַנצן, וועלכע לעבן אין די ווענט און קעגן וועלכע עס ווערן נישט אָנגענומען קיין שום מיטלען.

די גרעסטע טייל אַרעסטירטע זענען פון דער אומגעגנט און זיי באַקומען שפּייז־פּאַקעטן פון דער היים. מען שיקט זיי דאָ אַריין געבאַקענע קאַרטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל, מאַכאָרקע און צעשניטענע צייטונגס־שטיקער צו „וויקלען" דעם טאַבאַק. ווי איז אָבער די, וואָס האָבן נישט קיין קרובים און באַקומען נישט קיין פּעקלעך.

פֿון דער תפיסה־דיעטע קאָן מען נישט זאָט זיין און איך פּאַל טאַקע שנעל פון די כחות.

די צייט גייט פּאָרויס. טעג ווערן פאַרוואַנדלט אין וואָכן און וואָכן אין חדשים. עס איז שוין באַלד דריי פערטל יאָר, ווי מען האָט מיך דאָ ארייגעזעצט אין דער תפיסה. איך הויב אָן צו קרענקן אויף הינער־בלינדקייט. ווען עס הויבט נאָר אָן צו ווערן טונקל, העד איך אויף לגמרי צו זען.

אינדרויסן איז שוין ווינטער. אויפֿן צעלע־פענסטערל ליגט אַ געדיכטער שניי. פון דער צעמענטענער פּאָדלאָגע ציט א וויסטע קעלט. פון די הילצערנע ווענט יאָגן פּראַסטיקע ווינטן. אזוי פאַר־צווייפלט בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען. איך פאַרליר די ענער־גיע און דעם חשק צום לעבן. אין קאָפּ איז ביי מיר אַ געמיש, אַ כאַאָס פון געדאַנקען. אָבער סוף כל סוף הער איך אויף אינ־גאַנצן צו טראַכטן. איך זיץ גאַנצע טעג אָן אַפּאַטישער אָן שום ציל און האָפענונג. איך בין אזוי גלייכגילטיק צו אַלץ, אז אפילו דער הונגער און די קעלט הערן מיך אויף צו פייניקן. איך בין פּאַסיוו אויף אַלעם. איך קאָן קוים ארויסרופן ביי מיר אין געדאַנק דאָס געזיכט פון פאַניען. צי זענען די פארגאַנגענע טעג טאַקע געווען אַן אמת, צי זענען זיי בלויז געווען אַ קורצער און גליקלעכער חלום?

עס ווילט זיך מיר נישט גלויבן, אז ערשט נישט לאַנג האָב איך געוווינט אין אַ מענטשלעכער שטוב, אז איך בין געשלאָפן אין אַ בעט, אז איך האָב געזען א הימל און אז איך האָב געהאַט נעבן זיך מיין פרוי. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט עסט מיר אויס שטיקער האַרץ. פון צייט צו צייט פארגיסט מיך א שוואַרצער אומרו. וואָס איז געשען מיט פאַניען? אַ ווײַלע נעמט מיך ארום אַ שטעכעדיק וויטיק, אָבער באַלד פאַל איך ווידער אריין אין אַ שוואַרצער רע־זיגנאַציע. איך האָב נישט קיין כח צו טראַכטן און אפילו נישט צו זיין אומרואיק. איך פּיל, ווי איך ווער ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ טויטן שטיין.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

א באַזונדער קאַפּיטל אין תפיסה איז די „באַניע".

מען פירט אונז דאָרט צוזאַמען מיט די פרויען. אַלע זענען קרעציק. די קערפּערס זענען באַדעקט מיט געשווירן. די באָד איז שלעכט געהייצט און דאָס וואַסער איז טייל‌מאָל אייז־קאַלט און מען קערט זיך אום פון דאָרט אַ פאַרקילטער. אַנשטאָט צו האָבן אַ הנאה פונם וואַשן זיך, איז עס גאָר אַ אַפּקומעניש. דאָס געמיינזאַמע באָדן זיך מיט די פרויען רופט ביי קיינעם פון אונז נישט אַרויס קיין שום רייץ. די פרויען זעען נאָך אויס ערגער און אָפּשטויסנדיקער ווי מיר אַליין. אָפּטמאָל האָבן מאַנכע די „חודשלעכע" און זיי האָבן נישט קיין וואַטע. די זעלנער, וואָס היטן אונז אין דער באַניע מאַכן פאַרשידענע ניבול־פּה וויצן און זאָגן צו אונז, אָנווייזנדיק אויף די פרויען: „אָך, קאַקאָיע דוראַקי". דאָס הייסט, אַז מיר זענען שוטים, וואָס מיר קוקן נישט מיט קיין גלוסטעניש אויף די פרויען, אָבער ביי יעדן פון אונז איז שוין פון לאַנג דער דאָזיקער מענטשלעכער דראַנג אויסגעלאָשן. מיר זענען צופיל אָפּאַטיש און נידערגעשלאָגן, צופיל אויסגעהונגערט און פאַרמוטשעט, אַז מיר זאָלן נאָך האָבן אין זין דעם גלוסט צו „אַזעלכע זאַכן". עס קומט מיר אויפן געדאַנק דער צינישער אויסדרוק פון נ. ק. וו. ד.־אָפיציר, בעת ער האָט מיך פאַרהערט: „לעבן וועסטו, אָבער דער חשק צו ווייבער, וועט ביי דיר אָפּשטאַרבן". פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס געזאָגט אַ ביסל אַנדערש, אויפן אמתדיקן רוסישן אופן, אָבער דער אינהאַלט איז דער זעלבער. און דער דאָזיקער אינהאַלט איז טאַקע מקוים געוואָרן.

אין דער צעלע אונזערער האָט מען אַ געווויסן טאָג אַריינגעפירט צוויי נייע אַרעסטאַנטן. איינער פון זיי איז אַן אוקראַינער, פון

קאַלאַמיי, פון די „באַפרייטע" געביטן. ער איז פעסט געבויט, אזוי ווי א פעלדז. ער באַרימט זיך, אז ער האָט שוין ביי 46 מענטשן אָפּ־געשניטן די קעפּ. פון „פאַך" איז ער א גנב; ער האָט זיך פאַרנומען מיט גנבענען ביי פויערים חזירים, וועלכע ער פלעגט פירן אין שטאָט אריין צו פאַרקויפן. אלע אין דער צעלע ציטערן פאַר אים. אפילו די מיליציאָנערן קוקן אויף אים מיט א באַהאַלטענעם פחד.

באַלד נאָכן אריינקומען אין דער צעלע, ווערט ער דאָ דער הערשער. ווער עס באַקומט א פּעקל, מוז זיך מיט אים טיילן, העלפט אויף העלפט. ער איז תמיד הונגעריק און תמיד אויפגערעגט. ער איז געווען אויפן פראָנט און ער איז דאָרט זעקס מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. ער דערציילט מעשיות וועגן פראָנט, וועלכע טריפן מיט בלוט. אויך אויפן פראָנט האָט ער געהאַלטן אין איין ראַבירן און פרעסן. אלע מעשיות ענדיקן זיך ביי אים מיט עסן. ער דערציילט וועגן דעם, ווי ער האָט געשלונגען הינער מיט געבראָטענע גענדז, ווי ער האָט געזשלאָקעט בראָנפן. און בעת ער דערציילט עס, הערט מען בפירוש ווי צווישן די ציין זיינע קנאַקן די ביינער און ווי אין זיין גאָרגל כלופּעט דער בראָנפן. איין שוואַכקייט האָט ער אָבער — ער האָט ליב מען זאָל אים דערציילן טשעקאַווע מעשיות.

ער האָט זיך נעבן מיר אַמאָל אוועקגעזעצט און געפרעגט, צי איך האָב געזען אַמאָל עפּעס טשעקאַווע פילמען. איך זאָג אים, אז יאָ, און דערצייל אים דעם אינהאַלט פונם פילם „זנאַכאַר". עס איז א מעשה וועגן א דאָקטאָר, וואָס האָט פאַרלוירן דעם זכרון, האָט אוועקגעוואַנדערט אין א פאַרוואָרפן דאָרף אריין און האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט „זנאַכאַרסטווע". די מעשה געפעלט אים אויסער־געוויינלעך. אלס צייכן פון צופרידנקייט נעמט ער ארויס א גאָרשט טאַבאַק און איז מיך מכבד מיט רויכערן. קיין פייער איז נישטאָ, אָבער מיר האָבן שוין אונזער אייגן מיטל, ווי אזוי צו פאַררויכערן. מען נעמט א שטיקל וואַטע פון א פופייקע און מען רייבט עס אזוי לאַנג אין דער צעמענטענער פּאָדלאָגע, ביז עס הויבט אָן דערפון צו גיין א רויך. פריער איז עס לייכטער געווען, איינער פון די ארע־סטאַנטן האָט געהאַט א שטיקל אייזן מיט א שטיינדל און מען האָט געקאָנט דערפון ארויסבאַקומען א פונק. איצט אָבער איז דער שטיין פאַרפאַלן געוואָרן.

דער אוקראַינער באַפרידיקט זיך נישט מיט דער איינער מעשה וועגן „זנאַכאַר" און ער פאַרלאַנגט פון מיר נאָך. איך דערצייל אים די צווייטע טייל. איך לייג צו א סך פרטים פון קאָפּ ארויס, ווייל איך געדענק שוין נישט גענוי דעם פילם און צווייטנס, וואָלט ער

זיך מיט דער טרוקענער פילם־מעשה נישט צופרידנגעשטעלט. מען מוז די מעשה באַזאַלצן מיט נאָך מער סענסאַציע. ער שלינגט די מעשה מיט זיינע צוויי גרויסע, אָקסישע אויגן און מיט די חיהשע אויערן. ער פּאַרלאַנגט אָבער נאָך און נאָך. די גאַנצע צעלע איז מיר דאַנקבאַר, וואָס איך האָב געפונען אַן אופן, ווי אַזוי צו „בענדיקן" דעם ווילדן פאַרשוין אָבער איך טראַכט מיט שרעק, אַז אַ געוויסן טאָג וועלן זיך מיר די מעשיות אויסלאָזן און ער וועט זיך דערקענען, אַז איך טראַכט זיי אויס פון קאָפּ אַרויס און דע־מאָלט וועט ער מיך מסתמא אוועקהרגענען.

אָבער עס דערגייט נישט דערצו. דער אוקראַינער (דער נאָמען זיינער איז געווען אָראַדענקאָ) האָט נאָך פריער איינגענומען אַ שנעלן סוף.

אַ געוויסן טאָג איז ער פּלוצלונג ווילד געוואָרן. ער איז צו־געשפרונגען צו דער טיר און מיט איין קאָפּע האָט ער זי אַרויסגע־בראָכן פון די זאַוויאַסעס. ער האָט דערלאַנגט אַ זבענק דעם „קלוטשניק" איבערן קאָפּ און האָט גענומען מאַכן קולות, ווי אַ צעווילדעוועטע חיה. פון אַלע זייטן זענען געקומען אָנצולויפן וועכ־טערס און עס האָט זיך דערהערט אַ געשיסעריי. אין אַ מינוט אַרום איז זיין גרויסער מאַסיווער גוף געלעגן אין אַדורכגעלעכערטער מיט עטלעכע טוץ קוילן. ער האָט שווער און לאַנג געקעמפּט מיט דער גסיסה, אָבער דער טויט האָט אים סוף כל סוף ביי געקומען און ער איז געבליבן ליגן — אין אַ קאַלוזשע בלוט — ווי אַ גרוי־סע, געקוילעטע חיה.

די גרעסטע טייל אַרעסטאַנטן איז צופרידן. זיי וועלן שוין פון איצט אָן נישט דאַרפן מער טיילן זיך מיט אים מיט זייערע שפּייז־פּעקלעך. אָבער ווען מען האָט גענומען אַוועקשלעפּן דעם גוף זיינעם ביי די פיס, האָבן אַלע מיט גרויס צער אַוועק־געדרייט די אויגן.

נאָכן דאָזיקן פּאַרפּאַל האָט מען אונזער צעלע צעטיילט אויף עטלעכע גרופּן און מען האָט אונדז צעשיקט איבער פאַרשידענע צעלעס. מיר קומט אויס אַריינצופאַלן צווישן מינדעריעריקע קינדער, פון ניין און פון צען יאָר. זיי זיצן דאָ אַלע פאַר דעם זעלבן חטא: פאַר אויסשניידן קעשענעס. איינער, אַ קליינער חברה'מאַן מיט אַ פּאָר לויפּנדיקע אייגעלעך, איז אַלט ניין יאָר, אָבער אויסזען, זעט

ער אוים — אויף פיר. ביים שניידן די קעשענעס האָט ער שלעכט אָנגעטראָפן : די קעשענעס האָבן געהערט צו אַ נ. ק. וו. ד.־אָפיציר. ער האָט באַקומען צוויי יאָר. אונז, די דערוואַקסענע, רופן זיי „דיאַדיאַ”. זיי וווּיוועַן אַרום אין דער צעלע ווי אין אַ קינדער־גאָרטן און דערציילן זיך איינער דעם צווייטן די בריהשאַפטן, וואָס זיי האָבן באַוויזן אויף דער פריי, ביים שניידן טאַשן. זיי זענען כיטרע און ראַפינירט. זיי זעען אויס פיל יונגער, ווי זיי זענען אין דער אמתן, אָבער ווען זיי הויבן אָן צו רעדן האָט מען פאַר זיך אַלטע, דורכגעטריבענע חברה־לייט. זיי באַנוצן זיך מיטן זעלבן לשון ווי די דערוואַקסענע. זיי שעלטן נישט ערגער ווי אַן אַלטער, דערפאַרענער „אורקע”. פאַראַן דאָ אַ קליינער יאַט, דער נאָמען זיינער איז קאָליאַ. איך פרעג אים, ווי לאַנג ער האָט נאָך צו זיצן, ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט נאָך „איבערצוזיצן פיר חדשים אויף דער פאַראַשע”. די קליינע גנבימלעך קאָנען נישט לייענען און נישט שרייבן. די תפיסה איז פאַר זיי נישט קיין אויסבעסערונג־אָרט, נאָר פאַרקערט, דאָ באַגעגענען זיי זיך מיט דערפאַרענע אַלטע גנבים און דאָ אַרבעטן זיי אויס פּלענער וועגן צוקונפטיקע גנבישע טעטיקייטן, בעת זיי וועלן אַרויס אויף דער פריי. די תפיסה איז פאַר זיי אַן אוניווערסיטעט. זיי קומען דאָ אַהער ווי נישט־דער־פאַרענע, קליינע „אורקעלעך” און גייען אַרויס פונדאַנען ווי „גע־סקאָנטשעטע” און דיפּלאָמירטע גנבים.

נאָך עטלעכע טעג פירט מען אונז צוריק אין דער פריערדיקער צעלע. אין תפיסה אַריין הויבן אָן אַריינצודרינגען ידיעות פון אויסנ־וויייניק, ידיעות פון פראָנט. מען ווייסט שוין דאָ, אַז די רוסישע אַרמיי גייט אויף וואַרשע. מיר פרייען זיך פון די נצחונות. אין דער לופט הערשט דאָס געפיל, אַז די מלחמה האַלט זיך שוין ביים ענדיקן.

דער וועכטער רופט פּלוצלונג אויס מיין נאָמען און דערלאַנגט מיר אַ פּאַקעט. אינעווייניק געפינט איך אַביסל סלאָנינע, צעשניטן צייטונגס־פּאַפיר, מאַכאָרקע און ציבעלעס. ווער האָט עס געקאָנט מיר שיקן ? נישט אַנדערש, נאָר איינער פון די דריי יידן, וועלכע זענען דאָ געזעסן מיט מיר און וועלכע זענען מיט אַ צייט צוריק באַפרייט געוואָרן.

מיט אַ נאַכט פריער האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם חלום. עס

האָט זיך מיר געחלומ'ט, ווי איך קלעטער אַרויף אויף אַ הויכן, משופּעדיקן באַרג און קריך אַריבער איבער אַ פּלויט. פּלוצלונג באַקום איך פון ערגיץ אַ קויל אין קאָפּ אַריין און דאָס בלוט טריפט פון דער נאָז. איך וווּנדער מיך אין חלום, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז די קויל האָב איך באַקומען אין קאָפּ אַריין און דאָס בלוט גייט מיר גאָר פון דער נאָז. פּלוצלונג באַווייזט זיך פאַר מיר דאָס געשטאַלט פון מיין מוטער. זי זאָגט צו מיר, איך זאָל מיך נישט אָפּשטעלן, נאָר לויפן ווייטער, איך וויל איר אַרומנעמען, אָבער זי רייסט זיך אַרויס פון מיינע אָרעמס און ווערט פאַרשוווּנדן.

יעדן אינדערפרי דערציילן זיך די אַרעסטאַנטן די חלומות און איינער טייטשט אויס דעם צווייטן, וואָס דאָס באַדייט. איך געפין מיך שטאַרק אונטערן איינדרוק פון דעם געזעענעם חלום און איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן, נישט צו דערציילן אים פאַר די מיטאַרעסטאַנטן. איינער פון זיי דערקלערט זייער קאַטעגאָריש, אַז מיין חלום איז אַן אָנווייז אויף באַפרייאונג. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי — זאָגט ער נישט. אָבער ער איז קאַטעגאָריש איבערצייגט, אַז היינטמאָרגן באַפרייט מען מיך — אַ צווייטער זאָגט פּונקט דעם היפּוך. אַז דאָס אַריבערשפּרינגען אַ פּלויט — איז גאָר אַ שלעכטער סימן. דערויף מישט זיך אָבער אַריין אַ דריטער און מאַכט אַ פּשרה צווישן די ערשטע צוויי. דער חלום — זאָגט ער — איז אַ באַווייז, אַז איך געפין מיך פאַר אַן ענדערונג. איך הער אויס די אַלע חלומות־פאַרשטייער און איך שאָקל מיטן קאָפּ. איך בין מסכים, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל זיין גערעכט — אַבי עס זאָלט טאַקע קומען עפּיס אַן ענדערונג. איך טראַכט אָפטמאָל וועגן דער ענדגילטיקער אויסלייזונג — וועגן טויט. איך בין שוין צופיל נידערגעשלאָגן און דערשעפּט, אַז איך זאָל נאָך קאָנען לענגער פאַרטראָגן דאָס איצטיקע לעבן.

און מיט אַ טאָג שפּעטער איז טאַקע געקומען דאָס אומגעריכטע שפּייז־פּעקל. נאָכן עפענען דעם פּאַקעט צעטייל איך די סלאָנינע מיט דער מאַכאָרקע צווישן די שותּפים פון מיין גורל. די אַרעסטאַנטן זענען גערירט און נישט יעדער וויל ביי מיר נעמען די געשענקטע פּראָדוקטן, ווייל איך בין דאָ דער איינציקער, וואָס קריגט בכלל קיין פּעקלעך נישט, דעריבער זאָגן זיי, אַז איך דאַרף מיר באַהאַלטן די פּראָדוקטן פאַר זיך. פּלוצלונג רופט איינער אויס, אַז

ביים צעשניידן דאָס ברויט, האָט ער געפונען אינעווייניק אַ צעטעלע. ער דערלאַנגט עס מיר און איך באַהאַלט עס שנעל אין דער קעשענע אַריין. פון וועמען איז דאָס דאָזיקע בריוול? איך ליג אָפּ דאָס לייענען אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען עס וועט נישט דראָען קיין געפאַר, אַז דער וועכטער זאָל פּלוצלונג אַריינקומען.

איך וויקל עס אויף מיט ציטערדיקע פינגער און דערקען גלייך די האַנטשריפט פון פאַניען. איך בין דערשטוינט און קען קוים צוזאַמענגעמען די געדאַנקען. פונוואַנען ווייסט זי, ווו איך געפין מיך? די אותיות שפּרינגען מיר פאַר די אויגן און ווילן נישט איינשטיין אויף די שורות. עס געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז איך באַרואיק מיך איינגאַנצן און לייען איבער די אויפגעשריבענע פּאָר ווערטער: „איך קום פון מאָסקווע, זאָרג דיך נישט".

מער גאָרנישט. קיין אונטערשריפט איז נישט פאַראַן. איך וווּנ־דער מיך, פאַרוואָס זי האָט כאָטש נישט אוועקגעשטעלט איין בוכ־שטאַב פון איר נאָמען? די גאַנצע זאַך זעט מיר אויס ווי אַ רעט־טעניש. סיי דאָס, וואָס זי האָט אויסגעפונען ווו איך געפין מיך, סיי די פּאָר מיסטעריעזע ווערטער וועגן מאָסקווע. איך זיץ און ברעך מיר דעם קאָפּ, אָבער אויסטראַכטן קען איך גאָרנישט. דאָס בריוול האָט ביי מיר אַרויסגערופן האָפענונגען, אָבער אויך אַ גלייכצייטיקע נערוועזיטעט. ביז איצט בין איך געווען אַפּאַטיש און נידערגעשלאָגן, איצט אָבער בין איך אומגעדולדיק און יעדע מינוט זעט מיר אויס ווי אַ יאָר. ביינאַכט קאָן איך לחלוטין נישט שלאָפן. איך ליג מיט אָפענע אויגן און אַנאַליזיר צום טויזנטסטן מאָל די פּאָר ווערטער פון צעקנייטשטן שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אַריינגעקוועטשט אינם ברויט.

אזוי איז אדורך אַן אומרואיקע וואָך. אַ געוויסן פרימאָרגן ברענגט מיר דער וועכטער אַ פרישע שפּייז־פּעקל. דאָס מאָל פּלאָטערן מיר שוין די הענט ביים איבערשניידן דאָס ברויט. אינעווייניק איז אָבער גאָרנישט פאַראַן. איך בלייב זיצן אַ רעזיגנירטער און אַנטוישטער. אָבער פּלוצלונג פאַלט דער בליק מיינער אויף דער סלאָנינע. איך נעם אומגעדולדיק רייסן די סלאָנינע, און איך געפין טאַקע אַ פרישע בריוול. דאָס מאָל איז די ידיעה אַ מער קלאָרע און איך שפּאַר מיך אזש אָן אין דער וואַנט, כדי צו באַהערשן אַן אינערלעכע פרייד.

פּאַניע שרייבט מיר: „איך בין מיט דיר. איך האָב גערעדט מיט וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ". דער ענין הויבט מיר אָן צו ווערן קלאָרער, כאָטש אויפן קאָפּ נידערט מיר אַראָפּ אַ גאַנצער וואָלקן מיט פראגן. וואָס הייסט, זי האָט גערעדט מיט וואַנדאַ וואַשילעוו־סקאַ? ווי אזוי האָט זי זיך צו איר דערשלאָגן? אָבער איינס ווערט מיר איצט קלאָר. אז נאָר דאָרטן, אין „פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן", האָט זי זיך געקאָנט דערוויסן, ווו איך געפינען מיך.

איך פיל מיך אינגאַנצן אנדערש, ווי ביז איצט. איך בין שוין נישט אזוי איזאָלירט און אזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט. עס איז פאַראַן עמיצער אינדרויסן, וואָס ווייסט וועגן מיין גורל און דער עיקר, וועמען דער גורל מיינער איז טייער און אייגן. איך לעב פון איצט אָן ווי אין א כסדרדיקן פיבער. יעדעס מאָל, ווען מען עפנט די טיר פון דער צעלע, דאַכט זיך מיר, אז אָט רופט מען אויס מיין נאָמען. יעדעס מאָל, ווען דער וועכטער קומט אריין און רופט מיך נישט, פיל איך, ווי עפּיס רייסט זיך ביי מיר אָפּ אין האַרץ.

און דאָ ווי להכעיס הויבן זיך אָן צו ציען טעג און וואָכן און אפילו די פּעקלעך האָבן אויפגעהערט צו קומען. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו מיינע מיטארעסטאַנטן, אַראָפּצורעדן זיך פאַר זיי דאָס האַרץ, ווייל עס קאָן זיך צווישן זיי געפונען עמיצער, וואָס וועט עס דערטראָגן צו דער תּפיסה־מאַכט. אָבער איינער פון מיינע שכנים פאַרשטייט מיינע עגמת נפש'ן און ער זאָגט צו מיר, אז איך זאָל מיך נישט איבערנעמען. ווארשיינלעך איז איינס פון די בריוו־לעך אריינגעפאלן אין די הענט פון די תּפיסה־באַאמטע און דערי־בער פארהאלט מען דאָרט מיינע פּעקלעך.

אין אָנהויב פון דער פערטער וואָך דערהער איך ענדלעך, ווי מען רופט אויס מיין נאָמען. טראָץ מיינע דערוואַרטונגען, בין איך אָבער פולשטענדיק רואיק און באַהערשט. מען רופט מיך אריין אין אַ קליינע צעלע, ווו עס שטייען צוויי בעטן. די צעלע איז קליין, מען קאָן זיך אינעווייניק קוים אויסדרייען. אין אַ פּאָר רגע'ס ארום פירט מען אַריין א צווייטן מאַן. ער זעט נישט אויס ווי אַ אַרעסטאַנט. ער איז פריש ראַזירט און עס ליגט נאָך אויף אים די גאַנצע פרישקייט פון דער שטאָט און פון פרייהייט. ער האָט אַ פולע קעשענע מיט טאַבאַק און ער רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. ער זעט מיר אויס פאַרדעכטיק. זיין גאַנץ אויפפירן זיך און דער

עיקר זיין אויסזען און זיינע מלבושים פּאַסן עפּעס נישט אַריין אין דער אַטמאָספער פון אַ תפיסה.

איך זע, ווי ער מאַכט אָנשטרענגונגען אנצוהויבן מיט מיר אַ געשפּרעך. איך באַשליס צו שטיין אויף דער וואַך און צו היטן יעדעס וואָרט, וואָס איך וועל ארויסזאָגן. ער דערציילט מיר, אז ער איז פון ליטע, פון דער אַמאָליקער פּויליש-ליטווישער גרעניץ. און גלייך הויבט ער אָן צו זידלען און צו שעלטן די נ. ק. וו. ד., וואָס זיי מאַטערן אומשולדיקע מענטשן, אָבער איך ענטפער אים דערויף רואיק, אז איך זיץ נישט אומזיסט, אז איך בין באַגאַנגען אַ חטא דערמיט, וואָס איך האָב נישט ארויסגענומען קיין רוסישן פּאַס. און אז דאָס טוט מיר טאַקע באַנג. מיט אַ רוסישן פּאַס וואָלט איך אפשר אויך געקאָנט צוריקקומען צו דער פאַמיליע מיינער. ווייל אָט האָט דאָך שוין די רויטע אַרמיי פאַרנומען כמעט גאַנץ פּוילן און וועט ווארשיינלעך בקרוב זיין די הערשערין איבער גאַנץ אייראָפּע.

ער באַמיט זיך כסדר ארויפצופירן דאָס געשפּרעך אויף דער זעלבער טעמע: אויף די רציחות פון נ. ק. וו. ד. איך טראַכט מיר, אז אויב ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר (און דערין האָב איך כמעט קיין ספק נישט) טוט ער די ארבעט זיינע גאָר שלימזלדיק, ווייל נישט קענענדיק מיך איינגאַנצן פּארטרויט ער פאַר מיר פּלוצלונג זאכן, פאַר וועלכע עס דראָען אים די שטרענגסטע שטראָפן. און וואָס מער ער רעדט אויס אויף דעם פּאָליציייאישן רעזשים, אַלץ מער הויב איך אים אָן צו פאַרטיידיקן. איך זאָג אים, אז קיינער זיצט דאָ נישט אומזיסט, אז די נ. ק. וו. ד. ווייסט, וואָס זי טוט און זי איז תמיד גערעכט. איך זאָג עס מיט אַ געוויסער פאָרם פון איראָניע, אָבער די ווערטער מיינע זענען „בלאַגאָנאַדיעזשנע", אזעלכע ווערטער קאָן מען הערן בלויז פון סאָוויעטישע ענטוזיאסטן.

דריי טעג איז ער מיט מיר אזוי געזעסן און האָט מיך געצויגן ביי דער צונג, איך זאָל עפּיס מיך אויסגליטשן מיט אַ וואָרט. אָבער איך האָב מיך כסדר געהיטן און האָב גערעדט אזוי ווי אַ צירק-אַקראָבאַט, וואָס גייט איבער אַ דראָט. איך האָב געוווסט, אז יעדע פאַלשע באַוועגונג דראָט מיך אראָפּצופאַלן, דעריבער האָב איך מיר געהיטן די ביינער. דורך דער צייט האָט מען מיר געגעבן צו עסן

טאָפּלטע פּאָרציעס און איך האָב אָנגעהויבן צוריקצוקומען צו די כחות.

אויפן דריטן טאָג איז מיין קאַמער־שכן פּלוצלונג נעלם געוואָרן. עס געדויערט נישט קיין שעה און עס קומט אריין דער „קלוטש־ניק" און ער הייסט מיר „פאַרנעמען די זאכן". ער הויבט מיך אָן צו פירן איבער לאַנגע קאָרידאָרן און איבער הויכע, מעטאַלענע טירן. ביי יעדער טיר שטעלט ער זיך אָפּ און שליסט אויף אַ שלאָס. איך צייל אָפּ נישט ווייניקער ווי דרייצן אזעלכע טירן. ענדליך פראַלט ער אויף א ריזעדיקע, מאַסיווע קראַטע און מיטאַמאָל דער־זע איך מיך אויסער דער תפיסה.

אויף דער גאס.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

עס גיט מיר א בלענד פאר די אויגן דער ריזעדיקער שטיק הימל און אין די לונגען גיט מיר א שלאָג אַ מחיהדיקער שטראָם מיט לופט, מיט ריינער, פרייער און נישט־אדורכגעפוילטער לופט פון א ליכטיקן, קילן טאָג.

איך בין אַלזאָ אויף דער פרײַ. דאָס טויער פון דער תפיסה איז באַלאַגערט מיט הונדערטער פרויען און קינדער, וואָס שטייען דאָ ביים איינגאַנג, כדי אריינצוגעבן פעקלעך. צווישן די פרויען דערזע איך אַ באַקאַנט, ליכטיק פּנים. עס פארמישט זיך מיר אין קאָפּ. דאָס איז מיין פרוי, פאניע. דאָס האַרץ נעמט מיר האַסטיק קלאַפּן. איך קוק אויף איר, גלייך אין די אויגן אריין, אָבער זי קוקט דורך מיר ווי דורך לופט. זי האַלט די אויגן אָנגעשטעלט אויף דער טיר, אזוי ווי זי וואָלט עמיצן דערוואַרט. איך רוף איר אָן ביים נאָמען און זי דערלאַנגט אויף מיר א קוק. זי ווערט בלאַס ווי די וואַנט. זי צעוויינט זיך ספּאַזמאַטיש און פאַלט אויף מיר אַרויף. אַלע אַרומיקע צעוויינט זיך גלייך מיט אונז. וועמען איז אַזוי באַקאַנט די דראַמע פון אונזער טרעפן זיך — ווי זיי?

מיר גייען א פּאָר רגע׳ס צוזאַמען, אָנהאַלטנדיק זיך איינער אָן צווייטן און רעדן נישט ארויס קיין וואָרט. איך שלעפּ מיך קוים אויף די פיס. פאַניע האָט געדונגען נישט ווייט פונדאַנען א צימער, אָבער דאָס דאָזיקע „נישט ווייט" איז אויך עטלעכע קילאָמעטער. ענדליך דערשלעפּ איך מיך אין צימער אריין. איך דערלאַנג א קוק אין שפּיגל און וואונדער מיך שוין מער נישט, וואָס זי האָט מיך נישט דערקענט. עס קוקט אויף מיר א פּרעמד, אויסגעדאַרט פּנים פון אַ שקעלעט. די אויגן פלאַמען ווי מיט פיבער, אָבער דאָס זענען די איינציקע צוויי לעבעדיקע פונקטן אינם איינגעפאַלענעם און ווייסט־אויסגעמוטשעטן געזיכט. עס נעמט מיך אליין אָן אַ ביטער רחמנות

אויף מיין אויסזען און איך האַלט מיך איין מיט צוואַנגען נישט אויסצוברעכן מיט א געיאָמער.

פאַניע העלפט מיר זיך ארומוואַשן און איך לייג מיך אריין איז א זויבער בעט.

דאָס געפיל, וואָס נעמט מיך ארום, איז נישט צו דערציילן. איך וויל זאָגן פאַניען אלץ, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, אָבער די נחת׳דיקע ווייסקייט פֿונם איבערבעט נעמט מיך ארום ווי די ווייכע פליגלען פון טייערע מלאכים. איך פאַל אריין אין זייער שוים און מאַך צו די אויגן, אפילו הינטער די פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך דרינגט אריין די בלענדנדיקע ווייסקייט פונם בעט און עס דאַכט זיך מיר אויס, אז איך געפין מיך אין א פּוכיקע מאַסע מיט ווייסן, וואַרימען שניי. עס איז גלייכצייטיק אזוי ריין און אזוי אָנ־גענעם וואַרעם.

ערשט נאָכן אויפוועקן זיך שטעל איך פעסט, אז די געלקייט פֿון מיין פּנים איז נישט סתם אזוי קיין אויסגעמוטשעטקייט פון דער תפיסה, נאָר איך בין קראַנק אויף געלבזוכט. פאַניע באַרו־איקט מיך. אין דער צייט, וואָס זי האָט דאָ געוואַרט אויף מיר, האָט זי זיך דערווייל איינגעאָרדנט אין א שפּיטאָל אלס קראַנקן־שוועסטער. עס קומט איר דערריבער זייער לייכט אָן אראָפּצוברענגען א דאָקטאָר מיט מעדיקאַמענטן און אין פאַרלויף פון עטלעכע מעת־לעת בין איך פּטור געוואָרן פון דער „זשולטוכע".

ביים אריינגיין אין תפיסה האָב איך געוווגן 62 קילאָ, איצט וועג איך נישט מער ווי 42. דער גאַנצער קערפּער איז באַדעקט גע־וועזן מיט געשווירן פון וויטאַמין־מאַנגל. דער דאָקטאָר, א יידישער פארשיקטער פון רומעניע, טוט אלץ, וואָס ער קאָן, כדי מיך צוריק־צוברענגען צו די כחות. ער מאַכט מיר א בלוט־טראַנספוזיע מיט פאַרשידענע איינשפּריצונגען און דער עיקר באַמיט ער זיך מיך צו־ריקצוברענגען צו א פּסיכישער גלייכגעוויכט.

אָבער דאָס איז א שווערערע זאַך, ווי דאָס צוריקבאַקומען די פיזישע כחות. ווי אזוי שאָקלט מען פון זיך דעם קאָשמאַר פון די אדורכגעלעבטע חדשים ? ווי אזוי קאָן מען אָפּשליסן זיך ביינאַכט פון די פינצטערע שאָטנס, וואָס קריכן אריין אין שלאָף און מאַטערן מיך מיט בילדער פון קראַטן, פון שלעסער, פון צעלעס און פון ארעסטאַנטן־פּנימער ? איך וויל וואָס שנעלער אוועק פון דער דאָ־

זיקער שטאָט, כדי צו זיין וואָס ווייטער פֿונם אָרט, ווו איך האָב דאָס אַלץ אדורכגעליטן, אָבער איך בין נאָך צו שוואך דערצו און טראַץ דעם, וואָס איך האָב אַלע נויטיקע פּאַפּירן אוועקצופאָרן מוז איך נאָך פאַרבלייבן דאָ אַ דריי וואָכן.

איך ליג כמעט גאַנצע מעת לעת׳ן אין בעט און בלויז פון צייט צו צייט גיי איך ארוים אין שטאָט אריין. עס גלויבט זיך קוים, אז מיר געפינען זיך אין אזא ווייט־פאַרוואָרפענער שטאָט, ערגיץ הינ־טער די הרי חושך. די שטאָט איז מאָדערן, די בנינים זענען אימ־פּאָזאַנטע און איבער די פריש־בעטאָנירטע גאַסן לויפן טראַמווייען מיט ניי־פעבלדיקע אויטאָבוסן. עס איז פּונקט, ווי עמיצער וואָלט געגומען אַ פרעמדן געוויקס און איינגעפּלאַנצט אין אַ לגמרי־אַנדערשדיקע סביבה.

אָבער קיין הנאה פון מיינע שפּאַצירן איבער די גאַסן האָב איך נישט. אויף טריט און שריט קומען דאָ פּאָר אָבלאַוועס. גאַנצע גאַסן ווערן אָפּגעשלאָסן. מען פאַרהאַלט, מען קוקט נאָך די דאָקו־מענטן, מען פּאָרשט, מען פאַרהערט, מען שטעכט מיט שפּיזלדיקע בליקן. כאָטש ביי מיר זענען די פּאַפּירן אינגאַנצן אין אָרדנונג, טרייסל איך מיך אָבער שטענדיק, ווען איך פּאַל אריין אין אַזאַ אָבלאַווע. איך וויל שוין זיין וואָס ווייטער פון דערפון. איך בין זיי מוחל די טראַמווייען מיט די שיינע אויטאָבוסן מיט די גרויסע הייזער־בלאָקן. ווי ווערט מען שוין פטור פון די דאָזיקע אייביק ארומנישטערנדיקע אויגן פֿון די נ. ק. וו. ד.־אַגענטן?

פאַניע דערציילט מיר שעה׳ן לאַנג, ווי אזוי זי איז געקומען אויף מיין שפּור. גלייך נאָך מיין ארעסט, האָט זי געוואַגט און איז אוועק צום לייב אין דער נאָרע אריין, צום סאַמע נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. און נאכהער צום פּראָקוראָר, אָבער פּונקט אזוי ווי עס איז לייכט אריינצופאַלן אין אַ תהום פון רוסישע תפיסות, אזוי איז שווער צו געפינען דעם זכר פון אַן ארעסטאַנט. מען האָט איר געקאָרמעט מיט צוזאָגן, אָבער פון דעם אַלעם איז גאָרנישט ארוים־געקומען. זי האָט זיך דאַן דעצידירט אויף גאָר אַ געוואַגטן שריט. זי האָט באַשלאָסן אַנצוקומען אין מאָסקווע צום סאַמע קאָפּ פון „פאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן”, צו וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און אינטערוועניר ווען וועגן גורל פון אַ פּוילישן בירגער.

כדי עס זאָלן איר לייכטער אָנקומען די באַמיאונגען, האָט זי

ארויסגענומען א רוסישן פּאַס און האָט נאָך גרויסע שוועריקייטן אָנגעשלאָגן קיין מאָסקווע. וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ האָט אין דער דאָזיקער צייט געשפּילט א גרויסע ראָלע. זי האָט געדאַרפט דינען ווי דער פאַרבינדעטער, וואָס האָט געזאָלט אַריינציען דאָס באַפרייטע פּוילן אין דער ספערע פון סאָוויעט־רוסלאַנד. זי האָט דאַן געשפּילט א טאָפּלטע ראָלע. פון איין זייט איז זי שוין דאַן געווען נישט קיין פּוילישע, נאָר א רוסישע שריפטשטעלערין און פון דער צווייטער זייט איז זי געווען דאָס שילדל פון די „פּוילישע פּאַטריאָטן". זייענדיק די פרוי פון רוסישן וויצע אויסערן־מיניסטער קאָרנעיטשוק, האָט זי געהאַט פאַרבינדונגען אין די העכסטע פענסטער און אירם א פּראָטעקציע האָט מער געגאָלטן, ווי די באַמיאונגען פון א פּראָקוראָר. פאַניע איז סוף כל סוף געלונגען אָנצוקומען צו וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, און יענע האָט עס טאַקע אויסגעפונען, אז איך געפין זיך אין דער תפיסה פון סטאַלינסק־קוזניעצק.

דאָס ארויסבאַקומען מיינע פּאַפּירן און דאָס אויספועלן א באַפרייאונג איז געווען א געשיכטע פון טויזנט און איין נאַכט. עס האָט געדויערט ניט פיל ווייניקער ווי טויזנט און איין נאַכט. עס האָט פאַרנומען קיילעכדיקע עלף חדשים זינט פאַניע האָט אָנגעהויבן אירע באַמיאונגען, ביז איך האָב זי דערזען א וואַרטנדיקע ביים טויער פון דער תפיסה. אָבער ביי א רום איז עלף חדשים נישט קיין לאַנגער פּעריאָד. ער איז צוגעוווינט צו מעסטן דאָס לעבן נישט מיט קליינע מעסטעלעך פון טעג און וואָכן, נאָר מיט גרויסע שפּאַנען פון חדשים און יאָרן. דעריבער נעמט ער זיך נישט אַזוי שטאַרק איבער, ווען ער באַקומט א פאַרשיקונג־אורטייל פון פינף אָדער אפילו אכט יאָר. א „סראָק" פון דריי יאָר ווערט באַטראַכט כמעט ווי א באַפרייאונג־אורטייל.

אָבער פאַר מיר ציען זיך אפילו די איצטיקע דריי וואָכן אויף דער פריי ווי דער יידישער גלות. איך וואָלט מיך שוין געוואָלט געפינען וואָס ווייטער פון דער דאָזיקער שטאָט. די צייט פליסט לאַנגזאַם, מיט פּאַמעלעכע טריטלעך, אָבער סוף כל סוף דערנענטערט זיך די ענדע. עס קומט דער טאָג, ווען מיר דאַרפן זיך אַריינזעצן אין דער באַן און אָפּפאָרן — דורך מאָסקווע — קיין פּוילן.

אין שפּיטאָל, ווו פאַניע אַרבעט, אָרדנט מען איין פאַר אונז א געזעגנונג־מאָלצייט. מען זיצט ביים טיש, וועלכער איז באַשטעלט

מיט גוטע שפּייזן, אָבער רעדן רעדט מען זייער ווייניק. די דאָקטוירים באַדויערן, וואָס פאַניע פּאָרט אוועק. זי איז דאָ געווען איינע פון די בעסטע ארבעטערינס און זי האָט אַ סך געלייסטעט. אָבער אַ חוץ דעם דאָזיקן באַדויערן הערט מען אויך אין די געזעגנונגסווערטער א סך קנאה, וואָס מיר פאָרן אוועק פונדאנען וואָס ווייטער. און כאָטש די דאָזיקע ווערטער ווערן נישט ארויסגעזאָגט, פילט מען זיי אָבער ארויס פון צווישן די שורות; פון א בליק, פון אַ טאָן, פון א דריק מיט דער האַנט.

זיי באַגלייטן אונז צום צוג. ווען דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ שלעפּ די וואַגאָנען און די רעדער הויבן אָן זיך פאַמעלעך צו קאָלערן איבער די שינעס, האָב איך אַ מאָדנע געפּיל.

עס זענען פאראן חלומות, אין וועלכע מען וויל עפּעס טוען, מען וויל ערגיץ גיין אָדער עפּיס זאָגן, אָבער מען ליגט ווי פּאַראַליזשירט. די הענט באַוועגן זיך נישט, די פיס זענען געפּענטעט, פונם האַלדז וויל נישט ארויסקומען קיין איינצלנע זילבע. פּונקט אזוי פיל איך מיך איצט, כאָטש איך בין וואַכעדיק און נישט אין שלאָף. דער צוג גייט אויף מערב, מיט יעדן דריי פון די רעדער דערנענטערט ער זיך צום אָרט,פונוואַנען איך בין דאָ אהער פאַרוואָגלט געוואָרן. עס איז איצט בלויז א פראגע פון געציילטע וואָכן און איך וועל דערגיין צום פּונקט פון וועלכן איך האָב אָנגעהויבן מיינע וואַנדערונגען. אָבער כאָטש דאָס גאַנצע געמיט רייסט זיך צו דערגיין איצט צו יענעם אָרט, צו דער היים, צו די נאָנטסטע, בין איך ווי א געבונדענער, וואָס שטייט פאַר אַ הויכן באַרג און קאָן נישט אריבערקלעטערן. דער וועג, אויף וועלכן מיר פאָרן, איז אָנגעפּראָפּט מיט טויזנטער שטעכלקעס. די רעדער גליטשן זיך טאַקע אזוי געשיקט איבער די שינעס, אָבער עס איז פּונקט אַזוי מעגליך, אז זיי זאָלן זיך געבן אַ האַסטיקן שטעל אָפּ און שוין בלייבן אזוי לעולם ועד. מיר דאַרפן נאָך אדורכפאָרן צענדליקער וואָקזאַלן, אַריבערשטייגן אויף סטאַציעס, איבערנעכטיקן אין שטעט. יעדער פון די דאָזיקע וואָקזאַלן איז פול מיט באַהאַלטענע געפאַרן. אויף יעדן פון די סטאַציעס טשאַיען זיך אַנדערע סורפּריזן, אין יעדן פון די שטעט זענען פאראן אַנדערע נעצן. ווער קאָן פאָרויסזעען, אין וואָס פאַראַ לאַגער מיר וועלן זיך געפונען אין אַ מעת לעת ארום?

דעריבער שטייט נישט איצט פאַר די אויגן אונזערע דער

ציל פון דער רייזע, נאָר די פּלאָגענישן פון דער רייזע גופא. די געדאַנקען פון דער ענדגילטיקער סטאַציע ווערט פאַרווישט און אוועקגעשטופּט דורך די סטאַציעס, דורך וועלכע מיר פאָרן איצט אַדורך און וועלכע לויערן אויף אונז פון אַלע זייטן מיט נישט־פאָרויסגעזעענע סכנות.

אין דרויסן איז שוין הערבסט. לענג אויס די באַן־שינעס שטייען ביימער מיט צעפּלאָמטע קרוינען. פון דער ווייטנס גילדן זיך גאַנצע וועלדער און זעען אויס ווי זיי וואָלטן געברענט מיט גרויסע, רויט־ליכטיקע צינגער. פון די פעלדער האָט מען נאָר וואָס אַראָפּגענומען דעם שניט און זיי שטייען פּוסטע און אויסגע־לײדיקטע, אַזוי ווי עס וואָלט איבער זיי אַדורכגעגאַנגען אַ גרוי־סער שטורעם. איבערן הימל ענגען וואָס אַמאָל שווערערע וואָלקנס, אָנגעפּוישטע מיט רעגן און טרויערן אויפן אוועקגייענדיקן זומער. פאַרנאַכט גיט טיילמאָל אַ בלאָז אַן אייזיק ווינטל — דער ער־שטער שליח פונם ווינטער וואָס געפינט זיך ערגיץ הינטער די בערג און גרייט זיך דאָ בקרוב אהערצוקומען אין זיין גאַנצער ווייסער און בייזער גרויס.

בלויז ביינאַכט, ווען אין די פענסטער שטעלט זיך אוועק אַ פינצטערניש, זעט דער וואַגאָן אונזערער אויס, ווי ער וואָלט געווען אַ לויפנדיקע תיבה, אָן אָפּגעשניטענע פון אַלעווירקלעכקייטן. בלויז דעמאָלט איז גוט צו ליגן, מיטן קאָפּ צוגעפּרעסט צו דער באַנק און צו פאַרנעמען דעם געקלאַפּ פון די רעדער און דעמאָלט בלויז — אין דער דאָזיקער אויסטערלישער פינצטערניש און אינעווייניקסטער שטילקייט — גיט פּלוצלונג אַ בליץ אויף דער ווייטער ציל, צו וועלכן מיר האַלטן זיך אין איין דערנענטערן. און דעמאָלט גיט מיר פּלוצלונג אַ ספּאַזמאַטישער קלעם אין האַרץ און פאַר די אויגן טויכט פּלוצלונג אויף דאָס שטעטל מיינס, דאָס שטעטל מיט די זעלבע ליניעס פון די הייזלעך, מיט די זעלבע קאָנטורן פון די גאַסן.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

דער וועג פֿון סטאַלינסק־קוזנעצק קיין מאָסקווע האָט געפֿירט דורך אַ ריי סטאַציעס, אויף וועלכע מיר האָבן געמוזט אָראָפּשטייגן און טוישן די צוגן.

אויף דער ערשטער סטאַציע נאָוואָסיבירסק קומט אונז אויס צו וואַרטן גאַנצע 48 שעה. מיר באַזוכן דערווייל די שטאָט. דאָס וועטער איז שוין קאַלט, מען פֿילט שוין ווי דער ווינטער קומט דאָ פֿון אַלע ווינקלען, אָבער אין די מאַגאַזינען קריגט מען דאָ גאָר זומער־קליידלעך, שטרויענע זומער־שיך און פּלאַזשע־הייזלעך.

מיר נעכטיקן ביי אַ רוסישער פֿרוי, וועלכע לעבט גראָד איבער אַ דראַמע. דער מאַן אירער איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט און האָט איר איבערגעלאָזט מיט אַ טעכטערל. אין אַ יאָר אַרום האָט זי באַקומען אַ בריוו פֿון וואָיענני קאָמענדאַנט, אַז דער מאַן איז געפֿאַלן און זי האָט אפילו באַקומען אויסגעצאָלט אַן אַלמנה־פּענסיע. מילא, זי האָט שטאַרק געטרויערט, אָבער דערנאָך האָט זי זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי איז נישט בלויז אַן אַלמנה, נאָר אויך אַ יונגע פֿרוי און זי האָט זיך אויסגעזוכט אַ מאַן פֿון צווישן די „ביע־זשענצעס", גראָד אַ פּוילישן ייִד. צום יאָר האָט זי געהאַט נאָך אַ טעכטערל, שוין פֿונם נייעם מאַן. אָבער עס איז נישט באַשערט געווען צו פּראַווען קיין נייע שמחות. אַ געוויסן טאָג האָט זיך געעפֿנט די טיר און אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן דער ערשטער מאַן, זייער אַ לעבעדיקער, פּונקט אַזוי ווי אין טאָג, ווי ער איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, נאָר מיט איין פֿוס ווייניקער. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? האָט זי באַשלאָסן צו האַנדלען יושרדיק און האָט אַוועקגעשיקט דעם צווייטן מאַן, דעם ייִד, און האָט צוריק גענומען ווינען מיטן ערשטן. זי שטרייכט אונטער, אַז זי האָט עס געטאָן בלויז צוליב יושר, ווייל עס האָט אים געפֿעלט אַ פֿוס. זיין גליק

איז ווייזט אוים געווען, וואָס ער איז געוואָרן אַן אינוואַליד, אַנישט וואָלט ער געמוזט זיך זוכן, ווו צו נעכטיקן.

אין דער אוראַלסקער געגנט, אויף דער סטאַציע רוזאַיעווקאַ, מוזן מיר אויסשטייגן. עס פאַרבלייבן בלויז אַ פּאָר מיליטער־לייט, וואָס פאָרן גלייך קיין מאָסקווע. מיר מוזן נעמען אַ צוג קיין קאַזאַן און פון דאָרטן ערשט נעמען אַ צוג, וואָס פירט אין דער סאָוויעטי־שער הויפּט־שטאָט. פאַרוואָס איז עס אַזוי? קיין קשיות פרעגט מען אָבער נישט. עטאָ זאַקאָן, אַזוי איז דאָס געבאָט און אויף גע־באָטן שטעלט מען נישט קיין שאלות.

קאַזאַן איז די הויפּט־שטאָט פון דער טאַטאַרסקער רעפּובליק. די שטאָט איז גרויס און פּונקט אַזוי ווי זי איז גרויס, אַזוי איז זי שמוציק.

די באַפעלקערונג איז זייער העפלעך. מערסטנטייל זענען עס טאַטערן מיט שמאָלע כיטרע אייגעלעך, אָבער מען זעט דאָ אויך אַ סך גרויס־רוסן. אַזוי ווי אומעטום האָבן מיר דאָ אָפּגעשטאַט אַ ווי־זיט אויפן טאָלטשאָק, ווייל דער טאָלטשאָק איז דאָס קאָלירפולסטע און אינטערעסאַנטסטע אָרט אין יעדער סאָוויעטישער שטאָט. איינס, וואָס מען באַקומט דאָ בשפע און וואָס מען האָט נישט געקאָנט באַקומען ערגיץ אַנדערש איז געווען האָניק. האָבן מיר טאַקע גע־קויפט אַ גאַנצן גאַנשאַר מיט אַזוי גערופענעם „ליפּאָווי מיוד".

דער טאָטער ביי וועלכן מיר נעכטיקן, איז אַ גרויסער מוטלער, און ווען ער דערוווסט זיך, אַז איך בין געזעסן אין תפיסה, זאָגט ער: „ניטשעוואָ דרוך, אי עטאָ דלאָ לודיעי". ער דערציילט, אַז ער איז אויך אַ געזעסענער, אין דער תפיסה פון קאַזאַן טאַקע. ער איז אָבער געזעסן זייער קורץ. בלויז דריי יאָר, ווייל מען האָט פעסט־געשטעלט, אַז ער איז אומשולדיק. אַ געוויסן טאָג האָט אים דער סלעדאָוואַטעל צוגעפירט צום פענסטער און געזאָגט: דו זעסט די אַלע מענטשן, דאָרט אויף דער גאַס? דאָס זענען אַלע צוקונפטיקע קאַנדידאַטן אין תפיסה אריין.

צומאָרגנס איז אָנגעקומען דער צוג און מיר זענען שוין דאָס מאָל אָן שום שטערענישן פאַרפאָרן ביז קיין מאָסקווע.

דער וואָקזאַל איז גרויס, אומגעהויער גרויס און עס גיט אַ ווייע אין געזיכט אריין דער ריח פון אַ ריזעדיקער מעטראָפּאָליע. דאָס איז נישט קיין וואָקזאַל, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי

ווי אויף די סיבירער סטאַציעס, נאָר אַן אַלט איינגעפונדעוועטער בנין, וואָס טראָגט סימנים פון אַלטערטימלעכקייט און אַמאָ־ליקן גלאַנץ.

אויך די בופעטן זענען פּאַרזאָרגט מיט גוטע מאכלים און אין די רעסטאָראַנען זענען די שפּייז־קאַרטעס אָנגעפּראָפּט מיט כלערליי נעמען פון די סאַמע רייכסטע עסנס.

שוין גלייך ביים אריבערטרעטן די שוועל פון מאָסקווע, זעט מען, אַז די דאָזיקע שטאָט איז נישט ענלעך צו אַלע אַנדערע. נישט בחנם זינגט דאָס סאָוויעטישע פאָלק אַזוי פיל לידער וועגן מאָסקווע, אַלץ, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד פאַרמאָגט, אַלע אירע רייכטימער פון די ווייטסטע פּראָווינצן, ווערן דאָ אַהערגעפירט אין דער דאָ־זיקער שטאָט אריין. דעריבער באַקומט מען דאָ כל־ערליי פּראָ־דוקטן פון ארבע פינות רוסלאַנד און דאָס לעבן איז דאָ פיל לייכטער און באַקוועמער ווי ערגיץ אַנדערש.

אָבער די דאָזיקע באַקוועמלעכקייטן זענען פאַרשטייט זיך רע־לאַטיווע. זיי זענען באַקוועם — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע רוסישע שטעט, אָבער נישט מיט אַ שטאָט פון מערב־אייראָפּע. די שטאָט איז פול מיט ריזעדיקע בולוואַרן און אימפּאָזאַנטע פּלעצער, אָבער עס איז געוויינט, אַז מען זאָל אַראָפּגיין אין אַ זייטיק געסל און גלייך דערזעט מען שמוציקע און אָפּגעריסענע הייזלעך און פון די פינצטע־רע איינגאַנגען שלאָגט אין פּנים אריין אַ טוכלער ריח.

אויך די גערדיכטע מענטשן־מאַסע, וואָס פילט אויס די גאַסן און גערטנער, איז בלויז אַביסל בעסער געקליידעט ווי אין די פּראָווינץ־שטעט, אָבער אויף די פּנימער פון די מענטשן ליגט די זעלבע אַפּאַ־טיע און די זעלבע טויטקייט, ווי אומעטום. מען זעט נישט קיינעם מיט אַ שמייכלעדיק געזיכט. אַלע שפּרייזן שווער איבער די טראָטו־אַרן מיט שווער־אָנגעגאָסענע געמיטער און קוקן קוים איינער אויפן אַנדערן.

צווישן די דורכגייער זעט מען פון צייט צו צייט דיק־אָנגע־געסענע פּאַרשוינען מיט גרויסע לעדערנע טעקעס און מיט פיין־געניייטע פּאַלטנס אָדער מונדירן, אָבער אויך זיי האָבן פאַרזאָרגטע געזיכטער און זיי שפּרייזן שנעל, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ערגיץ געאיילט. אפילו קליינע קינדער לאַכן זעלטן. עס איז אַ מאָדנע שטאָט מיט אַ מאָדנע לעבן. אומעטום, אויף די פּלאַקאַטן און

טראַנספּאָרטן, שרייט אַראָפּ סטאַלינס אַ סלאָגאַן: „דאָס לעבן איז געוואָרן בעסער, דאָס לעבן איז געוואָרן פרייליכער". אויב דאָס זאָל זיין אמת, אויב דאָס איצטיקע לעבן איז טאַקע געוואָרן בעסער און פריילעכער ווי דאָס פריערדיקע, דאַן נעמט מיך ארום אַ ציטער, ווען איך טראַכט וועגן דעם פריערדיקן.

די שטאָט איז באַדעקט מיט אַ ווייסן שניי. אויפן בלויען, ווינטעריקן הימל, שניידן זיך שאַרף אָפּ די קאָנטורן פון פיל שיינע געביידן. אונזער ערשטן וויזיט ווילן מיר אָפּשטאַטן ביים ברודער פון סאַלאָמאָן סאַלאַמאַנאַוויטש, וועלכער איז געווען אויף אונזער חתונה און וועלכער האָט אונז געבעטן איבערצוגעבן אַ גרוס.

מיר שטייגן אַראָפּ אין מעטראָ, אין דעם באַרימטן מאָסקווער מעטראָ. פאַר די אויגן גיט אַ שלאָג אַ בלענדענדיקע פאַרשווענדערישקייט. אַזאַ מין פּראַכט און לוקסוס האָבן מיר נאָך נישט געזען, נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אפילו אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

די מעטראָ־סטאַציעס זענען פון ריינעם מאַרמור, פול מיט סקולפּטורן און בילדער. עס הענגען אַראָפּ שווערע, קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן. דער מעטראָ מאַכט אַ מאָדנעם, אומהיימלעכן איינדרוק. די דאָזיקע רייכקייט, וואָס דאַרף אויפרייסן די אויגן און ארויסרופן אַ באַגייסטערונג, רופט נאָר אַרויס אַ געפיל פון אַ ווידערווילן. עס זעט אויס ווי אַן אינדזל פון לוקסוס און פון פּראַכט אין אַ ים פון הונגער און פון אָרימקייט. ווער האָט עס באַדאַרפט צו האָבן? צי האָט מען נישט געקאָנט בעסער נעמען די אויסגעגעבענע אוצרות און פאַרגרעסערן די צאָל טראַמווייען, אַז די מענטשן זאָלן נישט דאַרפן אָפּשטיין אין לאַנגע אָטשערעדס אויף די סטאַציעס און שפּעטער נאָכהענגען אויף די שטיגלעך אין אקראָבאַטישע פּאָזיציעס?

אַ חוץ דעם האָט דער מעטראָ נישט מער ווי געציילטע סטאַציעס און פאָרט בלויז אין די פּרינציפּאַלע געגנטן. אַזוי ארום איז דאָס דאָזיקע פאַרשווענדערישע קאָמוניקאַציע־מיטל באַשטימט בלויז פאַר באַאַמטע פון די ביוראָס אין די צענטראַל־קוואַרטאַלן און נישט פאַר קיין ארבעטער, וואָס דאַרפן פאָרן אין די הינטערשטאָט־פּעריפעריעס, אין די פאַבריקן אריין.

ארויסגייענדיק פון מעטראָ, פאָרן מיר ארויף אויף דער גאַס־אויבערפלאַך אויף מעכאַנישע שטיגן. פּראָווינצער פּאַסאַזשירן, וואָס

קומען דאָ אַהער קיין מאָסקווע אויף פאַרשידענע פּאַרטייאישע מיסיעס, ווייסן ממש נישט, ווו אַהינצוטאָן די אויגן פון דער שפע פון מאַרמאָר און פון קרישטאָל. אַהיימקומענדיק שפּעטער אין די פּאַרוואָרפענע קאָלכאָזן און אין זייערע שטעטלעך אַריין, וועלן זיי מסתמא דערציילן ניסים וועגן דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאָט.

דער ברודער פון סאָלאָמאָן סאָלאָמאָנוויטש און די פרוי נעמען אונז זייער וואַרעם אויף. און די דאָזיקע וואַרעמקייט קומט אונז טאַקע צונוץ, ווייל א חוץ דעם איז די דירה נישט געהייצט און מיר מוזן זיצן אין די מאַנטלען. דער ברודער איז אַ מלחמה־אינ־וואַליד. ער איז געוואָרן פאַרוווּנדעט אויפן פראָנט און מען האָט אים אַראָפּגענומען די פינגער פון איין האַנט. ער אַרבעט אַלס בוכ־האַלטער אין דער שטאָטישער עלעקטרישער סטאַציע. די פרוי איז אַ לערערין. זי איז א רוסישע. זייער אַ גוט האַרציקע און אַ גאַסט־פריינטלעכע. קיין קינדער האָבן זיי נישט.

מיר נעמען אַרויס אַ פּושקע האָניק און גיבן זיי אַלס מתנה. די פרוי איז זייער גערירט. זי מאַכט פאַר אונז בלינעס. די שטימונג איז א היימישע. פון זייערע ווערטער דרינגען מיר אַרויס, אַז עס לעבט זיך זיי גאָרנישט שלעכט. די דירה, א צוויי־צימערדיקע וווי־נונג, איז זייער אייגנטום, ווייל דאָס הויז געהערט צו די לאָקאַ־טאָרן, בלויז די קיך איז בשותפותדיק מיט נאָך צוויי שכנים.

די צימערן פּעכלען פון ריינקייט. זיי זיצן אָנגעלענט אויף באַ־קוועמע פאָטעלן און דערציילן וועגן די גרויסע ענדערונגען, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט די רעוואָלוציע. פריער איז דאָס לאַנד געווען אָפּגעשטאַנען און פינצטער, די גרעסטע טייל פּויערים און אַפילו שטאָטישע אַרבעטער זענען געווען אַנאַלפאַבעטן, האָבן קוים געקענט לייענען און שרייבן. היינט איז דאָס אַלץ אָפּגע־שאַפן געוואָרן. יעדער סאָוויעטישער בירגער האָט איצט אַ צו־טריט צו אוניווערסיטעטן. מען האָט אויפגעבויט קינדער־גערטנער און פּיאָנערן־הייזער. די קינדער און די מאַמעס איז ווויל ווי די וועלט. עס איז אויך אָפּגעשאַפן געוואָרן פעלקער־האַס און אַנטי־סעמיטיזם. אַלע זענען איצט גלייך.

היות די שטימונג איז אזא היימישע, ממש אַ פאַמיליאַרע, נעם איך אויך דערציילן, וועגן מיינע איינדרוקן. איך גיב איבער וועגן די תפיסות, אין וועלכע איך בין געזעסן און אַביסל מער

בפּרטיות — וועגן די לאַגערן. דער באַלעבאָס אונזערער וואַרפט זיך איבער מיטן ווייב זיינעם מיט אַביסל דערשראָקענע בליקן און ער זאָגט אונז, אַז דאָס וואָס איך דערציי, איז וואַרשיינלעך אַ פּראָדוקט פון דער איצטיקער מלחמה. אַז פריער איז עס נישט געווען. פאַרקערט, אין די תּפיסות און אין די לאַגערן זענען כסדר פאַרגעקומען אינספּעקציעס און טאָמער האָט מען געפּאַקט ערגיץ אַ שטיקל אומאָרדנונג, האָט מען די פאַראַנטוואָרטלעכע גלייך איינגעזעצט און אפילו דערשאָסן.

ער וויל בכח אויסדרייען דאָס געשפּרעך אויף אַנדערע טעמעס. ער רעדט וועגן די נייע שטעט און הייזער, וואָס מען בויט כסדר, וועגן די קאַנאַלן און עלעקטרישע סטאַציעס און טורבינעס. איך פרעג אים: „צי ווייסט איר אויף וויפל מענטשלעכע טרערן דאָס אַלץ ווערט געבויט?“ ער שווייגט אַ ווײַלע, אָבער גלייך באַהערשט ער זיך און זאָגט, מיט אַ טיפער אויפריכטיקייט אין דער שטימע: עס איז קראַנטער, אַז מען זעט נישט צופיל. עס איז אויך בעסער, אַז מען באַגרעניצט די ווערטער.

ער זאָגט עס נישט מיט קיין טענה, פאַרקערט, די ווערטער זענען געווענדעט צו זיך אַליין. דאָס זאָגט ער אַזוי אַרויס הויך אויפן קול אַ געדאַנק, לויט וועלכן ער ריכט זיך זיין גאַנץ לעבן אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט.

עס ווערט שפּעט. זיי לייגן אונז פאַר, מיר זאָלן איבערנעכטיקן און גיבן אונז אָפּ זייער שלאָף־צימער. אינדערפרי, ווען מיר שטייען אויף, זענען זיי שוין נישטאָ אינדערהיים. אויפן טיש געפינען מיר אַ צעטעלע, אַז זיי האָבן פאַר אונז צוגעגרייט פרישטיק און אַז מיר זאָלן צוריקקומען פּינקטליך צוויי אַ זייגער, וועלן מיר צוזאַמען גיין אין דער „סטאָלאָווע“ אויף מיטאָג. מיר געפינען טאַקע צוגעגרייט ווייסע זעמל, פּוטער מיט אַ פּושקע אַמעריקאַנער „נעסטל“ מילך.

אונזער ערשטן וויזיט דעם דאָזיקן פרימאָרגן דאַרפן מיר אָפּשטעלן אין דער פּוילישער פּלאַצוווקע. ווען מיר גייען אַרויס אין שטאָט, באַגעגענען מיר אַ ווייכע און שטילע ריינקייט. דורך דער נאַכט איז אַנגעפאַלן אַ פרישער שניי און האָט אַלץ צוגעדעקט מיט אַ מחיהדיקן פּוך. איבער די גאַסן עפנט מען די געשעפטן. עס וווּנדערט אונז, וואָס מען זעט נישט פאַר די געוועלבער קיין אָטשערעדס. זאָל דאָ טאַקע זיין אַזאַ שפע פון פּראָדוקטן,

אז מען דארף דאָ לחלוטין אויף גאָרנישט ווארטן? אָבער די דאָזיקע זאַך ווערט אונז קלאָר, ווען מיר קוקן אריין אין אַזאַ געשעפט אריין. די געוועלבער זענען דאָ זייער גרויסע, ממש מאַגאַזינען, און די אָטשערעדס געפונען זיך — אַנשטאָט אויף דער גאַס — אינעווייניק.

אויף דער גאַס קאָן מען קריגן „סאַכאַרנאַיע מאָראָזשנאָיע", געפרוירענע עפּעלעך, סלאָיקעס מיט איינגעמאַכטס און אפילו געראַנצעטע קישקעלעך. די עפּל שיט מען אריין אין די קעשענעס, ווייל קיין „בומאַגאַ" (פּאַפּיר) איז נישט פאַראַן. מיר זעען אויך גרויסע „קאָלייקעס" פאַר די קיאָסקן פון צייטונגען. אין דער פּרעסע באַרימען זיך די סאָוויעטן, אז דאָס איז דאָס פאָלק אזוי אויסגעהונגערט נאָך קולטור. אָבער אין דער אמתן שטייט מען דאָ נאָך דער „פּראַווראָ" און „איזוועסטיא" פשוט דערפאַר, ווייל מען דארף האָבן פּאַפּיר צום רויכערן, אָדער „בומאַגאַ" צום פּאַקן.

אין דער פּוילישער פּלאַצוווקע באַגעגנען מיר א באַאַמטן, וועלכער איז ווייזט אוים אַ פּרישער, ווייל פאַניע קען אים נישט פון איר פריערדיקער וויזיט. פאַניע זאָגט אים, אז זי האָט אַן ענין צו וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און אַז זי וויל זיך מיט איר פּערזענלעך פאַרשטענדיקן. אָבער יענער ענטפערט דערויף, אז וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ איז איצט דאָ אַ זעלטענער גאַסט. וואַרשיינלעך וועלן מיר זי אָבער טרעפן אין דער קאָמענדאַנטור פון פּוילישן מיליטער.

גייען מיר דעריבער אויף דער קאָמענדאַנטור. דער שניי גיט צו דער שטאָט אַ ווייסע יום־טובדיקייט און די דאָזיקע רואיקייט לייגט זיך אויך אויפן געמיט. מיר האָבן אָנהויב בדעה צו פאָרן מיטן טראַמוויי, אָבער ביי די טראַמוויי־סטאַציעס טוט זיך אזוי, אז מיר ווילן בעסער אוים צוצוגיין צופוס. דער וועג איז געמיטלעכער. מען באַגעגנט דאָ טאַקע אויף טריט און שריט מונדירטע נ. ק. וו. ד.־אָפיצירן, אָבער דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, לייגן זיי ווייניקער אַכט אויפן פאַרבייגייער.

ביים אריינקומען אין דער מיליטערישער קאָמאַנדע ווענדן מיר זיך צו אַ פּאָרוטשניק, ווען מיר דערקלערן דעם ענין. דער פּאָרוטשניק רעדט אַ שוואַכן פּויליש. שפּעטער ערשט איבערציגן מיר זיך, אז א גרויסע צאָל אָפיצירן אין דער פּוילישער ארמיי זענען פאַקטיש רוסן, וואָס זענען דאָ ארייגעזעצט געוואָרן און זיי

בילדן טאַקע דעם חוט־השדרה פֿון דער גאַנצער אַרמיי. דער פּאָרוטשניק שיקט אונז איבער צו אַ צווייטן, וועלכער איז שוין דאָס מאָל אַן אמתדיקער פּאָליאַק. ער איז אַן אינוואַליד, אָן אַ האַנט. ער איז העפֿליך, מיט דער געוויינלעכער קורטואַזיע פֿון אַ פּוילישן אינטעליגענט. ער זאָגט, אַז וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ קומט דאָ טאַקע אַריין, אָבער נישט יעדן טאָג, נאָר אַ צוויי דריי מאָל אין דער וואָך. ער ראַט אונז, מיר זאָלן איבערלאָזן פֿאַר איר אַ צעטעלע און ער וועט עס איר שוין איבערגעבן. עס פֿאַרבלייבט אונז נישט קיין אַנדערע עצה, ווי צו טאָן דאָס, וואָס ער ראַט אונז. פֿאַניע שרייבט טאַקע אָן צו איר אַ פּאָר ווערטער און מיר געזעגנען זיך מיט דעם פּאָרוטשניק. (שפּעטער האָבן מיר טאַקע דורך איר פֿאַרמיטלונג באַקומען אַלע נויטיקע פּאַפּירן).

די שטאָט רייצט מיט אירע אינטערעסאַנטע געביידעס און גאַסן און מיר וואָלטן גערן פֿאַרברענגט דעם דאָזיקן טאָג באַזוכנדיק די מאָסקווער מערקווירדיקייטן, אָבער די צייט שטייט נישט. צוויי אַ זייגער דאַרפֿן מיר זיין צוריק ביי אונזערע גאַסטפֿריינטלעכע באַלעבאַטים, כּדי צוזאַמען צו גיין אויף מיטאָג און מיר ווילן נישט פֿאַרשפּעטיקן. גייען מיר דעריבער — דאָס מאָל שוין מיט שנעלערע טריט — און מיר קומען טאַקע אָן פּונקט צו דער באַשטימטער צייט.

מיר זענען זאַלבעפֿערט אַוועק אין דער סטאָלאָווע און האָבן דאָרט באַקומען אַ מיטאָג, וואָס איז — לויט די סאָוויעטישע מאָסן — געווען נישט שלעכט. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נייער באַקאַנטער אונזערער האָט אַ האַלבן טאָג פֿריי און ער האָט פֿאָרגעלייגט צו ווייזן אונז די שטאָט.

זייענדיק אַ מאָסקווער געבוירענער איז ער שטאָלץ מיט זיין געבורט־שטאָט און ער פֿירט אונז אַרום מיט שטאָלץ איבער די בולוואַרן און גאַסן. אַ שווערן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר דער קרעמל. דער גראָבער מויער, וואָס האָט אַרומגענומען דעם קרעמל, האָט אויסגעזען, ווי אַ דיקע שוץ־וואַנט, מיט וועלכער די רויטע הערשער האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿונם פֿאָלק. פֿון אינעווייניק האָבן זיך אַרויסגעזען גאָלדענע שפּיצן פֿון אָן אַ שיער צערקוועס, אויך דעכער פֿון גרויסע געביידעס. אין איינעם פֿון די דאָזיקע בנינים זיצט אינעווייניק „דער טאַטע פֿון די פֿעלקער“, סטאַלין, וועלכער איז „טיפֿער ווי ים'ען און העכער ווי די בערג“...

פונדרויסן געפינט זיך דער ריזעדיקער שטח פונם רויטן פלאַץ, ווו עס קומען פאָר די גרויסע מיליטערישע און ספאָרט־פאַראַדעס. נעבן דער קרעמל־וואַנט שטייט דער לענין־מאַוזאָלעאום, מיטן פשוטן אויפשריפט: „לענין". דער מאַוזאָלעאום איז דעם דאָזיקן טאָג געווען געשלאָסן. אין אנדערע טעג קאָן מען דאָ אריינגיין און זען דעם שעפער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי ער ליגט, אַ באַלזאַמירטער, אונטערן צודעק פון א גלעזערנער טרומנע.

מיר האָבן אויך געזען די גרויסע לענין־ביבליאָטעק, דעם בנין פון גרויסן טעאַטער און אַ גאַנצע ריי הייזער־בלאָקן, וועלכע זענען נאָר וואָס אויפגעשטעלט געוואָרן פאר די הויכע סאָוויעטישע טשי־נאָווניקעס. די גאַנצע שטאָט, איז טאַקע אַזאַ מין געפלעכט פון אַלט און ניי. דאָס אַלטע זענען איבערבלייבענישן פון די צאַרישע צייטן און זיי גיבן צו דער שטאָט אַ געוויסע ראָמאַנטישקייט. דאָס נייע איז געבויט אויפן סאמע מאָדערנסטן אופן. אָבער סיי פונם אַלטן און סיי פונם נייעם געניסן די הויכע סאָוויעטישע באַאַמטע, די נייע רעגירנדיקע קאַסטע, וועלכע געפינט זיך איצט ביי דער מאַכט און לעבט אויפן חשבון פון די צענדליקער מיליאָנען פאַראָרימ־טע און פארחושכטע ארבעטס־מענטשן.

מיר האָבן נאָך געדארפט אָפגעבן אַ גרוס אַ מאָ־סקווער פאַמיליע פון זייער אַ קרוב אין קאַזאַן. די דאָ־זיקע פאמיליע האָט שוין נישט געוווינט אינם צענטער פון דער שטאָט. מען האָט געדארפט לאַנג זיך שלעפן אין אן אָנגע־פראָפטן און שמוציקן טראַמוויי־וואַגאָן, ביז מיר זענען צוגעקומען צו די שטאָט־פעריפעריעס. די מענטשן, צו וועלכע מיר האָבן זיך סוף כל סוף דערפרעגט, האָבן געוווינט אין אַ ריזעדיקער קאַמיע־ניצע, וואָס איז געווען אָפגעריסן און אָפגעשליסן.ביידע האָבן גע־אַרבעט אין פאבריקן און האָבן דאָ פארנומען אַ קליין צימערל און האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקע קיך מיט א גאַנצן שטאָק לאָקאַטאָרן. עס זענען נישט געווען ביי זיי נישט קיין פאָטעלן און נישט קיין פושקעס מיט אַמעריקאנער קאָנסערווירטע מילך. טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן ביידע געארבעט, האָבן זיין דאָך אָבער נישט געקאָנט אויסקומען אפילו מיטן בלויזן עסן און געראַטעוועט האָט זיי דאָס, וואָס זיי האָבן נאָך אין די פרייע טעג אַביסל צוגעהאַנדלט.

זיי רעדן אונז טאַקע צו מיר זאָלן מיט זיי דעם זעלבן אָוונט

פֿאָרן הינטער מאָסקווע, איוף דער סטאַציע פּושקינאָ, ווו עס גע־
פינט זיך אַן אַזוי גערופֿענע „באַראַכאַלקע", אַ באַזאַר פֿון אַלטע
מלבושים און שמאַטעס. מיר פֿאָרן מיט זיי — עס איז אַ קליינער
שטח פֿון זייער וווינונג — און דאָרטן דערזעען מיר בילדער, וואָס
לאָזן זיך קיינמאָל נישט אויסקריצן פֿון זכרון. דער גאַנצער באַ־
זאַר איז באַליגט מיט שמאַטעס, פֿון וועלכע עס גייט אַזש אַ
שטויב פֿון שמוץ און פֿון פֿוילעניש. אָבער הונדערטער מענטשן
גראַבלען זיך אין די דאָזיקע שמאַטעס און זוכן עפּיס אַ מלבוש,
וואָס מען זאָל נאָך קאָנען אַרויפֿציען אויפֿן לייב. סך הכל מיט
געציילטע קילאָמעטער ווייטער, אין מאָסקווע, זענען פֿאַראַן מאַגאַ־
זינען, ווו מען קען באַקומען פֿון שענסטן און פֿון בעסטן. נייע
אָנציִער, פֿעכלדיקע שיך, זיידענע העמדער, פּיזשאַמעס, קראַוואַטן.
אָבער יענץ ווערט פֿאַרקויפֿט פֿאַר פֿאַנטאַסטישע פּרייזן. פֿאַר אַ קראַ־
וואַט בלויז וואָלט אַן אַרבעטער געדאַרפֿט אָוועקגעבן צוויי וואָכן
פֿון זיין פּענסיע. פֿון אַן אַנצוג אָדער מאַנטל איז שוין אינגאַנצן
אָפּגערעדט. צו אַזאַ סומע וועט ער קיינמאָל אין לעבן נישט צוקומען.

דערפֿאַר קומט ער דאָ, אויף דער דאָזיקער „באַראַכאַלקע". עס
שניידט זיך ביים האַרץ צו קוקן, ווי מענטשן נישטערן דאָ אַרום
אין שמאַטעס, וועלכע עס וואָלט נישט אָנגערירט דער אָרימסטער
בעטלער אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. און דאָ דאַרף עס דינען פֿאַר
מלבושים נישט פֿאַר אָרימעלייט און נישט פֿאַר קיין אַרבעטסלאָזע,
נאָר פֿאַר אַרבעטנדיקע פּראָלעטאַריער, פֿאַר די הערשער פֿון דער
דאָזיקער אַרבעטער־מדינה...

דער באַזאַר איז אָנגעפֿילט מיט קולות און יללות פֿון די קויי־
פֿער, פֿאַרקויפֿער און סתם שיכורים. נישט זעלטן שלאָגט מען זיך
און דעמאָלט גייט זיך די מענטשן־מאַסע אַ צעוויג און די געשרייען
דערגייען דאַן עד לבֿ השמים.

צוריק קיין מאָסקווע פֿאָרן מיר מיט אַ „פּריגאָראָדנע" צוג,
מיט אַן עלעקטרישער. ווען מיר קומען צוריק אַרויף צו אונזערע
באַלעבאַטים, צום ברודער פֿון סאַלאָמאָן סאַלאָמאָנאָוויטש, זאָגט
ער אונז, אַז היינטיקן אָוונט קומט פֿאָר אין דער מאָסקווער שול
אַ יזכור־אָוונט נאָך די אומגעקומענע יידן.

נאָכן עסן אָוונט־ברויט, פֿאָרן מיר אַלע פֿיר אַוועק אין דער
שול. די שול איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. עס איז שווער צו

אורטיילן, צי דאָס זענען געווען בלויז רוסישע יידן, צי אויכעט יידישע ביעזשענצעס פון מערב, מיט וועלכע מאָסקווע האָט דאַן געראָיעט. איינס איז אָבער זיכער, אז די אַלע יונגערע מענטשן זענען שוין זיכער געווען פון די אָנגעקומענע, ווייל די רוסישע יידן זענען באַשטאַנען מייסטנטייל פון מיטליעריקע און עלטערע לייט.

איך געפין מיך איצט צום ערשטן מאָל צווישן אַ יידישן קהל, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט, כדי צו באַוויינען די יידישע קרבנות פון היטלערן. ערשט דאָ, ווען עס הויבט אָן צו וויינען דעם חזנ׳ס שטימע און ווען גאַנץ קהל הויבט אָן מיט געבראָכענע קולות צו זאָגן קדיש, נעמט ארומשוועבן איבערן חלל דער אמתדיקער, דער אָנטאַפּבארער שאָטן פון אונזער אומגליק.

מיר שטייען צוזאַמענגעדריקטע צווישן די ווענט פון דער שול. פאר די אויגן נעמען פּלוצלונג אויפטייכן בילדער, וואָס טריפן מיט טרערן און מיט בלוט פון אונזערע פארשניטענע. ערשט דאָ, ווען מען הערט דאָס שטילע געיאָמער פון די פאַרשיידענע, ווילד־פרעמ־דע יידן, ווען מען הערט, ווי עס ציטערן די ווערטער פונם קדיש אינם מויל פון יידן פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון רומעניע, פון ליטע, — דערזעט מען דעם אימהדיקן גרויס פונם חורבן. מיר דער־פילן זיך אַלע ווי יתומים. אפילו פאַרהאַרטעוועטע יידן, מיט ביינער־דיקע געזיכטער און פרעמדע, העלע בליקן, שטייען איינגעבויגן אונטער דער לאַסט פון דעם חורבן און איבער די פּנימער זייערע טריפן גרויסע, בלוטיקע טרערן.

איך שטיי אַ צוזאַמענגעבראָכענער, צוזאַמען מיט דער איבע־ריקער עדה יידן, און די ליפּן מיינע פּליסטערן אַ שטילן קדיש. איך ווייס נישט פאר וועמען דער קדיש איז באַשטימט. ווער פון מיינע נאָנטסטע וועמען איך האָב איבערגעלאָזט ביים לעבן אין ווישבניק, איז אומגעקומען אין די נאַצישע שחיטות, אין די מאַסן־דערשי־סונגען, אין די גאַז־לאַגערן, אין די „אַקציעס” און וועמען עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך.

עס איז אַ גרויזאַם בילד פון אַ גאַנץ קהל, וואָס זאָגט צוזאַ־מען קדיש. קיינעמס ליפּן בלייבן נישט אומבאַוועגלעך, עס איז נישט פאראַן קיין איינער דאָ, וועמענס בלוט און פלייש איז נישט פארשניטן געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

און פּונקט אזוי ווי דער עולם איז צוזאַמענגעקומען אין

שטילקייט, אזוי ווארט מען שטילערהייט איבער דעם קדיש און מען צעגייט זיך אין שווייגעניש. די געמיטער זענען פינצטערע, די הערצער זענען שווערע, יעדער קערט זיך אום א טרויעריקער און א צעבראָכענער אין זיין ווינקל, וווּ ער לעבט אַדורך אין איינזאַמ־קייט זיינע בלוטיקע פארלוסטן.

מיר גייען ארוים אויף דער גאַס. ווידער פאַלט א געדיכטער שניי. אויף די טראָטואַרן שטייען פרויען און זקנים און רוימען דעם שניי מיט לאָפּאַטעס. זיי זענען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און זיי שאַרן דעם שניי מיט רויטע, געפרוירענע הענט. קיין איינער פון זיי טראָגט נישט קיין הענטשקעס. ביי פיל זענען די הענט פאַר־בלוטיקט. זיי אַרבעטן מיט אומבאַוועגלעכע, טעמפּע פּנימער. דער שניי ווערט געלאַדעוועט אויף לאַסט־אויטאָס, נאָכדעם, ווי זיי פאָרן אוועק קומען אונטער פרישע און די שניי־רוימער הויבן ווידער אָן צו אַרבעטן מיט די שווערע, אייזערנע לאָפּאַטעס. איך האָב שוין געזען, ווי פרויען האָבן געהאָרעוועט אין די לאַגערן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין לאַגער, נאָר די הויפּט־שטאָט, מאָסקווע. דעריבער ווירקט דאָס בילד פון די יונגע, מיט שמאַטעס ארוימ־געוויקלטע פרויען, אימה׳דיק.

עס קומט ענדליך דער מאָמענט, ווען מיר געזעגנען זיך מיט אונזערע גאַסטפריינטלעכע באַלעבאַטים און מיר פאַרלאָזן מאָסקווע. מיר פאַרלאָזן די שטאָט אָן שום באַדויערן. די שטאָט איז טאַקע א שיינע און מאַנכע גאַסן און פּלעצער אימפּאָזאַנטע, אָבער דער דאָזיקער שטאָט פֿעלט א זאַך, וואָס איז וויכטיקער ווי גאַסן און ווי שיינע מויערן און גערטנער. עס פעלט איר דער פּשוטער מענטש־לעכער שמייכל. מיר האָבן אין דער דאָזיקער מיליאָנען־שטאָט נישט געזען קיין איינעם מיט א לאַכנדיק פּנים, מיט אָפענע, אויפ־ריכטיק־לייכטנדיקע אויגן, מיט א צופרידן געזיכט. דער שמייכל איז דאָ אַראָפּגעדריקט געוואָרן דורך דער שווערער דיקטאַטור, וואָס שיינט ארוים פון די גראָבע תפיסה־מויערן פון קרעמל, און וואָס דריקט די גאַנצע באַפעלקערונג ביים האַלדז.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

מיר פאָרן מיט דער באַן קיין קיעוו. דער צוג איז נישט באַלויכטן, און מיר זיצן צוגעטוליעטע אין דער פינצטער און קוקן ארויס דורך די פֿענסטער.

אינדרויסן הויבן זיך אָן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פון קריג. צעאַקערטע פעלדער מיט טיפע גריבער פון באָמבעס, אויפגעריסענע בריקן, אָפּגעברענטע חורבות פון הייזער, פון דערפער, טויטע מויערן פון ליידיקע שטעטלעך, פון וועלכע עס זענען בלויז פֿאַרבליבן רויכעדיקע און שוואַרץ־פארסאַזשעטע קוימענס.

אויף די וועגן וואַלגערן זיך פארברענטע שקעלעטן פון אויטאָמאָבילן, אויף די באַן־ליניעס שטייען נישט־אַוועקגערוימטע באָמבאַרדירטע וואַגאָנען. עס זעט אויס, ווי א ווילדער שטורעם־ווינט וואָלט דאָ אדורכגעלאָפן און אָנגעמאַכט די דאָזיקע חורבנות. ערטערווייז זעט מען אפילו גאַנצע שטרעקעס מיט פארניכטעטע וועלדער. דיביימער ליגן אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, אזוי ווי ארויסגעשלעפטע מיט די הענט פון אומזעבאַרע ריזן.

ווען מיר קומען אָן אויף דער קיעווער סטאַציע וואַרפט זיך אין די אויגן אריין דער באָמבאַרדירטער וואָקזאַל. די זייטיקע ווענט זענען אונטערגעשפּאַרט מיט סלופּעס. טעטיק איז בלויז איין העלפט פונם וואָקזאַל, די אנדערע העלפט איז פֿארקלאַפּט מיט ברעטער.

די גאַנצע הויפּט־גאַס, וואָס ציט זיך פון דער סטאַציע, די קרעשטשיאַטעק, איז אינגאַנצן פארברענט. פון ביידע זייטן ליגן בלויז בערגער מיט גרוז, אויפן אָרט, וווּ עס זענען אַמאָל געווען הייזער,

אַמטן, שולן. איבער דער שטאָט הערשן בלויז די פינף צלמים פון דער צערקווע. דאָס איז איינער פון די געציילטע בנינים, וואָס איז כמעט אינגאַנצן נישט באַשעדיקט געוואָרן.

מיר זוכן מיט די אויגן עפּיס אַ זכר פון אַ ייד. קיעוו איז דאָך געווען אַ שטאָט, מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. ביי די שטיגן פון אַ האַלב־פאַרברענט הויז באַמערקן מיר אַ גרופּע היימ־לאָזע, מיט געפּעק, מיט טשעמאָדאַנעס און מיט פאַרצווייפלטע אויגן. מיט יידישע אויגן. מיר זעצן זיך נעבן זיי און מיר באַקע־נען זיך. זיי זענען קיעווער יידן, וואָס זענען ביים אויסברוך פון קריג עוואַקואירט געוואָרן קיין טיף־רוסלאַנד. איצט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, אָבער מען וויל זיי דאָ נישט „צושרייבן”. דאָס הייסט מיט פּשוטע ווערטער, מען דערלויבט זיי דאָ נישט צוריק צו וווינען אין דער דאָזיקער שטאָט. פאַרוואָס?

אַרום בושעוועט אַ חיהשער אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט היט־לער איבערגעלאָזט די ירושה זיינע. די אוקראַאינער פון קיעוו, פון די אַרומיקע שטעט און דערפער האָבן נישט בלויז צוגעקוקט זיך גלייכגילטיק צו די יידן־שחיטות, נאָר זיי האָבן מיט זייערע איי־גענע הענט צוגעהאָלפן די היטלעריסטן אַדורכצופירן זייערע רצי־חות. דער פאַנאַנדערגעוויגטער יידן־האַס לאָזט זיך נישט איינ־שטילן, דער ריח פון יידישן בלוט רייצט נאָך זייערע נאַז־לעכער. זיי לאָזן נישט קיין ייד אויף די אויגן. אויף די וועגן, אין די וועל־דער, אין די דערפער, פון הינטער די שטאָטישע מויערן אַפּויר לויערן זייערע אויגן און ווו זיי דערזעען אַ ייד, דערמאָרדן זיי אים.

מיט אַ טאָג צוריק סך הכל האָט מען אויפן באַזאַר, פאַר אַלעמען אין די אויגן, דערהרג׳עט דריי יידישע אינוואַלידן. די מיליץ קוקט אויף די אַנטי־יידישע רציחות דורך די פינגער, ווייל אויך צווישן דער „נאַטשאַלסטווע” בושעוועט אַן אַנטיסעמיטיזם. וואָס שייך די איינוווינער פון קיעוו, ווילן זיי אוודאי נישט, אַז די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן זאָלן זיך ראַטעווען, ווייל די גוי־אישע שכנים האָבן זיך דורך דער צייט אָנגעראַבעוועט מיט יידיש האָב און גוטס און זיי האָבן מורא, אַז מיטן צוריקקומען פון די יידן, וועלן זיי דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון זייער רויב. דעריבער קוקן זיי מיט נאַליקע אויגן אויף דעם בינטל צוריקגעקומענע, וועלכע

דרייען זיך טאָקע איבער די גאַסן און האָבן מורא פאַר די שפּיזל־דיקע בליקן, וואָס לויערן אויף זיי פון אַלע זייטן.

אָבער די יידן ווילן טראָץ אַלעם דאָ בלייבן. ערשטנס איז דאָס זייער היים־שטאָט. דאָ האָבן זיי אָפּגעלעבט זייער לעבן, דאָ האָבן זיי געהאַט זייערע פאַמיליעס, דאָ האָבן זיי געאַרבעט, דאָ האָבן זיי געהאַט זייערע פריידן און לײדן. און צווייטנס — וווהין זאָלן זיי גיין? וווהין זאָלן זיי ווענדן זייערע ערשטע שריט? ווילן זיי בעסער דאָ פאַרבלייבן. בעסער ריזיקירן מיטן לעבן, ווייל אויב אפילו אומקומען, זאָל כאָטש זיין אויפן אָרט, ווו עס זענען אומ־געקומען אַלע זייערע נאָענטסטע.

אַ יידיש מיידל דערציילט אונז וועגן אירע איבערלעבענישן. זי זעט אויס ווי אַ קריסטין. זי האָט געלעבט דאָ, צווישן די פּויערים, ווי אַן „אַריערין”. זי האָט דאָ מיט די אויגן אירע צוגעזען די שחיטות, בעת וועלכע עס זענען אומגעקומען אַלע יידן פון קיעוו און פון די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך, מען האָט איר אַ געוויסן טאָג צוזאַמען מיט זעכציק טויזנט יידן אַוועקגעטריבן הינ־טער דער שטאָט און מען האָט זיי גענומען אויסשיסן ביי אָפענע גריבער. אַרום איז געשטאַנען אַ המון פון אוקראַינער מיט זייערע ווייבער און קינדער און האָט זיך מיט גרויס שמחה צוגעקוקט צו דעם בילד פון רציחהדיקן מאַסן־מאָרד. אַ סך יידן און זייערע פּרויען האָבן געפּרוווט אַנטלויפן פון די גריבער, אָבער אַרום זע־נען געשטאַנען די אוקראַינער און האָבן זיי מיט קלאָניצעס אין די הענט צוריקגעטריבן אין די גריבער אַריין. זי, דאָס יידישע מיידל, איז צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קרבנות אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב און זי איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד. זי איז אָבער נישט געטראָפן געוואָרן דורך קיין קויל. פאַרטאָג האָט זי צוריקגעוווּנען דאָס באַוווסטזיין און האָט מיט די לעצטע כחות גענומען זיך אַרויס־גראָבן פונם באַרג מתים. זי שווערט ביי אַלעם הייליקסטן, אַז די ערד איבער די גריבער האָט זיך געהויבן. זי האָט ווי אַ וואַנזיניקע גענומען לויפן אין אַ נאָענטן וואַלד אַריין, ווו זי האָט פון זיך גע־פּרוווט אַראָפּטרייסלען דאָס איבערגעלעבטע. זי איז סוף כל סוף אַריין אין אַ פּויערישער כאַלופּע און האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ רוסישע „ביעזשענקע”, אַ קריסטין, וועלכע האָט פאַרלוירן די

פאמיליע און אזוי ארום האָט זי איבערגעלעבט די ווייטער־דיקע מאָרדן.

זי דערציילט, אז שוין מיט עטלעכע טעג נאָך יענעם גרויסן מאָרד איבער די זעכציק טויזנט יידן, האָט פלוצלונג פון די גרי־בער ארויס געגומען זעצן אַ שטראָם מיט בלוט. די אוקראַינער פון די ארומיקע הייזער האָבן זיך דאַן פארקאַטשעט די הויזן, און האָבן גענומען ארומבראָדזשען אינם בלוט. זיי האָבן געמאַכט זיי־טיקע ראָוועס, כדי דאָס בלוט זאָל האָבן דורך וואנען אָפּצופליסן. מען זאָגט, אז עס זענען פאראַן מאָמענטן, ווען די האָר שטעלן זיך קאַפּויער אויפן קאָפּ. ווען דאָס מיידל האָט אונז דערציילט די דאָזיקע איבערלעבונג, האָב איך דערפילט ווי די הויט פון קאָפּ האָט זיך מיר צוזאַמענגעקורטשעט און ווי די האָר זענען געוואָרן אָנגעצויגן. מיר האָבן זיך ממש דערפילט פיזיש קראַנק, ווען מיר האָבן געקוקט אויף דעם מיידל, אויף אירע אומבאַוועגלעכע, בלויע אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזען אזעלכע גרויזאַמקייטן.

אונזער ווייטערדיקער וועג פירט דורך לעמבערג. דאָס איז דער נאָנטסטער וועג קיין פוילן. אָבער מען ראָט אונז צו פאָרן בעסער דורך בריסק. דער וועג קיין לעמבערג איז נישט קיין זיכערער, די גאַנצע אומגעגנט ראַיעט פון באַנדעס מיט אוקראַאינישע נאַציאָנאַ־ליסטן, מיט באַנדוראָוועצעס, וועלכע באַפאַלן צוגן און הרג'ענען די יידן. און נישט בלויז יידן, אויך רוסן און קאָמוניסטישע פונק־ציאָנאַרן. די וועלדער זענען פול מיט אזעלכע אַנטי־סאָוויעטישע און אַנטי־יידישע גרופּן, וואָס האָבן אויף זייער געוויסן טויזנטער לעבנס. פאָרן מיטן צוג דורך לעמבערג וואָלט געהייסן ממש ריזיקירן מיטן לעבן. באַשליסן מיר דעריבער צו נעמען די באַן, וואָס גייט קיין בריסק.

דער צוג איז אויסגעפילט כמעט בלויז מיט אזעלכע ווי מיר, מיט צוריקוואַנדערער קיין פוילן. אויף טריט און שריט ווערן די וואַגאָנען קאָנטראָלירט. דער צוג ווערט כסדר ארומגערינגלט מיט מיליץ און נ. ק. וו. ד.־זעלנער און עס הויבט זיך אָן אונטער־זוכונג פון דאָקומענטן. און כאָטש אלע האָבן די פאַפּירן אין אָרדנונג, הערט מען אָבער ווי עס קלאַפּן די הערצער, ווי די שטי־מעס פלאַטערן, זעט מען, ווי א טויטע בלאַסקייט באַשלאָגט אלע פנים אל פנים מיט די מונדירטע מחבלים. די גרעניץ־וועכטער זענען

שטרענג, זיי קוקן נישט בלויז אויף די דאָקומענטן, זיי קוקן אויך אויף די פּנימער פון די פּאָרער און טאָמער געפעלט זיי נישט עמיצנס מינע, נעמט מען אים אראָפּ פון צוג. מען זעט טאַקע, ווי אונטן אויף די פּעראָנען, שטייט אַזאַ גרופּע מיט אַרונ־טערגענומענע. זיי קוקן מיט פאַרצווייפלטע אויגן אַרויף צו די וואַגאָנען, ווו עס איז אין פיל פאַלן געבליבן זייער משפחה, און ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער. זיי ווייסן, אַז יאָ־שולדיק, צי נישט־שולדיק, אַזוי שנעל וועלן זיי זיך פון די מלאכי־חבלה נישט אַרויסקריגן.

דער צוג קומט אָן צו דער אַלט־רוסישער גרעניץ. ער שטייט דאָ אַזוי לאַנג, ביז די דאָזיקע גרינטלעכע רעוויזיע ווערט אַדורכ־געפירט מיט אַלע פּיטשעווקעס. ענדלעך דערלאַנגט די לאָקאָמאָטיוו אַ פייף און מיר דערפילן אַלע, ווי עס ווערט אונז לייכטער אויפן האַרץ. מיר קומען אָן קיין קאָוועל. עס איז שווער צו זאָגן, צי מיר געפינען זיך טאַקע אין אַ שטאָט, צי בלויז נעבן אַ באַרג מיט צעקרישלטע ציגל און גרוז. עס ליגט בלויז אַ הויפן מיט שטיינער. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך עפּעס אַ מענטש, וואָס שלעפּט אַ טלומיקל. דאָס איז די ערשטע שטאָט, וואָס מיר זעען אין אַמאָ־ליקן פּוילן, וואָס איז אָן יידן.

מיר דערזען דאָ דעם גאַנצן גרויל מיט אונזערע אייגענע אויגן. אין רוסלאַנד זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די ידיעות, וואָס קומען אָן פון פּוילן, זענען אַביסל איבערגעטריבן. אַביסל האָט מען געמיינט גיט צו דער רוסישער ראַדיאָ, כדי אַרויס־צורופן וואָס מער האַס צו די נאַציס, און אַביסל האָט מען זיך אַליין געוואָלט טרייסטן מיט אַזאַ באַרואיקונג.

אָבער דאָ ליגט דאָס בלוטיקע בילד אַ פאַנאַנדערגעוויקלטס פאַר די אויגן. ביים גייען איבער די שטחים, וואָס זענען אַמאָל געווען געסלעך פון קאָוועל, פילן מיר, ווי מיר וואָלטן געטרעטן אויף בלוט; אין דער לופט הענגען נאָך פאַרגליווערטע געשרייען פון די געפייניקטע, פון די געפירטע צום טויט.

און צו דעם אַלעם בושעווען אין דער גאַנצער אומגעגנט באַנ־דעס מיט „באַנדוראָוועצעס”, מיט אוקראַינישע פאַשיסטן, וועלכע מאָרדן יעדן צוריקגעקומענעם ייד. זיי טשאַיען זיך אין די וועל־דער, אין די אָפּגעברענטע גאַסן, ווי היענעס, און מאַכן אָנפאַלן

אויף איינצלנע, דורך ניסים לעבן־געבליבענע יידן און אויך אויף פּאָליאַקן און רוסן.

אַ סך פון זיי כאַפּט מען און מען מאַכט מיט זיי נישט קיין לאַנגע שהיות. מיר זעען טאַקע, ווי נ.ק.וו.ד. פירט עטלעכע אַזעלכע אוקראַאינישע גזלנים.

ענדליך דערפאָרן מיר צו דער גרעניץ־שטאָט. דאָ איז די קאָנט־ראָלע נאָך שטרענגער ווי אומעטום. אָבער אויך די דאָזיקע רע־וויזיע ענדיקט זיך סוף כל סוף און דער צוג הויבט אָן ארויס־צופאָרן פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. איך דערמאָן מיך מיט צער און מיט איראָניע, מיט וואָס פאַר אַ התפעלות איך בין דאָ אַהערגעלאָפן מיט 4 יאָר צוריק, און ווי איך דאַנק גאָט, וואָס איך בין שוין ענדליך פּטור איצט פון דער דאָזיקער אוממענטש־לעכער ערד.

ערשט איצט, ווען דער צוג הויבט אָן צו פאָרן איבער פּוילן, דערזעט מען ערשט דעם בלוטיקן חורבן, וואָס די נאַצים האָבן דאָ אָנגעמאַכט. די ערד ליגט אַ צעריסענע און אָן אייטערדיקע פון אויפרייסן. גאַנצע דערפער און שטעטלעך זענען אוועק מיטן רויך. אז מען דערזעט ערגיץ אַ גאַנץ הייזל, זעט עס אויס, ווי עס וואָלט דאָ איבערגעבליבן פון אַן אַנדערער, שוין לאַנג נישט עקזי־סטירנדיקער וועלט.

דער צוג אונזערער פאָרט קיין לובלין. אויפן גאַנצן וועג שטייגן איין פּאָליאַקן. זיי האָבן צופרידענע מינעס, פאַר זיי האָט זיך די מלחמה געענדיקט. זיי הויבן איצט אָן צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן. קיין יידן זעט מען נישט. זינט מיר זענען אריבער די פּוילישע גרעניץ, האָט מען נאָך אַלץ קיין ייד נישט געזען. מיר פאָרן אדורך נעבן שטעטלעך, וועלכע זענען געווען דורכאויס יידישע. איצט זעט מען דאָ בלויז פּאָליאַקן. די גאַסן, דער מאַרק־פּלאַץ, די הייזלעך, אַלץ וואָס האָט אַמאָל געראָיעט מיט יידיש לעבן, איז איצט אויס־געפילט מיט פּאָליאַקן. זיי וווינען אין יידישע שטובן, טראָגן יידישע מלבושים, שטייען אין יידישע געוועלבלעך. עס נעמט אָן אַ ווייטיק און אַ גרויל, ווען מען קוקט דערויף.

קיין לובלין קומען מיר פארנאַכט. די שטאָט איז בלויז טייל־ווייז צעשטערט. אַנדערע גאַסן שטייען גאַנצע, נישט אָנגערירטע פון דער מלחמה. דאָ באַגעגענען מיר די ערשטע יידן, אין פּוילישע

אַרמיי־מונדירן. מען גיט אונז איבער, אַז עס איז פֿאַראַן דאָ אַ יידי־שער רעסטאָראַן, ווו מען קאָן טרעפֿן יידן, וואָס זענען ניצול גע־וואָרן פֿון די היטלער־שחיטות. צו אונזער שטוינונג — ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אייגנטימער פֿונם רעסטאָראַן איז אונזערס אַן אַלטער באַקאַנטער פֿון דזשאַמבול, ברוך פֿאַרבער.

דאָ אין רעסטאָראַן באַגעגנען מיר טאַקע על פּי נס לעבן־געבליבענע. עס פֿאַלן ווערטער: מאַידאַנעק, בזשעזשינקי, טרעמב־לינקע, גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס. בלויז איינצלנע זענען זיי געקו־מען פֿון יענע גרויסע מענטשלעכע שעכט־הייזער, אַנדערע זיצן דאָ מיט פֿאַרלאָשענע אויגן, מיט אַש־גרויע געזיכטער. דאָס זענען יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער, פֿאַרמויערטע אין ווענט, אין קעלערס.

עס ציט מיך צו פֿאָרן גלייך אין מיין שטעטעלע, קיין וויעזש־בניק. קיין גרויסע האָפֿענונג צו טרעפֿן עמיצן ביים לעבן האָב איך נישט. אָבער איך מוז דאָרטן זיין, איך מוז זען מיט מיינע אייגענע אויגן. אויב איך וועל נישט טרעפֿן קיינעם צווישן די לעבעדיקע, וויל איך כאָטש מיטן אויג אַרומנעמען דאָס אַלץ, ווו מיינע נאָנטסטע האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

אָבער נאָך פֿאַרן פֿאָרן קיין וויעזשבניק הער איך די ערשטע שוואַרצע בשורות. איך באַגעגן צוויי וויעזשבניקער יידן, לוסט־גאַרטן און ראָזנבערג. זיי גיבן מיר אָפּ פּרטים וועגן מיין פֿאַמיליע! מיין טאַטן מיט דער מאַמען האָט מען נאָך אין 1942 אַוועקגעפֿירט קיין טרעמבלינקע. מיין שוואָגער און מיין יונגסטע שוועסטער זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, דורך דער א. ק., אין וואַלד. מיין עלטסטע שוועסטער מיט די צוויי ברידער האָט מען אַוועק־געפֿירט קיין אוישוויץ. דאָס איז אין קורצע, קאַלטע, שוידערלעכע ווערטער דער בילאַנס פֿון מיין פֿאַמיליע. זיי זאָגן מיר נאָך, אַז מיין שוועסטערס אַ מיידעלע איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אַ קריס־טין, און אַז דאָס קינד לעבט. מען דאַרף עס גיין אָפּנעמען, די קריסטין הייסט מאַרילאַ יאַרקאָווסקאַ.

איצט האָט מיין פֿאָרן קיין וויעזשבניק שוין אַ טאָפּלטן זין. איך וועל טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס קינד און עס אַרויסנעמען פֿון די גויאישע הענט.

סוף

דאָס האַרץ קלאַפּט מיר, ווען דער צוג דערנעענטערט זיך קיין וויעזשבניק.

צום ערשטן קומען מיר אַנטקעגן די בערג מיט די געדיכט־באַוואַקסענע סאָסנע־ביימער. די בערג הויבן אָן אָפּצוטרעטן אין אַ זייט און עס נעמען זיך ארויסשיילן די ערשטע פאַבריק־קוימענס, די זעלבע פאַבריקס־קוימענס, וואָס האָבן פון אייביק אָן אויסגע־זען ווי פינגער, אויסגעצילטע אינם הימל. פון דער ווייטנס הויבן אָן אויפּצוטייכן די ערשטע צוזאַמענגעוויקלטע פאַרבן פונם שטעטל. די באַן פאָרט אַביסל אין אַ זייט, די צעצווייגטע ביימער פאַר־שטעלן אויף אַ ווײַלע די פריער־אויפגעדעקטע ליניעס, אָבער פּלוצ־לונג גיט זיך די באַן האַסטיק אַ פאַרדריי און הויבט אָן פּאַוואָליע צו דערנעענטערן זיך צו דער סטאַציע.

דאָס גאַנצע שטעטל גיט זיך אַ שטעל אוועק פון דער נאָענט. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. די זעלבע שפּיצן פונם קלויסטער, די זעלבע גאַסן, די זעלבע בנינים, דער זעלבער מאַרק, מיט די זעלבע פּאָר געמויערטע הייזער. איך שטרענג אָן דאָס אויג מיטן אויער אריינצודרינגען אינם פּלוצלונג אויפגעדעקטן בילד. אָבער אומזיסט זוכט ס'אויג דאָס בילד פון אַ ייד. אומ־זיסט הונגערט דאָס אויער נאָכן קלאַנג פון אַ יידיש וואָרט.

אַלץ איז דאָ ווי געווען, און דאָס פאַרגרעסערט נאָך די גרויל־זאַמקייט. וואָלטן כאָטש אויך די יידישע הייזער פאַרשוווּנדן צוזאַ־מען מיט זייערע איינוווינער. אָבער ניין, די יידישע הייזער שטייען ווי געווען. די זעלבע פענסטער, די זעלבע טירן, אינעווייניק שטייט דאָס זעלבע מעבל, אויף די בעטן ליגט דאָס זעלבע בעטגעוואַנט,

אין די קרעדענסן ליגט דאָס זעלבע געשיר, אין די שענק הענגען די זעלבע מלבושים, נאָר אין די פענסטער זעט מען נישט קיין קעפּלעך פון יידישע קינדער, אונטער די יידישע איבערבעטן ליגן פרעמדע גוים, אין די יידישע מלבושים דרייען זיך ארום אויסגעשלייערט פרעמדע פרויערטעס מיט זייערע קינדער.

עס נעמט מיך ארום אַ גרויל. עס ווילט זיך שרייען, האַקן מיט די פויסטן אין די איבערגעבליבענע יידישע ווענט. פון אלע זייטן באַגעגענען מיך שטעכעדיקע בליקן פון גוים. די, וואָס דערקענען מיך נישט, קוקן סתם מיט שנאה אויף אַ נישט־געבעטענעם גאַסט. די, וואָס קענען מיך, ווילן מיך בעסער נישט דערקענען.

איך שנייד אַדורך די גאַסן און באַמי מיך וואָס ווייניקער צו זען. איך גיי גלייך אריין צו דער קריסטין, ביי וועלכע עס דאַרף זיך געפינען מיין שוועסטערס קינד. דער לעצטער פונק פון האָפענונג לעשט זיך אויס. די גויע נעמט מיך אויף אביסל אַ דערשטוינטע און אביסל אַ דערשראָקענע און זאָגט מיר, אז זי האָט אָפּגעהיטן דאָס קינד ווי אַן אויג אין קאָפּ, ביז מען האָט איר געמסר׳ט און די דייטשן האָבן ביי איר צוגענומען דאָס מיידעלע. פונם פּנים אירן שרייט אַראָפּ אַ שרעקלעכער ליגן. ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז די דייטשן האָבן ביי איר צוגענומען דאָס קינד און איר אליין האָבן זיי גאָרנישט געטאָן? פאר באַהאַלטן יידן פלעגן זיי דאָך אומברענגען אויך די באַהאַלטערס! זי ווייסט נישט, וואָס דערויף צו ענטפערן, זי וויל מיך שוין זען פון דער אנדערער זייט טיר. זי וווינט אין א שיינער דירה, אלע שטובן זענען באַשטעלט מיט יידישע זאכן, די קרעדענסן זענען באַשטעלט מיט יידישע זילבערנע חפצים. זי אליין טראָגט עפּעס קליידער, וואָס פּאַסן איר נישט צום פּנים. איך לויף ארויס פון איר, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, נאָר פילנדיק, ווי אנשטאַט דעם האַרץ, האָב איך אין ברוסט־קאַסטן — אַ פינצטערן גרוב.

איך וויל וואָס שנעלער אוועק פון דער דאָזיקער שטאָט. אָבער די פיס פירן מיך אויף אַ באַקאַנטער גאַס און האַלטן מיך דאָרטן ווי צוגעשמידט. דאָס איז דאָס הויז אונזערס, דאָס הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, פון וועלכן איך בין אוועק פונדאַנען יענעם סעפּטעמבער טאָג.

דאָס הויז שטייט אַ נישט־גערירטס. אינעווייניק, אויפן הויף,

שטייט דער ברונעם, וואָס איז געווען דער שטאָלץ אונזערער, דער שטאָלץ פון אַלע איינוווינער. אָט דאָ האָט געוווינט דער באַנקע־שטעלער, דער דענטיסט און דאָ... דאָ איז אונזער שטוב.

איך שטיי אויף דער שוועל און קלאַפּ אָן. עס עפנט מיר א ווילד־פרעמדע גויע. זי פרעגט זיך, ווער מען איך זוך. איך ענטפער איר נישט. וואָס זאָל איך איר ענטפערן? איך קוק אריין אינעווייניק. יעדעס שטיקל מעבל שטייט אויפן אָרט. עס שלאָפט זיך איר גוט אין מיין מאַמעס בעט, דער דאָזיקער גויע. עס עסט זיך זיי גוט מיט אונזער געשיר. עס וואַרעמען זיי מיינע עלטערנס און מיינע ברידערס און שוועסטערס קליידער. בלויז אויף דער וואַנט, דאָרטן, ווו עס זענען געהאַנגען די בילדער פון מיין טאַטע־מאַמע, הענגען בילדער פון יויזלען מיט מאַטקע באַסקעס. און פון דער קיך גייט אויף אַ געפּרעגלעכץ פון חזיר־פּעטס. די גויע פרעגט מיך נאָכאַמאָל, ווער מען איך זוך. איך לאָז איר שטיין און לויף צוריק ארויס אויפן הויף.

דאָ קומט מיר אַנטקעגן דער סטרוזש. עס איז דער זעלבער סטרוזש ווי פריער. ער איז דאָ דער איינציקער, וואָס איז פארבליבן פון די פריערדיקע איינוווינער.

דער סטרוזש קוקט אויף מיר מיט פארזשמורעטע אויגן. ער דערקענט מיך גלייך. ער זאָגט צו מיר עפּעס — אָבער איך הער נישט. פאַר די אויגן שטייט מיר אַ נעפּל. איך וויל אַנטלויפן פון־דאַנען. אוועק פונדאַנען וואָס שנעלער.

איך רייס מיך ארויס פון הויף און לויף אין דער ריכטונג פון וואָקזאַל.

ווען דער צוג רירט, פאַרשליס איך די אויגן.